STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05407

TOYZEND UN EYN NAKHT

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טויזענד און איין נאכט

שעכעראזאדע'ס מעשה'לעך

יודיש: ה. ד. נאמבערג

ערשטער באנד

(לויט די לעצטע, פערגרעסערטע אויסגאבען, מיט אנ'איילייטונג).

№ 13

פֿאַרלאַג
יודיש
ווארשע

ערשטעס בוך

הקדמה.

אין נאָמען פון גאָט דעם רחמן און באַרמהאַרציגען!

אַ לויב צו גאָט, דעם האַר פון דער וועלט, און געפּריזען און געבּענשט זאָל זיין שליח, אונזער האַר און לעהרער מחמד, און זיין הויז. ברכה און גנאָד אויף אייביג ביז צום טאָג פון גאָט׳ס משפּט איבער דער וועלט!

דאָס לעבען פון די פריהריגע איז אַ לעהרע פאַר די שפּעטערע, אַז דער מענש זאָל זיך אַ מוסר אַראָבנעהמען פון דעם, וואָס אַנדערע האָבען איבערגעלעבט; ער זאָל שטודירען די געשיכטע און די פּאַסירונגען פון פערגאַנגענע פעלקער און זאָל זיך לאָזען וואָרענען. דעריבער געלויבט זאָל זיין דער אייביגער, וואָס האָט די געשיכטע פון די פריהריגע געשטעלט פאַר אַ מוסטער צו די שפּעטערע דורות!

אַזאַ מוסטער און ביישפּיעל זענען אויך די ערצעהלונגען, וואָס מען רופט „טויזענד און איין נאַכט", און די וואונדערליכע מעשיות און משלים, וואָס זיי ענטהאַלטען.

פּראָלאָג.

די מעשה פון די צוויי מלכים שאַהריאַר און שאַהזעמאַן.

מען דערצעהלט — דאָך גאָט אַליין איז אַלמעכטיג און גיטיג, דער קוואַל פון חכמה און וויסען — אַז אַמאָל, אין גאָר אַלטע צייטען און לאַנג לאַנג פערשוואונדענע טעג האָט געלעבט אַ מלך פון שטאַם זאַסאַנידען*), איבער די אינזלען פון אינדיען און הינאַ. ער האָט געהאַט זעהר פיעל חילות, אַ גרויסע לייב-גוואַרדיע, אַ גרויסען הויף און פיעל דיענערשאַפט. ער האָט אויך געהאַט צוויי זיהן, איינער פון זיי איז געווען אַן׳עלטערער מענש, דער צווייטער אָבער נאָך זעהר יונג; ביידע זענען זיי געווען העלדישע רייטער, אָבער דער עלטערער איז נאָך בראַווער געווען פאַר׳ן יונגערן. ער טאַקע איז געווען דער הערשער פון לאַנד און האָט רעגירט מיט גערעכטיגקייט איבער זיינע אונטערטאַנען, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט איהם ליעב געהאַט. זיין נאָמען איז געווען שאַהריאַר**). זיין יונגערער ברודער האָט

---

*) די זאַסאַנידען זענען אַ פּערסישע קעניגליכע דינאַסטיע, וואָס האָט, פערשטעהט זיך, קיינמאָל ניט געהערשט איבער די פאַבעלהאַפטע אינזלען. זי האָט געהערשט אין פּערסיען פון יאָהר 260 ביז 650, ווען די אַראַבער האָבען איינגענומען פּערסיען.

**) שאַהריאַר — אַ פּערסיש וואָרט, בעדייט שטאָדט-פריינד; שאַהזעמאַן — דער קעניג פון דער צייט.

הינזיכט געוועזן אנ׳אויסנאהם. דער מינכענער רב פעליקס פערלעס האָט פעסטגעשטעלט אין א סעריע נאָטיצען אין „מאָנאטשריפט", אז מאנכע מעשה׳לעך פון „טויזענד און איין נאכט"—הויפטזעכליך פון יענע, וואָס געפינען זיך אין די קאאירישע הוספות—האָבען א שייכות צו יודען אָדער זיי זענען אינגאנצען גענומען געוואָרען פון א יודישען מקור. דידאָזיגע יודישע מעשה׳לעך זאָלען אריינגעטראָגען ווערען אין דער זאמלונג „טויזענד און איין נאכט" דורך איינעם פון איהרע לעצטע עגיפטישע רעדאקטאָרען, א יוד, וואָס האָט אָנגענומען דעם מאכמעדאנישען גלויבען. דערדאָזיגער רעדאקטאָר זאָל האָבען גענומען די מעשה׳לעך פון א בוך, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „יודישע געשיכטעס" און וואָס זיין מחבר, א יוד—וואכבא איבן־מונאביך (638—738) האָט אָנגענומען דעם מאכמעדאנישען גלויבען. אלענפאלס, אין דער זאמלונג „טויזענד און איין נאכט" געפינען זיך א סך מעשה׳לעך, וואָס זענען אָהן א ספק גענומען געוואָרען פון א יודישען מקור און א סך מעשה׳לעך, ווידער, בעציהען זיך סתם צו יודען.

אינגאנצען זענען דאָ מעשה׳לעך אין „טויזענד און איין נאכט" איבער 230. אז מען זאָל צורעכענען די עפּיזאָדען, וואָס זענען דערנאָך צוגעגעבען געוואָרען צו פערשידענע מעשה׳לעך, דערגרייכט זייער צאָהל ביז 400.

די מעשה׳לעך־זאמלונג „טויזענד און איין נאכט" זענען איבערגעזעצט געוואָרען כמעט אין אלע שפּראכען. מאנכע פעלקער פערטיגען זיך צו האָבען אפילו עטליכע איבערזעצונגען פון דידאָזיגע רופטיגע מעשה׳לעך. און דאָס איז קיין וואונדער נישט. וואָרום דידאָזיגע מעשה׳לעך זענען אנ׳ערשטקלאסיגער קינסטלערישער דענקמאָל, וואָס זיין פרישקייט און רייץ וועלען קיינמאָל נישט פערוועלקען. מיר דערשפּירען דאָ דעם הייסען מזרח מיט זיינע בלויע הימלען, די זוניגע פעלדער מיט די פּאלמענבוימער, און ווי דורך כשוף ווירקען אויף אונז די לייט אין די טשאלמעס, די שען־געזאָטעלטע מויל־אייזלען און די גראציעזע טעכטער פון די וויזירען און עמירען, וואָס עהנליכען לופטיג אדורך די גאס מיט האלב־בעדעקטע פנימער

דער רייץ פון די מעשה׳לעך האָט דערגרייכט צו יודען נאָך אין יענע צייטען, ווען יודען האָבען נאָך גאָר קיין ליטעראטור נישט

געהאט אין יודיש. נאָך מיט אכציג אָדער הונדערט יאָהר צוריק האָט זיך געפונען ביי יודען א פערלעגער, וואָס האָט נישט געזשא־לעוועט קיין געלד און ארויסגעגעבען די מעשה׳לעך פון „טויזענד און איין נאכט״ אין גאנצע 60 דרוק־בויגען. נאָך איצט קומט עס אונז אוים קשה: פאר וועמען, פאר וואָסער לעזע־פובליקום האָט עס א יוד דעמאָלט ארויסגעגעבען 60 דרוק־בויגען? ווער זענען עס דעמאָלט געווען די קויפער פון אזא גרויסען בוך? דערויף איז אייגענטליך פארהאן נאָר איין ענטפער: דער רייץ פון די מעשה׳לעך. ביי אונז, יודען, ווי ביי אלע פעלקער, זענען די מעשה׳לעך ארייגעדרונ־גען ווי א פריש פרעהליך וואסערל אין אלע שיכטען פון פאָלק. זיי פלע־גען, נאטירליך, דערצעהלט ווערען אויסווענינ, ווייל עס איז נישט גע־ווען קיין ביכעל אונטער דער האנד, אָבער גרויס און קליין האָט זיך מיט זיי געקוויקט, פערגעסענדיג די גרויע ווירקליכקיים. און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז נאָך מיט אכציג אָדער הונדערט יאָהר צוריק זאָל זיך געפינען א בע״ן ארויסצוגעבען די מעשה׳לעך פאר׳ן פאָלק. געדרוקט זענען געווען די מעשה׳לעך אויף דער אזוי־גערופענער ווייבער־דייטש־שריפט, עהנליך צו רש״י־שריפט, און די שפראך איז א דייטשע, ווי על־פי־רוב אין די פארצייטיגע יודישע ביכלעך. אָט איז, צום ביישפיעל, א זאץ: „פאָר אלטע צייטען וואָהנטע צו קאטגאר אן דער גרענצע דער טארטארייא איין שניידער דער איי־נע זעהר שענע פרויא האטטע וועלכע ער הערצליך ליבטע.״

אינטערעסאנט איז אויך די אמאָליגע אָרטאָגראפיע: „איך רייזטע מיט איינר פלאָטטע פון צעהן טיפפען אב. פירציג טאגע גינגען וויר זעהר גוטן ווינד, די נאכט דארויף אָבר ערהאָב זיך איין גראָסר שטורם, דם וויר גלויבטן וויר זינד פרלאָרן. געגן מאָרגן לעגטע זיך דער ווינד נאך, אונד עס ווארדע דם שענסטע וועטטער, אָבר דורך דיא שרעקן דיא איך דיזע נאכט אויסשטאנד פערלאָהר איך דיא לוסט ווייטר צו פאהרען...״

דאָס שער־בלאט איז צוזאמענגעשטעלט אזוי:

טויזענד
אונד
איינע
נאכט

אונטערהאַלטענדע ערצעהלונגען

צום געזעלשאפטליכען פערגניגען, און צום אָנגענעהמען

צייטפערטרייבע

זאָוואָהל

פיר קינדער, אלט אויך פיר מעננער אונד פרויען

דער יידישען נאציאָן

וואַרשאָ

געדרוקט בייא ה׳ אביגדור בר״י לעבענסזאָהן

די צווייטע אויסגאבע פון „טויזענד און איין נאכט" איז שוין ערשינען א סך שפעטער און, ווי אונז שיינט, איז זי נאָכגעמאכט געוואָרען נאָך דער ערשטער. זי איז אָבער אָהן רחמנות געקירצט געוואָרען אזוי, אז די מעשה׳לעך האָבען פערלאָרען זייער גאנצען רייך. אויסערדעם, איז דער לשון אזא צוקאלעטשעטער, אז מאנכע זאצען האָבען סתם קיין שום זין נישט. פשוט א קאשע פון ווערטער און זאצען. דאָס איז דאָס שער־בלאט:

טויזענט אונ איינע
נאַכט

וואונדערבארע ערציילונגען צו דער צייט פערטרייבן אונ צו געזעללשאפט פערגניגען:

געדרוקט אויף גאנין געוויינליך יודעש דייטש

דאָס יעדערער זאָלן פערשטיין קע.ען

לובלין

פאַרהאַן נאָך אפילו א דריטע, גאָר א קליינע אויסגאַבע אין יידיש, אָבער וועגן איהר לוינט זיך נישט צו ריידען.

די מעשה'לעך פון „טויזענד און איין נאכט" זענען אייגענטליך מעשה'לעך פון ליעבע. ליעבע אין אלערליי פאָרמען: ליעבע אין פרייד, ליעבע אין נויט, ליעבע אין שפּאַס, ליעבע אין שרעק, ליעבע אין צער און ליעבע אין איהר העכסטען תענוג. אָבער די אלע ליעבעס הויבען זיך אָן אויף איין שטייגער: מען ווערט געפאַנגען באַלד, אין איין אויגענבליק, אין איין רגע, אין איין אָטעם. פאָהרט זיך ערגעץ א סוחר מיט סחורה איבער די זוניגע מזרח'ישע וועגען און בעמערקט ערגעץ פון א פענסטער א פרויען-פנים, א פרויען-אויג — און אָט הויבט זיך אָן. דער סוחר פאָהרט זיך ווייטער, דער סוחר האַנדעלט און וואַנדעלט, דער סוחר איז פערטהון אין זיינע געשעפטען מיט לייב און לעבען, אָבער אין איהם לעבט דער שאָטען פון דעם געזעהענעם פרויען-געזיכט און ער קאָן זיך שוין פון איהם נישט בעפרייען. און ווי ווייט ער זאָל נישט פערפאָהרען און וואָס מיט איהם זאָל נישט פאַסירען — דאָס מזל וועט איהם שוין צונויפפיהרען מיט איהר, מיט יענער, וואָס ער האָט נאָר צופעליג געזעהן אויף א רגע און זיין הארץ איז געפאַנגען געוואָרען אויף אייביג. די ליעבע אין דיזאָזיגע מעשה'לעך איז באמת א פאַנג-אינסטרומענט. עס וועט נישט העלפען קיין שום וועהרען זיך, קיין שום ראַנגלעניש, ווי עס קאָן נישט העלפען א טראָפּען וואַסער געגען א גרויסער שרפה. און וועט ער אפילו פאָהרען קיין צפון און זי וועט וואוינען אין דרום, וועט אָט דער וועג, וואָס געהט אין א פערקעהרטער ריכטונג, איהם ברענגען שטיל און פערבאָרגען צו איהר, פּונקט ווי דער וועג וואָלט זיך אליין אויסגעדרעהט. אלץ פיהרט איהם צו איהר און אלץ פיהרט זי צו איהם, כאָטש ביידע זאָלען זיך דערווייטערן אין פערקעהרטע ריכטונגען. דערין ליעגט דער כח פון דער רייכער מזרח'ישער פאַנטאַזיע, די איינציגע געשיקטע פערמיטלערין אין דער הייסער מזרח-ליעבע. וואָס פאָכט ווי מיט גאָלדענע פליגלען איבער יעדען זייטעל פון „טויזענד און איין נאכט". דיזאָזיגע פאַנטאַזיע, וואָס פליצט אַזוי לעבעדיג אַרויס פון יעדען מעשה'לע, איז דאָ גאָר א בעזונדער זעלבזטשטענדיגער שפּיל, וואָס פערבלענדט אונז די אויגען און בעשיט אונז

מיט פערל די קאלטע גרויע ווירקליכקייט. און דעריבער, וואו און ביי וואָס פאר אנ'אומשטענדען מיר זאָלען נישט לייענען דידאָזיגע מעשה'לעך—צי אין א טורמע, צי אין א דאָרף, צי אין א לאנגווייליגען שטעדטעל אָדער גאָר אין דער גרויסער אייגנער שטאָדט—אומעטום פערגעסען מיר זיך און שווימען, ווי אין א כשוף, אויף די דופטיגע לייכטע כוואליעס פון דער מזרח'ישער פאנטאזיע. מיר געפינען זיך אין איהר מאכט און שפירען זיך אויך געפאנגען, ווי דער פערל־עבטער מזרח־מענש, וואָס האָט נאָר אויף איין אויגענבליק דערזעהן פון א וויטען פענסטער דעם שאָטען פון א פרויען־געזיכט.

און אָט דער קוואל פון פערגעניגען, אָט דאָס זיסע מיטעל צו פערגעסען זיך וועט אייביג לעבען אין די מעשה'לעך, און דער מענש וועט זיך שטענדיג ווענדען צו זיי, ווי ער ווענדעט זיינע אויגען צו א וואלד, צום הימעל, צו א פרישען קוואל...

מ. ש.

די מעשה'לעך פון „טויזענד און איין נאכט"

מיט דידאָזיגע דופטיגע מעשה'לעך האָט זיך אייראָפּא צום ערשטען בעקאָנט אין אָנהויב פון XVIII יאָהרהונדערט דורך די פרייע פראנצויזישע איבערזעצונגען פון גאלאן. זייט דעמאָלט הערט מען זיך נישט אויף צו אינטערעסירען מיט די מזרח'ישע פאָלקס־מעשה'לעך און ביז צו היינטיגען טאָג זענען פאראן פערשידענע דעות און סברות וועגען דער אָבשטאמונג פון דידאָזיגע מעשה'לעך. דער בעוואוסטער דייטשער אָריענטאליסט פאָן־האמער האלט, אז זיי שטאמען פון פערסיען און פון דאָרטען האָבען זיי איבערגעוואנדערט קיין אינדיען און אראביען, וואו זיי זענען איבערגעמאכט געוואָרען און בעקומען אנ'אינדישען אָדער אנ'אראבישען קאָלאָריט. געגען דערדאָזיגער סברה איז ארויסגעטראָטען א צווייטער בעוואוסטער אָריענטאליסט דע־סאסי, וואָס בעווייזט, אז דידאָזיגע מעשה'לעך שטאמען פון מצרים און זענען לפי־ערך נישט לאנג אָנגעשריבען געוואָרען. אין זיין ענטפער דע־סאסי'ן ברענגט פאָן־האמער די פאָלגענדיגע שטעלע פון פירכריסט ען־נעדים (987), וואו עס ווערט געזאָגט: „די אלטע פערסען זענען געווען די ערשטע, וואָס פלעגען שאפען מעשה'לעך און דערנאָך מאכען פון זיי ביכער. די ארזאקידען, ד. ה. די דריטע דינאסטיע פון די פערסישע מלכים, האָבען שטארק מיטגעהאָלפען צו דער ענטוויקלונג פון דער מעשה'לעך־ליטעראטור. „בעזאר־עפסאנע", וואָס איז דער טייטש „טויזענד מעשה'לעך", ווערט געהאלטען פאר דאָס ערשטע בוך פון דעם מין ליטעראטור, וואָס איז געשאפען געוואָרען ביי די פאָלגענדיגע אומשטענדען: איינער א פערסישער מלך

האָט געהאט א געוועהנהייט צו טויטען זיינע ווייבער איף מאָרגען נאָך דער ערשטער נאכט פון דער חתונה, אָבער איינמאָל האָט ער גענומען פאר א ווייב זעהר א קלוגע און געשיקטע פרינצעסין מיט'ן נאָמען שעכעראזאדע, וואָס האָט אין דער ערשטער נאכט פערצעהלט דעם בלוטדורשטיגען מלך זעהר א שען מעשה'לע, און דאָסדאָזיגע מעשה'לע איז איהם שטארק געפעלען געוואָרען. אז עס איז געוואָרען טאָג, האָט זי דאָס מעשה'לע נישט פערענדיגט און איז געבליבען שטעהן ביי אזא שטיקאווען פונקט, אז דער מלך האָט דאָס ווייב נישט געטויט און איבערגעלאָזט אויף דער צווייטער נאכט: ער האָט געוואָלט הערען דעם המשך פונ'ם מעשה'לע. און אזוי זענען אוועק טויזענד און איין נאכט, ביז וואנען שעכעראזאדע האָט געבוירען דעם מלך א זוהן. דעמאָלט האָט דער מלך זי ליעב בעקומען פאר איהר שכל און געשיקטקייט און זי געלאָזט לעבען".

לויט דזשעקאָבס בעדארף מען אין די מעשה'לעך אונטערשיידען פיער עלעמענטען 1) דער פערסיש־אינדישער עלעמענט, וואָס איז איגענטליך דער קערן פון די מעשה'לעך; געשאפען געוואָרען אין V יאָהרהונדערט; 2) די אראבישע פרייע איבערזעצונגען, וואָס זענען געמאכט געוואָרען אין IX יאָהרהונדערט ביים הויף פון האַרון־אַר־ראשיד; 3) די הוספות, וואָס זענען געמאכט געוואָרען אין XIII–XV יאָהרהונדערט אין קאירא, וואָס האָבען צוגעגעבען די מעשה'לעך אנ'עגיפטישען קאָלאָריט און 4) די הוספות, וואָס זענען געמאכט געוואָרען הויפטזעכליך אין די פרייע איבערזעצונגען פון גאלאן אין פראנקרייך אין יאָהר 1709.

די יודישע בעטייליגונג אין די מעשה'לעך פון „טויזענד און איין נאכט" איז געבונדען מיט דער ערשטער און דער דריטער גרופע פון דידאָזיגע מעשה'לעך. פאראן א סברה, אז די גרונד־געשיכטע פון דעם גאנצען בוך, וואו די מלכה שעכעראזאדע דערוויטערט אומישנע איהר טויט אויף טויזענד און איין נאכט, איז עהנליך צו דער געשיכטע פון אסתר המלכה. לויט דער פערסישער מסורה איז שעכעראזאדע א שוועגער פון אחשורוש. לויט דער מגילה האָט אחשורוש אלע נאכט פערבראכט אין הערען מעשה'לעך. פון זיינע ווייבער האָט איהם אויך אלע נאכט בעדיענט אנ'אנדערע. בלויז אסתר המלכה איז אין דער

געהייסען שאַהזעמאַן און ער האָט געקיניגט אין סאַמאַרקאַנד, אין פערסיען.

צוואַנציג יאָהר לאַנג האָט יעדער פון זיי רעגירט מיט גערעכטיגקייט אין זיין לאַנד און געמשפט זיינע אונטערטאַנען און יעדער פון זיי האָט געלעבט צופריעדען און פרעהליך, ביז דעם עלטערן ברודער׳ס הארץ האָט זיך פערבענקט צו זעהן זיין ברודער, און ער האָט בעפוילען זיין וויזיר, ער זאָל אהין פאָהרען און דעם ברודער מיטברייגגען מיט זיך.

דער וויזיר האָט געענטפערט: „איך הער און געהאָרך", און האָט זיך באַלד גרייט געמאַכט און געלאָזט זיך אין וועג אַריין, ביז ער איז אָנגעקומען בשלום צום ברודער פון זיין קעניג. און ווי מען האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר שאַהזעמאַן, האָט ער איבערגעגעבען די גרוסען, און דערצעהלט, אַז זיין ברודער בענקט נאָך איהם און בעט איהם, ער זאָל קומען צו איהם מיט אַ בעזוך.

שאַהזעמאַן האָט באַלד איינגעוויליגט און האָט געהייסען מאַכען אַלע הכנות צו דער רייזע. נאָכדעם, ווי ער האָט די געצעלטען, די מיליטערען, די בעדיענער און די לייב-גוואַרדיע פערזאַמעלט אונטער דער שטאָדט, האָט ער איבערגעגעבען דעם וויזיר צו רעגירען דערווייל איבער׳ן לאַנד און געלאָזט זיך אין וועג אַריין צום לאַנד פון זיין ברודער.

אַרום האַלבער נאַכט אָבער איז איהם געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער האָט עפּיס אַ וויכטיגע זאַך געלאָזט ליעגען אין שלאָס; ער האָט באַלד צוריקגעקעהרט און האָט געפונען זיין ווייב ליעגען אין בעט אין די אָרעמס פון אַ שוואַרצען שקלאַף. אין דעם אויגענבליק איז די וועלט פינסטער געוואָרען אין זיינע אויגען און ער האָט גערעדט צו זיך אַליין אַזוי: „ווען אַזוי-וואָס האָט געקאָנט פּאַסירען, נאָך איידער איך האָב פערלאָזען די שטאָדט, וואָס ערשט וועט די הצופה טהון, ווען איך וועל אַ צייט לאַנג וויילען ביי מיין ברודער?" און ער האָט אַרויס-געצויגען דאָס שווערד פון שייד און האָט ביידע געטויט אויפ׳ן צרט. ער האָט באַלד צוריקגעקעהרט, אַרויסגעגעבען דעם בעפעהל

צו רוקען פאָרויס, און ער איז געפאָהרען אַלץ ווייטער און ווייטער ביז ער איז אָנגעקומען פאַר דער רעזידענץ-שטאָדט פון זיין ברודער. שאַהריאַר איז מיט פרייד איהם אַנטקעגען געקומען און האָט איהם בעגריסט; צו זיין כבוד האָט ער געהייסען אויספוצען די שטאָדט, ער האָט זיך געזעצט איהם ביי דער זייט און האָט מיט איהם פערברייגגט אין אַ ליעבליכען שמועס מיט גרויס פרייד און פערגניגען.

אָבער דער קעניג שאַחזעמאַן האָט אַלץ געטראַכט וועגען דער געשיכטע מיט זיין פרוי, און אַ טרויעריגקייט האָט איהם געדריקט אַזוי שטאַרק, אַז זיין פנים איז געוואָרען געל און ער איז אָבגעצעהרט געוואָרען אויף זיין גוף. שאַהריאַר האָט דאָס בעמערקט, אָבער ער האָט געמיינט, אַז די סיבה דערפון איז, וואָס ער איז ווייט פון זיין לאַנד און קעניגרייך; ער האָט איהם דעריבער געלאָזט צו רוה, און האָט איהם קיין וואָרט נישט געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריג.

אַ קורצע צייט אַרום אָבער האָט ער צו איהם געזאָגט: „ברודער מיינער, איך זעה, אַז דו ווערסט מאָגער און דאַר און די פאַרב פון דיין פנים ווערט געל.” ער האָט געענטפערט: „אַך, מיין ברודער, איך לייד אויף אַן׳ אינעווייניגסטער וואונד”. און האָט מיט קיין וואָרט נישט דערמאָהנט וועגען זיין פרוי. שאַהריאַר האָט דערויף צו איהם געזאָגט: „ווי מיינסטו? זאָלען מיר געהן אויף יאַגד? אפשר וועט דאָס פרעהליכער מאַכען דיין געמיט”? אָבער שאַחזעמאַן האָט זיך דערפון אָבגעזאָגט, און זיין ברודער איז אַליין געגאַנגען אויף יאַגד.

אין שלאָס פון קעניג שאַחזעמאַן זענען געווען פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן גאָרטען פון זיין ברודער. דאָ האָט ער פּלוצלונג דערזעהן, ווי דאָס טויער מאַכט זיך אויף, און צוואַנציג שקלאַפען און צוואַנציג שקלאַפינס געהען אַרויס, און צווישען זיי טרעט אַריין די פרוי פון זיין ברודער אין איהר פולער שענקייט און חן. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ שפּרינגברונעם, האָבען אַראָבגעלעגט זייערע זאַכען און זיך דאָרט אויסגעזעצט. מיט איינמאַל האָט די פרוי פון זיין ברודער אויסגערו-

פען: „מאַזוד!" איז באַלד אויפגעשטאַנען אַ שוואַרצער שקלאַף און האָט זי אומגעאַרעמט; דאָסגלייכען האָבען געטהון די איבּריגע שקלאַפען און שקלאַפינס, און זיי האָבען נישט אויפגעהערט ביז דער טאָג איז געוועזן פאַרביי.

און ווען דער ברודער פון קעניג האָט דאָס דערזעהן, האָט ער צו זיך געזאָגט: „גאָט! מיין אומגליק איז לייכטער פאַר זיינס". זיין גאַנצער צאָרן און אומעט איז פערשוואונדען, ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו עסען און צו טרינקען און האָט געטראַכט: „דאָס איז פיעל ערגער, ווי דאָס, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט".

און ווען דער קעניג שאַהריאַר איז צוריקגעקומען פון יאַגד, און זיי האָבען זיך בעגריסט, האָט ער געזעהן, ווי זיין ברודער האָט צוריקבעקומען די פאַרב פון זיין פּנים, און נאָכדעם ווי ער האָט אַ לאַנגע צייט אַזוי ווייניג געגעסען און געטרונקען, האָט ער איצט ווידער גענומען עסען מיט אַפּעטיט. ער האָט זיך זעהר געוואונדערט און געפרעגט: „מיין ברודער, פריהער האָב איך געזעהן, די פאַרב פון דיין פּנים איז געל. איצט אָבער האָסטו צוריקבעקומען אַ ראָזע פאָרב; דערצעהל מיר דאָך, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן".

שאַחזעמאַן האָט איהם געענטפערט: „ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, וואָס די פאַרב פון מיין פּנים איז געל געוואָרען, וועל איך דיר דערצעהלען; אָבער דו זאָלסט דיך בעגנוגען לאָזען און זאָלסט נישט פרעגען ווייטער, ווי אַזוי איך האָב צוריקבעקומען די פאַרב פון מיין פּנים". האָט ער צו איהם געזאָגט: „דערצעהל מיר צום ערשטען, פאַרוואָס דיין פאַרב האָט זיך געענדערט און דו ביזט קרענקליך געוואָרען, כּדי איך זאָל הערען און וויסען".

דערויף האָט ער איהם דערצעהלט: „זיי וויסען, מיין ברודער, ווען דו האָסט צו מיר געשיקט דיין וויזיר, ער זאָל מיך בריינגען, און איך בין שוין געווען גרייט אין וועג אַריין און בין שוין געוועזן אויסער דער שטאָדט אין אָפענעם פעלד, האָב איך מיך פלוצלונג דערמאָהנט, אַז אין שלאָס האָב איך פערגע-

סען דעם ברילּיאַנט, וואָס איך האָב דיר געבראַכט פאַר אַ מתּנה, און ווען איך האָב צוריקגעקעהרט, האָב איך געפונען מיין פרוי מיט אַ שוואַרצען שקלאַף אין בעט. איך האָבביידע געטויט און בין צו דיר געקומען; אָבער אַלץ אינאיינעם האָב איך וועגען דער געשיכטע געטראַכט. אָט דערום האָט זיך די פאַרב פון מיין פּנים געענדערט, און מיין גוף האָט אָבגעצעהרט; ווי אַזוי אָבער איך האָב מיר דערהאָלט, לאָז-אָב, פרעג מיך נישט".

און ווי שאַהריאַר האָט געהערט אַזוי ריידען זיין ברודער, איז ער צוגעשטאַנען צו איהם און געזאָגט: „איך גאָט'ס נאָמען, איך בעשווער דיך, דערצעהל מיר ווי אַזוי דו האָסט דיין פאַרב ווידער צוריקבעקומען". האָט ער איהם דערצעהלט אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן. שאַהריאַר האָט דערום געזאָגט: „איך מוז דאָס זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען". און שאַחזעמאַן האָט איהם געגעבען דערויף אַנ'עצה אַזוי צו טהון: „לאָז וויסען—האָט ער צו איהם געזאָגט—אַז דו קלויבסט זיך ווידער אויף יאַגד און בעהאַלט דיך אין מיינע צימערן; דאַן וועסטו אַלץ זעהן מיט דיינע אייגענע אויגען".

האָט דער קעניג באַלד געלאָזט אויסרופען, אַז ער וויל ווידער געהן אויף יאַגד; די גוואַרדיע האָט אַרויסמאַרשירט, די געצעלטען זענען אויפגעשטעלט געוואָרען אונטער דער שטאָדט, און דער קעניג אַליין איז אַרויס אין לאַגער. ווי אָבער נור ער איז אַהיינגעקומען, האָט ער זיך איבערגעטהון און איז בסוד צוריק אַוועק אין שלאָס פון זיין ברודער, און האָט זיך געזעצט נעבען דעם פענסטער, וואָס געהט אַרויס אויפ'ן גאָרטען. אין אַ קורצער וויילע אַרום זענען אָנגעקומען די שקלאַפינס מיט זייער הערשערין די קעניגין און די שקלאַפען, און ביז צום אָוונד האָבען זיי פערבראַכט אַזוי, ווי זיין ברודער האָט איהם דערצעהלט.

ביי דעם אָנבליק האָט קעניג שאַהריאַר פערלאָרען זיין פערשטאַנד. ער האָט געזאָגט צו זיין ברודער: „קום, לאָמיר זיך לאָזען אין וועג אַריין, און נישט צוריקקומען צו אונזערע קעניגרייכען, ביז מיר וועלען געפינען אַ מענשען, וואָס איהם

איז געשעהן אַזוינס, ווי אונז איז געשעהן. אויב נישט, אין דער טויט פאַר אונז בעסער, ווי דאָס לעבען".

שאַחזעמאַן האָט באַלד אײַנגעוויליגט אוןביידע זענען זיי [illegible]דיס דורך אַ בעהאַלטענער ·טהיר פון שלאָס אויפ'ן וועג אַרויס און האָבען אָנגעהויבען וואַנדערן טאָג און נאַכט, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַ בוים אין מיטען אַ לאָנקע, וואו אַ קוואַל-וואַסער האָט געשלאָגען, ביים ברעג פון ים-המלח. זיי האָבען געטרונקען פון קוואַל און האָבען זיך געזעצט אָברוהען.

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט דער ים אָנגעהויבען צו רוישען, אַ שוואַרצע זײַל האָט זיך אויפגעהויבען, האָט דערגרייכט אַזש ביז צום הימעל און זיך גענומען רוקען צו דער לאָנקע צו. ווי זיי האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי זיך זעהר דערשראָקען, זענען אַרויף אויף אַ שפּיץ בוים, וואָס איז געווען זעהר הויך, און פון דאָרט אויס געקוקט צו זעהן, וואָס פון דעם וועט ווערען. און זעה! דאָס איז געווען אַ דשיני *), פון אַ ריעזיגען וואוקס מיט אַ ברייטען קאָפּ און שטאַרקער ברוסט, און אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ קאַסטען. פון ים איז ער אַרויס אויפ'ן ברעג און איז צוגעקומען צום בוים, וואָס אויף זיין שפּיץ זענען זיי געזעסען, און האָט זיך אוועקגעזעצט. ער האָט געעפענט דעם קאַסטען און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ שאַכטעל; נאָכדעם האָט ער געעפענט דאָס שאַכטעל, איז פון דאָרט אַרויס אַ מיידעל, שען און שטראַהלענדיג ווי די ליכטיגע זון, אַזוי ווי דער פּאָעט זאָגט:

---

*) לויט די אַראַבישע מסורות, זענען די מלאכים בעשאַפען פון ליכט און אויסער זי יזענען נאָך פאַראַן גייסטער, בעשאַפענע פון פייער. זיי הייסען „דשינני". אַ טייל פון די דשינני זענען פריינדליך צו מענשען, אַ טייל אָבער פערפאָלגען זיי, אַזוי ווי די שדים. די שלעכטע דשינני ווערען געטיילט אין פינף קלאַסען: א) מאַריד, ב) איפריט, ג) שרייטאַן, ד) דשין. ה) דשאַן. דאָס וואָרט דשין ווערט בענוצט אויך צו בעצייכענען אַלע קאַטעגאָריעס צוזאַמען. עס טרעפט אויך, אַז אַן'איפריט בעצייכענט אַ גוטען גייסט.

וואָרט זי אויפגעגאַנגען אין דער פינסטערניש,
וואָלט באַלד טאָג געוואָרן,
ווייל די שיינקייט איז געבליבן
פון איהר שיינקייט-ליכט.
זונען און לבנות געהן אויף
פון איהר גלאַנצן צוריק.

אַלץ אַרום מוזט פאַר איהר זיך ביקן,
ווען דעם שלייער זי צורייסט
און בעווייזט איהר פּנים.
דאָך ווען צאָרניג וואַרפט זי בליצען,
ווערט דער הימעל ביטער.

דער דשינני האָט אויף איהר אַ בליק געוואָרפען און גע-זאָגט: „אָ, דו הערשערין פון די איידעל-געבוירענע פרויען, וואָס איך האָב אַוועקגעפיהרט אין איהר חתונה-נאַכט, איך בע-געהר אַ ביסעל צו שלאָפען". ער האָט אָנגעלעהנט זיין קאָפּ אויף איהר שויס און איז איינגעשלאָפען. און ווי דאָס מיידעל האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען, האָט זי באַלד דערזעהן אויפ'ן שפּיץ בוים די צוויי קעניגען. זי האָט דעם קאָפּ פון דשינני אַראָבגענומען פון איהר שויס און געלעגט איהם אויף דער ערד, איז בעהנטער צוגעגאַנגען און האָט זיי מיט צייכענס גע-געבען צו פערשטעהן, אַז זיי זאָלען אַראָב פון בוים און זיי זאָלען זיך פאַר דעם איפריט נישט שרעקען. זיי אָבער האָבען צו איהר אַראָבגערופען: „ביי גאָט, לאָז אונז צו-רוהה". זי אָבער האָט זיי געדראָהט: „אויב איהר וועט נישט אַראָב פון בוים, וועל איך דעם איפריט אויפוועקען, און ער וועט אייך אום-ברייננגען מיט גרויס אַכזריות". דאָ זענען זיי דערשראָקען גע-וואָרען און זענען אַראָב פון בוים. זי איז צו זיי צוגעגאַנגען און געזאָגט: „איהר זאָלט מיין ווילען פאָלגען, אַנישט וועל איך אויפוועקען דעם איפריט". קעניג שאַהריאַר האָט דאַן געזאָגט צו זיין ברודער קעניג שאַהזעמאַן: „מיין ברודער, טהו, וואָס זי וועט דיך הייסען". שאַהזעמאַן אָבער האָט געענטפערט: „איך וועל

דאָס נישט, ביז וואַנען דו וועסט דאָס נישט טהון פאַר מיר". און איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעקוקט און געוואַרט, יעגער זאָל זיין דער ערשטער. האָט זי געזאָגט: „וואָס קוקט איהר אייך אָן? פאָלגט איהר מיך נישט, וועק איך דעם איפריט". אַזוי האָבען זיי זי געמוזט האַלטען אויס שרעק. זי האָט באַלד אַרויסגעצויגען פון איהר טאַש אַ בייטעל, און פון איהם אַ שנור, וואָס איז געווען בעהאַנגען מיט פינף הונדערט און זיעבעציג התימות-רינגען, און זי האָט געפרעגט: „צי ווייסט איהר, וואָס די רינגען בעדייטען?" זיי האָבען געענטפערט: „מיר ווייסען נישט." האָט זי געזאָגט: „די בעזיצער פון די רינגען זענען אַלע געווען אונטערגעוואָרפען מיין ווילען, און דער איפריט האָט דערפון נישט געוואוסט. איצט גיט איהר, ביידע ברידער, אויך אייערע רינגען מיר". און ווי זיי האָבען אַראָפּגעצויגען זייערע רינגען פון די פינגער און האָבען זיי איהר געגעבען, האָט זי געזאָגט: „זעהט! אַט דער איפריט האָט מיך אין דער חתונה-נאַכט אוועקגעפיהרט, האָט מיך פערשפאַרט אין זיין שאַכטעל, און דאָס שאַכטעל האָט ער געלעגט אין אַ קאַסטען אַריין און האָט אָנגעהאַנגען דערויף זיעבען שלעסער און האָט מיך אַראָבגעלאָזט אויף דעם גרונט פון ריישענדיגען, שטורמענדיגען ים, אָבער ער ווייסט נישט, אַז מיר, פרויען, קאָנען אַלץ אויספיהרען, וואָס מיר ווילען, אַזוי ווי דאָס איז אַמאָל געזאָגט געוואָרען:

בוי נישט אויף ווייבער און ווייב׳רישע שבועות,
דער שוים נור דיקטירט זיי אונגנאָד און גנאָד,
ווען ליעבשאַפט זיי ווייזען און צאַרטע געפיהלען,
פערשטעקט איז פעררעט אין דער בעל פון זיי׳ר ראָק
אַ מוסר דיר נעהם פון יוסף׳ס געשיכטע
און היט זיך געפאַנגען צו ווערען אין נעץ.
אָדער ווי אַנ׳אַנדערער האָט געזאָגט:
האָט די ליעבע מיך צושמעטערט,
וואָס איז ס׳וואונדער דען?
ליידען מענער דאָך פון אייביג־אָן
אָט דעמזעלבען גורל.

און דעם גרעסטען רוהם פערדיענט דער,
וואָס אַ ווייב איהם נישט פערפיהרט האָט".

"ווי זיי האָבען די ווערטער דערהערט, האָבען זיי זיך זעהר פערוואונדערט און האָבען געזאָגט: "אויב דעמדאָזיגען, וואָס איז דאָך אַנ'איפּריט, האָט פּאַסירט נאָך עפּיס ערגערס פאַר אונז, ליעגט דערין פאַר אונז אַ טרייסט."

דערויף האָבען זיי ביידע פערלאָזט דעם פּלאַץ און האָבען צוריקגעקעהרט אין דער שטאָדט פון קעניג שאַכריאַר און זענען אַריין אין שלאָס. ווי נור ער איז אַהין אָנגעקומען, האָט קעניג שאַכריאַר געלאָזט אַראָבהאַקען די קעפּ זיין פרוי מיט איהרע צוואַנציג שקלאַפינס און שקלאַפען. דאַן האָט ער זיך געלאָזט ברייגען אַ יונג מיידעל און נאָך דער חתונה-נאַכט האָט ער זי געהייסען טויטען; און אַזוי האָט ער זיך אויפגעפיהרט דריי יאָהר לאַנג, ביז די מענשען האָבען גענומען שרייען, און זענען אַנטלאָפען מיט זייערע טעכטער, און אין קיין שום שטאָדט האָט מען מעהר נישט געקאָנט געפינען קיין דערוואַקסען מיידעל. ביז אַמאָל, ווען דער וויזיר האָט ווי יעדען טאָג בעקומען דעם בעפעהל צו צושטעלען אַ מיידעל, און ער האָט קיין איינע מעהר נישט געפונען, איז ער געגאַנגען פול שמערץ, צאָרן און שרעק צוריק פון קעניג'ס שלאָס.

האָט אָבער דער וויזיר געהאַט צוויי טעכטער, ביידע שען, ענטציקענד און פול-חן און ביידע פון דעמזעלבען וואוקס. די עלטערע האָט געהייסען שעהערזאַד, און די יונגערע—דוניאַזאַד. די עלטערע האָט געלעזען פיעל ביכער און כראָניקעס, די לעבענס-בעשרייבונגען פון פריהערע מלכים און פון פערגאַנגענע פעלקער; מען דערצעהלט אויך, אַז זי האָט געזאַמעלט טויזענד ביכער פון די כראָניקעס, וואָס דערצעהלען פון פערשטאָרבענע מלכים און אונטערגעגאַנגענע פעלקער. האָט זי געזאָגט צו איהר פאָטער: „פאַרוואָס ביזטו אַזוי פערענדערט, פול זאָרג און אומעט? צי האָט דען דער דיכטער נישט געזאָגט:

זאָג דעם בעזאָרגטען: נישט אייביג איז זאָרג,
אַזוי ווי די פריידען—אויך זאָרגען פערגעהען?

ווי דער וויזיר האָט זי געהערט אַזוי ריידען, האָט ער איהר דערצעהלט אַלץ פון אָנהויב ביז דעם סוף, וואָס איהם האָט פּאַסירט ביים קעניג. האָט זי געזאָגט: „ביי גאָט! מיין פאָטער, גיב מיך צום קעניג; אָדער איך בלייב לעבען, אָדער איך וועל מיין לעבען אַוועקגעבען פאַר אַלע טעכטער פון די גלויביגע, און דורך מיר וועט פאַר זיי קומען די רעטונג פון זיינע הענד." אָבער דער וויזיר האָט געזאָגט: „ניין, קיינ-מאָל נישט! צי ווילסטו דיין לעבען שטעלען אין קאָן?" אָבער זי האָט דערקלערט: „אַזוי מוז זיין." ער האָט געזאָגט: „איך האָב מורא, אַז מיט דיר וועט פּאַסירען, אַזוי ווי מיט דעם איי-זעל און אָקס און פויער". שעהערזאַד האָט געפרעגט: „וואָס האָט דען מיט זיי פּאַסירט?" דער וויזיר האָט דערצעהלט:

דער פויער מיט זיין אייזעל און אָקס.

„זיי וויסען, מיין טאָכטער, אַמאָל איז געווען אַ סוחר, ער האָט פערמאָגט פיעל האָב-און-גוטס און אויך פיה, און האָט ווייב און קינדער געהאַט; אויסערדעם האָט איהם גאָט דער ערהאַבענער געלערנט צו פערשטעהן די שפּראַך פון חיות און פויגעל. דער סוחר האָט געוואוינט אין דאָרף, און האָט געהאַט אין שטאַל אַנ'אייזעל און אַנ'אָקס. איינמאָל איז דער אָקס צוגע-גאַנגען צום אייזעל און האָט איהם געטראָפען ליעגען שמוציג. פאַר איהם איז געלעגען געזיפּטע גערשטען, און דער אייזעל אַליין איז זיך געלעגען במנוחה, ווייל זיין האַר האָט אויף איהם גע-ריטען נור פון צייט צו צייט, ווען ער האָט געהאַט עפּיס אַ גע-שעפט צו בעזאָרגען. האָט דער סוחר דערהערט, ווי דער אָקס האָט געזאָגט צום אייזעל: „וואויל בעקומען זאָל דיר דיין מאָהל-צייט. איך בין מיעד, דו רוהסט אויס, האָסט דיר דיינע געזיפּטע גערשטען און נאָך דערצו אַ דיענער, וואָס גיט אויף דיר אַכטונג. נור זעלטען רייט אויף דיר דיין האַר, איך אָבער מוז אָהן אויפ-הער אַקערן און מאָהלען".

דערויף האָט דער אייזעל געענטפערט: „ווען דו וועסט ווע-רען אַרויסגעפיהרט אויפ'ן פעלד, און מען וועט די' אַרויפלעגען

דעם יאָך אויפ׳ן נאַקען, זאָלסטו דיך אַנידערוואַרפען און נישט אויפשטעהן, אַפילו ווען מען וועט דיך שלאָגען. אין פאַל, ווען דו וועסט יאָ אויפשטעהן, וואַרף דיך נאָכאַמאָל אַנידער; ווען מען וועט דיך צוריקפיהרען אין שטאַל אַריין און מען וועט פאַר דיר אויסשיטען אַרבעס-שויטען, זאָלסטו זיי נישט עסען, מען זאָל מיינען, דו ביזט קראַנק. דו זאָלסט נישט עסען און טרינקען אַ טאָג און צוויי און דריי, דאַן וועסטו דיך קאָנען אַ ביסעל בע־פרייען פון דעם מאַטערניש און פלאָג".

דער סוחר האָט זייער גאַנצען שמועס רוהיג אויסגעהערט.

ווען דער הויז-קנעכט האָט געבראַכט פוטער פאַר׳ן אָקס, האָט ער נור ווייניג דערפון געגעסען, און ווען ער האָט איהם צו מאָרגענס געוואָלט אַרויספיהרען צום אַקער, האָט ער איהם געפונען ליעגען קראַנק. דער סוחר האָט געזאָגט: „נעהם דעם אייזעל און אַקער מיט איהם אַ גאַנצען טאָג אָנשטאָט מיט דעם אָקס". דער דיענער איז צוריקגעגאַנגען אין שטאַל און האָט אַרויס־געפיהרט דעם אייזעל און האָט מיט איהם געאַקערט אַ גאַנצען טאָג.

ווען דער אייזעל איז אָווענד-צייט ווידער צוריקגעקומען אין שטאַל אַריין, האָט איהם דער אָקס שען געדאַנקט פאַר זיין גוטע עצה, וואָס צוליעב איהר האָט ער אַ גאַנצען טאָג אויסגערוהט. דער אייזעל, פול פערביטערטקייט און חרטה, האָט איהם אויף זיין דאַנק גאָר קיין ענטפער נישט געגעבען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז דער פויער ווידער געקומען, האָט אַרויסגעפיהרט דעם אייזעל און האָט מיט איהם געאַקערט ביז פאַרנאַכט, אַזוי אַז ער איז אַהיים געקומען מיט אַ צושונדענעם נאַקען און טויט-מיעד. דער אָקס האָט איהם בעטראַכט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. האָט איהם ווידער געדאַנקט און גע־לויבט און געזאָגט קאָמפּלימענטען, אָבער דער אייזעל האָט צו זיך אַליין גערעדט: „מיר האָט זיך גוט געלעבט, און נור פון וואויל־טאָג האָב איך מיר אַליין פערשאַפט אַזוינע צרות." דאַן האָט ער געזאָגט צום אָקס: „האָרך, וואָס איך וועל דיר זאָגען, איך מיין נור דיין טובה; איך האָב געהערט, ווי אונזער בעל-הבית האָט געזאָגט: אויב דער אָקס וועט נישט אויפשטעהן, גיט איהם

אָב צום קבֿר, ער זאָל איהם קוילען, און איך וועל פון זיין פעל מיר מאַכען אַ דעק. זעהסט: איך זאָרג פאַר דיר, און גיב דיר מיין עצה אויפצושטעהן. זאָל דיך גאָט אָבהיטען!" ווי דער אָקס האָט דערהערט די ווערטער פון אייזעל, האָט ער איהם געדאַנקט און געזאָגט: „מאָרגען שטעה איך אויף און געה צו דער אַרבייט." און ער האָט באַלד גענומען עסען דאָס פוטער און האָט זיך גוט בעלעקט.

דער סוחר אָבער האָט אויך דעם שמועס גאַנץ גוט זיך אויסגעהערט, און צו מאָרגענס אין-דער-פריה איז ער געקומען מיט זיין ווייב אין שטאַל אריין און האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט מיט איהר, און ווען דער הויז-קנעכט איז געקומען נעהמען דעם אָקס צו דער אַרבייט, האָט ער זיך מונטער אויפגעהאַפּט פון אָרט און האָט פרעהליך געוואָרפען מיט'ן ווידעל, אַז אַ ווינד איז געגאַנגען, און האָט גענומען שפרינגען אַהין און אַהער. דער סוחר איז שיער נישט צושיט געוואָרען פאַר געלעכטער, אַז ער האָט דאָס געזעהן, און איז אַנידערגעפאַלען לאַכענדיג. זיין ווייב האָט איהם געפרעגט: „וואָס לאַכסטו אַזוי?" ער האָט געענטפערט: „איך האָב עפּיס געזעהן און געהערט, וואָס איך טאָר נישט דערצעהלען, אַנישט וועל איך מוזען שטאַרבען." זי האָט געזאָגט: „דו מוזט מיר זאָגען די סיבה פון דיין לאַכען, ווען אפילו דיר זאָל אויסקומען צו שטאַרבען." האָט ער געזאָגט: „אָבער איך טאָר נישט, איך האָב מורא פאַר'ן טויט." זי אָבער האָט געזאָגט: „דו האָסט פון מיר געלאַכט, און נישט פון עפּיס אַנדערש." און זי איז צו איהם אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען און האָט איהם געקוועהלט אָהן אויפהער, אַז ער איז שוואַך געוואָרען און צומישט. ער האָט געהייסען זיינע קינדער זיך צוזאַמענקומען צו איהם, האָט גערופען דעם קאַדי און עדות, כדי צו שרייבען זיין צוואה, איהר דעם סוד צו דערצעהלען און צו שטאַרבען פאַר איהרעטוועגען, אַזוי ליעב האָט ער זי געהאַט, ווייל זי איז דאָך געווען אַ טאָכטער פון זיין פאָטער'ס ברודער און די מאַמע פון זיינע קינדער, און ער אַליין איז שוין אַלט געווען הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

נאָכדעם, ווי ער האָט צוזאַמענגערופען זיין גאַנצע פאַמיליע

און אַלע שכנים, האָט ער זיי דערצעהלט די געשיכטע און גע-זאָגט, אַז ער מוז שטאַרבען, ווען ער זאָל עמיצען דערצעהלען דעם סוד. האָבען אַלע גענומען אָבריידען זיין ווייב: „אין גאָט'ס נאָמען! הער-אויף צו פערלאַנגען דעם סוד, ער איז דאָך דיין מאַן און דער טאַטע פון דיינע קינדער, לאָז איהם נישט שטאַר-בען!" זי איז אָבער געבליבען ביי דאָס איהריגע און האָט גע-זאָגט: „איך וועל נישט אויפהערען, ביז ער וועט מיר דערצעה-לען, ווען אפילו איהם זאָל אויסקומען צו שטאַרבען." האָבען זיי געלאָזט זי צו-רוה, דער סוחר אָבער איז אויפגעשטאַנען, געגאַנגען אין שטאַל אַריין, כדי זיך דאָרט צו וואַשען פאַר'ן טויט, און דאַן צוריקקעהרען, אויסזאָגען דעם סוד און צו שטאַרבען.

דער סוחר אָבער האָט געהאַט אַ האָהן, וואָס האָט אונטער זיך געהאַט פופציג היהנער, און אויך אַ הונד. האָט ער געהערט, ווי דער הונד האָט צוגערופען דעם האָהן און האָט צו איהם גע-זאָגט: „דו ביזט גאָר פרעהליך, בשעת אונזער בעל-הבית מוז שטאַרבען געהן!" דער האָהן האָט געפרעגט: „פאַרוואָס דען?" און דער הונד האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. דע-רויף האָט דער האָהן זיך אָנגערופען: „ביי גאָט, אונזער בעל-הבית האָט צו-וועניג שכל. איך האָב פופציג ווייבער, שטעל איך איינע צופריעדען, און די איבריגע ברייננג איך אין כעס אַריין. ער האָט נור איין-און-איינציג ווייב, און קאָן זיך קיין עצה נישט געבען! פאַרוואָס נעהמט ער נישט אַ פּאָר גוטע ריטער, געהט אין קאַמער און שלאָגט זי אַזוי לאַנג, ביז זי פאַלט טויט און זי בעדענקט זיך און פרעגט מעהר נישט?"

ווי דער סוחר האָט דעם שמועס אויסגעהערט, האָט ער צוריקבעקומען זיין פערשטאַנד, און ער האָט בעשלאָסען זי גוט אָנצולערנען.—

„אפשר—האָט דער ווזיר געזאָגט צו זיין טאָכטער שע-העראַזאַד—וועל איך זיך מיט דיר בעגעהן, אַזוי ווי דער סוחר מיט זיין ווייב?"—„וואָס האָט ער דען געטהון מיט איהר?" האָט זי געפרעגט. דער ווזיר האָט געענטפערט: „ער איז אַריינגעגאַנ-גען צו איהר אין צימער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָבגעשניטען

פרישע ריטער און האָט זיי געהאַט ליעגען בעהאַלטען אין קאַמער, און האָט צו איהר געזאָגט: „קום אין קאַמער אַריין, כדי איך זאָל דיר דעם סוד דערצעהלען, וואו קיינער וועט מיך נישט זעהן, און דאַן וועל איך שטאַרבען.” און ווי זי איז מיט איהם געקומען אין קאַמער אַריין, האָט ער פעררינעלט די טהיר, און ער האָט זי אַזוי לאַנג געשלאָגען, ביז זי איז געוועזן אָהן כחות און האָט געשריען: „איך האָב חרטה”. און האָט איהם העגד און פיס געקושט. דאַן זענען זייביידע צוריק אַרויס פון קאַמער, אַלע אָנוועזענדע האָבען זיך זעהר געפרעהט און האָבען געלעבט גליקליך ביז צום סוף”.

ווי דעם וויזיר'ס טאָכטער האָט אויסגעהערט די געשיכטע, האָט זי געענטפערט: „עס געהט נישט אַנדערש, אַזוי מוז דאָס זיין!” דאַן האָט ער זי אויסגעפוצט ווי אַ כלה און איז געגאַנגען צום קעניג שאַכריאַר, און זי האָט דערווייל איהר יונגערער שוועסטער דוניאַזאַד אָנגעזאָגט אַזוי: „ווען איך וועל קומען צום קעניג, וועל איך שיקען נאָך דיר און וועל דיך לאָזען ברייננען. ווען דו וועסט דאָרט זיין, זאָלסטו זאָגען, בשעת דער קעניג וועט מיך מעהר שוין נישט בעדאַרפען: שוועסטער. דערצעהל מיר דאָך אַ מערקווירדיגע געשיכטע, כדי מיר זאָלען נישט איינשלאָפען. דעמאָלט וועל איך דיר דערצעהלען אַ געשיכטע, און דורך איהר, אויב גאָט וועט העלפען, וועט די רעטונג קומען”.

דער פאָטער איז געקומען און האָט זי געפיהרט צום קעניג. איהר אָנבליק האָט איהם דערפרעהט און ער האָט געזאָגט: „האָסטו געבראַכט, וואָס איך פערלאַנג?” דער וויזיר האָט געענטפערט: „יאָ”.

און ווען דער קעניג האָט געוואָלט זיין בעט טיילען מיט איהר, האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען, און ער האָט זי געפרעגט: „וואָס פעהלט דיר?” זי האָט איהם געענטפערט: „מיין קעניג! זעה, איך האָב אַ יונגערע שוועסטער, און איך וויל מיך מיט איהר געזעגענען.” דער קעניג האָט זי געהייסען ברייננען, און ווען זי איז צו איהר שוועסטער געקומען, האָט די זי אַרומ-

גענומען און האָט זיך געזעצט אויף דער ערד נעבען בעט.
ווען דער קעניג האָט שוין געהאַט גערוהט מיט שעהערזאַד און ער האָט גענומען מיט איהר פלוידערן און פערברייננגען, האָט די יונגערע שוועסטער זיך אָנגערופען: „ביי גאָט, מיין שוועסטער, דערצעהל אונז דאָך אַ געשיכטע, כדי מיר זאָלען וואַכעדיג בלייבען.“ שעהערזאַד האָט געענטפערט: „מיט פערגניגען, אויב דער איידעלער קעניג וועט דערלויבען.“ דער קעניג האָט מיט פערגניגען דערלויבט, ווייל ער האָט זיך געפיהלט אויפגערעגט און ער האָט געזאָגט: „דערצעהל!..“ אַט אַזוי האָט שעהערזאַד אָנגעהויבען די ערשטע נאַכט און האָט דערצעהלט:

ערשטע נאַכט.

דער סוחר און דער איפריט.

גליקזעליגער קעניג! איך האָב געהערט, אַז אַמאָל איז אַ רייכער סוחר, וואָס האָט געפיהרט געשעפטען אין פיעל לענדער, ארויף אויף זיין מוילטיער, כדי צו רייטען אין אַן אַנדער שטאָדט אַריין איינצומאָהנען געלד. אַזוי ווי די היץ האָט איהם שטאַרק געקוועהלט, האָט ער זיך געזעצט אין אַ גאָרטען אונטער אַ בוים אָברוהען, האָט אַרויסגענומען דעם רייזע-זאַק און האָט אַרויסגענומען אַ שטיק ברויט און אַ טייטעל צו עסען. אַז ער האָט אויפגעגעסען די טייטעל און האָט אַוועקגעוואָרפען די קעהר, האָט ער פלוצלונג פאַר זיך דערזעהן אַ ריעזיגען איפריט מיט אַ שווערד אין זיין רעכטער האַנד. ער האָט אויסגעשריען: „שטעה-אויף, און איך וועל דיך אומברייננגען, אַזוי ווי דו האָסט מיין זוהן אומגעבראַכט.“ דער סוחר האָט איהם געפרעגט: „ווי אַזוי האָב איך דען אומגעבראַכט דיין זוהן?“ דער איפריט האָט געענטפערט: „ווי דו האָסט אויפגעגעסען די טייטעל און האָסט די קעהר אַוועקגעוואָרפען, האָט זי געטראָפען אין דער ברוסט פון מיין זוהן, און ער איז אויף דער שטעל געפאַלען טויט.“ האָט דער סוחר געזאָגט צום איפריט: „הער-אויס איפריט, איך האָב נאָך אַ חוב צו בעצאָהלען; אויך האָב איך אַ גרויס פערמעגען

ווייב און קינדער, און האב משכנות ליעגען ביי מיר. לאז מיך דעריבער צוריקקעהרען אויף א ווײלע אהיים, כדי איך זאל אלץ ברייגגען אין ארדנונג, אז קיינער זאל קיין טענות נישט האבען צו מיר, דערנאך וועל איך צו דיר צוריקקומען. איך גיב דיר א הייליגע שבועה, אז איך וועל צוריקקומען, און דע-מאלט קאנסטו מיט מיר טהון, וואס דו ווילסט. גאט איז דער עדות פאר מיינע רייד." דער דשיני האט פון איהם גענומען א שבועה און האט איהם געלאזט פריי.

דער סוחר האט צוריקגעקעהרט צו זיין שטאדט, האט גע-בראכט אין ארדנונג אלע זיינע געשעפטען, האט אויסגעצאהלט זיינע חובות, און האט דערצעהלט זיין ווייב און קינדער, וואס מיט איהם האט פאסירט. האבען זיי אנגעהויבען צו וויינען, זיי און זייער גאנצע פאמיליע און זיינע איבריגע ווייבער און קינ-דער, ער אבער האט אלע זיינע געשעפטען אויסגעגלייכט און איז ביי זיי געבליבען ביז צום סוף פון יאהר. דאן האט ער זיך געזעגענט מיט זיין פאמיליע און מיט זיינע שכנים, און האט גענומען געהן אין וועג אריין, טראגענדיג די תכריכים אונ-טער זיין ארעם, בשעת אלע זייניגע האבען אויפגעהויבען א גרויס געוויין. ער איז אנגעקומען צו יענעם גארטען פונקט צום סוף יאהר. ווי ער איז דארט אזוי געזעסען און געוויינט אויף זיין נאהנטען טויט, איז פארבייגעגאנגען אן אלטער שייך *), וואס האט געפיהרט א גאזעל פאר א שטריק. נאכדעם ווי ער האט בעגריסט דעם סוחר און איהם געוואונשען לאנגע יאהרען, האט ער געזאגט: „פארוואס זיצסטו אויף דעם ארט אליין, דאס איז דאך א נעסט פון שדים?" דער סוחר האט איהם דערויף דערצעהלט, וואס איהם האט פאסירט מיט'ן איפריט. דער שייך, וואס האט געפיהרט די גאזעל, האט זיך שטארק פערוואונדערט און האט געזאגט: „ביי גאט, מיין ברודער, דיין גלויבען איז שטארק, און דיין געשיכטע איז וואונדערליך; ווען מען זאל זי שרייבען מיט נאדלען אין די אויגען-ווינקלען, בנאמנות, זי

*) שייך אין ברייטען זין בעדייט אן'עלטערער מענש פון איבער פופציג.

וואָלט געווען אַ לעהרע פאַר אַלע, וואָס לאָזען זיך לערנען".
און ער האָט זיך געזעצט נעבען איהם און געזאָגט: „ביי גאָט, איך געה נישט אַוועק פון דאַנען, ביז איך וועל זעהן, וואָס דער איפריט וועט מיט דיר מאַכען".

ווי ער איז אַזוי געזעסען און מיט איהם גערעדט, וועהרענד דער סוחר איז געווען פער'חלש'ט פאַר שרעק און ציטער, זאָרג און נידערגעשלאָגענקייט, איז מיט אַמאָל אָנגעקומען אַ צווייטער שייך מיט צוויי שוואַרצע ווינד-הינד*), און נאָכדעם ווי ער האָט זיך געזעצט נעבען זיי און האָט זיי בעגריסט, האָט ער זיי געפרעגט: „וואָס איז דער מעהר מיט אייך, וואָס איהר זיצט דאָ אויף דעם פּלאַץ, וואו די שדים וואוינען?" ביידע האָבען איהם דערצעהלט אַלץ, פון אָנהויב ביז צום סוף. קוים האָט זיך דער שייך צו זיי צוגעזעצט, איז אָנגעקומען אַ דריטער מיט אַ גראָהען מוילטיער, און האָט זיך אויך געפרעגט, פאַרוואָס זיי זיצען דאָ. און ווי נור זיי האָבען איהם געהאַט דערצעהלט פאַר-וואָס, האָט פּלוצלונג דער שטויב גענומען רוישען, און אַ ריעזיגע זייל פון זאַמד איז געקומען פון מדבר אַרויס גראָד אויף זיי, און אַז דער שטויב איז פערשוואונדען, האָט זיך בעוויזען דער איפריט מיט אַן'אויסגעשטרעקטען שווערד, מיט פונקען-וואַרפענדיגע אויגען; ער האָט אַרויסגעריסען דעם סוחר פון צווישען זיי און האָט אויסגעשריען: „שטעה-אויף און איך וועל דיך אומברייינגען, אַזוי ווי דו האָסט אומגעבראַכט מיין זוהן, דעם לעצטען ציק פון מיין האַרץ". דער סוחר האָט אָנגעהויבען הויך צו וויינען און צו יאָמערן, און אויך די דריי שייכען האָבען גענומען קלאָגען און חיינען מיט איהם, ביז דער ערשטער שייך מיט דער גאַזעל איז צו זיך געקומען. ער האָט דעם איפריט געקושט די האַנד און האָט צו איהם גערעדט אַזוי: „אָה, דשיני און קרוין פון אַלע רוחות! אויב איך וועל דיר דערצעהלען די געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט אָט דער גאַזעל, און די מעשה וועט דיר געפעלען, צי וועסטו מיר שענקען אַ דריטעל בלוט פון דעם

*) יאַגר-הינד, וואָס דערשפירען דעם רויב מיט דער נאָז

סוחר?" דער איפריט האָט געענטפערט: „גוט, שייך. האָסטו מיר דיין מעשה דערצעהלט, און זי וועט מיר אויסזעהן וואונדערליך, שענק איך דיר אַ דריטעל פון זיין בלוט".

און דער ערשטער שייך האָט אָנגעהויבען:

די געשיכטע פון ערשטען שייך.

זיי וויסען, איפריט, אַז די גאַזעל איז די טאָכטער פון מיין פאָטער'ס ברודער, מיין פלייש און בלוט. איך האָב חתונה געהאַט מיט איהר, ווען זי איז נאָך געווען זעהר יונג, און איך האָב מיט איהר געלעבט דרייסיג יאָהר און קיין קינדער מיט איהר נישט געהאַט. דעמאָלט האָב איך גענומען אַ שקלאַפין פאַר אַ ווייב, און גאָט האָט מיר געשענקט אַ קינד פון איהר, וואָס איז גלייך געווען צו דער אויפגעהענדיגער לבנה, מיט שענע אויגען, לאַנגע און שמאָלע ברעמען און געטאָקטע גליעדער. ער איז ביי מיר געוואַקסען ביז ער האָט דערגרייכט דאָס פופצעהנטע יאָהר פון זיין לעבען. איך האָב דעמאָלט אונטערגענומען אַ רייזע אין אַ ווייטער שטאָדט און האָב מיט זיך געפיהרט פיעל סחורה. מיין פאָטער-און-ברודער'ס טאָכטער, אָט די גאַזעל, וואָס דו זעהסט, האָט פון איהר יוגענד אָן זיך פערנומען מיט כשוף-מאַכעריי און וואָהר-זאָגעניש, האָט זי כשוף געטהון און געמאַכט פון מיין קינד אַ קאַלב, און זיין מוטער, די שקלאַפין, פאַר אַ קוה, און האָט זיי ביידען איבערגעגעבען דעם פאַסטוך, אויף זייער אַכטונג צו געבען. ווען איך בין אין אַ לאַנגער צייט אַרום צוריקגעקומען אַהיים און האָב זי געפרעגט, וואו איז מיין קינד און איהר מוטער, האָט זי געענטפערט: „דיין שקלאַפין איז געשטאָרבען, און דיין קינד איז אַוועקגעלאָפען, איך ווייס נישט, וואו ער איז אַהינגעקומען." אַ גאַנץ יאָהר נאָכאַנאַנד בין איך געזעסען מיט אַ בעטריבט הארץ און מיט פערוויינטע אויגען, ביז דער קרבן-יום-טוב איז געווען נאָהנט. איך האָב געשיקט צום פאַסטוך, ער זאָל מיר אויסזוכען אַ פעטע קוה. די קוה איז געווען גראָד מיין שקלאַפין, וואָס אָט די גאַזעל האָט פער'כשופ'ט. איך האָב שוין געהאַט פונאַנדערגעקנעפעלט מיינע קליידער און

דאָס מעסער גענומען אין האַנד, גרייט זי צו שחט'ען, האָט זי פּלוצלונג אָנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען, אַזוי אַז איך בין אַרויס און האָב עס איבערגעגעבען דעם פּאַסטוך צו טהון. ווי ער האָט זי גע'שחט'ען און האָט זי אָבגעשונדען, האָט ער אין איהר נישט געפונען קיין פעטס און קיין פליישׁ, נור בלויז הויט און ביינער, וואָס איך האָב בעדויערט, חאָטש ס'איז שוין געווען צו־שפּעט. איך האָב זי איבערגעלאָזט דעם פּאַסטוך און בעפוי־לען, ער זאָל מיר ברייגנען אַ פעט קאַלב, האָט ער מיר גע־בראַכט מיין קינד, וואָס איז פער'כשופט געווען פאַר אַ קאַלב. ווי דאָס קאַלב האָט מיך דערזעהן, האָט עס זיך גענומען לאַ־שטשען צו מיר מיט געוויין, ביז מיך האָט אָנגענומען אַ רחמנות און האָב צו דעם פּאַסטוך געזאָגט: „ברייגג מיר אַ קוה און דאָס קאַלב לאָז לעבען".

דאָ האָט שעהערזאַד דערזעהן, אַז ס'טאָגט שוין און האָט איבערגעריסען איהר געשיכטע. איהר שוועסטער אָבער האָט זיך אָנגערופען: „ווי שען איז דיין געשיכטע, ווי ליעב און זיס און ענטציקענד!" שעהערזאַד האָט דערויף געענטפערט: „וואָסער ווערט האָט די געשיכטע קעגען דעם, וואָס איך וועל אייך דער־צעהלען מאָרגען ביינאַכט, אויב דער קעניג וועט מיך לאָזען לעבען". און דער קעניג האָט געזאָגט צו זיך אַליין: „זי זאָל נישט פריהער שטאַרבען, ביז איך וועל נישט האָבען געהערט דעם סוף פון איהר געשיכטע". נאָכדעם ווי זיי האָבען נאָך דעם רעשט צייט פערברענגט, איז דער קעניג געגאַנגען אין רעגי־רונגס־זאַל, וואו דער וויזיר איז שוין געשטאַנען און געהאַלטען גרייט אין האַנד תכריכים. דער קעניג האָט גענומען משפט'ן און טהון געזעץ און האָט דעם וויזיר קיין וואָרט נישט געזאָגט, וואָס ס'האָט דעם וויזיר זעהר פערוואונדערט. נאָך דעם ענדע פון דער זיצונג איז דער קעניג צוריק אַריין אין זיין שלאָס.

ווען די צווייטע נאַכט איז געקומען, האָט דוניאַזאַד ווידער געזאָגט צו איהר שוועסטער שעהערזאַד: „שוועסטער, דער־צעהל אונז דאָך דעם סוף פון דער געשיכטע מיט דעם סוחר און דעם איפריט". שעהערזאַד האָט געענטפערט: „מיט פערגני־

גען, אויב דער קעניג וועט דערלויבען". דער קעניג האָט גע-
זאָגט: „דערצעהל!" און זי האָט ווייטער דערצעהלט:

צווייטע נאכט.

„גליקזעליגער, באַרמהערציגער קעניג, ווי דער סוחר האָט געהערט דאָס קאַלב אַזוי ביטער וויינען, איז זיין האַרץ פול געוואָרען מיט רחמנות, און ער האָט געזאָגט צום פאַסטוך: „לאָז לעבען דאָס קאַלב און פיהר עס צוריק צו די איבריגע פיה".

דער איפריט איז זעהר פערוואונדערט געוואָרען פון דער געשיכטע. דער שייך מיט דער גאַזעל האָט ווייטער דערצעהלט: „און דאָס אַלץ, אָ, דו האַר פון אַלע קעניגען פון די דשיננים, איז פאָרגעקומען נישט נור פאַר איהרע אויגען, פון דער גאַזעל, נאָך מעהר: זי האָט נאָך זיך אָנגערופען: „שח׳ט דאָס קאַלב, עס איז פעט". איך אָבער האָב קיין האַרץ נישט געהאַט דאָס צו טהון און האָב געהייסען דעם פאַסטוך עס אַוועקפיהרען.

צו מאָרגענס, אַז איך בין מיר געזעסען רוהיג, קומט פלוצ-לונג צו מיר דער פאַסטוך און זאָגט: „מיין האַר! איך האָב דיר עפּיס צו זאָגען, וואָס דו וועסט זיך פרעהען דערפון, און איך וועל דערפאַר בעקומען אַ געשענק". „גוט", האָב איך געזאָגט, און ער רופט זיך אָן צו מיר: „סוחר, איך האָב אַ טאָכטער, וואָס האָט אין איהרע קינדער-יאָהרען געלערנט כשוף ביי אַן׳אַלטער פרוי, וואָס האָט ביי אונז געלעבט. ווען דו האָסט מיר נעכטען איבער-געגעבען דאָס קאַלב און איך בין דערמיט געגאַנגען צו איהר און שטוב אַריין און זי האָט עס אָנגעקוקט, האָט זיך איהר פנים געענדערט, זי האָט גענומען וויינען און לאַכען און האָט געזאָגט: „טאַטע! צי איז מיין ווערט אַזוי געפאַלען אין דיינע אויגען, אַז דו ברייגגסט צו אונז אין שטוב אַריין פרעמדע מאַנספערשוינען?" איך פרעג זי: „וואו זענען דען די פרעמדע מאַנספערשוינען, און פאַרוואָס לאַכסטו און וויינסט?" דעמאָלט האָט זי געזאָגט: „זעה! אַט דאָס קאַלב ביי דיין זייט איז דער זוהן פון אונזער בעל-

הבית; ער איז פער'כשופ'ט געוואָרען צוזאַמען מיט זיין מוטער דורך אונזער בעל-הבית'ס ווייב, דערום האָב איך געמוזט לאַכען. געוויינט אָבער האָב איך דעריבער, וואָס זיין מוטער איז דורך זיין פאָטער גע'שחט'ען געוואָרען". די זאַך האָט מיך זעהר געוואונדערט, און איך האָב מיך קוים געקאָנט דערוואַרטען דעם פריהמאָרגען, איך זאָל קומען צו דיר און דיר דאָס דערצעהלען".

און ווען איך—אָ, איפריט—האָב געהערט די געשיכטע פון פאַסטוכ'ס מויל, בין איך פאַר גרויס פרייד און גליק געגאַנגען אַזוי ווי אַ שכור, אָהן צו האָבען געטרונקען וויין, צו זיין וואוינונג, וואו זיין טאָכטער האָט מיך בעגריסט און געקושט מיר די הענד. דאַן איז דאָס קאַלב אויך צוגעקומען צו מיר און זיך געלאַ-שטשעט צו מיר. איך האָב געפרעגט דעם פאַסטוכ'ס טאָכטער: „צי איז דאָס טאַקע וואָהר, וואָס דו דערצעהלסט וועגען דעם קאַלב?" זי האָט געענטפערט: „יאָ, מיין האַר, דאָס איז דיין זוהן, דער לעצטער ציק פון דיין הארץ." האָב איך צו איהר געזאָגט: „אָ, מיידעל! ווען דו קאָנסט איהם אויסלעזען, וועסטו בעקומען אַלע מיינע פיה און מיין גאַנץ האָב-און-גוטס, וואָס איז אונטער דעם איפזועה פון דיין פאָטער". זי האָט געשמייכעלט און געזאָגט: „איך פערלאַנג נור צוויי זאַכען: ערשטענס, דו זאָלסט מיך חתונה מאַכען מיט איהם, ווען ער וועט זיין אויסגעלעזט; צווייטענס, איך זאָל דיין שקלאַפין דערנאָך פער'כשופ'ן, ווייל אַנישט, וועל איך נישט זיכער זיין פאַר איהרע אָנשטעלען." און ווי איך—אָ, דשיני!—האָב די ווערטער דערהערט פון דער טאָכטער פון מיין פאַסטוך, האָב איך געזאָגט: „איך גיב דיר מיין פערמעגען, וואָס דיין פאָטער איז דער אויפזעהער דעריבער, און נאָך מעהר דער-צו, און דאָס לעבען און בלוט פון מיין פאָטער-און-ברודער'ס טאָכטער גיב איך איבער אין דיינע הענד, צו טהון, ווי דו ווילסט."

דעמאָלט האָט זי גענומען אַ שאָל און אָנגעגאָסען פול וואַ-סער און האָט איהר כשוף-שפרוך געזאָגט, און האָט מיט דעם וואַסער בעשפריצט דאָס קאַלב און דערביי געזאָגט: „האָט דיך גאָט בעשאפען אַ קאלב, זאלסטו בלייבען אַ קאלב און ווער

נישט עפיס אנדערש! ביזטו אָבער פער׳כשופט, זאָלסטו צוריק אָננעהמען דיין פריהריגע געשטאַלט מיט דעם ווילען פון גאָט דעם באַרמהערציגען!״ און זעה! דאָס קאַלב האָט אַ ציטער גע־געבען און איז ווידער געוואָרען אַ מענש. איך בין איהם געפאַ־לען אויפ׳ן האַלז און געזאָגט: „ביי גאָט, דערצעהל מיר אַלץ, וואָס ס׳האָט פאַסירט מיט דיר און מיט דיין מוטער.״ און ער האָט מיר דערצעהלט אַלץ, וואָס מיט זיי האָט פאַסירט, און איך האָב צו איהם געזאָגט: „אָ, זוהן מיינער! גאָט האָט דיר אַ בע־פרייער און אַ בעשיצער געשיקט״. און דאַן—אָ, איפריט! — האָב איך איהם חתונה געמאַכט מיט דער טאָכטער פון פאַסטוך, און זי האָט פער׳כשופ׳ט מיין פאָטער-און-ברודער׳ס טאָכטער פאַר אַ גאַזעל.

ווי איך בין דאָ אַהער געקומען און געטראָפען די געזעל־שאַפט, האָב איך זיי געפרעגט, וואָס זיי טהוען דאָ; זיי האָבען מיר דערצעהט די מעשה מיט דעם סוחר, און איך האָב מיך אַנידערגעזעצט, כדי צו זעהן דעם סוף. דאָס איז מיין געשיכטע״.

דאָ האָט זיך דער איפריט אָנגערופען: „די געשיכטע איז וואונדערליך און דעריבער שענק איך דיר אַ דריטעל פון זיין בלוט.״

דערווייל איז צוגעגאַנגען דער צווייטער שייך מיט די צוויי ווינד-הינד און האָט זיך געווענדט צום דשינני און געזאָגט;

געשיכטע פון צווייטען שייך.

„זיי וויסען, אָ, האַר פון אַלע קעניגען פון די דשיננים, די צוויי הינד זענען מיינע ברידער. ווען מיין פאָטער איז אין טיעפער עלטער געשטאָרבען, האָט ער אונז איבערגעלאָזט דריי טויזענד דינר *). מיט מיין טייל ירושה האָב איך מיר געעפענט אַ געוועלב, האָב געקויפט און פערקויפט. מיינע ברידער אָבער זענען געפאָהרען מיט סחורות אויף דער רייזע און זענען גע־

*) אַ דינר—אַ גאָלדענע מטבע אונגעפעהר אין ווערט פון 5 רובל; 20—25 דירהעם האָט מען בעקומען פאַר אַ דינר.

גאַנגען מיט די קאַראַוואַנען אַ יאָהר צייט. אַז זיי זענען צוריקגעקומען, האָבען זיי שוין גאָרנישט פערמאָגט. האָב איך צו זיי געזאָגט: „מיינע ברידער, צי האָב איך אייך דען נישט געוואָרענט, אַז איהר זאָלט נישט געהן אויף דער רייזע?“ זיי האָבען געוויינט און געזאָגט: „אָח, ברודער, גאָט דער אַלמעכטיגער און הערליכער האָט דאָס אויף אונז געבראַכט; דיינע ווערטער זענען איצט אָהן נוצען, ווייל מיר פערמאָגען גאָרנישט.“ איך האָב זיי גענומען צו מיר און געוועלב אַריין, דערנאָך בין איך מיט זיי געגאַנגען אין באָד, האָב זיי געגעבען טייערע קליידער און האָב מיט זיי געגעסען ביי איין טיש. נאָך דעם עסען האָב איך צו זיי געזאָגט: „מיינע ברידער, איך וועל בערעכענען דעם יאָהרליכען ריוח פון מיין געוועלב און וועל זיך מיט אייך טיילען.“ אַז איך האָב פאַרטיג געמאַכט דעם חשבון, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איך האָב פערדיענט דריי טויזענד דינר. האָב איך געלויבט גאָט דעם אַלמעכטיגען און הערליכען, און האָב דאָס פערדיענסט פערטיילט צווישען אונז אין דריי גלייכע טיילען. אַ צייט לאַנג זענען מיר געבליבען צוזאַמען, ביז מיינע ברידער האָבען ווידער בעקומען חשק צו לאָזען זיך אויף דער רייזע און האָבען אויך מיך געוואָלט אָנריידען מיטצוגעהן מיט זיי. איך אָבער האָב אָבגעזאָגט און האָב זיי פאָרגעהאַלטען: „וואָס האָט איהר דען פערדיענט אויף אייער רייזע, אַז איך זאָל קאָנען רעכנען אויף פערדיענסט?“ און האָטש זיי האָבען נישט אויפגעהערט מיר איינצוריידען מיטצוגעהן און זענען נישט אָבגעשטאַנען פון מיר, דאָך האָב איך מיך פעסט געהאַלטען ביי מיין אָבזאָג, און זעקס קיילעכיגע יאָהר זענען מיר געזעסען אין געוועלב, געקויפט און פערקויפט, ביז ענדליך האָב איך זיי נאָכגעגעבען און געזאָגט: „מיינע ברידער, מיר וועלען אונזער פערמעגען בערעכענען“. אַזוי האָבען מיר געטהון, און אַזוי ווי מיר האָבען געפינען זעקס טויזענד דינר, האָב איך געזאָגט: „אַ העלפט דערפון וועלען מיר בעגראָבען אין דער ערד, כדי מיר זאָלען זיך קאָנען דערמיט אַרויסהעלפען, טאָמער פאַסירט מיט אונז עפּיס, און יעדער פון אונז וועט מיטנעהמען צו טויזענד דינר אויף צו האַנדלען.

„דיין עצה איז גרויסאַרטיג", האָבען זיי געזאָגט. אַזוי האָב איך געטהון, צוטיילט דאָס געלד אויף צוויי טיילען, אַ העלפט איינגעגראָבען אין דער ערד, און די צווייטע העלפט איינגעטיילט צווישען אונז. מיר האָבען איינגעקויפט סחורות, געדונגען אַ שיף און אויסגעלאָדעוועט די סחורות. נאָך אַ גאַנצען חודש פאָהרען אויפ'ן ים זענען מיר אָנגעקומען אין אַ שטאָדט אַריין. דאָרט האָבען מיר פערקויפט אונזערע סחורות און פערדיענט דאָס צעהנפאַכיגע, אויף יעדען דינר צו צעהן. ווען מיר האָבען געוואָלט צוריק אָבפאָהרען, האָב איך געפונען ביים ברעג ים אַ מיידעל אין אָבגעריסענע קליידער, וואָס האָט מיר געקושט די האַנד און צו מיר געזאָגט: „אָח, מיין האַר! אויב דו ווילסט גוט און גנעדיג זיין צו מיר, וועל איך דיר דאָס פערגעלטען." איך האָב דערויף געענטפערט: „איך בין צו דיר גוט און גנעדיג, אַפילו ווען דו וועסט עס מיר נישט פערגעלטען." האָט זי געזאָגט: „אָח, מיין האַר, האָב חתונה מיט מיר און נעהם מיך מיט אין דיין לאַנד אַריין, איך גיב זיך אָב צו דיר פאַר אַ געשענק. בעוויז מיר די ניטיגקייט און גנעדיגקייט, ווייל איך געהער צו די יעניגע, וואָס מען דאַרף זיי בעהאַנדלען גוט און גנעדיג, און זיי ווייסען דערפאַר צו בעלוינען. לעג נישט קיין אַכט אויף דעם צושטאַנד, וואָס דו זעהסט מיך איצט אין איהם."

ווי איך האָב אויסגעהערט איהר בקשה, איז מיין האַרץ גערייהרט געוואָרען פון דער זאַך, וואָס גאָט דער אַלמעכטיגער און הערליכער האָט בדעה אויסצופיהרען. איך האָב רחמנות בעקומען אויף איהר, האָב זי גענומען מיט מיר, אויסגעבעט פאַר איהר אויפ'ן שיף אַ שען געלעגער און האָב זי בעהאַנדעלט פריינדליך און ליעבליך. וואָס ווייטער אויפ'ן וועג, האָב איך זיך אַלץ שטאַרקער פערליעבט אין איהר, אַז איך האָב מיך נישט געקאָנט שיידען פון איהר נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט, און צוליעב איהר האָב איך אינגאַנצען פערגעסען מיינע ברידער. זיי זענען געוואָרען בייז אויף מיר און האָבען געוואָרפען אַ שלעכט אויג אויף מיין פערמעגען, אויף מיינע פיעל סחורות. זיי האָבען זיך אָבגערעדט מיך צו טויטען און מיין פערמעגען צו צונעהמען: „ווען ער איז

טויט, געהער זיין גאַנץ פערמעגען צו אונז"—האָבען זיי גערעדט צווישען זיך. און דער שטן האָט זיך דערין אַריינגעלעגט, ער האָט זיי צוגערעדט, און ווען איך בין אַמאָל געשלאָפען ביי דער זייט פון מיין ווייב, האָבען זיי אונז ביידע גענומען און געוואָרפען אין ים אַריין.

ווי נור מיין ווייב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי זיך אַ טרייסעל געגעבען און איז געוואָרען אַן׳איפריטין. זי האָט מיך אויפגעהויבען און אַוועקגעלעגט אויף אַן׳אינזעל. אויף אַ קורצער צייט איז זי פערשוואונדען, קעגען פריהמאָרגען איז זי ווידער געקומען און געזאָגט: „איך, דיין ווייב, האָב דיך אויפגעהויבען, און מיט דער ערלויבניש פון גאָט דעם דערהאַבענעם האָב איך דיך גערעטעט. און איצט, זיי וויסען, איך בין אַ דשינין; ווי איך האָב דיך דערזעהן, האָט דיך מיין הארץ ליעב בעקומען אום ליעבען גאָט׳ס נאָמענס ווילען, ווייל איך גלויב אויך אין גאָט און אין זיין שליח—גאָט זאָל איהם בענשען מיט גנאָדע! בין איך צו דיר געקומען אין דעם צושטאַנד, ווי דו האָסט מיך געטראָפען, און דו האָסט מיך גענומען פאַר אַ ווייב. זעה! איצט האָב איך דיך גערעטעט פון ים, אָבער אויף דיינע ברידער טראָג איך אַ צאָרן, און איך מוז זיי טויטען."

ווי איך האָב דאָס אויסגעהערט, האָב איך מיך זעהר פערוואונדערט און האָב איהר געדאַנקט פאַר דעם, וואָס זי האָט מיט מיר געטהון. „וואָס שייך אָבער מיינע ברידער—האָב איך געזאָגט—איז נישט נויטיג זיי צו טויטען." און איך האָב איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פון מיר און מיינע ברידער פון אָנהויב ביז צום סוף. ווי זי האָט דאָס אויסגעהערט, האָט זי געזאָגט: „נאָך היינט ביינאַכט פליה איך צו זיי און וועל זיי דערטרענקען צוזאַמען מיט זייער שיף". איך אָבער האָב זי בעשוואוירען: „ביי גאָט, טהו דאָס נישט. זאָגט דאָך דאָס שפריכוואָרט: „טהו גוטס דעם, וואָס האָט דיר שלעכטס געטהון. דער שלעכטער האָט גענוג זיין אייגען שלעכטס. נאָך אַלעם זענען זיי דאָך מיינע ברידער." זי אָבער האָט געענטפערט: „ניין, זיי מוזען שטאַרבען."

נאָכדעם ווי איך האָב מיך אַלץ בעמיהט ווייך צו מאַכען

איהר הערץ, האָט זי מיך גענומען און אַוועקגעפלויגען מיט מיר און מיך אַוועקגעלעגט אויפ'ן דאַך פון מיין הויז. איך האָב גע־עפענט די טהירען, האָב אויסגעגראָבען פון דער ערד אַרויס די דריי טויזענד דינר, וואָס איך האָב בעהאַלטען, צונויפגערופען די משרתים, געקויפט סחורות און ווידער געעפענט מיין געוועלב. אָווענד־צייט, ווען איך בין צו זיך געקומען אין מיין וואוינונג, האָב איך דאָרט געפונען אָט די צוויי הינד צוגעבונדען. ווי זיי האָבען מיך דערזעהן, זענען זיי אויפגעשטאַנען און מיט געוויין צוגעגאַנגען צו מיר. ווען נישט מיין ווייב וואָלט מיר געזאָגט, וואָלט איך נישט געוואוסט, אַז דאָס זענען מיינע ברידער. ווען איך האָב זי געפרעגט: „ווער האָט זיי דאָס אַזוי אָנגעטהון?" — האָט זי געענטפערט: „מיין שוועסטער; איך האָב געשיקט צו איהר, האָט זי דאָס געטהון; ערשט אין צעהן יאָהר אַרום וועלען זיי אויסגעלעזט ווערען."

איך בין איצט געגאַנגען אויפ'ן וועג צו איהר, זי זאָל פון זיי אָבטהון דעם כשוף, ווייל עס זענען שוין אַריבער צעהן יאָהר, און בין פאַרביי פאַר דעם אָרט; און ווי איך האָב דעם יונגענמאַן געזעהן און געהערט, וואָס מיט איהם האָט פאַסירט, האָב איך פריהער נישט געוואָלט אַוועקגעהן, ביז איך וועל נישט האָבען געזעהן, וואָס צווישען אייך ביידע וועט געשעהן. דאָס איז מיין געשיכטע."

האָט דער דשיני זיך אָנגערופען: „דאָס איז אַ וואונדער־ליכע געשיכטע; איך שענק דיר דערפאַר אַ דריטעל פון זיין בלוט, וואָס ער האָט פערשפּיעלט צו מיר צוליעב זיין שולד".

דאָ האָט זיך אויפגעהויבען דער דריטער שייך מיט דעם מוילטיער און האָט זיך געווענדט צום דשיני און געזאָגט: „איך וועל דיר אויך אַ געשיכטע דערצעהלען, וואָס איז נאָך וואונ־דערליכער ווי זייערע ביידענס געשיכטען; דערפאַר שענק מיר דעם רעשט פון זיין בלוט און פון זיין שולד". דער דשיני האָט געענטפערט: „גוט". און דער שייך האָט דערצעהלט:

געשיכטע פֿון דריטען שייך.

—אָ, דו סולטאַן און אָנפיהרער פון די דשינניס! אָט דאָס מוילטיער איז מיין ווייב. איך האָב אַמאָל געמוזט געהן אין וועג אַריין און בין אַ גאַנץ יאָהר געבליבען ווייט פון איהר. ווען איך בין אַמאָל ביינאַכֿט צו איהר צוריקגעקומען, האָב איך אין איהרע אָרעמס געפונען ליעגען אַ שוואַרצען שקלאַף. זי האָט מיט איהם געפלוידערט, געלאַכט און געשטיפט מיט איהם. ווי זי האָט מיך דערזעהן, איז זי אויפגעשפרונגען, האָט גענומען אַ קרוג וואַסער און געזאָגט אַ שפרוך; דאַן האָט זי זיך געוואָרפען אויף מיר, מיך בעשפריצט מיט דעם וואַסער און געזאָגט דערביי: „פערלאָז דיין געשטאַלט און נעהם-אָן די געשטאַלט פון אַ הונד!“ אויף אָרט און שטעל בין איך געוואָרען אַ הונד. זי האָט מיך אַרויסגעיאָגט, און איך בין געלאָפען, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ קראָם פון אַ קצב. דאָרט בין איך אַרומגעשפרונגען און געחאַפּט אַ ביין פון צייט צו צייט. ווי דער קצב האָט מיך דערזעהן, האָט ער מיך גענומען צו זיך אין הויז אַריין. אָבער ווי מיך האָט דערזעהן זיין טאָכֿטער, האָט זי פערשלייערט דאָס פנים פון מיר און געזאָגט דעם פאָטער: „צי האָסטו געבראַכֿט אַ פרעמדען מאַנספערשוין צו אונז אין הויז אַריין?“ איהר פאָטער האָט געפרעגט: „וואו איז דען אַ מאַנספערשוין?“ האָט זי געענטפערט: „אָט דער הונד איז אַ מאַן, וואָס זיין ווייב האָט איהם פער׳כשופ׳ט. דאָך איך קאָן איהם אויסלעזען.“ האָט זי איהר פאָטער געבעטען: „ביי גאָט, מיין טאָכֿטער, טהו-אָב פון איהם דעם כּשוף.“ זי האָט גענומען אַ קרוג וואַסער, געזאָגט אַ שפרוך, מיר בעשפריצט מיט עטליכֿע טראָפּען און געזאָגט: „פערלאָז דיין איצטיגע געשטאַלט און נעהם ווידער אָן די פריהעריגע.“ איך בין באַלד צוריק געוואָרען אַ מענש, האָב איהר געקושט די האַנד און זי געבעטען, זי זאָל מיין ווייב פער׳כשופ׳ן, אַזוי ווי זי האָט מיך פער׳כשופ׳ט. זי האָט מיר געגעבען אַ ביסעל וואַסער פון קרוג און האָט געזאָגט צו מיר: „ווען דו וועסט זי זעהן שלאָפען, בעשפּריץ זי מיט דעם וואַסער. זי וועט דעמאָלט אָננעהמען די געשטאַלט,

וואס דו ווילסט.״ אזוי ווי איך האב זי געפונען נאך שלאפענדיג, האב איך זי בעשפריצט און געזאגט: „פערלאז דיין געשטאלט און נעהם־אן די געשטאלט פון א מוילטיער.״ און זי איז באלד געווארען א מוילטיער,—אט דיזעלבע, וואס דו זעהסט מיט דיינע אייגענע אויגען פאר דיר, א, דו סולטאן און אנפיהרער פון אלע קעניגען פון די דשיננים״. דאן האט ער זיך געווענדט צום מויל־טיער און געפרעגט: „איז דאס אמת?״ דאס מוילטיער האט גע־שאקעלט מיט׳ן קאפ און האט מיט צייכענס געגעבען צו פער־שטעהן: „יא, עס איז אמת.״

ווי ער האט געענדיגט אט די לעצטע געשיכטע, האט דער דשיני זיך געווארפען פאר פרייד, און האט איהם געשענקט דעם לעצטען טייל בלוט פון סוחר.

דא האט שעהערזאד דערזעהן דעם פריהמארגען אריינ־לייכטען און האט איבערגעהאקט איהר ערצעהלונג. איהר שוועס־טער אבער האט זיך אנגערופען: „אח, שוועסטער מיינע, ווי שען איז דיין געשיכטע, ווי ליעב, ווי זיס און ענטציקענד!״ שעהער־זאד האט דערויף געענטפערט: „וואסער ווערטה האט דאס אין פערגלייך דערמיט, וואס איך וועל אייך דערצעהלען די קומענ־דיגע נאכט, אויב דער קעניג וועט מיך לאזען לעבען.״ און דער קעניג האט גערעדט צו זיך: „זי זאל נישט פריהער שטארבען, ביז איך האב נישט געהערט דעם סוף פון איהרע וואונדערליכע געשיכטען.״ נאכדעם ווי זיי האבען נאך דעם רעשט נאכט פער־בראכט צוזאמען, איז דער קעניג געגאנגען אין רעגירונגס־זאל; דער וויזיר און דאס מיליטער האבען זיך געמאלדען, דער די־וואן*) איז געווארען פול מענשען, דער קעניג האט געטהון משפט און געזעצן, האט ארויסגעגעבען בעפעהלען און אנזאגען, ביז דער דיוואן איז ווידער געשלאסען געווארען, און דער קעניג שפאציאר איז צוריק אין זיין שלאס אריין.

ווי די דריטע נאכט איז אנגעקומען, האט דוניאזאד ווידער געבעטען איהר שוועסטער שעהערזאד׳

*) זאל פון גערעכטיגקייט.

דריטע נאַכט.

„אַח, מיין שוועסטער, דערצעהל אונז דיין געשיכטע ביז צום סוף". שהערזאַד האָט געענטפערט: „מיט פערגניגען. איך האָב געהערט, אָ, גליקזעליגער קעניג, אַז דער דשיני, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט געהערט די געשיכטע פון דריטען שייך, וואָס איז נאָך וואונדערליכער געווען, ווי די ערשטע צוויי געשיכטען, האָט אָהן אַ שיעור געקוואָלען און געשפרונגען פאַר פרייד; דערנאָך האָט ער געזאָגט: „איך שענק דיר דעם רעשט פון זיין שולד און לאָז איהם אייך פריי".

איז דער סוחר צוגעגאַנגען צו די שייכען, האָט זיי געדאַנקט און זיי האָבען איהם גליק געוואונשען מיט זיין רעטונג, און יעדער האָט צוריקגעקעהרט צו זיין שטאָדט.

אָבער די געשיכטע איז נישט וואונדערליכער ווי די געשיכטע מיט דעם פישעל". דער קעניג האָט געפרעגט: „וואָס איז דען דאָס פאַר אַ געשיכטע מיט דעם פישעל?"

שעהערזאַד האָט דערצעהלט:

דער פישער און דער איפריט.

גליקזעליגער קעניג! אַמאָל איז געווען אַ פישער. צאַלט אין יאָהרען, וואָס האָט געהאַט אַ ווייב און דריי קינדער, און האָטש ער האָט געלעבט אין אָרימקייט, האָט ער פונדעסטוועגען צאַבגעהיט זיין געוועהנהייט, נור פיער מאָל אין טאָג אויסצוּשפרייטען זיין נעץ אין וואַסער און נישט מעהר. איינמאָל מיטאָג-צייט איז ער אַזוי צוגעגאַנגען צום ברעג ים, האָט צראָבגעלעגט פון זיך דעם מאַנטעל, האָט געוואָרפען זיין נעץ און געוואַרט, ביז זי האָט זיך געזעצט אין וואַסער. ווען ער האָט אָנגעהויבען צו ציהען דעם שטריק, האָט ער געפיהלט, אַז ס'איז אַזוי שווער, אַז מיט אַלע כחות האָט ער די נעץ נישט געקאָנט אַרויסציהען פון וואַסער. ער האָט דעריבער אַריינגעשלאָגען אַ פלאָקען אין דער ערד אַריין און האָט די נעץ פעסט צוגעבונדען דערצו. ער האָט אויסגעטהון זיינע מלבושים, האָט זיך געלאָזט טיעף אין וואַסער אַרונטער, וואו די נעץ איז געלעגען, און האָט אין וואַסער אַזוי לאַנג גע-

אַרבייט, ביז ער האָט די נעץ אַרויסבעקומען. פול פרייד, האָט ער ווידער אָנגעטהון זיינע קליידער, און ווי ער איז צו דער נעץ צוגעגאַנגען, האָט ער דאָרט געפונען אַ טויטען אייזעל. ביי דעם אָנבליק איז ער טרויעריג געוואָרען און גערופען: „נישטאָ קיין מאַכט און נישטאָ קיין־כח אויסער ביי גאָט, דעם הויכען און דערהאַבענעם.“ דאַן האָט ער געזאָגט: „דאָס איז אַ וואונדערליכער פאַנג אויף מיין טעגליך ברויט.“ און ער האָט די פערזען געזאָגט:

אָ, דו, וואָס נורקעוועסט אין טונקעלהייט
פון נאַכט און פון פערדאַרבען,
וואָס לוינט דיר דען דיין מיה? די אַרבייט, גלויב,
וועט דיר דיין ברויט נישט געבען.

נאָכדעם ווי דער פישער האָט אַרויסגעשליידערט דעם טויטען אייזעל, האָט ער די נעץ ווידער אויסגעפרעסט און פונאַנדערגענומען און איז ווידער אַריין אין ים און זי אויסגעלעגט, אויסרופענדיג דעם נאָמען פון גאָט. ער האָט געוואַרט ביז די נעץ האָט זיך געזעצט און האָט זי ווידער גענומען אַרויסציהען, אָבער דאָס איצטיגע מאָל איז זי געווען נאָך שווערער און איז נאָך פעסטער געזעסען אין וואַסער, ווי פריהער. ער האָט געמיינט, אַז די נעץ איז פול פיש, און האָט זי צוגעבונדען פעסט צום פלאָקען, איז אַראָב אין וואַסער און ווידער אַזוי לאַנג געאַרבייט ביז ער האָט די נעץ אַרויסבעקומען. איצט האָט ער געפונען אין נעץ אַ גרויסען טאָפּ פול זאַמד און שלאַם. ביי דעם אָנבליק האָט ער טרויעריג דערמאָהנט די ווערטער פון פּאָעט:

אָ, מזל מיינער! האָסט גענוג שוין!
און אויב נאָך נישט גענוג—זיי מוחל מיר!
מיר שענקט קיין אויג נישט גנאָד אין בליק
און קיין פערדיענסט ברייגנט מיר מיין קונסט.
איך בין אַרויס מיין ברויט צו זוכען,
דאָך זעה איך איין—אומזיסט מיין מיה.
אָח, וויפיעל נאַרען לעבען גליקליך,
און וויפיעל קלוגע שטיקט די נויט!

ער האָט דעם טאָפּ אַרויסגעוואָרפען, ווידער אויסגעפּרעסט די נעץ און זי גערייניגט. און נאָכדעם ווי ער האָט ביי גאָט געבעטען מוחל צו זיין זיינע זינד, האָט ער די נעץ צום דריטען מאָל געוואָרפען אין וואַסער און האָט געוואַרט ביז זי האָט זיך געזעצט. ווי ער האָט זי אַרויסגעצויגען, האָט ער זי געפונען פול שאַרבענס און פלעשער, און ער האָט דערמאָהנט די פערזען:

דו האָסט קיין כח נישט, דיר ברויט צו שאַפען,
און מינט און פעדער ברייגנט דיר נישט קיין נוצען.

און ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און האָט געבעטען: „גאָט, דו ווייסט, אַז איך שפּרייט-אויס מיין נעץ נור פיער מאָל אין טאָג, נו, האָב איך שוין דריי מאָל דאָס געטהון.“ דאָ האָט ער, אויסרופענדיג דעם נאָמען פון גאָט, ווידער געוואָרפען זיין נעץ און געוואַרט ביז זי האָט זיך געזעצט. ווען ער האָט זי געוואָלט אַרויסציהען, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט, און ער האָט געמיינט, אַז זי האָט זיך אויפ׳ן גרונט פון ים פערפּלאָנטערט. ער האָט אויסגערופען: „נישטאָ קיין מאַכט און נישטאָ קיין כח, אויסער ביי גאָט דעם הויכען און דערהאַבענעם“, האָט זיך אויסגעטהון און ווידער אַזוי לאַנג געאַרבייט אין וואַסער, ביז ער האָט די נעץ אַרויסבעקומען. ווי ער האָט זי פונאַנדערגענומען, האָט ער געפונען אין איהר אַ מעשענע פלאַש, וואָס איז געוועזן פול מיט עפּיס, פערפּלאָמבעט מיט בליי און דערויף איז געוועזן דער זיגעל פון אונזער האַר שלמה המלך. ביי דעם אָנבליק האָט דער פישער אויסגערופען מיט פרייד: „איך וועל זי פערקויפען אויף דעם קופּער-מאַרק, זי איז ווערטה צעהן דינר.“ ער האָט זי גענומען שאָקלען און האָט געפיהלט, אַז זי איז שווער. האָט ער געטראַכט: „איך מוז זי עפענען און זעהן, וואָס אין איהר איז; איך וועל זי אַריינלעגען אין זאַק און פערקויפען אויפ׳ן קופּער-מאַרק.“ ער האָט אַרויסגענומען אַ מעסער און האָט אַזוי לאַנג געאַרבייט אַרום דעם בליי, ביז ער האָט די פּלאָמבע אַראָבגענומען, דאַן האָט ער די פלאַש געלעגט אויף דער ערד און האָט זי גענומען שאָקלען אַהין און אַהער, כדי איהר אינהאַלט זאָל אַרויס. אָבער צו זיין גרויס פערוואונ-

דערונג איז פון דער פלאַש גאָרנישט אַרויס אַ חוץ אַ רויך, וואָס איז אויפגעשטיגען ביז צו די וואָלקען פון הימעל און האָט זיך געלעגט איבער דער ערד. און ווי דער רויך איז שוין געווען אינגאַנצען אַרויס פון דער פלאַש, האָט ער זיך ווידער צוזאַמענגעקליבען און איז געוואָרען אַנ׳איפריט, וואָס זיין קאָפּ האָט דערגרייכט ביז צו די וואָלקען, בשעת זיינע פיס זענען געשטאַנען אויף דער ערד. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ ווי דער קופּעל פון אַ שלאָס, הענד—ווי די היי־גאָפּלען, פיס—ווי די מאסט־בוימער, זיין מויל איז געווען גלייך צו אַ הייהל, זיינע צייהן—צו פעלזען, זיינע נאָזלעכער—ווי טרומפּייטען, זיינע אויגען—ווי צוויי לאָמפּען און זיינע האָהר זענען שטויבפאַרביג געווען און אויסגעשטרעקט ווי בערג.

ביי דעם אָנבליק האָבען די מוסקולען גענומען ציטערן ביים פישער; די צייהן האָבען גענומען קלאַפּען, די קעהל איז איהם געוואָרען אויסגעטריקענט, און דער וועג איז איהם פערשוואונדען פון די אויגען. ווי דער איפריט האָט דערזעהן דעם פישער, האָט ער אויסגערופען: „נישטאָ קיין גאָט אויסער גאָט, און שלמה איז דער נביא פון גאָט. אָ, דו נביא פון גאָט, טויט מיך נישט, איך וועל דיין וואָרט שוין מעהר נישט ווידערשפּעניגען און וועל מיך מעהר שוין נישט שטעלען קעגען דיינע בעפעהלען.” דער פישער האָט זיך אָנגערופען: „אָ, מאַריד, צי רעדסטו פון שלמה׳ן גאָט׳ס נביא? שלמה איז שוין אַכטצעהן הונדערט יאָהר טויט, און מיר לעבען אין סוף פון די צייטען. וואָס איז מיט דיר געשעהן און וואָס איז דיין געשיכטע? ווי קומסטו אין דער פלאַש אַריין?” ווי דער מאַריד האָט דערהערט די ווערטער פון פישער, האָט ער געזאָגט: „נישטאָ קיין גאָט אויסער גאָט! גוטע בשורות, פישער.” האָט איהם דער פישער געפרעגט: „וואָסערע גוטע בשורות בריינגסטו מיר?” ער האָט געענטפערט: „אַז דו מוזט באַלד שטאַרבען מיט אַ שרעקליכען טויט.” דער פישער האָט געזאָגט: „דו פערדיענסט, אַז פאַר דער בשורה זאָל גאָט׳ס שוץ אָבגעטהון ווערען פון דיר, אָ, דו איפריטען־פירשט, אָ דו פערשאָלטענער! פאַרוואָס ווילסטו מיך טויטען

און מיט וואָס האָב איך דעם טויט פערדיענט? איך האָב דיך דאָך ערשט פון דער פלאַש בעפרייט, דיך דערהויבען פון דעם גבגרונט פון ים און געבראַכט אויף דער יבשה." דערויף האָט דער איפריט געזאָגט: „קלויב דיר אויס וועלכען טויט דו ווילסט, ווי אַזוי איך זאָל דיך אומבריינגען." דער פישער האָט ווידער אויסגערופען: „וואָס איז דען מיין שולד, אַז דער טויט זאָל זיין מיין לוין?" דער איפריט אָבער האָט איהם איבערגעהאַקט און געזאָגט: „רייד נישט קיין סך, ווייל מיין נשמה איז מיר שוין אין די פיס געקראָכען." און דער איפריט האָט דערצעהלט: „זיי וויסען, איך בין איינער פון די אָבטריניגע רוחות, און איך האָב מורד געווען קעגען שלמה בן דוד, איך צוזאַמען מיט דעם דשיני: זאַכר; האָט ער געשיקט זיין וויזיר אָסף בן ברכיה, וואָס האָט מיך מיט געוואַלט בעצוואונגען, און טראָץ מיין ווידערשטאַנד מיך פאַר איהם געבראַכט און געשטעלט. ווי שלמה האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך איבערגעגעבען אין גאָט'ס הענד, און האָט געפאָדערט פון מיר, איך זאָל צוריקקעהרען צום גלויבען און זאָל מיך אונטערוואַרפען זיינע בעפעהלען. אַז איך האָב נישט געוואָלט, האָט ער געהייסען בריינגען אָט די פלאַש, און האָט מיך אין איהר פערשפאַרט. דערנאָך האָט ער זי פערזיגעלט מיט בליי, אויסגעשטעמפעלט אויף איהר דעם העכ־סטען נאָמען, און האָט די דשיננים בעפוילען מיך צו וואַרפען אין מיטען ים אַריין*). הונדערט יאָהר בין איך געלעגען און די גאַנצע צייט האָב איך גערעדט צו מיין האַרץ: „יעדערן, וואָס וועט מיך אויסלעזען, וועל איך רייך מאַכען אויף אַלע צייטען." אָבער די הונדערט יאָהר זענען דורך, און קיינער איז נישט גע־קומען, מיך צו בעפרייען. נייע הונדערט יאָהר זענען אַריבער און איך האָב געזאָגט: „פאַר יעדערן, וואָס וועט מיך בעפרייען, וועל איך די אוצרות פון דער וועלט עפענען." אָבער קיינער האָט מיך

*) וועגען שלמה המלך ווערט פיעל דערצעהלט אין די אַראַבישע לעגענדעס. שרים און רוחות, וואָס האָבען איהם נישט געוואָלט פאָלגען, ווערען אין די לעגענדעס זעהר האַרט בעשטראָפט.

נישט בעפרייט. ווען נייע הונדערט יאָהר זענען צערפלויגען איבער מיר, האָב איך געזאָגט: „יעדערן, וואָס וועט מיך בעפרייען, וועל איך זיינע דריי פערלאַנגען טהון.‟ אָבער קיינער האָט מיך נישט בעפרייט. האָט מיך אַרומגענומען אַ גרימיגער צאָרן און איך האָב גערעדט צו זיך אַלכיין: „יעדערן, וואָס וועט מיך בעפרייען, וועל איך אומברייגען און וועל איהם געבען אויסצוקלויבען אַ טויט פאַר זיך.‟ אַט דו האָסט מיך בעפרייט, און דעריבער קלויב דיר אויס אַ טויט‟.

ווי דער פישער האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער אויסגערופען: „גאָט'ס וואונדער! פונקט האָב איך געמוזט קומען צו דער צייט און דיך בעפרייען!‟ און ער האָט געבעטען דעם איפריט: „שוין מיך און שענק מיר מיין לעבען, און גאָט וועט דיך אויך שוינען. ברייגג מיך נישט אום, און גאָט וועט דיר געבען כח קעגען דעם, וואָס וויל דיך אומברייגען.‟ אָבער דער מאַריד האָט געענטפערט: „דו מוזט אומבעדינגט שטאַרבען, דעריבער קלויב דיר אויס אַ טויט.‟ נאָכאַמאָל האָט דער פישער, וואָס האָט געזעהן דעם זיכערן טויט פאַר די אויגען, געבעטען: „שוין מיך צוליעב דעם, וואָס איך האָב דיך בעפרייט.‟ אָבער דער איפריט האָט געענטפערט: „גראָד דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך בעפרייט, וועל איך דיך אומברייגגען.‟ „אָ, דו שייך פון די איפריטען—האָט דער פישער געבעטען—איך האָב דאָך דיר גוטעס געטהון, ווילסטו מיך מיט שלעכטס דערפאַר בעלוינען? אויב אַזוי, איז קיין ליגען נישט, וואָס דאָס שפּריכוואָרט זאָגט:

זיי האָבען מיין גוטסקייט מיט שלעכטקייט פערגאָלטען,
מיין לעבען פערשוואַרצען די בייזע רשעים!
ווער גוטס טהוט אַ רשע, דער בעקומט נור אַ לוין,
דעם דאַנק פון היענען.‟

אָבער דער איפריט האָט געענטפערט דעם פישער: „בעגעהר נישט דיין לעבען, ווייל דיך וועט דער טויט נישט מיידען‟. אין דער פישער האָט געטראַכט פאַר זיך: „דאָס איז נור אַ דשינני*). איך

*) לויט די אַראַבישע מסורות שטעהט דער מענש העכער פון די

אָבער בין אַ מענש, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען אַ געזונדטען פערשטאַנד; מיט דעם פערשטאַנד מיינעם מוז איך אויסגעפינען אַ וועג איהם צו פערדאַרבען, אַזוי ווי ער געהט קעגען מיר מיט רשעות.״ און ער האָט געפרעגט דעם איפריט: „צי האָסטו טאַקע דעם פעסטען ווילען מיך צו טויטען?״ „יאָ!״—האָט געענטפערט דער איפריט. און דער פישער האָט זיך אָנגערופען: „אין נאָמען פון אויבערשטען, וואָס איז אויסגעקריצט אין שלמה׳ס זיגעל, וועסטו מיר זאָגען די וואָהרהייט, אויב איך וועל דיך עפּיס פרעגען?״ דער איפריט האָט געענטפערט: „יאָ.״—דאָך בשעת דער פישער האָט דערמאָהנט גאָט׳ס נאָמען, האָט ער אינגאַנצען געציטערט און געפלאַטערט. „פרעג, אָבער מאַך דאָס בקיצור״. האָט איהם דער פישער געפרעגט: „ווי אַזוי האָסטו געקאָנט אַריין אין דער פלאַש, וואָס איז דאָך נישט אַזוי גרויס, אַז דיין האַנד אָדער דיין פוס זאָלען דאָרט קאָנען אַריין?״ דער איפריט האָט געענטפערט: „צי גלויבסטו נישט, אַז איך בין געווען אין איהר?״ דער פישער האָט געענטפערט: „איך וועל נישט גלויבען, אויב איך וועל דאָס נישט האָבען געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען״.

דאָ האָט שעהערזאַד געזעהן דעם פריהמאָרגען אַריינלייכטען און האָט אָבגעהאַקט; אין דער פיערטער נאַכט האָט זי ווייטער דערצעהלט:

פיערטע נאַכט.

גליקזעליגער קעניג! ווי דער פישער האָט געזאָגט צום איפריט: „איך גלויב נישט, ביז איך וועל נישט האָבען געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען״, האָט דער איפריט אַ ציטער געגעבען, און פון איהם איז צוריק געוואָרען אַ רויך, וואָס איז אויפגעגאַנגען ביז צום הימעל, און דער רויך האָט זיך ווידער צוזאַמענגעצויגען, און פאַמעליך זיך אַריינגעלאָזט אין דער פלאַש אַריין,

---

בייזע רוחות און אויך פון די מלאכים. נאָך דער בעשאַפונג פון מענש האָ־בען זיך, לויט דער מסורה, זיי אַלע געמוזט אונטערוואַרפען אדם׳ן;

ביז ער איז אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען אין איהר. דאָ האָט דער פישער שנעל געהאַפּט דעם בלייענעם זיגעל, האָט פערשלאָסען מיט איהר די פלאַש און האָט גערופען צום איפריט: „קלויב דיר אויס אַ טויט ביי מיר! בנאמנות, איך וואַרף דיך דאָ אין ים אַריין, וועל מיר ביים ברעג אויסבויען אַ הויז, און יעדען פישער וועל איך וואָרענען, ער זאָל אויף דעם אָרט נישט פישען. איך וועל איהם זאָגען: „דאָ ליעגט אַנ'איפריט אין ים, וואָס אויב עמיץ נעהמט איהם אַרויס, רעכענט ער איהם אויס אַלערליי טויטען און הייסט איהם זיך אויסקלויבען דעם טויט, וואָס ער וויל". ווי דער איפריט האָט די ווערטער דערהערט, האָט ער געפּרובט זיך אַרויסצורייסען פון דער פלאַש, אָבער ער האָט נישט געקאָנט, ווייל ער איז געווען איינגעשלאָסען און אויבען האָט ער געזעהן דעם זיגעל פון שלמה. און ווי ער האָט געמערקט, אַז דער פישער האָט איהם פערשפּאַרט אין דער נידריגסטער, מאוס'טער און קלענסטער איפריטען-תפיסה און אַז ער געהט מיט דער פלאַש צום ים, האָט ער אויסגערופען: נישט, נישט! טהו דאָס נישט!" דער פישער אָבער האָט געענטפערט: „יאָ, יאָ!" דאָ האָט דער איפריט אָנגעהויבען צו ריידען ווייכע ווערטער און האָט געפרעגט אונטערטעניג: „פישער, וואָס ווילסטו טהון מיט מיר"? דער פישער האָט געענטפערט: „דיך וואַרפען אין ים אַריין; אַז דו וועסט דאָרט אָבליעגען אַכטצעהן הונדערט יאָהר, וועל איך דעמאָלט מאַכען אַזוי, אַז דו זאָלסט דאָרט בלייבען, ביז צו דער שעה פון גאָט'ס משפט איבער דער וועלט. ניי האָב איך דען צו דיר נישט געזאָגט: שוין מיך, וועט גאָט דיך שוינען, טויט מיך נישט, וועט גאָט דיך נישט טויטען? דו אָבער האָסט מיינע ווערטער נישט געוואָלט הערען, נור נקמה נעהמען אָן מיר; דעריבער האָט דיך גאָט איבערגעגעבען איצט אין מיינע הענד, אַז איך זאָל אָן דיר נקמה נעהמען". האָט דער איפריט איהם געבעטען און געזאָגט: „עפען מיר, און איך וועל דיר גוטס טהון!" דער פישער אָבער האָט געענטפערט: „דו ליגסט ליגען, דו בייזער און געמיינער איפריט! איך און דו

זענען גלייך צו דעם וויזיר פון קעניג יונאַן און דעם חכים רויאַן". און דער איפּריס האָט געפרעגט: "וואָס האָט דען פּאַסירט מיט'ן וויזיר פון קעניג יונאַן און דעם חכים רויאַן? וואָס איז דאָס פאַר אַ געשיכטע?" דער פישער האָט דערצעהלט:

די געשיכטע פון קעניג יונאַן און דעם חכים רויאַן.

"זיי וויסען, איפריט, אין אַלטע צייטען און לאַנג-פערגאַנגענע טעג האָט אַמאָל געלעבט אין דער שטאָדט פון די פערסער, אין לאַנד רומאַן, אַ קעניג מיט'ן נאָמען יונאַן, וואָס איז געווען רייך און העלדיש און האָט געהאַט גרויסע מחנות מיליטער און אַ לייב-גוואַרדיע. ער איז אָבער געווען קרעציג, און קיין דאָקטאָר און קיין געלערנטער האָט איהם נישט געקאָנט העלפען, האָטש מען האָט אויסגעפּרובט אַלע מעדיצינען און זאַלבען. איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט פון קעניג יונאַן אַ גרויסער אַלטער חכים מיט'ן נאָמען רויאַן, וואָס האָט געלייענט די ביכער פון די אַלטע גריכען, פון די פערסער, פון די נייע גריכען, פון די אַראַבער און סיריער, געשטודירט מעדיצין און אַסטראָלאָגיע, און נישט נור וואָס ער האָט געקענט די פּרינציפּען פון די אַלע וויסענשאַפטען, נור אויך די פּראַקטישע כללים, ווי אַזוי זיי אָנצווענדען צום שאָדען און צום נוצען; אויסערדעם האָט ער געוואוסט די נוצליכע און שעדליכע אייגענשאַפטען פון פלאַנצען, פון טרוקענע קרייטעכצער און אויך פון פרישע גרעזער, און אויך פילאָזאָפיע האָט ער שטודירט, אַזוי אַז ער האָט אַלע חכמות געקענט.

אַז דער חכים איז אָבגעוועזען אין שטאָדט עטליכע טעג און האָט געהערט וועגען דער קרענקליכקייט פון קעניג, וואָס גאָט האָט איהם געפּרובט דערמיט, און ווען ער האָט אויך געהערט דערפון, אַז קיין שום דאָקטוירים און געלערנטע קאָנען איהם נישט העלפען, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט פערבראַכט מיט אַרבייט; און ווען דער פריהמאָרגען האָט אויפגעשיינט און האָט זיין ליכטיג-

*) געלערנטער אָדער דאָקטאָר

קייט פערשפרייט, און די זון האָט בעגריסט די ציהרונג פון גוטס *),
האָט ער אָנגעטהון זיינע בעסטע קליידער און איז געגאַנגען צום
קעניג יונאַן. אַז מען האָט איהם צוגעלאָזט צו אַנ'אוידיענץ, האָט
ער די ערד געקושט פאַר איהם און האָט איהם געוואונשען
דויערענדיגע מאַכט און בעשטענדיג גליק אין אַ זעהר געלונגען צו-
זאַמענגעשטעלטער רעדע. דאַן האָט ער צו וויסען געגעבען, ווער
ער איז, און האָט געזאָגט: „אָ, קעניג! מיינע אויערן האָבען פער-
נומען וועגען דער פלאָג פון דיין קערפער און אַז קיינער פון
די דאָקטוירים האָט קיין מיטעל נישט געפונען, ווי אַזוי זי צו
בעזייטיגען. איך אָבער וויל דיך היילען, אָ, קעניג, אָהן צו גע-
בען דיר אַ מעדיצין איינצונעהמען און אָהן צו שמירען דיך מיט
זאַלבען". ווי דער קעניג יונאַן האָט די ווערטער אויסגעהערט,
האָט ער זיך זעהר פערוואונדערט און האָט געזאָגט: „ווי אַזוי
וועסטו דאָס קאָנען מאַכען? אָבער ביי גאָט, אויב דו וועסט מיך
מאַכען געזונד, וועל איך דיך מאַכען רייך ביז אויף קינד און
קינדס-קינדער, איך וועל דיר געבען פיעל מתנות און וועל דער-
פילען אַלע דיינע פערלאַנגען; אויך זאָלסטו ביי מיין טיש עסען
און ווערען מיין פריינד". און ער האָט איהם געשענקט אַ קעניג-
ליכען מאַנטעל *) און אַנדערע מתנות און געזאָגט צו איהם:
„צי וועסטו מיך טאַקע אויסהיילען פון דער קראַנקהייט אָהן מע-
דיצינען און אָהן זאַלבען?" ער האָט געענטפערט: „יאָ, איך וועל
דיך היילען, אָהן דיין קערפער זאָל פיהלען אַ וועהטאָג". דער
קעניג איז געוועזען אויסער זיך פאַר ערשטוינונג און האָט געפרעגט:
„חכים, צו וועלכער צייט און צו וועלכער שעה וועט געשעהן דאָס,
וואָס דו האָסט געזאָגט? אייל דיך צו, מיין זוהן!" ער האָט גע-
ענטפערט: „איך הער און געהאָרך." ער האָט פערלאָזט דעם

---

*) „די ציהרונג פון גוטס"—מיינט מען מהמד. אין קאָראַן זאָגט
מהמד: די זון געהט נישט אויף, אָהן מיך צו בעגריסען.

*) איינענטליך—אַנ'עהרען-קלייד. ביי די קאַליפען איז דאָס געוועזען
דאָסזעלבע, וואָס היינטיגע צייטען אַנ'אָרדען. אָבער די עהרען-קליידער
גליין פלעגען טיילמאָל האָבען אַ גרויסען ווערטה.

קעניג, געגאַנגען און זיך געדונגען אַ הויז און האָט אַהין אַריבערגעפיהרט זיינע ביכער, מעדיצינען און קרייטעכער. דאַן האָט ער זיי דעסטילירט, געמאַכט אַ פּאַלענט, הויהל ביים אַנגעהם און דערין האָט ער אַריינגעגאָסען דעם עקסטראַקט, דערנאָך האָט ער דאָס פערמאַכט, צו דעם פּאַלענט האָט ער נאָך צוגעמאַכט זעהר געשיקט אַ באַל. אַז ער האָט אַלצדינג געהאַט פאַרטיג, איז ער געגאַנגען צום קעניג, געקושט די ערד פאַר איהם און איהם געהייסען, ער זאָל רייטען צום געיעג־פּלאַץ און דאָרט צו שפּיעלען מיט דער פּאַלענט און באַל. אַז דער קעניג האָט זיך בעוויזען אויף דעם רייט־פּלאַץ מיט זיינע עמירען, הויפלייט, ווירען און די גרויסע פון דער מלוכה, איז דער חכים רויאַן צו איהם צוגעגאַנגען, האָט איהם איבערגעגעבען דעם פּאַלענט און געזאָגט: „נעהם דעם פּאַלענט און האַלט איהם אַזוי ווי איך וויין דיר און קלאַפּ מיט איהם דעם באַל מיט'ן גאַנצען כח, ביז דיין האַנד און דיין גאַנצער קערפּער װעלען זיין בעדעקט מיט שווייס; די מעדיצין וועט דאַן פון דיין האַנד אין דיין גאַנצען קערפּער איינפליסען. ווען דו וועסט ענדיגען דאָס באַלשפּיעל און דו וועסט שפּירען די מעדיצין אין דיר, זאָלסטו צוריקקעהרען אין דיין שלאָס, נעהמען אַ באָד, זיך אַרומוואַשען, און לעג דיך שלאָפען. דאַן ביזטו געזונד. גאָט איז מיט דיר!“ קעניג יונאַן האָט גענומען פון חכים דעם פּאַלענט, האָט איהם פעסט גענומען אין האַנד און איז אַרויף אויף זיין מלחמה־פערד. מען האָט איהם צוגעוואָרפען דעם באַל, ער איז איהם אַנטקעגען געריטען און האָט מיט'ן פּאַלענט איהם צוריקגעקלאַפּט מיט'ן גאַנצען כח. אַזוי האָט ער פיעל מאָל צוריקגעשלאָגען דעם באַל, ביז זיין האַנד און זיין גאַנצער קערפּער זענען בעדעקט געוואָרען מיט שווייס, און די מעדיצין האָט זיך צוגאָסען פון דעם אַנגעהם אין זיין גאַנצען קערפּער. אַז דער חכים רויאַן האָט געזעהן, אַז ס'איז שוין צייט, האָט ער איהם געהייסען, ער זאָל צוריקקעהרען אין שלאָס אַריין און נעהמען אַ באָד.

דער קעניג יונאַן איז באַלד צוריק אין שלאָס אַריין, האָט בעפוילען, אַלע זאָלען פערלאָזען דאָס באָד, אַז ער זאָל דאָרט

קאָנען זיין אַליין, די קאַמערדיענער און די מאַמלוקען *) האָבען נעאיילט איינער איבער'ן אַנדערן, דעם קעניג אַלץ צו צוגרייטען, און דער קעניג איז אַריין אין באָד און האָט זיך גוט אַרומגע־וואַשען. אַז ער האָט זיך ווידער אָנגעטהון, איז ער אַוועק אין זיין שלאָף־צימער און האָט זיך געלעגט שלאָפען. און ווען ער איז אויפגעשטאַנען און זיין קערפער אַרומגעקוקט, און ער האָט דערזעהן, אַז די קרעציגקייט איז פערשוואונדען און זיין קערפער איז ריין ווי ווייס זילבער, איז איהם בעפאַלען אַזאַ שטאַרקע פרייד, אַז דאָס האַרץ איז איהם אויסגעוואַקסען.

אויף דעם אַנדערן טאָג, ווען ער איז געקומען אין דיוואַן אַריין און איז אַרויף אויף דעם קעניגליכען טראָהן, און די הויפ־לייט און די גרויסע פון דער מלוכה האָבען זיך געוויזען פאַר איהם, איז אויך דער חכים רויאַן געקומען, האָט געקושט די ערד פאַר איהם און האָט געזאָגט אָט די פערזען וועגען דעם קעניג:

העל לייכט די קונסט פון ריידען,
ווייל דו איהר פאָטער ביזט;
דו ביזט דער גלאַנץ דער ליכטיגער,
פאַר איהם פערלעשט די פינסטערניש
פון בייזען מזל און ווידריגסטען;
זאָל שטענדיג לייכטען ער און שימערן,
און נישט זאָל וועלקען, רינצלען זיך
דאָס פנים פון דער צייט פון ביטערקייט.
דיין גוטסקייט האָט בעשענקט אונז ברייט,
אַזוי ווי זאַמדיגע בערג—דער רעגען.

אַז דער חכים האָט געענדיגט לייענען זיינע פערזען, האָט זיך דער קעניג דערהויבען פון זיין טראָהן, האָט איהם אַרומגע־נומען, האָט איהם געהייסען זיצען נעבען זיך און איהם געשענקט זייערע קעניגליכע מלבושים. באַלד דערנאָך האָט מען טישען מיט

*) שווארצע דיענער.

אַלערליי עסען סערווירט, און דער קעניג האָט געגעסען און גע־טרונקען מיט איהם אַ גאַנצען טאָג. אָווענד־צייט האָט ער געשענקט דעם חכם צוויי טויזענד דינר. אויסער די קעניגליכע קליידער און אַנדערע מתנות, האָט איהם אָבגעשיקט אַהיים אויף זיין מלחמה־פערד, און די גאַנצע צייט האָט ער זיך אַלץ געוואונדערט אויף זיין היילונג און האָט געזאָגט: „אָט דער האָט פון אויסען־ווייניג געזונד געמאַכט מיין קערפּער, אָהן איינצורייבען מיך מיט זאַלבען; ביי גאָט, דאָס איז אַנ׳אויסערגעוועהנליכע קונסט. אַזאַ מענש מוז איך געבען מתנות און כבוד אָהן אַ שיעור און מאַכען איהם פאַר מיין פריינד און בעל־יועץ אויף מיין גאַנץ לעבען.״

פול פרייד און לוסטיגקייט פון זיין אויסהיילונג, האָט דער קעניג יונאַן פערבראַכט אַ גאַנצע נאַכט, און צו מאָרגענס, אַז ער איז אַרויף אויפ׳ן טראָהן, און די עמירען און וויזירען און די גרויסע פון דער מלוכה זענען געזעסען פאַר איהם רעכטס און לינקס, האָט ער געהייסען רופען דעם חכם רויאַן. ווי ער איז געקומען און האָט די ערד געקושט פאַר׳ן קעניג, האָט זיך דער קעניג ווידער אויפגעהויבען פון זיין טראָהן איהם אַנטקעגען, האָט איהם געגעבען פלאַץ נעבען זיך, געגעסען מיט איהם און גע־וואונשען איהם אַ לאַנג לעבען. ווידער האָט ער איהם געשענקט אַ קעניגליך מלבוש און אַנדערע טייערע חפצים, האָט מיט איהם פערבראַכט ביז ביי־נאַכט, ווידער געהייסען איהם געבען פינף קעניגליכע קליידער און טויזענד דינר, און דער חכם, פול דאַנק־באַרקייט צום קעניג, איז אַוועק אַהיים צו זיך.

אָבער צווישען די וויזירען פון קעניג האָט זיך געפונען איינער מיט אַ העסליך אויסזעהן, געבוירען אונטער אַ בייזען שטערן, אַ שמוציגער, קאַרגער מענש און אַ נישט־פערגינער, וואָס קנאה און שלעכטסקייט איז געווען זיין נאַטור פון געבוירען. אַז דער וויזיר האָט געזעהן, ווי דער קעניג האָט אויסגעצייכענט דעם חכם רויאַן און האָט איהם אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל גונסט, האָט ער איהם באַלד מקנא געווען און געטראַכט, ווי אַזוי איהם אומצו־ברענגען, אַזוי ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: יעדע נשמה איז אַ גיהנם פון קנאה, אָדער: גוואַלט־טעטיגקייט לויערט אין

יעדער נשמה; דער שוואַכער בעהאַלט זי, דער שטאַרקער ווייזט זי אַרויס.

צו מאָרגענס, אַז דער קעניג איז געזעסען אויף זיין טראָהן אין מיטען פון זיינע עמירען, וויזירען און די גרויסע פון דער מלוכה, איז דער דאָזיגער וויזיר צו איהם צוגעגאַנגען, האָט געקושט די ערד פאַר איהם און געזאָגט: „אָ, קעניג פון דער צייט, דאָס דיין גנאָד נעהמט אַרום די מענשען, איך האָב דיר זעהר אַ וויכטיג נייעס צו דערצעהלען; זאָל איך דאָס פערהוילען פון דיר, וואָלט איך געווען אַ ממזר; אויב דו ערלויבסט, דערצעהל איך". דער קעניג, וואָס איז געוואָרען אונרוהיג פון זיינע ווערטער, האָט געזאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס?" ער האָט געענטפערט: „אָ, קעניג, רייך מיט רוהם! די אַלטע חכמים האָבען געזאָגט: „ווער עס טראַכט נישט וועגען סוף, דער וועט דאָס מזל נישט האָבען פאַר אַ פריינד." איך אָבער זעה דעם קעניג אויף אַ פאַלשען וועג געהן, ווייל דעם פיינד, וואָס טראַכט נור וועגען דעם סוף פון קעניג'ס הערשאַפט, בעשענקט ער, טהוט איהם אָן פיעל כבוד און נויגט צו איהם זיין גנאָד גאָר נאָהנט אונ מאַכט איהם פאַר זיין נאָהנטסטען עצה-געבער. מיך שרעקט מיין האַרץ וועגען דעם קעניג". דער קעניג איז זעהר צורודערט געוואָרען, די פאַרב פון זיין פנים האָט זיך געענדערט, און ער האָט געפרעגט: „ווען מיינסטו דאָס, וואָס ער איז מיין פיינד, און איך בעשענק איהם?" דער וויזיר האָט געענטפערט: „אָ, קעניג! אויב דו שלאָפסט, ערוואַך פון דיין שלאָף! איך מיין דעם חכים רויאַן". דער קעניג האָט געזאָגט דערויף: „ער איז דאָך מיין פריינד, און ער איז מיר טייערער פאַר אַלע מענשען, ווייל דורך אַ זאַך, וואָס איך האָב נור אין דער האַנד געהאַלטען, האָט ער מיך קורירט און האָט מיך אויסגעהיילט פון מיין קראַנקהייט, וואָס אַלע דאָקטוירים האָבען זיך אומזיסט בעמיהט זי צו היילען; אַזאַ מענש ווי ער איז אין אונזער צייט נישטאָ נאָך אויף דער גאַנצער וועלט, נישט אין די מערב-לענדער, נישט אין די מזרח-לענדער. ווי קאָנסטו אַזוי עפּיס זאָגען וועגען איהם? פון היינט אָן וועל איך איהם בעשטימען אַ פענסיע און אַנדערע

פערדיענסטען, און איהם געבען צו טויזענד דינר אַ חודש; און ווען גאָר איך זאָל מיינע אַ האַלבע מלוכה איהם אַוועקגעבען, וועט דאָס אַלץ נאָך זיין וועניג פאַר איהם. איך מיין, דו רעדסט נור כון קנאה אַזוי און דו ווילסט, איך זאָל איהם אומברייגגען און דערנאָך חרטה האָבען, אַזוי ווי דער קעניג זינבאַד האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געטויט זיין פאַלק"*). דער וויזיר האָט געפרעגט: „ווי אַזוי איז דאָס געשעהן?" דער קעניג האָט דער־צעהלט:

פינפטע נאַכט.

דער קעניג זינבאַד און זיין פאַלק.

„מען דערצעהלט, אַז אַמאָל האָט געלעבט אַ קעניג אין פערסיען, וואָס האָט ליעב געהאַט אַלערליי פערגניגענס און פער־ברייגגונגען, געיעג און פיש־חאַפּען, און ער האָט געהאַט אַ פאַלק, וואָס ער האָט אַליין אויפגעצויגען און ער האָט זיך פון איהם נישט געקאָנט שיידען, סיי ביי־טאָג סיי ביי־נאַכט, און ער פלעגט שלאָפען אין זיין בעט מיט איהם אויף דער האַנד. ווען ער איז גאָבער געגאַנגען אויף געיעג, האָט ער דעם פאַלק מיטגענומען און ער האָט איהם אָנגעהאַנגען אויפ'ן האַלז אַ גאָלדענעם בעכער, וואָס אין איהם האָט ער איהם געגעבען צו טרינקען. אַמאָל האָט דער אויבער־שטאַלמייסטער זיך דערנעהנטערט צום קעניג און גע־זאָגט: „אָ, קעניג פון דער צייט, עס איז די שעה צו געהן אויף געיעג." דער קעניג האָט זיך גרייט געמאַכט, גענומען דעם פאַלק אויף דער האַנד און איז מיט איהם אַרויסגעריטען, ביז זיי זע־נען אָנגעקומען אין דעם טהאָל, וואו מען האָט אויסגעלעגט די נעץ. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און אַ גאַזעל איז צריין אין נעץ, און דער קעניג האָט אויסגערופען: „יעדען, וואָס וועט די גאַזעל לאָזען אַנטלויפען, וועל איך טויטען." און ווי זיי האָ

---

*) Sokół, איז פויגל.

נען די שטריק פֿון פֿעסטער אַרומגעוויקעלט אַרום דער גאַזעל, איז זי פֿלוצלונג צוגעקומען צום קעניג און האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיס, און די פֿאָדערשטע געלעגט אויף דער ברוסט, ווי זי וואָלט געוואָלט קושען די ערד פֿאַר'ן קעניג. ווען דער קעניג האָט צוגעבויגען זיין קאָפּ צו איהר, האָט זי פֿלוצלונג אַ שפּרונג געטהון איבער זיין קאָפּ און איז אַנטלאָפֿען אין פֿרייען פֿעלד אַריין. ווי דער קעניג האָט זיין בליק געוואָרפֿען אויף זיינע דיענער, האָט ער געזעהן, אַז זיי קוקען אָן איינער דעם אַנדערן און ווינקען זיך איבער. ער האָט דעריבער געפֿרעגט דעם וויזיר: „וואָס מיינען די לייט דערמיט צו זאָגען?“ דער וויזיר האָט געענטפֿערט: „זיי בעאונרוהיגען זיך וועגען דעם וואָרט פֿון קעניג, אַז יעדען, וואָס וועט לאָזען די גאַזעל אַנטלויפֿען, וועט מען דעם קאָפּ אַראָבנעהמען.“ דער קעניג האָט געענטפֿערט: „איך שווער ביי מיין קאָפּ, איך וועל זי אַזוי לאַנג נאָכיאָגען, ביז זי איז ווידער אין מיין האַנד.“ און ער האָט זיך געלאָזט נאָך די שפּורען פֿון דער גאַזעל און האָט זי דעריאָגט, און דער פֿאַלק האָט מיט זיינע פֿליגעל אַזוי לאַנג איהר געשלאָגען איבער די אויגען, ביז ער האָט זי געבלענדט, און עס האָט איהר געשווינדעלט פֿאַר די אויגען, און דער קעניג האָט זי מיט זיין אייזערנעם שטעקען טויט געשלאָגען. ער איז אַראָב פֿון פֿערד, האָט איהר דורכגעשניטען די קעהל, אָבגעשונדען די פֿעל און זי צוגעבונדען צום זאָטעל. דערווייל איז זעהר הייס געוואָרען, דאָס אָרט איז געווען וויסט, אָהן וואַסער, און דער קעניג און זיין פֿערד זענען זעהר דורשטיג געווען. און ווי ער האָט געזוכט וואַסער, האָט ער דערזעהן אַ בוים, וואָס אַ פֿעטע פֿליסיגקייט האָט פֿון איהם אַראָבגעטריפֿט; דער קעניג, וואָס האָט געטראָגען הענטשקעס, האָט דעריבער גענומען דעם בעכער פֿון פֿאַלק'ס האַלז, האָט געלאָזט אָנטריפֿען אַ פֿולען בעכער און האָט איהם געשטעלט פֿאַר זיך; דאָ איז דער פֿאַלק געקומען צופֿליהען און האָט דעם בעכער אומגעקעהרט מיט זיינע פֿליגעל. דער קעניג האָט דעם בעכער אונטערגעשטעלט אַ צווייט מאָל ביז ער איז פֿול געוואָרען, און אַזוי ווי ער האָט געמיינט, אַז דער פֿויגעל איז דור-

שטיג, האָט ער דעם בעכער געשטעלט פאַר איהם, אָבער דער פאַלק האָט איהם ווידער צום צווייטען מאָל אומגעקעהרט. דער קעניג איז געוואָרען זעהר בייז, האָט ווידער געלאָזט דעם בע־כער פול ווערען און האָט איהם געשטעלט פאַר'ן פערד, אָבער דער פאַלק האָט איהם צום דריטען מאָל אומגעקעהרט. דאָ האָט דער קעניג אויסגערופען: „גאָט זאָל דיך שטראָפען, דו אומגליק־ליכער פויגעל! דו האָסט מיך און דאָס פערד נישט געלאָזט אָנ־טרינקען זיך.“ ער האָט אַרויסגעצויגען זיין שווערד און דעם פויגעל אָבגעהאַקט זיינע פליגעל. דער פאַלק אָבער האָט געהויבען זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט דעם קעניג געוואָלט זאָגען: „זעה, וואָס אויבען אויף דעם בוים איז.“ ווי דער קעניג האָט אויפגע־הויבען זיינע אויגען, האָט ער אויף דעם שפּיץ בוים דערזעהן אַ שלאַנג, וואָס איהר גיפט האָט דאָס אַראָבגעטריפט, און ער האָט חרטה געהאַט דערויף, וואָס ער האָט דעם פויגעל אָבגעהאַקט די פליגעל. ער איז ווידער אַרויף אויפ'ן פערד און, מיט דער גאַזעל ביים זאָטעל, איז ער צוריקגעריטען צום פריהעריגען פּלאַץ. ווי ער איז דאָרט אָנגעקומען, האָט ער די גאַזעל איבערגעגעבען דעם קאָכמייסטער און האָט בעפוילען: „נעהמט און בראָט זי אָב!“ דאַן האָט ער זיך געזעצט אויף זיין שטוהל מיט דעם פאַלק אויף דער האַנד. אָבער דער פויגעל האָט פּלוצלונג אַ געשריי געגעבען און איז געפאַלען טויט אויף דער ערד. און דער קעניג האָט געקלאָגט מיט שמערץ און וועהטאָג, וואָס ער האָט דעם פויגעל, וואָס האָט איהם גערעטעט, אומגעבראַכט".

די אייפערזיכטיגע און דער פּאָפּוגיי.*)

„אַמאָל איז געווען אַ זעהר אייפערזיכטיגער מאַן, זיין פרוי איז געווען בעציהרט מיט אַלע רייצען פון שענקייט און חן, און ער האָט זי קיינמאָל נישט געלאָזט אַליין. אַז ער איז אָבער

*) אין מאַנכע אויסגאַבען פון „טויזענד און איין נאַכט“ קומט די גע־שיכטע אָנשטאָט דער פריהעריגער. מיר ברייגען דאָ ביידע.

איינמאָל געצוואונגען געוועזן צו מאַכען אַ רייזע, איז ער געגאַנגען אויפ'ן פויגעל-מאַרק אַרויס, האָט זיך געקויפט אַ פּאָפּוגיי און האָט איהם אַוועקגעזעצט אין זיין הויז פאַר אַ שומר אויף דער צייט פון זיין אָבוועזענהייט, כדי ער זאָל איהם דערנאָך דערצעהלען אַלץ, וואָס איז דורך דער צייט פאָרגעקומען אין זיין הויז. דער פּאָפּוגיי איז געוועזן פערנינפטיג און קלוג און שאַרפזיניג. אַז דער סוחר האָט זיך אָבגעפאַרטיגט מיט דער רייזע און איז צוריק אַהיים געקומען און האָט געהייסען זיך ברייגגען דעם פּאָפּוגיי, האָט דער פויגעל איהם דערצעהל'ט אַלצדינג, וואָס זיין ווייב האָט געטהון, ווי אַזוי זי האָט פערבראַכט מיט איהר ליעבהאָבער טאָג פאַר טאָג אין דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז נישט געוועזן אין דער היים. מיט גרויס גרימצאָרן האָט ער זיך דערהויבען פון אָרט און האָט זיין פרוי געטיילט קלעפּ ביז זי האָט געהאַט גענוג.

די פרוי איז זיכער געווען, אַז איינע פון איהרע שקלאַפינס האָט זי אויסגעגעבען פאַר איהר מאַן, און זי האָט גענומען די שקלאַפינס איינע נאָך דער אַנדערער אויפ'ן פערהער, כדי אַרויסצובעקומען פון זיי, ווער ס'האָט זי אויסגעגעבען. אָבער אַלע האָבען איהר געשוואוירען, אַז דער פּאָפּוגיי האָט דאָס געטהון און אַז זיי אַליין האָבען געהערט, ווי ער האָט אַלצדינג איבערדערצעהלט. ווי זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי אויף דער צווייטער נאַכט, ווען איהר מאַן האָט געמוזט נעכטיגען ערגיץ אַנדערשוואו, בעפוילען אַ שקלאַפין צו ברייגגען אַ מיהל און זי צו שטעלען אונטער דער שטייג און מאָלען. אַ צווייטער שקלאַפין האָט זי בעפוילען, פון אויבען צו גיסען וואַסער איבער דער שטייג, און אַ דריטער—זי זאָל מיט אַ שטאָלענעם שפּיגעל אַ גאַנצע נאַכט לויפען אַהין און צוריק.

צו מאָרגענס אין-דער-פריה, אַז איהר מאַן האָט געלאָזט ברייגגען דעם פּאָפּוגיי און האָט איהם געפרעגט, וואָס האָט פּאַסירט ביי-נאַכט בשעת ער איז נישט געוועזן, האָט ער געזאָגט: „אָח, מיין האַר, ענטשולדיגט, אַ גאַנצע נאַכט ביז צום פריהמאָרגען האָט געדונערט און געבליצט און אַ רעגען האָט געגאָסען, אַז איך האָב

גאָרנישט געקאָנט זעהן און הערען". דאָס איז געווען פונקט זומער-צייט אין חודש תמוז. און דער מאַן האָט אויסגערופען: „וועה צו דיר! איצט איז דאָך נישט די רעגען-צייט!" אָבער דער פאָפוגיי האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע: „ביי גאָט, אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגענט, געדונערט און געבליצט." דאָ האָט דער מאַן גערעכענט פאַר זיכער, אַז אַזוי ווי איצט, האָט דער פאָפוגיי אויך דאָס פריהעריגע מאָל געזאָגט ליגען. פול צאָרן, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו איהם, אַרויסגענומען איהם פון שטייג, און איהם אַ שליידער געגעבען אויף דער ערד, אַז ער איז טויט געבליבען. דערנאָך אָבער האָט ער זיך דער-וואוסט פון זיינע שכנים, אַז דער פאָפוגיי האָט דאָך דערצעהלט די וואָהרהייט וועגען זיין פרוי, און ער איז אויך געוואָהר גע-וואָרען פון דעם שפיצעל, וואָס זיין ווייב האָט אָנגעשטעלט, און ער האָט חרטה געהאַט דערויף, וואָס ער האָט גע׳הרג׳עט דעם פאָפוגיי". אָבער די חרטה איז שוין געווען צו-שפעט און האָט נישט געקאָנט העלפען".

ווי דער וויזיר האָט אויסגעהערט די געשיכטע, האָט ער געזאָגט צום קעניג יונאַן: „אַלמעכטיגער קעניג, וואָסער שלעכטס האָב איך דען איהם געטהון, אָדער וואָסער בייז האָב איך פון איהם געליטען? נור ווייל איך זאָרג פאַר דיר, האָב איך אַזוי גערעדט, און דו וועסט נאָך דעם אמת וועגען דעם געוואָהר ווע-רען; וועסטו מיך פאָלגען, וועסטו זיין געראַטעוועט, וועסטו מיך אָבער נישט פאָלגען, וועסטו פערליערען דיין לעבען, אַזוי ווי יענער וויזיר האָט זיין לעבען פערלוירען, ווייל ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ פרינץ."

דער אונטרייער וויזיר און וואָס ס׳האָט פאַסירט דעם פרינץ מיט אַ נהולע.*)

אַמאָל איז געווען אַ קעניג, און ער האָט געהאַט אַ זוהן

*) אזא מין שד, וואָס האלט זיך אויף אין וויסטע ערטער, בעזונ־דערס אין אַ רואינע און אויף אַ בית־הקברות, דערנעהרט זיך פון פלייש

אַ גרויסער ליעבהאָבער פון געיעג, און אַ וויזיר האָט דער קעניג געהאַט, וואָס איהם איז איבערגעגעבען געוואָרען אַכטונג צו געבען אויף דעם זוהן אויף טריט און שריט. אַמאָל איז דער פרינץ בעגאַנגען אויף געיעג, בעלייט פון זיין פאָטער׳ס וויזיר, און זיי האָבען דערזעהן אַ גרויסע ווילדע חיה. דער וויזיר האָט אויסגעשריען: „היידאַ? נאָך איהר נאָך!” דער פרינץ האָט זיך געלאָזט נאָך דער חיה אין גאַלאָפּ, אַז ער איז פון די אויגען פערשוואונדען, אָבער אויך די חיה איז אין סטעפּ פערשוואונדען געוואָרען פון זיינע אויגען. ווי ער איז אַזוי שטעהן געבליבען אונבעהאָלפען, נישט צו וויסען, וואו זיך צו קעהרען און צו ווענדען, האָט ער פּלוצלונג דערזעהן אַ מיידעל שטעהן אויפ׳ן וועג פערוויינט. דער פרינץ האָט געפרעגט: „ווער ביזטו?” זי האָט געענטפערט: „איך בין אַן׳אינדישע פרינצעסין, אַ קעניג׳ס טאָכטער; אַ מיעדקייט איז מיך בעפאַלען דאָ אין סטעפּ, איך בין אַראָבגעפאַלען פון פערד, נישט פיהלענדיג קיין זאַך, און אַזוי בין איך דאָ געבליבען שטעהן פערלאָזען און אונבעהאָלפען.” ווי דער פרינץ האָט דאָס דערהערט, האָט ער בעקומען רחמנות אויף איהר לאַגע און האָט זי אַרויפגענומען צו זיך אויפ׳ן פערד. אין אַ קורצער ווילע אַרום זענען זיי פאַרביי אַ רואינע, און דאָס מיידעל האָט איהם געבעטען: „מיין הער, איך וויל דאָ אַראָבגעהן אויף אַ מינוט.” ער האָט זי געלאָזט אַראָב פון פערד, דאָך איז זי לאַנג נישט צוריקגעקומען, אַז דער פרינץ האָט גענומען זאָרגען, וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט, און אונבעמערקט איז ער איהר נאָכגעגאַנגען. דאָ איז ער פּלוצלונג געוואָהר געוואָרען, אַז זי איז אַ גהולע,* וויל ער האָט געהערט, ווי זי האָט געזאָגט צו איהרע קליינע: „קינדער, איך ברייננ אייך אַ פעטע יונגעל.” די קליינע האָבען גערופען: „מאַמע, ברייננ איהם גיכער, און מיר וועלען איהם אויפפרעסען.” ווי דער פרינץ האָט דאָס געשרעהן דער-

---

* פון די טויטע; קאן אננעהמען אַ מענשליכע געשטאַלט און פערפידרען אַ רייזענדען.

הערס, האָט ער גערעכענט, אַז ער איז פערלוירען. מיט ציטערדיגע מוסקולען און אין טויט-שרעק האָט ער גענומען געהן צוריק. ווי די גהולע איז ווידער אַרויסגעקומען צו איהם און האָט איהם געזעהן ציטערן פאַר שרעק, האָט זי געפרעגט: „וואָס שרעקסטו דיך?“ ער האָט געענטפערט: „איך האָב אַ פיינד, און פאַר איהם שרעק איך מיך.“ די גהולע האָט געזאָגט: „צי האָסטו דען נישט געזאָגט, אַז דו ביזט אַ פרינץ?“ „יאָ“,—האָט ער געענטפערט. „נו, גוט, האָט זי געזאָגט. פאַרוואָס גיסטו דיין פיינד נישט קיין געלד און שטעלסט איהם דערמיט צופריעדען?“ ער האָט געענטפערט: „מיט געלד וועט ער זיך נישט צופריעדען לאָזען, ער וויל מיין לעבען האָבען; איך האָב מורא פאַר איהם, איך בין אונשולדיג.“ זי האָט געזאָגט: „אויב דו ביזט אונשולדיג, אַזוי ווי דו זאָגסט, פערטרוי דיך אָן צו גאָט, ער וועט דיך אויסלעזען פון דעם בייז, וואָס דיין פיינד פלאַנעוועט, און פון אַלעם בייזען, פאַרוואָס דו האָסט מורא.“ און דער פרינץ האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ צום הימעל און האָט געבעטען: „אָ, דו, וואָס דו דערהערסט דאָס קול פון דעם געדריקטען, ווען ער רופט צו דיר, וואָס דו דעקסט-אויף אַלע בייזע מחשבות, העלף מיר קעגען מיין פיינד, און פיהר איהם אַוועק פון מיר! ווייל דו קאָנסט דאָך טהון אַלץ, וואָס דו ווילסט.“ ווי די גהולע האָט זיין געבעט דערהערט, איז זי אַנטלאָפען. דער פרינץ איז געקומען צוריק צו זיין פאָטער און האָט איהם דערצעהלט, וואָס דער וויזיר האָט מיט איהם געמאַכט.

פאָרטזעצונג פון דער געשיכטע פון קעניג יונאַן.

אַזוי אויך דו, גרויסער קעניג! אויב דו וועסט דעם חכים שענקען דיין פערטרויען, וועט ער דיך אויפ'ן שענדליכסטען אופן אומברייגגען; און אויב דו וועסט איהם דיין גנאָד אַרויסווייזען און וועסט איהם מאַכען פאַר אַ נאָהנטען לייב-מענש, וועט ער נור טראַכטען, ווי אַזוי דיר שלעכטס צו טהון. צי זעהסטו נישט און גלויבסט נישט, אַז פונקט אַזוי ווי ער האָט געקאָנט מאַכען דיין קערפער געזונד, דורכדעם, וואָס ער האָט דיר געגעבען צו

האלטען א זאך אין האנד אריין, פונקט אזוי קאן ער דיך אומ-
בריינגען אויף דעמזעלבען אופן?"

דא האט דער קעניג יונאן געזאגט: „דו האסט רעכט. עס
יועטווירקליך אזוי געשעהן, ווי דו זאגסט, דו קלוגער וויזיר.
אפשר איז גאר דעם חכים אהער געקומען אלס שפיאן, כדי מיך
אומצובריינגען. אזוי ווי ער האט מיך געהיילט דורכדעם, וואס
ער האט מיר גענעבען א זאך אנצונעהמען, אזוי קאן ער מיך
אויך אומבריינגען, ווען ער וועט מיר געבען עפיס צו שמעקען."
און ער האט געפרעגט דעם וויזיר: „וואס זאל איך טהון מיט
איהם, וויזיר?" דער וויזיר האט געענטפערט: „לאז באלד שיקען
נאך איהם, און ווי נור ער וועט קומען, זאלסטו איהם אבהאקען
דעם קאפ, וועסטו האבען איהם בעצאהלט פאר זיין רשעות, און
דו וועסט רוה האבען פון איהם. בעסער איז, דו זאלסט איהם
אונטריי ווערען, איידער ער וועט דיר אונטריי ווערען." דער קעניג
יונאן האט געזאגט: „דו ביזט גערעכט, וויזיר." און ער האט גע-
הייסען בריינגען דעם חכים, און ווי דער חכים איז אריינגעקו-
מען, פרעהליך און לוסטיג, נישט וויסענדיג פון דעם מזל, וואס
דער בארמהארציגער גאט גרייט-צו פאר איהם, אזוי ווי דער
דיכטער זאגט:

נישט זיי בעזארגט פון מזל דיינעם
און בוי אויף גאט, וואס דיך בעשאפען האט.
וועסט נישט אויסמיידען וואס בעשערט איז;
וואס נישט בעשערט—וועט דיך נישט טרעפען.

האט ער בעגריסט דעם קעניג מיט די ווערטער פון דיכטער:

פערגעס איך דעם הארציגען דאנק, וואס איך קום דיר,
דאן פרעג מיך צו וועמען איך ווידמע די ליעדער.
דו האסט מיט מתנות זעהר פיעל מיך בעשאנקען,
פארוואס-זשע זאל איך דען דיין רוהם נישט פערשפרייטען!

ווייטער האט ער געזאגט די פערזען:

קעהר דיך אב פון זארגען,
אויף דעם מזל זיך פערלאז,
פרעה זיך מיט דעם גליק פון היינט
און פערגעס אלץ, וואס געווען.

איז דאָס מזל ב׳טער איוך,
ויעט דער סוף דאָך הערליך זי׳,
גאָט טהוט וואָס ער וויל; צי דען
ווילסטו איהם זיך שטעל׳ן אין וועג?

ווייטער:

טרוי׳אָן דיינע וועגען די קלוגע, געלערנטע,
און פריי וועסטו ווער׳ען פון אַלצדינג אַרום;
זיי וויסען, דאָס מזל געהאָרכט נישט דיין ווילען,
נור גאָט, דעם, וואָס לענקט אַל׳ץ און פיהרט

און צום סוף נאָך דאָס שפּריכוואָרט:

נישט קימער זיך, פערגעס די זאָרגען,
דעם קל׳גסטענס שכל זיי בעטריבען.
עס פּאַסט אַ קניעכט נישט איבערלעגונג,
פערלאָז די זאָרג און לעב אין גליק.

אָבער דער קעניג האָט זיך אָנגערופען צום חכם רויאַן: „צי ווייסטו, צו וואָס איך האָב דיך גערופען?״ דער חכם האָט געענטפערט: „נור גאָט דער דערהאַבענער ווייסט אַלע סודות.״ דער קעניג האָט געזאָגט: „איך האָב דיך געהייסען קומען, כדי דיר דאָס לעבען צו נעהמען.״ דער חכם, זעהר בע-טריבט פון קעניג׳ס ווערטער, האָט געפרעגט: „פאַרוואָס, אָ, קע-ניג, ווילסטו מיך טויטען, און וואָסערע פערברעכען האָסטו מיר אויפצעווייזען?״ דער קעניג האָט געענטפערט: „מען האָט מיר געזאָגט, דו ביזט אַ שפּיאָן, און אַז דו ביזט נור אַהער געקומען, כדי מיך אומצובריינגען! דערום וועל איך מיך מקדים זיין און וועל דיך לאָזען טויטען.״ און דער קעניג האָט צוגערופען דעם תלין און האָט אַרויסגעזאָגט דעם בעפעהל: „האַק-אָב דעם קאָפּ דעם דאָזיגען פעררעטער און בעפריי אונז פון זיינע בייזע פּלע-נער!״ און דער חכם האָט געבעטען: „שענק מיר מיין לעבען וועט דיר גאָט שענקען לעבען; טויט מיך נישט, וועט גאָט דיך נישט טויטען.״ און ער האָט געוויינט פאַר איהם, געבעטען און געוויינט, אַזוי ווי איך איצט פאַר דיר, אָ, איפריט, טהו בעטע און דו האָרכסט מיך נישט, נור דו בעגעהרסט מיין טויט. אָבער

דער קעניג יונאן האט געענטפערט דעם חכם רויאן אויף זיין געבעט: „איך בין נישט זיכער מיט דיר, אז דו וועסט מיך נישט אומבריינגען, ווייל אויב דו האסט מיך געהיילט דורכדעם, וואס דו האסט מיר געגעבען א זאך צו נעהמען אין האנד אריין, ווי בין איך זיכער, אז דו וועסט מיך נישט אומבריינגען דורכדעם, וואס דו וועסט מיר געבען עפיס צו שמעקען אדער דעס־גלייכען?" דערויף האט דער חכם געזאגט: „צי זאל דאס זיין מיין לוין פון דיר? דו פערגעלטסט גוטס מיט שלעכטס." אבער דער קעניג האט ערקלערט: „דו מוזט באלד שטארבען."

און ווי דער חכם האט געזעהן, אז ס'העלפט קיין זאך נישט, אז דער קעניג וועט איהם לאזען טויטען אהן רחמנות, האט ער געוויינט פאר צער, וואס ער האט גוטס געטהון אנ־אומווירדיגען מענשען; דער תלין איז צוגעגאנגען, איהם די אוי־גען צו פערבינדען, און ווי ער האט דאס געהאט געטהון, האט ער גערופען צום קעניג: „בעפעהל!" און דער חכם האט אלץ געבעטען מיט טרעהרען: „שענק מיר מיין לעבען, וועט דיר גאט שענקען לעבען; טויט מיך נישט, וועט דיך גאט נישט טויטען." און ער האט געזאגט די ווערטער פון דיכטער:

מיין גוטע עצה איז געווען מיין אומגליק,
איהר פאלשקייט אבער איז איהר גליק געווען;
אין תפיסה האט מיין עצה מיך געבראכט
וואלט איך געלעבט, וואלט איך שוין שטענדיג שווייגען,
ניר שטארבען מוז איך,—נעהמט דערפון
אראב א מוסר, א, איהר עצה־געבער.

און ער האט זיך ווידער געווענדעט צום קעניג און צו איהם געזאגט: „צי איז דאס מיין לוין פון דיר? דו בעלוינסט אזוי ווי א קראקאדיל". האט איהם דער קעניג געפרעגט: „וואס איז דאס פאר א געשיכטע מיט דער קראקאדיל? אבער דער חכם האט איהם געענטפערט: „ווי אזוי בין איך אומשטאנד דיר די געשיכטע צו דערצעהלען, אז איך געפין מיך אין אזא לאגע? ביי גאט, לאז מיך לעבען, וועט גאט דיך אויך לאזען לעבען", און ער האט ביטער געוויינט דערביי. האט זיך אויפגעהויבען איינער

פון די, וואָס דער קעניג איז צו זיי געווען גוט געגויגט, און האָט געבעטען: „אָ, קעניג! שענק מיר דאָס בלוט פון דעם חכם; מיר האָבען נישט בעמערקט, אַז ער זאָל האָבען בעגאַנגען עפּיס אַ פערברעכען קעגען דיר; פערקעהרט אָבער האָבען מיר געזעהן, אַז ער האָט דיך געהיילט פון דיין קראַנקהייט, וואָס די דאָק-טוירים און געלערנטע האָבען זיך אומזיסט געבראָכען די קעפּ וועגען איהר". אָבער דער קעניג האָט איהם געגעבען אַנ'ענט-פער: „איהר ווייסט נישט, פאַרוואָס איך מוז אָט דעם חכם לאָ-זען אומברייינגען. אויב ער בלייבטביים לעבען, וועל איך זיכער אומקומען, ווייל דער, וואָס האָט מיך געקאָנט היילען פון מיין קראַנקהייט דורכדעם, וואָס ער האָט געגעבען אַ זאַך אין מיין האַנד אַריין, קאָן מיך אויך טויטען דורך עפּיס, וואָס ער וועט מיר געבען צו שמעקען. איך האָב מורא, אַז ער האָט בייזע מחשבות וועגען מיין לעבען און אַז ער איז דערצו געדונגען. צי קאָן ער נישט זיין אַ שפּיאָן, וואָס איז עקסטרא אַהער גע-קומען מיך אומצוברייינגען? נישט פריהער איידער ער איז טויט וועל איך זיכער זיין מיט מיין לעבען". דאָ האָט ווידער דער חכם אָנגעהויבען צו בעטען: „לאָז מיך ביים לעבען, וועט דיך גאָט לאָזען לעבען". אָבער ווי ער האָט זיך איבערצייגט — אָ, איפּריט, — אַז דער קעניג האָט איהם אָהן רחמנות פער'משפּט צום טויט, האָט ער געזאָגט: „אויב דאָס מוז שוין אַזוי זיין, גרויסער קעניג, אַז איך מוז שטאַרבען, גיב מיר חאָטש אַרויס אַ טערמין, אַז איך זאָל קאָנען צוריקקעהרען צו מיין הויז, מיך צו מאַכען גרייט, אַרויסגעבען מיין פאַמיליע און מיינע שכנים פעראָרדנונ-גען וועגען מיין קבורה און איינצוטיילען מיינע מעדיצינישע ביכער. צווישען זיי געפינט זיך גאָר אַ ספּעציעל בוך, וואָס איך וויל דיר איבערלאָזען אַ מתנה, דו זאָלסט עס גוט בעהאַלטען אין דיין שאַץ-קאַמער". דאָ האָט איהם דער קעניג געפרעגט: „וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ בוך?" דער חכם האָט געענטפערט: „פערשיעדענע זאַכען שטעהען דערין, און דאָס קלענסטע פון זיינע סודות איז אָט וואָס: אַז ווען דו וועסט האָבען אַראָבגע-נומען מיין קאָפּ, און דו וועסט דאָס בוך עפענען און דריי זיי-

טען איבערבלעטערן און ווּעסט דערנאָך לייענען דריי שורות אויף דער זעקסטער זייט, וועט מיין קאָפּ אָנהויבען צו ריידען מיט דיר און וועט דיר ענטפערן אויף אַלע פראַגען". דער קעניג האָט זיך אויף דאָס ניי שטאַרק פערוואונדערט און ער האָט איהם געפרעגט לאַכענדיג און פרעהליך: „חכים, וועט דיין קאָפּ באמת טאַקע ריידען, אַז איך וועל איהם האָבען אָבגעהאַקט?" „זיכער, קעניג, האָט ער געענטפערט, דאָס איז אַ וואונדערליכע זאַך".

און דער קעניג האָט איהם אָבגעלאָזט אונטער אַ וואַך צו זיין הויז, וואו ער האָט נאָך דעמזעלבען טאָג אַלע זיינע געשעפטען געבראַכט אין אָרדנונג. צו מאָרגענס איז ער ווידער געקומען אין דיוואַן, וואו עס האָבען זיך פערזאַמעלט די עמירען, וויזירען, דעפוטירטע און אַלע גרויסע לייט פון דער מלוכה אין אַ פולער צאָהל, אַזוי אַז דער דיוואַן איז גלייך געווען צו אַ בלומען-גאָרטען. מיט אַנ'אַלט בוך און מיט אַ ביקסעל פולווער איז ער צוגעגאַנגען צום קעניג, זיך אַנידערגעזעצט און האָט אויסגערופען: „ברייננט מיר אַ טאָוועל". דאַן האָט ער אויסגעשאָטען דעם שטויב אויף דער טאָוועל און האָט איהם פונאַנדערגעשפרייט און האָט געזאָגט צום קעניג: „נעהם דאָס בוך, אָבער דו זאָלסט עס שטיל האַלטען, ביז מען וועט מיר אָבהאַקען דעם קאָפּ. דאַן זאָלסטו הייסען שטעלען דעם קאָפּ אויף דער טאָוועל און פעסט איהם דריקען אויף דעם פולווער, ביז דאָס בלוט וועט אויפהערען צו רינען, און דאַן זאָלסטו עפענען דאָס בוך".

אַז דער תלין האָט אָבגעשלאָגען דעם קאָפּ און האָט געטהון אַלץ, אַזוי ווי דער חכים האָט געזאָגט, האָט דער קעניג געעפענט דאָס בוך, אָבער ער האָט געפונען, אַז די בלעטער זענען צוזאַמענגעקלעפּט. ער האָט דעריבער אַריינגעשטעקט דעם פינגער, האָט איהם בענעצט מיט שפּייעכץ, אויפגעבלעטערט איין בלאַט, דערנאָך ווידער בענעצט דעם פינגער, אויפגעבלעטערט דאָס צווייטע און אויך דאָס דריטע, אָבער דאָרט איז גאָרנישט געשטאַנען געשריבען, האָט ער ווייטער געבלעטערט, ביז ער איז געקומען צום זעקסטען בלאַט און ער האָט אויסגעשריען: „חכים, דאָ שטעהט דאָך גאָרנישט געשריבען!" דאָ האָט דער קאָפּ פון

חכים געענטפערט: „בלעטער נור ווייטער!“ דער קעניג האט ווייטער געבלעטערט. אבער דערווייל איז זיין קערפער שוין געווארען אנגעשטעקט מיט דעם גיפט, וואס דער חכים האט אונטערגעלעגט אונטער'ן בוך. און דער קעניג האט זיך פלוצלונג אנגעהויבען צו וואקלען אהין און צוריק און האט געשריען: „איך בין פערגיפטעט!“ דא האט דער קאפ פון חכים רויאן געזאגט די פערזען:

ווען זיי וואלטען מיט גערעכטיגקייט רעגירען
וואלטען זיי גערעכטיגקייט געהאט פאר זיין
אבער איצט נקמה נעהמט דאס מזל ביי זיי,
און עס רופט צו זיי אויף א הויכער קלארער שפראך:
דאס פערשאפט האט איהר אייך, נישט בעקלאגט די צייט.

און נאכדעם, ווי דער קאפ האט די ווערטער ארויסגערעדט, איז דער קעניג יונאן געפאלען טויט אויף דער ערד.

זעקסטע נאכט.

פארטזעצונג פון דער געשיכטע מיט'ן פישער.

„זיי וויסען, א, איפריט, אז ווען דער קעניג יונאן וואלט דעם חכים רויאן געלאזט ביים לעבען, וואלט גאט איהם אויך געשוינט; נור אזוי ווי ער האט דאס נישט געוואלט און האט נור געטראכט איהם אומצובריינגען, האט איהם גאט אויך בעשטראפט מיט טויט. אזוי אויך דו, איפריט! ווען דו וואלסט מיך גערנוויליג געלאזט לעבען, וואלט איך דיך איצט אויך געשוינט. איצט אבער וועל איך דיך ווארפען אין ים אריין, צו, פערשפארט אין דער פלאש, זאלסטו אומקומען“. דער איפריט האט אויסגעשריען: „ביי גאט, פישער, טהו דאס נישט; זיי גנעדיג און בעשטראף מיך נישט פאר מיין בייזקייט. האב איך דיר שלעכטס געטהון, טהו דו גוטס; איז דאך פארהאן צווישען די שפריכווערטער איינס, וואס זאגט: „טהו גוטס דעם, וואס האט דיר שלעכטס געטהון; דער בייזער האט גענוג זיין איי-

גען שלעכטס״. טהו נישט מיר אַזוי ווי אַזמאַמע מיט אַטיקע״.
דאָ האָט דער פישער געפרעגט: „וואָס איז דען מיט זיי ביידען
געשעהן?״ דער איפריט האָט געענטפערט: „דאָס איז נישט קיין
צייט צו דערצעהלען געשיכטען, בשעת איך בין פערשפאַרט; אַז
דו וועסט מיך אַרויסלאָזען, וועל איך דיר דערצעהלען די גע-
שיכטע״. אָבער דער פישער האָט געזאָגט: „איך וועל דיר אום-
בעדינגט וואַרפען אין ים אַריין, אַז דו זאָלסט קיינמאָל שוין נישט
אַרויסקומען. ווען איך האָב געפרובט וויך צו מאַכען דיין האַרץ
און האָב מיך פאַר דיר ערנידעריגט, האָסט דו אָבער נישט אַנדערש
געוואָלט נור מיין טויט, האָטש איך האָב מיט קיין שום זאַך קע-
גען דיר נישט געזינדיגט, ווייל איך האָב דאָך דיר קיין שלעכטס,
נור גוטס געטהון, וואָס איך האָב דיר אַרויסגענומען פון וואַסער
און בעפרייט פון דיין תּפיסה. נאָכדעם אָבער ווי דו ביזט זיך
אַזוי בעגאַנגען קעגען מיר, ווייס איך איצט, אַז דיין נאַטור איז
שלעכט. זיי וויסען, אַז נור צוליעב דעם וואַרף איך דיך נישט
אין ים אַריין, כדי אַז אויב עמיץ וועט דיך ווידער אַרויסנעה-
מען, זאָל איך איהם דערצעהלען וועגען דיר און איהם וואָרע-
נען, און ער זאָל דיך צום צווייטען מאָל אַריינוואַרפען אין ים
אַריין, און דאָ אויפ׳ן אָבגרונט זאָלסטו ליעגען ביז צום סוף פון
אַלע צייטען, און דו זאָלסט פיהלען דעם טעם פון אַלע פער-
שידענע שטראָפען״.

אָבער דער איפריט האָט איהם געבעטען: „לאָז מיך פריי
אין דער איצטיגער צייט פון מענשליכקייט: איך שווער דיר צו,
אַז איך וועל דיר מעהר קיין שום בייז נישט טהון, נור דיר אַ
הילף אַרויסווייזען, וואָס דו וועסט האָבען פון איהר גרויסען נו-
צען און וועט דיך אויף שטענדיג מאַכען רייך״. האָט דער פי-
שער ביי איהם גענומען אַ שבועה, אַז אויב ער וועט איהם לאָזען
פריי, וועט ער איהם קיין שלעכטס נישט טהון, נור גוטס, און
ער האָט געעפענט די פלאַש, נאָכדעם ווי דער איפריט האָט דורך
אָנרופען דעם העכסטען נאָמען פון גאָט בעקרעפטיגט זיין שבועה.
באַלד האָט דער רויך ווידער זיך געטראָגען פון פלאַש ביז ער
איז אינגאַנצען אַרויס, און האָט זיך ווידער צוזאַמענגעצויגען און

פון איהם איז געוואָרען אַן׳איפריט מיט אַ שרעקליכער געשטאַלט, וואָס האָט דורך איין שליידער מיט׳ן פוס געשליידערט די פלאַש אין ים אַריין. ווי דער פישער האָט דאָס געזעהן, האָט ער זיכער געמיינט, אַז זיין סוף איז געקומען און ער האָט גערעדט צו זיך: „דאָס איז אַ שלעכטער צייכען״. דאַן אָבער האָט ער גע־שטאַרקט זיין האַרץ און האָט געזאָגט: „אָ, איפריט, גאָט דער דערהאַבענער האָט געזאָגט, זאָלסט האַלטען דיין שבועה, ווייל דיין שבועה וועט ווערען געבראַכט פאַר׳ן משפט. דו האָסט מיר צוגעזאָגט און געשוואָרען, נישט צו טהון אַ פערראַט קעגען מיר. וועסטו יאָ טהון פערראַט, וועט גאָט דאָס דיר פערגעלטען, ווייל ער איז אַן׳אל קנא ונוקם; ער איז מוחל, אָדער ער פערגעסט נישט. איך האָב צו דיר גערעדט אַזוי ווי דער חכים רויאַן האָט גערעדט צום קעניג יונאַן: „לאָז מיך ביים לעבען, וועט דיך גאָט לאָזען לעבען״.

דער איפריט איז געגאַנגען פאָראויס, האָט געלאַכט און געזאָגט: „געה מיר נאָך, פישער״, און דער פישער, וואָס האָט אַלץ זיך נאָך געשראָקען, איז איהם נאָכגעגאַנגען, ביז די שטאָדט איז שוין געלעגען הינטער זיי, און געהענדיג איבער אַ באַרג זענען זיי אָנגעקומען אין אַ וויטען סטעפ אַריין, און אין מיטען דעם סטעפ איז געווען אַ גרויס שטעהענדיג וואַסער. דער איפריט האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געהייסען דעם פישער, ער זאָל אויסשפרייטען זיין נעץ. ווי דער פישער האָט זיך גוט איינגע־קוקט אין וואַסער, האָט ער צו זיין גרויס פערוואונדערונג גע־זעהן דאָרט אַרומשווימען ווייסע, רויטע, בלאָהע און געלע פיש. ער האָט אויסגעשפרייט זיין נעץ, און צו זיין גרויסער פרייד האָט ער אַרויסגעצויגען פיער פיש, יעדער מיט אַ בעזונדערער פאַרב. דאָ האָט דער איפריט צו איהם געזאָגט: „געה מיט די פיש צום סולטן און ברייננ זיי איהם פאַר אַ מתנה, ער וועט דיך רייך בעלוינען פאַר זיי. ענטשולדיג מיר. אין דער איצטיגער מינוט ווייס איך נישט, מיט וואָס נאָך עפּיס אַנדערש דיר אָבצוצאָהלען אי מיט די פיש, ווייל איך בין דאָך אַכטצעהן הונדערט יאָהר געלעגען אין ים, און ערשט איצט ווידער אָנגעקוקט די וועלט.

אָבער דו זאָלסט פישען דאָ נור איינמאָל אין טאָג. גאָט בעשיץ דיך". ביי די ווערטער האָט ער אָנגעקלאַפּט אויפ'ן באָדען, און די ערד האָט זיך געשפּאָלטען און איהם איינגעשלונגען.

פול פערוואונדערונג, איז דער פישער געגאַנגען אין שטאָדט אריין און געטראָגען די פיש אַהיים צו זיך. דאָרט האָט ער די פיש אַריינגעלאָזט אין אַנ'ערדענעם טאָפּ, פול מיט וואַסער, און אַזוי האָט ער די פיש, וואָס האָבען געצאַפּעלט אין וואסער, גע-טראָגען אויף זיין קאָפּ אין קעניגליכען שלאָס אַריין, אַזוי ווי דער איפריט האָט איהם געהייסען טהון. ווי מען האָט איהם געבראַכט צום קעניג, האָט ער איהם איבערגעגעבען די פיש, און דער קע-ניג איז געווען זעהר ערשטוינט, ווי ער האָט זיי דערזעהן, ווייל ער האָט נאָך אין זיין לעבען נישט געזעהן פיש פון אַזאַ אַרט און אויסזעהן, און ער האָט זיי געהייסען איבערגעבען דער קע-כין, וואָס איהם האָט ערשט פאַר דריי טאָג צוגעשיקט דער קע-ניג פון רוים, און וואָס איהר קאָך-קונסט האָט ער נאָך נישט גע-האַט אויסגעפּרובירט. דער וויזיר האָט בעפוילען דער קעכין, זי זאָל זיי אָבבראָטען, און ער האָט צו איהר נאָך געזאָגט די ווערטער: „שקלאַפין, דורך מיר גיט דער קעניג דעם בעפעהל: איך האָב טרעהרען אָבגעשפּאָרט נור פאַר מיין אומגליק. דערריי-בער זאָלסטו דערהייטערן אונזער געמיט דורך דיין קונסט, און פלייס זיך צו טהון וואָס דו קאָנסט; היינט ערשט האָט זיי עמיץ געבראַכט דעם קעניג פאַר אַ מתנה". דער וויזיר האָט צוריקגעקעהרט צום קעניג און האָט בעקומען דעם בעפעהל אויס-צוצאָהלען דעם פישער פיער הונדערט דינר, דער וויזיר האָט אַזוי געטהון, און דער פישער האָט דאָס געלד גענומען אין זיין שויס, איז פרעהליך צוריקגעגאַנגען צו זיין ווייב אַהיים, און האָט איינגעקויפט פאַר זיין הויזגעזינד אַלץ, וואָס נויטיג.

דאָס אַלץ, וואָס אָנבעלאַנגט דעם פישער; די קעכין אָבער האָט דערווייל גענומען די פיש, זיי גערייניגט און געלעגט אויף דער פאַן, און גראָד האָט זי זיי געוואָלט איבערקעהרען אויף דער צווייטער זייט, ווייל אויף איין זייט זענען זיי שוין געווען גע-בראָטען, האָט זי אין דער מינוט פלוצלונג געעפענט די האַנד און עס איז אַרויס אַ הויך-געוואַקסען, בילד-שען מיידעל מיט אַ

ליעבליך אויסזעהן און הערליך פנים, מיט אויגען ווי מיט אַנטימאַן געשוואַרצט, אויפ׳ן קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ קופּיע*) פון בלאָהע זייד, אויערינגלעך אין די אויערן בראַסלעטען אויף דער האַנד, רינגען מיט טייערע בריליאַנטען און דימענטען אויף די פינגער, און אין דער האַנד האָט זי געהאַלטען אַ רוט פון באַמבוס. צוקומענדיג צום פייער, האָט זי מיט דער רוט אַ קלאַפּ געגעבען איבער דער פאַן און האָט געזאָגט: איהר פיש! די האַלט איהר אייער שבועה?״ ווי די קעכין האָט דאָס געזעהן און געהערט, איז זי געפאַלען אין חלשות, אָבער דאָס מיידעל האָט די פראַגע איבערגע׳חזר׳ט נאָך צוויי מאָל, דערויף האָבען די פיש געהויבען די קעפּ פון דער פאַן אַרויס און האָבען געענטפערט: „יאָ, יאָ,״ און זיי האָבען אַלע צוזאַמען געזאָגט די פערזען:

„קומסטו ווידער, דאַן קומען מיר אויך,
בלייבסט געטריי דו, פערבלייבען אויך מיר,
ווילסטו לויפען—אַנטלויפען מיר אויך״.

זיעבטע נאַכט.

דאָס מיידעל האָט באַלד אומגעקעהרט די פאַן און איז פערשוואונדען, אַזוי ווי זי איז געקומען, און די וואַנד פון קיך האָט זיך פערמאַכט הינטער איהר. אַז די קעכין איז ווידער געקומען צו זיך פון חלשות און זי האָט דערזעהן, אַז די פיער פיש זעגען דערווייל פערברענט געוואָרען אויף שוואַרצע קויהלען, האָט זי אויסגערופען: „אין ערשטען שטרייט האָט ער צובראָכען זיין שווערד״. און ווי זי האָט אַלץ נאָך געשאָלטען זיך אַליין, איז שוין דער וויזיר געשטאַנען נעבען איהר און האָט געזאָגט: גיב מיר די פיש פאַר׳ן סולטאַן״. האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען און האָט איהם דערצעהלט, וואָס ס׳האָט פאַסירט. דער וויזיר האָט

---

*)פיער־עקיג קאָפּ־טוך.

זיך זעהר געוואונדערט און האָט געזאָגט: „דאָס איז אַ וואונדער-ליכע געשיכטע". ער האָט געלאָזט ברייננגען דעם פישער און האָט צו איהם געזאָגט: „פישער, דו זאָלסט אונז ברייננגען נאָך פיער פיש, פונקט אַזוי ווי יענע". דער פישער איז אַרויס צום וואַסער, האָט אויסגעשפרייט די נעץ, און ווי ער האָט זי אַרויסגעצויגען, זענען אין איהר געווען פונקט אַזוינע פיער פיש. ער האָט זיי געבראַכט אין שלאָס אַריין, דער וויזיר האָט זיי איבער-געגעבען דער קעכין און האָט בעפוילען: „האָרך! בראָט-אָב די פיש פאַר מיר, כדי איך זאָל דאָס אַלץ זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען". די קעכין האָט זיך גענומען צום בראָטען. צוערשט האָט זי אָבגערייניגט די פיש, דערנאָך האָט זי זיי געלעגט אויף דער פאַן און האָט זיי געשטעלט אויפ'ן פייער אַרויף. באַלד האָט זיך די וואַנד ווידער געעפענט, און דאָס מיידעל איז אַרויס אין דעמזעלבען טראַכט און מיט דער רוט אין דער האַנד; ווידער האָט זי מיט דער רוט אָנגעריהרט די פאַן און האָט אויסגערו-פען: „פיש, איהר פיש! צי האַלט איהר די שבועה?" און די פיש האָבען געהויבען די קעפּ פון פאַן אויף יאָ און האָבען געזאָגט די פערזען:

„קומסטו ווידער, דאַן קומען מיר אויך,
בלייבסט דו געטריי—פערבלייבען אויך מיר,
ווילסטו לויפען—אנטלויפען מיר אויך."

און דאָס מיידעל האָט מיט דער רוט אומגעקעהרט די פאַן, איז פערשוואונדען פונקט אַזוי ווי זי איז געקומען, און די וואַנד האָט זיך פערמאַכט הינטער איהר. ווי זי איז אַוועק, איז דער וויזיר אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט: „דאָס דאַרף פון קעניג נישט פערהוילען ווערען". און ער איז געגאַנגען צום קעניג און האָט איהם דערצעהלט, וואָס ס'האָט פאַסירט פאַר איהם אַליין אין די אויגען. דער קעניג האָט געזאָגט: „איך מוז דאָס זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען". ער האָט געהייסען ברייננגען דעם פישער און האָט איהם בעפוילען, אַז אין פערלויף פון דריי טאָג זאָל ער ברייננגען נאָך אַזוינע פיער פיש. דער פישער איז געגאַנגען צום וואַסער און האָט באַלד געבראַכט די פיש, און ער האָט בעקו-

מען דערפאַר פון סולטאַן פיער הונדערט גאָלדשטיק. דער קעניג האָט זיך געווענדעט מיט די פיש צום ווזיר און האָט צו איהם געזאָגט: „בראָט דו אַליין די פיש פאַר מיר אין די אויגען". דער וויזיר האָט געענטפערט: „איך הער און געהאָרך". ער האָט גענומען די פיש, זיי אָבגעריינעגט און געלעגט אויף דער פאַן. ווי ער האָט זיי אומגעקעהרט, האָט זיך די וואַנד פלוצלונג געשפּאָלטען, און אַ ריעזיגער שקלאַף, גרויס ווי אַ ווילדער אָקס, אָדער אַזוי ווי אַ שפּראָץ פון שבט עַד*), איז אַרויסגעקומען. אין זיין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ גרינע צווייג פון אַ בוים און ער האָט אויסגערופען מיט אַ קלאָרער שטים, וואָס האָט געשניטען אין אַלע ביינער: „פיש, איהר פיש! צי האַלט איהר די שבועה?" און די פיש האָבען ווידער געהויבען די קעפּ פון דער פאַן, געענטפערט „יאָ", און האָבען געזאָגט די פערזען:

„קומסטו ווידער, דאַן קומען מיר אויך,
בלייבסט דו געטריי—פערבלייבען אויך מיר,
ווילסטו לויפען—אַנטלויפען מיר אויך".

דאַן האָט זיך דער שקלאַף דערנעהנטערט צו דער פאַן, האָט מיט דער צווייג אומגעקעהרט די פאַן, אַז פון די פיש איז געוואָרען שוואַרצע קויהלען, און ער איז פערשוואונדען, אַזוי ווי ער איז געקומען. דער קעניג האָט זיך אָנגערופען: „דאָס איז אַ פּאָרפאַל, וואָס מען דאַרף נישט פערשווייגען; מיט דעם פישער מוז עפּיס נישט זיין גלאַטיג". ער האָט געהייסען ברייגנען דעם פישער און האָט איהם געפרעגט: „ווי אַזוי האָסטו געחאַפּט די פיש?" דער פישער האָט געענטפערט: „אין אַ וואַסער צווישען די בערג, אונטער דעם באַרג, וואָס דערהויבט זיך הינטער דער שטאָדט".

און דער קעניג האָט ווייטער אויסגעפאָרשט דעם פישער: „וויפיעל טאָג-גאַנג פון דאַנען איז דאָס?" דער פישער האָט גע-

---

*) אַן'אַלט אַראַבישׁ לעגענדאַרישׁ ריעזיג פאָלק, וואָס גאָט האָט עס פערניכטעט, ווייל עס האָט נישט געוואָלט פאָלגען דעם נביא הוד, וואָס איז צו זיי געשיקט געוואָרען.

ענטפערט: „אך, מיין האר און סולטאן! קוים א האלבע שעה פון דאנען." דער קעניג האט זיך זעהר געוואונדערט און ער האט בעפוילען, אז דאס מיליטער זאל באלד ארויסמארשירען צוזאמען מיט'ן פישער. דאס מיליטער האט זיך געלאזט אין וועג נאך דעם פישער, וואס האט געהאלטען אין איין שילטען דעם איפריט, ביז זיי זענען אנגעקומען אויפ'ן שפיץ בארג, און פון דארט האבען זיי זיך אראבגעלאזט אין א ווייטער סטעפ, וואס זיי האבען ביז אהער אין זייער לעבען נאך נישט געהאט געזעהן. ווי זיי האבען דערזעהן דאס וואסער צווישען די פיער בערג און די רויטע, ווייסע, געלע און בלאהע פיש דערין, האט זיך דער סולטאן צוזאמען מיט זיינע חילות זעהר געוואונדערט, און האט געפרעגט זיי און די איבריגע, וואס האבען איהם בע־לייט: „האט עמיצער פון אייך שוין אמאל געזעהן דאס דאזיגע וואסער?" אלע האבען געענטפערט: „ניין". און דער קעניג האט געזאגט: „ביי גאט! איך קעהר נישט צוריק צו מיין שטאדט און איך וועל מיך אויף מיין טראהן נישט זעצען, איידער איך וועל דערגעהן, וואס דאס איז פאר א וואסער און פיש". און ער האט בעפוילען די חילות אויסצולעגען זיך ארום אויף די בערג. זיי האבען אויפגעשטעלט די געצעלטען, און ער האט געלאזט רופען דעם וויזיר, א מאן מיט פיעל ערפאהרונג, א פערניפטיגער, א געשיקטער און רייך מיט וויסען—און האט צו איהם געזאגט: „איך האב בדעה עפיס צו טהון, וואס איך וויל דיר צו וויסען געבען: עס איז ביי מיר געבליבען, איך זאל מיך נאך היינט ביינאכט אליין לאזען אויף דעם וועג, כדי צו מאכען אויספאר־שונגען וועגען דעם וואסער דא און וועגען די פיש. דעריבער זעץ דו דיך ביים אריינגאנג אין מיין געצעלט און דו זאלסט זאגען די עמירען, וויזירען און הויפלייט: דער סולטאן איז קראנק און האט בעפוילען קיינעם נישט אריינצולאזען; אבער דו זאלסט קיינעם נישט דערצעהלען, וואס איך האב פארגענומען".

חאטש דער חיזיר האט געפרובט אבצוריידען דעם קע־ניג דערפון, האט דער קעניג דאך איבערגעטהון זיינע קליידער, האט אנגעגורט זיין שווערד און שטיל זיך געלאזט אין וועג

אריין. ער האט אַ גאַנצע נאכט געוואַנדערט, ביז די זון איז אויפ-געגאַנגען, און ער האט זיך פערגונען אַ ביסעל אָברוהען ערשט דע-מאָלט, ווען די זון האט גענומען באַקען, און די היץ האט איהם פערמאַטערט. דעם רעשט טאָג האט ער ווידער געוואַנדערט און אַ גאַנצע נאַכט דורך, ביז קעגען פריהמאָרגען האט ער דער-זעהן עפּיס שוואַרצעס שימערן פון דער ווייטען. מיט פרייד האט ער אויסגערופען: „אפשר וועל איך דאָרטען עמיצען גע-פינען, וואָס וועט מיר געבען בעשייד וועגען דעם וואַסער מיט די פיש דערינען". ווי ער איז אָנגעקומען נאָהענט צו דעם, וואָס האט זיך געשוואַרצט פון דער ווייטען, האט ער דערזעהן, אַז דאָס איז אַ שלאָס, געבויט פון שוואַרצע שטיינער און בעדעקט מיט אייזערנע פלאַטען, איין פליגעל פון טויער איז געשטאַנען אָפען, דער צווייטער איז געווען פעררינגעלט. זעהר פרעהליך איז דער קעניג צו צום טויער און האט שטיל אָנגעקלאַפּט, אָבער קיין שום ענטפער האט זיך ניט געהערט. ער קלאַפּט אַ צווייט און אַ דריט מאָל, אָבער ער הערט גאָר נישט. דאַן האט ער צום פיערטען מאָל שטאַרק אָנגעקלאַפּט, אַז עס האט אָבגעהילכט אַרום און אַרום, אָבער קיינער האט איהם נישט געענטפערט. ער האט אויסגעשריען: „געוויס שטעהט דער שלאָס ליידיג", און מוטיג איז ער געגאַנגען דורך דעם טויער אין דער פאָר-געביידע. דאָ האט ער הויך אויסגערופען: „איהר, איינוואוינער פון דעם שלאָס! דאָ שטעהט אַ פרעמדער וואַנדערער, האט איהר שפּייז פאַר איהם?" צום צווייטען און דריטען מאָל האט ער אַזוי געררופען, דאַך ווייל ער האט קיין שום ענטפער ניט בע-קומען, האט ער געשטאַרקט זיין הארץ, בעפעסטיגט זיין גייסט און איז אַרויס פון דער פאָר-געביידע אין מיטען שלאָס אַריין. אויך דאָרט האט ער קיינעם נישט געפונען, ער האט אָבער דער-זעהן אויסגעשפּרייטע טעפּיכען און אין דער מיט אַ שפּרינג-ברו-נעם מיט פיער לייבען אין רויט גאָלד, וואָס האָבען פון זייערע אָפענע קעהלען געשפּיגען מיט וואַסער, גלייך צו פּערל און טייערע שטיינער. אין דער הויף האָבען פויגעל געפלאַטערט אַהין און צוריק, און ער האט דערזעהן, אַז אַרום דעם שלאָס איז אויס-

געשפּריים אַ גרויסע נעץ, נישט צו לאָזען די פויגעל אַוועקפליהען. דאָס אַלץ האָט איהם זעהר געוואונדערט, דאָך איז ער טרויעריג געווען, וואָס קיינער געפינט זיך נישט, וואָס זאָל איהם געבען בעשייד וועגען דעם וואַסער מיט די פיש און וועגען דעם שלאָס. און אַזוי איז ער צוגעגאַנגען צו דער טהיר, פערטיעפט אין געדאַנקען, און האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט. פּלוצלונג האָט ער דערהערט זיפצען, וואָס שטאַמען פון אַ בעקימערט האַרץ, און אַ שטים, וואָס האָט געזונגען דאָס ליעד:

„אָ, מזל, דו האָסט קיין דערבאַרמען מיט מיר און פערשווינדסט מיך נישט!

אַה, זעה ווי מיין האַרץ האָט פון רעכטס נור בעגעהרען, פון לינקס—נור געפאַהר.

צי האָט איהר רחמנות אויפ'ן מעכטיגען, וועלכען די ליעבע ערנידריגט,

ווי אויך אויף דעם רייכען, וואָס ליעבע געמאַכט האָט אַ בעטלער?

וואָס העלפט דען דעם שיסער די קונסט פון זיין שיסען,

אויב ס'פּלאַצט איהם די סטרונע און ליעגען די פייל בלייבט?"

ווי דער קעניג האָט דערהערט דאָס קלאָג-ליעד, איז ער אויפגעשפּרונגען אויף זיינע פיס און געגאַנגען נאָך דער שטים נאָך; דורך אַ פּאָרהאַנג איז ער אַריינגעקומען אין אַ זאַל און דאָ האָט ער דערזעהן אויף אַן אָרט, אויסגעבעט מיט קישענס, אַבער אַנ'אייל הויך, זיצען אַ יונגעמאַן, שען געוואַקסען, מיט אַ גלאַנציגען שטערן און רויטע באַקען.

דער קעניג האָט זיך דערפרעהט, ווי ער האָט דערזעהן דעם יונגעמאַן, וואָס איז געזעסען אין אַ זיידענעם קאַפטאַן מיט גאָלדענע זוימען, און דאָך איז אויף זיין פּנים געלעגען אַ מרה-שחורה, און ער האָט איהם בעגריסט. ער האָט צוריקגעגריסט צום קעניג און האָט געזאָגט: „ענטשולדיג, מיין האַר, וואָס איך טהו נישט אויפשטעהן". און דער קעניג האָט איהם געפרעגט: „אָ, יונגערמאַן! דערצעהל מיר דאָך, וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַסער, פאַרביגע פיש און אַ שלאָס, און פאַרוואָס זיצסטו דאָ איינער אַליין און

ווינסט?" ווי דער יונגערמאַן האָט די ווערטער דערהערט, האָבען זיך טרעהרען געגאָסען פון זיינע אויגען, און דער קעניג, זעהר גערירט פון זיין ביטער וויינען, האָט געפרעגט: „פאַרוואָס וויינסטו, יונגערמאַן?" ער האָט געענטפערט: „ווי זאָל איך נישט וויינען, אויב איך געפין זיך אין אזאַ צושטאַנד?" דאַן האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנד צום זוים פון זיין קלייד און האָט עס אויפגעהויבען—און דער קעניג האָט דערזעהן, אַז די אונטערשטע העלפט פון זיין קערפער איז שטיין. דער יונגערמאַן האָט דערצעהלט

געשיכטע פון פערשטיינערטען פרינץ

„זיי וויסען, קעניג, אַז אין די דאָזיגע פיש שטעקט אַ וואונדערליכער סוד. מיט נאָדלען ווען עס זאָל אויפגעשריבען ווערען אויף די אויגען-ווינקלען, וועט עס זיין אַ לעהרע פאַר אַלע, וואָס לאָזען זיך בעלעהרען.

זיי-זשע וויסען, מיין האַר, אַז מיין פאָטער איז געווען קעניג אין דער שטאָדט, וואָס איז דאָ געשטאַנען, און ער האָט געהייסען מחמד. ער איז געווען דער הערשער פון די שוואַרצע אינזלען און פון יענע פיער בערג. נאָכדעם, ווי ער האָט זיעבציג יאָהר רעגירט, האָט ער אָבגעזעגענט דאָס פאַריבערגעהענדיגע*) און איך בין געוואָרען הערשער אויף זיין אָרט און האָב חתונה געהאַט מיט מיין געשוועסטער-קינד, וואָס האָט מיך אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט, אַז ווען איך בין אַמאָל געווען ווייט פון איהר, האָט זי נישט געגעסען און נישט געטרונקען, ביז זי האָט מיך ווידער געזעהן. פינף יאָהר האָט זי אַזוי געלעבט אונטער מיין אויג, ביז איין טאָג איז זי געגאַנגען זיך באָדען, און איך האָב געהאַט בעפוילען דעם קאָכמייסטער, אונז צו צוגרייטען דאָס נאַכטעסען, בין געגאַנגען אין אָט דעם שלאָס אַריין צולעגען זיך שלאָפען, ווי געוועהנליך. צוויי שקלאַפינס האָב איך בעפוילען, מיר צו

---

*) אַן אַנ'איסלאַמישער אויסדרוק אויף שטאַרבען, ווי, אַ שטייגער, דער זהישער „שבק חיים לכל חי"

זאָכען פאַר'ן פּנים, איינע האָט זיך געזעצט מיר צו-קאָפּענס, די צווייטע—צו-פוסענס. אָבער איך בין געווען אונרוהיג, פאַרוואָס זי קומט נישט, און האָב נישט געקאָנט איינשלאָפען. מיט פערמאַכטע אויגען, אָבער מיט אַ וואַכענדיגען גייסט בין איך אַזוי געלעגען און געהערט, ווי די שקלאַפין, וואָס איז געזעסען מיר צו-קאָפּענס, שמועסט מיט דער אַנדערער, וואָס מיר צו-פוסענס, און זאָגט צו איהר: „אָה, מאַזודע, די יוגענד פון אונזער האַר איז דאָך אַזוי אומגליקליך; אָה, וואָסער מיטלייד האָב איך מיט איהם, צוליעב אונזער פערשייטער, זינדיגער קעניגין!" און די צווייטע האָט געענטפערט דערויף: „פערשאָלטען זאָלען זיין פון גאָט אַלע נישט-טרייע ווייבער! אַזאַ מאַן, ווי אונזער האַר, מיט אַזוינע מעלות טובות, פאַסט נישט פאַר דער אויסגעלאַסענער פרוי, וואָס פערברייגגט יעדע נאַכט ווייט פון זיין געלעגער!" און די שקלאַפין, וואָס איז געזעסען מיר צו-קאָפּענס, האָט געזאָגט: „אונזער האַר איז דאָך צו-זאָרגלאָז, וואָס ער לאָזט דאָס אַזוי צו". און די אַנדערע האָט געזאָגט: „וועה דיר! צי דען ווייסט אונזער האַר, וואָס זי טהוט, פערלאָזט זי דען זיין הויז מיט זיין ווילען? פערקעהרט, יעדען אָווענד פאַר'ן שלאָף גיסט זי אַריין בענדש*) אין זיין געטראַנק, פון וואָס ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, אַז ער הערט נישט און מערקט נישט, וואָס זי טהוט. ווי נור ער ווערט אַנטשלאָפען, טהוט זי זיך אָן און געהט אַרויס. ערשט קעגען פריהמאָרגען קומט זי צוריק, דעמאָלט ברענט זי בשמים פאַר זיין נאָז און פון רויך דערוועקט ער זיך פון שלאָף".

ווי איך האָב געהערט דעם שמועס פון די צוויי שקלאַפינס, איז די ליכטיגקייט פאַר מיינע אויגען געוואָרען פינסטערניש, און איך האָב מיך קוים געקאָנט דערוואַרטען, עס זאָל ווערען נאַכט. ווי זי איז צוריקגעקומען פון באָד, האָט מען געלעגט דאָס טיש-טוך, און מיר האָבען געגעסען און זענען נאָך לאַנג געזעסען בייםווייַן, ווי געוועהנליך. דערנאָך האָב איך פערלאַנגט, זי זאָל מיר געבען מיין געוועהנליכען טרונק פאַר'ן שלאָף. ווי זי האָט מיר

*) אַן אַרט שלאָף-געטראַנק.

איהם געגעבען, האָב איך מיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט און געמאַכט זיך טרינקען, אָבער אין אמת'ן האָב איך דעם ווײן אַרײנגעגאָסען אין אַרבעל, און באַלד זיך געלעגט שלאָפען. איך האָב געהערט, ווי זי האָט געזאָגט: „שלאָף! אַז דו זאָלסט מעהר נישט אויפשטעהן! ביי גאָט, מיך עקעלט פון דיר און דײן געשטאַלט, און איבערדריסיג איז פאַר מײן גײסט צו זיצען מיט דיר צוזאַמען!" זי איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעטהון די שענסטע קלײדער, געפּעפענט דאָס טויער און איז אַרויס. איך האָב מיך באַלד אויפגעהויבען און בין איהר נאָכגעגאַנגען דורך די גאַסען, ביז זי איז אָנגעקומען צום טויער פון דער שטאָדט. דאָ האָט זי גערעדט עפּיס אונפערשטענדליכע ווערטער, פון וואָס די שלעסער זענען אַראָבגעפאַלען, און די טהירען האָבען זיך געעפענט. איך בין איהר ווײטער נאָכגעגאַנגען, זי האָט דאָס גאָרנישט בעמערקט, ביז זי איז געקומען צו די גרובענס*) צו, און ביי אַ געבײדע מיט אַ קופּעל פון לעהם האָט זי זיך אָבגעשטעלט, און איז אַרײן אין טהיר. איך בין אַרויף אויפ'ן קופעל, פון וואַנען איך האָב געקאָנט אַלצדינג זעהן אין דער שטוב. האָב איך דערזעהן, ווי זי געהט־צו צו אַ שוואַרצען שקלאַף, וואָס איז געלעגען אין אַנ'עלענדען צושטאַנד אויף אַ בינטעל געוויקסען, און האָט מיט זײנע ליפּען, וואָס די אויבערשטע איז אַראָבגעהאַנגען איבער דער אונטערשטער, געלעקט דעם זאַמד פון באָדען. זי האָט געקושט די ערד פאַר איהם, ער האָט אויפגעהויבען זײן קאָפּ און געזאָגט צו איהר: „וועה דיר! וואו ביזטו געוועזען ביז איצט? די שוואַרצע זענען דאָ געוועזען מיט זײערע געליעבטע און האָבען געטרונקען, איך אָבער האָב צוליעב דיר נישט געהאַט קײן לוסט צו טרינקען". זי האָט דערויף געענטפערט: „האַר מײנער און געליעבטער פון מײן האַרץ! צי ווײסטו נישט, אַז איך בין פערהײראַט מיט מײן פעטער'ס זוהן, וואָס זײן אָנבליק איז מיר פערהאַסט,

---

*) אין דער אומגעבונג פון די אָריענטאַלישע שטעדט געפינט זיך אַ פּלאַץ, וואו אַלע מיסט און אָבפאַל פון דער שטאָדט ווערט אָבגעלײגט׳ וועגען אַזוינע „גרובענס" רעדט זיך ד״א.

און וואָס מיך עקעלט זיין געזעלשאַפט? ווען נישט וואָס איך זאָרג פאַר דיר, וואָלט איך שוין לאַנג חרוב געמאַכט די שטאָדט און נור סאָוועס און קראָהען וואָלטען דאָ געקראַקעט, און די שטיינער וואָלט איך פערשליידערט אונטער דעם באַרג קאַף*)". אָבער דער שקלאַף האָט איהר געענטפערט: „דו זאָגסט ליגען, אויסגעלאַסענע! איך שווער דיר ביי דער עהרע פון די שוואַרצע, אַזוי ווי ס'איז וואָהר, אַז די שוואַרצע שטעהען העכער פאַר די ווייסע, אַזוי איז וואָהר, אַז אויב דו ווערסט נאָך איינמאָל זיך אַזוי פערשפעטיגען, וועל איך מעהר מיט דיר נישט האָבען צו טהון און וועל דיך נישט צולאָזען צו מיר. דו, פעררעטערין! צי דען נישט צוליעב דיין געמיינער תאוה האָסטו מיך אַליין געלאָזען? דו, געמיינסטע פון אַלע ווייסע!"

ווי איך האָב די ווערטער צווישען זיי געהערט און האָב אָנגעזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישען זיי, איז די וועלט פאַר מיינע אויגען געוואָרען צו פינסטערניש, און איך האָב פערגעסען, וואו איך געפין זיך. זי אָבער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פערוויינט נעבען דעם שקלאַף און איהם געבעטען: „אַח, דו געליעבטער מיינער און פרוכט פון מיין האַרץ! אויסער דיר האָב איך קיינעם נישט מעהר; ווילסטו מיך פערשטויסען פון דיר, דאַן וועה צו מיר, מיין געליעבטער און ליכט פון מיינע אויגען!" אַזוי האָט זי זיך געבעטען ביי איהם און געקניהט פאַר איהם, ביז ער האָט זיך דערבאַרימט איבער איהר און איהר פערגעבען. און זי איז באַלד פרעהליך און לוסטיג געוואָרען, האָט אויסגעטהון איהרע קליידער און האָט איהם געפרעגט: „מיין האַר! צי האָסטו עפּיס צו עסען פאַר דיין שקלאַפין?" ער האָט געענטפערט: „נעהם אַראָב די דעק פון בעקען, דו ווערסט דאָרט געפינען ביינדלעך פון געקאָכטע מייז, עס זיי און נאָג זיי אָב; דאַן געה צו יענעם טאָפּ און טרינק דאָס ביער, וואָס דו ווערסט דאָרט געפינען". זי האָט געגעסען און געטרונקען, האָט זיך געוואַשען די הענד און זיך געלעגט נעבען איהם און

*) אַ לעגענדאַרישער באַרג, וואָס רינגעלט אַרום די ערד.

זיך צוגעדעקט מיט זיינע צוריסענע מלבושים און אַלטע שמאַטעס. ווי איך האָב דאָס אַלץ צוגעזעהן, בין איך געווען אַזוי ווי משוגע; איך בין אַראָב פון קופּעל, אַריין צו זיי אין צימער, האָב אַראָבגענומען איהר שווערד, כּדי ביידע צו ערמאָרדען. צום ערשטען האָב איך דעם שקלאַף געטראָפען אין האַלז און איך האָב געמיינט, אַז מיט איהם בין איך שוין פאַרטיג, ער האָט שווער געאָטעמט,—אָבער איך האָב איהם דורכגעשלאַגען נור די קעהל, די הויט און דאָס פעטע פלייש.

אַכטע נאַכט.

אַז איך האָב געזעהן, זי ריהרט זיך, בין איך אַוועקגעגאַנגען; זי איז אויפגעשטאַנען, איז צוריק אין שטאָדט אַריין, געקומען אין שלאָס און געלעגט זיך אויף מיין געלעגער. צו מאָרגענס האָב איך בעמערקט, אַז זי האָט זיך אָבגעשניטען די האָהר און אָנגעטהון טרויער-קליידער. זי האָט מיר דערקלערט די סבה פון איהר טרויער אַזוי: „ליעבער, האָט זי געזאָגט, שילט מיך נישט דערפאַר. איך האָב בעקומען אַ ידיעה, אַז מיין מוטער איז געשטאָרבען, און מיין פאָטער איז געפאַלען אין דער מלחמה פאַר אונזער אמונה, איינער פון מיינע ברידער איז אומגעקומען דורך אַ ביס פון אַ שלאַנג, און דעם אַנדערן האָט די ערד פערשאָטען, בשעת אַ באַרג האָט זיך אָבגעריסען; עס איז דעריבער מיין חוב צו וויינען און צו טרויערן”. נאָך לאַנגען שוויגען האָב איך זיך אָנגערופען צו איהר און געזאָגט: „טהו אַזוי ווי דו פערשטעהסט, איך וועל דיר נישט שטערען”. אַ גאַנץ יאָהר האָט זי פערבראַכט אין וויינען און טרויער, דערנאָך האָט זי געזאָגט צו מיר: „איך וואָלט וועלען אין שלאָס אַ מאַוזאָלעאום מיר מאַכען, כּדי דאָרט צו טרויערן, און איך וועל עס אַ נאָמען געבען טרויער-הויז”. זי האָט זיך געבויט דאָס טרויער-הויז מיט אַ קופּעל און אַן'אויסגעמויערט קבר; אָבער דאָ האָט זי געלאָזט בריינגען דעם שקלאַף, וואָס איז געווען זעהר שוואַך און האָט צו גאָרנישט געקאָנט טויגען, חאָטש טרינקען האָט ער געקאָנט; זינט דעם טאָג, וואָס

איך האָב איהם געשטאָכען, האָט ער נישט געקאָנט רײדען, און ער האָט געלעבט נור דערפאַר, װײל זײן צײט איז נאָך נישט געװען געקומען. יעדען טאָג, פריהמאָרגען און אָװענד-צײט איז זי צו איהם געגאַנגען אין מאַװזאָלעאום, כּדי בײ איהם צו װײנען און צו טרויערן און זי פלעגט איהם ברײנגען געטראַנקען און זופּען. אַזױ איז דורכגעגאַנגען אַ צװײט יאָהר און איך בין אַלץ געװען גוט צו איהר און האָב זי נישט געשטערט. אײן טאָג אָבער בין איך אונבעמערקט נאָכגעגאַנגען און האָב זי געפונען װײנענדיג, שלאָגענדיג זיך דאָס פּנים. איך האָב אַרויסגעצױגען דאָס שװערד און האָב צו איהר געזאָגט: „דו ביזט אַ טרײלאָז װײב!“ און האָב זי געװאָלט טױט-שלאָגען. זי איז אָבער אױפ-געשפּרונגען (זי האָט איצט משער געװען, אַז איך בין דאָס גע-װען, װאָס האָב דעם שקלאַף געשטאָכען אין דער קעהל), האָט געררעדט װערטער, װאָס איך האָב נישט פערשטאַנען, דערנאָך האָט זי אױסגערופען: „דורך מײן כּשוף זאָל גאָט אַ העלפט פון דיר פערװאַנדלען אין שטײן“. און איך בין געװאָרען אַזױ װי דו זעהסט מיך איצט, אַז איך שטעה נישט און ליעג נישט, און בין נישט טױט און נישט לעבעדיג. דערנאָך האָט זי פער'כּשופ'ט די גאַנצע שטאָדט מיט איהרע גאַסען און די פעלדער אַרום און האָט זײ פערװאַנדעלט אין אַ װאַסער און די גאַנצע בעפעלקע-רונג, װאָס איז בעשטאַנען פון מוסולמענער, קריסטען, יודען און מאַגיערען*), האָט זי געמאַכט פאַר פיש, אַ מוסולמענער איז אַ װײ-סער פיש, אַ מאַגיער—אַ רױטער, אַ קריסט—אַ בלאָהער און אַ יוד—אַ געלער. פון יענער צײט אָן ביט זי מיר יעדען טאָג הונדערט קלעפּ מיט אַ רימען, ביז דאָס בלוט גיסט זיך פון מיר, און טהוס-אָן אױף מײן אױבערשטע העלפט קערפּער אַ האָהריג העמד“.

דער קעניג האָט זיך אָנגערופען צו דעם יונגענמאַן: „דו האָסט מײן טרויער פערמעהרט. אָבער זאָג מיר, װאו געפינט זיך דאָס װײב?“ ער האָט געענטפערט: „אין יענעם מאַװזאָלעאום, װאו דער שקלאַף ליעגט. יעדען טאָג בעגינען, אײדער זי געהט

*) די פּערסישע גלױביגע אין גאָט פון פײער.

צו איהם, קומט זי צו מיר און גיט מיר די הונדערט קלעפּ אויפ׳ן נאַקעטען קערפּער. איך שריי און וויין, וואָס איך קאָן מיך נישט ריהרען, זיך צו פערטיידיגען. דערנאָך טראָגט זי דעם שקלאַף געטראַנקען״.

דער קעניג האָט געזאָגט: „ביי גאָט, יונגערמאַן, איך וויל דיר טהון אַ טובה פון אַ פריינד, וואָס וועט זיך דיר איינקריצען אין זכרון, אַ טובה, וואָס מען וועט בעשרייבען אין די שפּעטערע קראָניקעס״. דער קעניג האָט זיך געזעצט און האָט מיט דעם יונגענמאַן פערבראַכט ביז ס׳איז נאַכט געוואָרען. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען, געוואַרט ביז צום פריהמאָרגען, אָנגעגאַרטעלט זיין שווערד און איז געגאַנגען צום אָרט, וואו דער שקלאַף האָט זיך געפונען. ער האָט געזעהן דאָרט ליכט און לאָמפּען, רויכוועריג און זאַלבען, און ער איז צוגעגאַנגען גלייך צום שקלאַף און האָט איהם טויט-געשלאָגען. ער האָט זיין קערפּער גענומען אויף די פּלייצעס און אַריינגעוואָרפען איהם אין אַ ברונעם אַריין אין הויף פון שלאָס. דאַן איז ער ווידער אַריין אין מאַוזאָלעאום, האָט זיך אָנגעטהון די קליידער פון שקלאַף, געלעגט זיך אויף זיין געלע-גער, דאָס שווערד ביי דער זייט. אין אַ ווײלע אַרום איז די אויסגעלאַסענע כשוף-מאַכערין אָנגעקומען צום יונגענמאַן, האָט איהם אויסגעטהון און געשלאָגען. דער קעניג האָט געהערט, ווי ער האָט געשריען: „זאָל שוין דער צושטאַנד מיינער זיין גענוג פאַר דיר, האָב מיטלייד מיט מיר!״ זי אָבער האָט געענטפערט: „צי האָסטו אויף מיר רחמנות געהאַט און געשוינט מיין געליעבטען?״ נאָכדעם ווי זי האָט איהם צוריק אָנגעטהון דאָס פֿאָהריגע העמד און ליי-נענע קליידער דערויף, האָט זי גענומען אַ בעכער, פול מיט וויין, און אַ שאָל זופּ און איז אַראָב צום שקלאַף אין מאַוזאָלעאום און האָט גענומען וויינען און קלאָגען: „אָח, מיין האַר, רייד דאָך צו מיר, רוף דיך אָן אַ וואָרט״. דאָ האָט דער קעניג געענטפערס מיט אַ הוילער שטים, מיט דעם אַקצענט פון די שוואַרצע: „אַח, אַח! קיין מאַכט און קיין קראַפט אויסער ביי גאָט״. ווי זי האָט דערהערט זיינע ווערטער, האָט זי אויסגעשריען פאַר גרויס פריידּ און איז געפאַלען חלשות. אַז זי איז ווידער געקומען צו זיך,

האָט זי געפרעגט: „איז מיין האַר געזונט?" און דער קעניג האָט ווידער געענטפערט מיט אַ שוואַכער הוילער שטים: „דו, אויסגע־לאַסענע, פערדיענסט נישט, איך זאָל מיט דיר ריידען."—„פאַר־וואָס נישט?"—האָט זי געפרעגט.—„ווייל דו שלאָגסט אַ גאַנצען טאָג דיין מאַן; זיין שרייען און וויינען לאָזען מיך אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפען. ער הערט נישט אויף דיך צו שילטען און מיך צו בעטען, און ער איז מיר שוין לעסטיג געוואָרען. ווען נישט דאָס, וואָלט איך שוין לאַנג געזונט געווען; דעריבער האָב איך דיר ביז איצט גאָרנישט געענטפערט." דערויף האָט זי זיך אָנ־גערופען: „מיט דיין ערלויבניש וועל איך איהם בעפרייען פון זיין צושטאַנד." דער קעניג האָט געענטפערט: „בעפריי איהם און פערשאַף אונז ביידע רוה." זי האָט געענטפערט: „איך הער און געהאָרך". און זי איז געגאַנגען אין שלאָס אַריין צוריק. דאָרט האָט זי גענומען אַ שאָל, פול וואַסער, און האָט עס בעשפּראָכען מיט כשוף־ווערטער, אַזוי אַז דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען צו קאָכען און זידען; זי האָט דערמיט בעשפריצט איהר מאַן און האָט געזאָגט אַ שפּרוך: „אין נאָמען פון די ווערטער, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט, פערלאָז דיין איצטיגע געשטאַלט, און נעהם ווידער אָן דיין פריהעריגע געשטאַלט." אין דעמזעלבען מאָמענט האָט דער יונגערמאַן אינגאַנצען אַ ציטער געגעבען, איז אויפגע־שפּרונגען אויף זיינע פיס און פאַר גרויס פרייד פון זיין בע־פרייאונג האָט ער אויסגעשריען: „איך גלויב אַז בעקען—נישטאָ קיין גאָט אויסער גאָט, און מחמד—גאָט בענש איהם און שיק איהם הייל!—איז דער שליח פון גאָט." זי האָט צו איהם געשריען: „זעה באַלד צו פערשווינדען פון דעם אָרט, אַנישט וועט דאָס דיך קאָסטען דיין לעבען." ער איז באַלד אַוועקגע־גאַנגען פון איהר, זי האָט צוריקגעקעהרט אין מאָזאָלעאום און געזאָגט: „אַח, מיין האַר, קום דאָך צו מיר אַרויף, איך זאָל דיך קענען אָנקוקען". דערויף האָט דער קעניג געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטים: „וואָס האָסטו דען געטהון? דו האָסט דעם צווייג בעזייטיגט, אָבער דעם וואָרצעל האָסטו געלאָזט." זי האָט גע־

פרעגט: „אַח, מיין געליעבטער, וואָס מיינסטו מיט דעם ווֹיר־צעל?״ ער האָט געענטפערט: „איך מיין דערמיט דאָס פאָלק פון דער שטאָדט און פון די פיער אינזלען. יעדע מיטען נאַכט הויבען די פיש אַרויס זייערע קעפּ און פערשילטען מיך און דיך; אָט צוליעב דעם קאָן איך נישט געזונט ווערען. בעפריי זיי און דאַן קום אַהער צו מיר און גיב מיר די האַנד, און איך וועל אויפשטעהן, ווייל שוין איצט פיהל איך, אַז מיין גענעזונג איז נאָהנט.״ ווי זי האָט געהערט די דאָזיגע ווערטער פון קעניג, וואָס זי האָט אָנגענומען פאַר איהר שקלאַף, האָט זי מיט גרויס פרייד געענטפערט: „אַח, מיין האַר, אויף מיין קאָפּ און מיין אויג*), אין גאָט'ס נאָמען.״ און זי איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און האָט געאיילט צום וואַסער.

ניינטע נאַכט.

ווי זי איז דאָרט אָנגעקומען, האָט זי אָנגעשעפּט אַ ביסעל וואַסער און האָט געזאָגט דעריבער עטליכע אונפערשטענדליכע ווערטער, און באַלד האָבען די פיש זיך אָנגעהויבען צו רודערן, האָבען אַרויסגעשטעקט די קעפּ און זענען באַלד ווידער געוואָרען מענשען. עס איז אָבגעטהון געוואָרען דער כשוף פון דער שטאָדט, די גאַסען זענען ווידער בעלעבט געוואָרען פון מענשען, עס זענען ברייט געעפענט געוואָרען די באַזאַרען, יעטוועדער האָט זיך פערנומען מיט זיין געשעפט, און די בערגער זענען ווידער געוואָרען אינזלען, אַזוי ווי פריהער.

די כשוף־מאַכערין האָט באַלד צוריקגעקעהרט צום קעניג און האָט געזאָגט: „אָח, מיין געליעבטער, שטרעק דאָך אויס צו מיר דיין געעהרטע האַנד, איך זאָל זי קושען.״ דער קעניג האָט געענטפערט מיט אַ הוילער שטים: „קום נעהנטער צו.״ און ווי זי איז נעהנטער צוגעקומען, האָט ער אַריינגעשטאָכען אין איהר

---

*) מיט פערגניגען.

בּרוסט דאָס שווערד, וואָס ער האָט געהאַלטען גרייט, אַז דער שפּיץ פון שווערד איז אַרויס איהר פון רוקען. מיט איין קלאַפּ האָט ער זי צוהאַקט אויף צוויי העלפט, און איז אַרויס צום יונגענמאַן, וואָס האָט אויף איהם שוין געוואַרט. ער האָט איהם גליק געוואונשען צו זיין רעטונג, דער יונגערמאַן אָבער האָט איהם געדאַנקט און געקושט די האַנד. דער קעניג האָט איהם געפרעגט: „צי ווילסטו בלייבען אין דיין שטאָדט, אָדער געהן מיט מיר צו מיין שטאָדט?“ ער האָט געענטפערט: „אָח, קעניג פון דער צייט! צי ווייסטו, ווי ווייט דער וועג איז פון דאַנען ביז צו דיין שטאָדט?“ דער קעניג האָט געענטפערט: „צוויי און אַ האַלבען טאָג געהן.“ אָבער דער יונגערמאַן האָט זיך אָבגערופען: „אָח, קעניג, אויב דו שלאָפסט, וואַך-אויף! צווישען דיר און דיין שטאָדט ליעגט אַ שטרעקע פון אַ יאָהר גאַנג פאַר אַ גוטען וואַנדערער. ווען די שטאָדט וואָלט נישט געווען פער׳בשופ׳ט, וואָלסטו אין דריטהאַלבען טאָג אַהער נישט געקומען. איך אָבער, קעניג, פון מיין זייט, וועל דיך שוין מעהר נישט פערלאָזען.“ דער קעניג האָט זיך דערפרעהט צו הערען זיינע ווערטער און האָט געזאָגט: „געלויבט זאָל זיין גאָט, וואָס האָט דיך מיר געשיקט! דו זאָלסט פון היינט אָן מיין זוהן זיין, ווייל מיר האָט דאָס לעבען קיין זוהן נישט בעשערט.“ און זיי ביידע האָבען זיך צרומגענומען און מיט גרויס פרייד זענען זיי געגאַנגען אין שטאָדט אַריין, און דער פרינץ, וואָס איז בעפרייט געוואָרען פון כשוף, האָט געלאָזט וויסען זיינע וויזירען, אַז ער האָט אויף זיך גענומען צו מאַכען די הייליגע נסיעה. זיי האָבען צוגעגרייט אַלעס נויטיגע אויפ׳ן וועג, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט׳ן סולטאַן, וואָס זיין האַרץ איז שוין געווען פול בענקשאַפט צו זיין שטאָדט, וואָס ער האָט שוין נישט געזעהן אַ יאָהר צייט. מיט פיעל מתנות און בעלייט פון פופציג מאַמלוקען*), האָבען זיי גערייזט טאָג און נאַכט אַ גאַנץ יאָהר,

*) ווייסע שקלאַפען.

ביז זיי זענען אָנגעקומען נאָהנט צו דער שטאָדט פון סולטאַן, דער וויזיר מיט דעם מיליטער זענען זיי געקומען אַנטקעגען, נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין געהאַט פערלאָרען די האָפנונג, אַז ער וועט אַמאָל צוריקקעהרען. דאָס מיליטער האָט זיך אָבגע-שטעלט פאַר איהם, געקושט די ערד און איהם גליק געוואונשען צו זיין צוריקקעהר. דערנאָך האָט ער איינגעצויגען אין שטאָדט מיט גרויס פאַראַד, געזעצט זיך אויפ'ן טראָהן און האָט דער-צעהלט דעם וויזיר די געשיכטע מיט דעם יונגענמאַן. ווען אַלץ איז צוריקגעקומען צו רוה און אָרדנונג, האָט דער סולטאַן צו-טיילט פיעל מתנות און האָט בעפוילען צו ברייגגען דעם פישער, וואָס האָט געבראַכט די פיש, און האָט דערמיט דערפיהרט די שטאָדט און דעם פרינץ אויסגעלעזט צו ווערען פון כשוף. ווי ער האָט זיך בעוויזען פאַר דעם קעניג, האָט ער איהם געשענקט אַנ'עהרען-קלייד און האָט איהם געפרעגט, ווי עס געהט איהם און צי ער האָט קינדער. אַז דער קעניג האָט דערהערט, אַז ער האָט איין זוהן און צוויי טעכטער, האָט דער קעניג אַליין חתונה-געהאַט מיט איינער פון די טעכטער און די צווייטע האָט ער דעם יונגענמאַן געגעבען פאַר אַ ווייב; דעם זוהן האָט ער גע-נומען צו זיך און האָט איהם געמאַכט פאַר זיין שאַץ-מייסטער. דערנאָך האָט ער געשיקט דעם וויזיר צו דער שטאָדט פון אויס-געלעזטען פרינץ, די שטאָדט פון די שוואַרצע אינזלען, און האָט איהם איבערגעגעבען די הערשאַפט איבער איהר; דעסגלייכען האָט ער די פופציג מאַמלוקען, וואָס האָבען איהם בעלייט, צוריקגע-שיקט צוזאַמען מיט'ן וויזיר און האָט איהם געשענקט פיעל עה-רען-קליידער און עמירען, וואָס זאָלען איהם פאָלגען. דער וויזיר האָט געקושט זיין האַנד און געלאָזט זיך אין וועג אַריין, און דער יונגערמאַן איז געבליבען מיט'ן קעניג. דער פישער אָבער איז געוואָרען דער רייכסטער מאַן פון זיין צייט, און זיינע טעכ-טער האָבען געלעבט אַלס קעניגליכע ווייבער, ביז דער טויט האָט זיי גערופען.

דאָך איז די געשיכטע נישט וואונדערליכער פון דער געשיכטע מיט דעם טרעגער:

דער טרעגער און די דריי שוועסטער.

אין דער שטאָדט באַגדאַד האָט געלעבט אַ טרעגער. אַמאָל איז ער געשטאַנען אויפ'ן מאַרק, אָנגעלעהנט אויף זיין קאָרב, איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ פרוי, געהילט אין אַ זיידענעם, גאָלד-גע-זוימטען און גאָלד-געשטיקטען איזאַר*) פון מאָסולער**) פאַבריקאַ-ציע. זי האָט אויפגעהויבען דעם שלייער, און עס האָבען זיך אַרויסגעזעהן שוואַרצע אויגען מיט שמאָלע ברעמען מיט אַ פריינד-ליכען אויסדרוק, און אַ פּנים—וואונדערליך-שען. מיט אַ זיסער שטים האָט זי גערעדט צום טרעגער: „נעהם דיין קאָרב און געה מיר נאָך.” דער טרעגער, וואָס האָט קוים געקאָנט דערוואַרטען עפּיס אַזוינס, האָט גענומען דעם קאָרב און איז איהר נאָכגעגאַנ-גען, ביז זי האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר אַ טהיר פון אַ הויז און האָט אָנגעקלאַפּט, אַ קריסט איז אַרויסגעקומען און האָט איהר געגעבען אַ מעסטעל אייל, און זי האָט איהם דערפאַר בעצאָהלט אַ דינר. דעם אייל האָט זי געשטעלט צום טרעגער אין קאָרב און געזאָגט צו איהם: „געה מיר נאָך.” „דאָס איז אַ געבענשטער טאָג”—האָט דער טרעגער גערעדט צו זיך און ער איז איהר נאָכגעגאַנגען, דעם קאָרב אויפ'ן קאָפּ, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ געוועלב פון אויבס און האָט זיך געהייסען געבען פרישע עפּעל,

---

*) דער גרויסער שלייער, וואָס זיי טראָגען, ווען זיי געהען אַרויס. ער פאַלט פון שטערן אַראָב ביז צו דער ערד. פון פאָרענט ווערט ער צוגעהאַלטען מיט דער האַנד. אויפ'ן קאָפּ ווערט אַרומגענומען נאָך אַ ווייסער שלייער, וואָס לאָזט נור די אויגען פריי.

**) די שטאָדט מאָסול האָט זיך געפונען נעבען די רואינען פון נינוה. אין מיטעלאַלטער איז זי בעריהמט געווען מיט איהרע שטיקערייען.

אַסמאַנישע קוויטען, פּרוכטען פון אָמאַן, זשאַסמין פון אַלעפּאָ, וואַסער-ליליען פון דמשק, וואַסער-מעלאָנען פון ניל, עגיפּטישע ציטו[illegible]ען, סולטאַן-ציטרינען, שמעקעדיגע מירטען, קאַמילען, בערגטולפּען, גראַנאַט-בליטען און רויזען פון יריחו. ווידער האָט זי דאָס אַלץ געלעגט אין קאָרב און האָט געזאָגט: „געה מיר נאָך.“ מיט'ן קאָרב אויפ'ן קאָפּ איז ער איהר נאָכגעגאַנגען, ביז זיי זענען געקומען צו אַ פלײשער און זי האָט געזאָגט: „האַק מיר אָפּ צעהן פונט פלײש.“ דאָס פלײש האָט זי אײַנגעוויקעלט אין אַ באַנאַנען-בלאַט און געלעגט אין קאָרב אַריין און געהייסען דעם טרעגער איהר נאָכגעהן. דאַן זענען זיי צוגעקומען צום געוועלב פון אַ צוקער-בעקער און זי האָט געקויפט אַ פּלאַטע, פול מיט אַלערליי קוכענס און קאָנפעטען, און האָט ווידער געהייסען דעם טרעגער דאָס טראָגען. דאָ האָט זיך דער טרעגער אָנגערופען: „ווען דו וואָלסט מיר פריהער געזאָגט, וואָלט איך אַ מוילטיער גענומען צו שלעפּען די אַלע זאַכען.“ זי האָט געשמייכעלט און האָט נאָך אָבגעטרעטען ביי אַ פּאַרפומעריע, וואו זי האָט צעהנערליי שמעק-וואַסערן געקויפט: רויזען-וואַסער, אָראַנזשען-וואַסער, פעלדבלומען-וואַסער, א. ד. גל. ווייטער — אַ גרויס שטיק צוקער, אַ פלאַש רויזען-וואַסער מיט מאָשוס צום בעשפּריצען, אַלאָעהאָלץ, אַמבראַ, מאָשוס און אַלעקסאַנדרישע ליכט. נאָכדעם ווי זי האָט דאָס אַלץ איינגעפּאַקט אין קאָרב, האָט זי געזאָגט: „נעהם דעם קאָרב אויפ'ן קאָפּ און געה מיר נאָך.“ ער האָט אַרויפגעשטעלט דעם קאָרב אויפ'ן קאָפּ און איז איהר נאָכגעגאַנגען, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַ הויך און שען הויז, געבויט אויף זיילען מיט אַ דאָפּעל-טהיר פון טייער האָלץ, אַרומגעשלאָגען מיט גאָלד, און פאַר דעם הויז איז געווען אַ ברייטער גרויסער הויף. זי האָט לייכט אָנגעקלאַפּט און באַלד האָבען זיך געעפענטביידע טהיר-פליגלען, און דער טרעגער האָט אין דער טהיר דערזעהן אַן'אַנדער מיידעל, הויך געוואַקסען, מיט אַ ציערליך-געוועלבטען בוזעם, פול שענהייט און רייץ און מיט גלייך-געטאָקטע גליעדער; איהר שטערן איז גלייך געווען צו אַ ליכטיגער האַלבער לבנה, מיט אויגען פון אַ גאַזעל, און אויגען-ברעמען — געגליכען צום ראָד

אַרום דער לבנה אין חודש ראַמאַדאַן, מיט באַקען אַזוי ווי די טיולפּען פון די בערג, און אַ מויל—אַזוי ווי דער זיגעל פון שלמה המלך, אַ פנים—אַזוי ווי די פולע לבנה ביים אויפגאַנג, מיט ברוסטען—ווי צוויי גלייכע גראַנאַט-עפּעל און אַ לייב, וואָס האָט אונטער איהר קלייד אויסגעזעהן ווי אַ געוויקעלטער פּאַרמעט. דער טרעגער איז ווי פון זינען אַראָב, אַז ער האָט זי דערזעהן. ער האָט שיער נישט דעם קאָרב אַראָבגעלאָזט פון קאָפּ, און האָט אויסגערופען: „אין מיין לעבען האָב איך נאָך אַזאַ געבענשטען טאָג נישט געהאַט, ווי היינט.” דאָס טהיר-מיידעל האָט די איינקויפערין און דעם טרעגער בעגריסט, זיי זענען אַריין אין אַ שענעם רייך-דעקאָרירטען זאַל, וואָס איז בעציהרט געוועזן מיט האָלץ-שניצעריי, מיט פאָנטאַנען, ביינק און נעבען-געביידעס, וואָס זענען געווען אָבגעטיילט מיט פאָרהאַנגען. אין מיטען זאַל איז געשטאַנען אַ סאָפע פון רויטען סאַטין, מיט גאָלד און טייערע שטיינער בעזעצט, און דערויף איז געזעסען אַ מיידעל מיט אויגען פון בבל*) און שלאַנק ווי אַן׳אַלף**), איהר פנים האָט פערשעמט די ליכטיגע זון, אַזוי אַז זי איז געגליכען געווען צו אַ פינקעלד גען שטערן, אָדער צו אַן׳אַראַבישער פירשטין.

דאָס דריטע מיידעל האָט זיך דערהויבען פון דער סאָפע, איז צוגעגאַנגען עטליכע טריט צו איהרע שוועסטער און האָט געזאָגט: „וואָס שטעהט איהר דאָ? נעהמט דאָך אַראָב פון דעם אָרימען טרעגער זיין לאַסט.” און זיי אַלע דריי האָבען געהאָלפען דעם טרעגער אָבצולעגען זיין לאַסט, זיי האָבען אויסגעפּאַקט אַלץ פון קאָרב און איטליכע זאַך געלעגט אויפ׳ן אָרט. דעם טרעגער האָבען זיי געגעבען צוויי דינר און האָבען צו איהם געזאָגט: „דו קאָנסט געהן, טרעגער.” אָבער דער טרעגער איז גע-

---

*) ביי די אַראַבער איז אַלץ, וואָס שטאַמט פון בבל, פול כשוף. אויגען פון בבל—זענען געמיינט פערפיהרערישע אויגען.

**) דער אַראַבישער אַלף איז אַ לאַנגער, גראָבער שטריך.

שטאַנען, בעטראַכטענדיג די מיידלעך, וואָס קיין שענערע האָט ער אין זיין לעבען נישט געזעהן, און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. איהם איז אויפגעפאַלען, וואָס חאָטש זיי זענען אַזוי שען, געפינט זיך נישט קיין מאַנספערשוין אַרום זיי, און ווי ער האָט נאָך זיין בליק געוואָרפען אויף די פערשיעדענע ווייגען, פרוכטען, בשמים וואָס אַרום, האָט ער פאַר גרויס פערוואונדערונג גאָר פערגעסען צו געהן. דאָס דריטע מיידעל האָט איהם דעריבער געפרעגט: „פאַרוואָס געהסטו נישט, צי האָט מען דיר צו-ווייניג בעצאָהלט?" און זי האָט זיך געווענדט צו איהרע שוועסטער און געזאָגט: „גיט איהם נאָך איין דינר." דער טרעגער האָט געענטפערט: „ביי גאָט, מיין לוין בעטרעפט פיעל ווייניגער, ווי אַ האַלבער דינר; איך בין צופריעדען, נאָר מיין האַרץ און מיינע געדאַנקען זענען געוועזען בעשעפטיגט מיט אייך און אייער לאַגע, וואָס איהר זענט אַליין, אָהן אַ מאַנספערשוין, וואָס איהר לעבט אָהן איינעם, וואָס זאָל געניסען אייער געזעלשאַפט. וויל, ווי איהר ווייסט, ווערט דאָס גליק פון די פרויען ערשט דורך אַ מאַנספערשוין פול. אָבער דער דאָזיגער מאַנספערשוין מוז זיין אַ קלוגער, שאַרפזיניגער מענש, וואָס דער קאָפּ און דאָס האַרץ שטעהען איהם אויפ'ן רעכטען אָרט און ער פערשטעהט צו בעהאַלטען זיינע סודות." די מיידלעך האָבען דערויף געענטפערט: „אַלס מיידלעך האָבען מיר מורא אָנצופערטרויען אונזער סוד איינעם, וואָס וועט איהם נישט האַלטען געהיים; מיר קענען דעם פערז:

„ווער עס זאָגט אַ סוד ווייטער, דער האָט איהם
פערלוירען."

ווי דער טרעגער האָט די ווערטער געהערט, האָט ער געזאָגט: „איך שווער אייך ביי גאָט, אַז איך בין אַ מענש, וואָס מען קאָן זיך אויף איהם פערלאָזען; איך האָב פיעל ביכער געלייענט און פיעל קראָניקעס שטודירט; איך בין מפרסם אויף דער וועלט דאָס גוטע און פערבאָרג דאָס שלעכטע, אַזוי ווי דער דיכטער זאָגט:

„אין מיין הארץ ליעגט דער סוד שטיל און טריי,
אַזוי ווי אין אַ הויז פעסט פערריגעלט,
וואָס קיין שליסעל דערצו איז נישטאָ."

די מיידלעך זענען זעהר גוט גענויגט געוואָרען צו איהם, וואָס ער קאָן אַזוי שען ריידען און דעקלאַמירט ליעדער, און זיי האָבען געזאָגט: „צי ווייסטו, אַז מיר האָבען פאַר דעם פּלאַץ בעצאָהלט זעהר אַ גרויסע סומע? צי קאָנסטו עפּיס צאָהלען? וויil נאָר אויב דו וועסט געבען אַ טייל פון די קאָסטען, קאָנסטו, אויב דיר איז ליעב, בלייבען דאָ, עסען מיט אונז ביי איין טיש, און אונזערע שענע געזיכטער בעטראַכטען." און די ווירטין פון הויז האָט נאָך צוגעגעבען: „פריינדשאַפט אָהן געלד וועגט וועניגער, ווי אַ קערנדיל." דאָס טהיר-מיידעל ווידער האָט געזאָגט: „האָסטו גאָרנישט, געה מיט גאָרנישט." אָבער דאָס דריטע מיידעל האָט געזאָגט: „שוועסטער, מיר וועלען איהם דאָ לאָזען. ביי גאָט, ער האָט היינט זעהר פיעל געאַרבייט פאַר אונז, אַנ'אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט נישט געהאַט אַזויפיעל געדולד; דער טייל געלד, וואָס פאַלט-אויס אויף זיין חלק, נעהם איך אויף מיר." דאָ האָט דער טרעגער אויסגערופען מיט פרייד: „ביי גאָט, מיין ערשטער לוין איז דאָס געוועזען היינט פון אייך." און זיי האָבען געזאָגט צו איהם: „זעץ דיך און זיי אונזער גאַסט." דאָ האָט זיך דער־הויבען דאָס מיידעל, וואָס האָט געפיהרט די ווירטשאַפט, האָט לויז געמאַכט איהרע קליידער, אויסגעשטעלט די פלאַשען, צונויפגעמישט דעם וויין און האָט געגרייט צום טיש אין דער זייט פון שפּרינג־ברונים. אַלע שוועסטער האָבען זיך געזעצט צום טיש, און דער טרעגער צווישען זיי, און ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ חלום. זי האָט געשטעלט אַ קרוג מיט וויין, האָט זיך אָנגעגאָסען אַ בעכער און איהם אויסגעטרונקען, דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעגאָסען פאַר איין שוועסטער, דערנאָך פאַר דער אַנדערער. דערנאָך האָט זי אָנגעגאָסען פאַר דעם טרעגער און האָט איהם געגעבען דעם בעכער. ער האָט זיי געקושט די הענד און געטרונקען. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו דער ווירטין מיט די ווערטער: „איך בין דיין שקלאַף, דיין מאַלמוק און דיענער". „די ווירטין האָט

געענטפערט: „טרינק געזונד.“ דערנאָך האָט זי אַליין אויסגעטרונקען, און אָנגעגאָסען פאַר די שוועסטער און פאַר דעם טרעגער, און אַזוי האָבען זיי געגעסען, געטרונקען, און פערבראַכט די צייט מיט דעם טרינקען און געטאַנצט און געזונגען. דער טרעגער האָט זיי אומגעאַרעמט און געקושט און זיי האָבען געשטיפט מיט איהם: איינע האָט גערעדט מיט איהם, די אַנדערע האָט איהם געצופט און די דריטע האָט איהם געשלאָגען מיט שמעקענדיגע בלומען, ביז דער ווײַן האָט זיי אַלעמען געשלאָגען אין קאָפּ אַריין, און די נאַכט האָט זיי איבעראַשט.

צעהנטע נאַכט.

דאָ האָבען זיי זיך אָנגערופען צום טרעגער: „איצט געה אַוועק און ווייז אונז די ברייט פון דיינע אַקסלען.“ דער טרעגער האָט געענטפערט: „ביי גאָט, איך וואָלט גערנער מיין נשמה אָבגעגעבען, איידער אייער געזעלשאַפט; לאָמיר דאָך די נאַכט מיט דעם טאָג פערבינדען, דערנאָך וועט זיך יעדער געהן זיין וועג.“ דערויף האָט געענטפערט די הויז-ווירטין: „ווי וואָהר איך לעב, לאָזט איהם שלאָפען ביי אונז. ער מאַכט אונז פרעהליך, ווייל ער איז אַ וויציגער מענש.“ די אַנדערע צוויי האָבען געזאַגט: „שטעה-אויף און לייען, וואָס ס׳שטעהט געשריבען אויף דער טהיר.“ ער האָט זיך אומגעקעהרט און דערזעהן מיט גאָלדענע אותיות אָנגעשריבען איבער דער טהיר: „רייד נישט וועגען זאַכען, וואָס געהען דיך נישט אָן, כּדי דו זאָלסט נישט הערען זאַכען, וואָס געפעלען דיר נישט.“ ווי ער האָט דאָס דורכגעלייענט, האָט ער געזאָגט: „איך זאָג צו נישט צו פרעגען, וואָס מיך געהט נישט אָן.“ דאָ איז דאָס דריטע מיידעל, וואָס האָט געפיהרט די ווירטשאַפט אין הויז, אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעצונדען די ליכט, און זיי האָבען ווידער געגעסען און געטרונקען, ביז עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר. איינע פון זיי איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און צוריקגעקומען מיט דער בשורה: „אונזער פערגניגען היינטיגע נאַכט וועט זיין פול: ביי דער טהיר

שטעהען דריי פרעמדע מיט געשאָרענע בערד, און עפּיס דורך אַ וואונדערליכען טראַף זענען זיי אַלע בלינד אויפ׳ן לינקען אויג. זיי זענען ערשט געקומען פון לאַנד רום און זעהען־אויס לעבערליך אין זייער לעכערליכען טראַכט. אַז זיי וועלען אַריינקומען, וועלען מיר האָבען ערשט רעכט צו לאַכען.״ און זי האָט אַזוי לאַנג צוגערעדט די איבעריגע צוויי שוועסטער, ביז זיי האָבען געזאָגט: „לאָז זיי אַריינקומען, נאָר מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלען נישט ריידען וועגען זאַכען, וואָס געהען זיי נישט אָן, כדי זיי זאָלען נישט הערען זאַכען, וואָס געפעלען זיי נישט.״

זי איז אַרויסגעגאַנגען און איז באַלד צוריקגעקומען מיט די דריי איין־אויגיגע, וואָס האָבען געטראָגען גלאַט־געשאָרענע בערד, לאַנגע און געדרעהטע וואָנסען, און אַלע דריי זענען זיי געווען בעטלער. נאָכדעם ווי זיי האָבען געזאָגט זייער בעגריסונג, זענען זיי געבליבען שטעהן נעבען דער טהיר. די מיידלעך אָבער האָבען זיי אויפגענומען און האָבען זיי געבעטען זיך צו זעצען.

די דריי בעטלער האָבען זיך אומגעקוקט און האָבען דערזעהן דעם טרעגער, וואָס איז געווען שכור׳לעך; זיי האָבען איהם גענוי בעטראַכט, און עס איז פערבליבען ביי זיי אין דער דעה, אַז ער מוז זיין אַזוי ווי זיי, אַ בעטלער. זיי האָבען געזאָגט: „דער מאַן איז אַ בעטלער, אַזוי ווי מיר, און ער וועט אונז אונטערהאַלטען מיט זיין געזעלשאַפט.״ ווי דער טרעגער האָט זייערע ווערטער געהערט, איז ער אויפגעשטאַנען, געמאַכט בייזע אויגען און איז אַרויס אויף זיי: „זיצט שטיל און ווערט נישט לעסטיג; צי האָט איהר נישט געלייענט, וואָס ס׳שטעהט געשריבען איבער דער טהיר?״ די מיידלעך האָבען געלאַכט און געזאָגט איינע צו דער אַנדערער: „דערדאָזיגער טרעגער און די בעטלער זענען זעהר קאָמיש.״ זיי האָבען די דריי בעטלער צוגעטראָגען עסען און טרינקען, און זיי האָבען געגעסען און געטרונקען צוזאַמען.

ווי דער בעכער איז געגאַנגען די רייה אַרום, האָט דער טרעגער געזאָגט צו די בעטלער: „ברידער, צי האָט איהר נישט עפּיס אַ געשיכטע צו דערצעהלען, אָדער אַזוי עפּיס מערקווירדיגעס, כדי מיר זאָלען זיך אַמוזירען צוזאַמען?״ אַזוי ווי דער ווין האָט זיי

אַ ביסעל צוהיצט, האָבען זיי געבעטען אינסטרומענטען צום שפּיעלען. דאָס טהיר-מיידעל האָט זיי געבראַכט אַ טאַמבורין פון מאָסול, אַנ׳איראַקער פליים און אַ פערסישע האַרפע; די בעטלער האָבען זיך דערהויבען, יעדער פון זיי האָט גענומען אַנ׳אינסטרומענט אין האַנד און אָנגעהויבען שפּיעלען, און די מיידלעך האָבען צוגעזונגען מיט העלע שטימען.

פּלוצלונג האָט עמיצער ווידער אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר. דאָס טהיר-מיידעל האָט זיך אויפגעהויבען, כדי צו זעהן, ווער דאָס איז. אָבער דאָס אָנקלאַפּען האָט געהאַט אַ בעזונדערע געשיכטע: אין יענער נאַכט איז דער קאַליף האַרון-על-ראַשיד, בעגלייט פון זיין וויזיר דשאַפאַר, דער טרעגער פון׳ם שווערד פון קאַליף׳ס נקמה, לויט זיין געוועהנהייט, געגאַנגען אין שטאָדט אַרום, אָנגעטהאָן ווי אַ סוחר, כדי צו וויסען, וואָס ס׳טהוט זיך אין שטאָדט. האָט ער געהערט ווי מען שפּיעלט אויף מוזיקאַלישע כלים און האָט געזאָגט צו דשאַפאַר׳ן: „איך וואָלט זעהר געוואָלט אַריינגעהן אין דעמדאָזיגען הויז און זעהן, ווער עס שפּיעלט דאָרט.“ אָבער דשאַפאַר האָט געזאָגט: „אין שטוב זענען דאָ געסט און, מסתמא, שכור׳ע געסט. איך האָב מורא, מען זאָל אונז דאָרט נישט בעליידיגען.“

אָבער דעם קאַליף האָט זיך זעהר געוואָלט אַריין און ער האָט געזאָגט: „ניין, מיר וועלען אַריין, אָבער קלער עפּיס אויס אַ תירוץ, מען זאָל אונז אַריינלאָזען.“ דשאַפאַר האָט זיך פערטראַכט און געזאָגט: „איך וועל אייך געהאָרכען און פאָלגען.“

דשאַפאַר האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר, און אַז איינע פון די שוועסטער האָט איהם געעפענט, האָט ער געזאָגט: „שענעס פרייליין! מיר זענען סוחרים פון טיווערייע און ניין טעג האָבען מיר געוויילט אין באַגדאַד. מיר האָבען געבראַכט צופיהרען סחורות און זיך אָבגעשטעלט אין חאַן. דעם היינטיגען אָוועגד זענען מיר געווען צוגאַסט ביי אַ סוחר, וואָס האָט אונז זעהר שען מכבדגעווען. אָבער אַז מיר האָבען זיך צוזעגענט מיט איהם און אַוועקגעגאַנגען, האָבען מיר פערלאָרען דעם וועג קיין חאַן. מיר זענען אויסלענדער און קאָנען נישט די געגענד. דערצו איז נאָך

דרויסען אַזוי פינסטער. מיר פערהאָפפען, אַז איהר וועט אונז גע-בען נאַכטלעגער ביי אייך אין הויז און דערפאַר וועט אייך דער בורא-עולם בעצאָהלען כופל-כופלאים.״

האָט די שוועסטער זיי בעטראַכט און בעקוקט, און ווי זי האָט דערזעהן, אַז זיי זענען געקליידעט ווי סוחרים, איז זי אַוועק זיך האַלטען אַנ׳עצה מיט די שוועסטער. די שוועסטער האָבען געגעבען זייער הסכמה, איז זי געגאַנגען און זיי געעפענט די טהיר. „קאָנען מיר אַריין מיט דיין הסכמה?״ האָבען זיי גע-פרעגט און די שוועסטער האָט זיי געענטפערט: „קומט אַריין.״

איז אַריין דער קאַליף און זיינע בעגלייטער דזשאַפאַר און מעסרור. דערזעהן די געסט, האָבען זיך די שוועסטער אויפ-געהויבען און זיי געגומען מכבד-זיין. „מיר בעטען אייך זעהר,— האָבען זיי געזאָגט,—זענט ביי אונז געסט, גוטע געסט, אָבער מיט איין תנאי, אַז איהר זאָלט נישט ריידען אַזוינע זאַכען, וואָס געהען אייך נישט אָן. אויב איהר וועט נישט אָבהיטען דעמדאָזיגען תנאי, וועט איהר הערען אַזוינס, וואָס וועט אייך נישט זעהר געפעלען.״ „גוט,״—האָבען זיי געזאָגט און זיך אַוועק-געזעצט צו געניסען עטוואָס פון דער משקא.

דערזעהן די דריי בעטלער, האָט זיך דער קאַליף זעהר געוואונדערט און נאָכמעהר האָט ער געגאַפט, ווען ער האָט דער-זעהן, אַז יעדער פון זיי איז בלינד אויף איין אויג. אָבער ווי ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף די מיידלעך, האָט ער פערגעסען אָן די בלינדע: ער איז דורכגענומען געוואָרען דורך זייער חן און שענקייט. דער עולם האָט כסדר געטרונקען און געשמועסט צווישען זיך, אָבער דער קאַליף, אַז מען האָט איהם אונטערגע-טראָגען וויין, האָט ער נישט געוואָלט געניסען פון איהם, זאָגענ-דיג, אַז ער איז אַ פילגער*). דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבען די שוועסטער, די ווירטין, און האָט אַוועקגעלעגט פאַר איהם אַנ׳אויס-געצייכנעט שטאָף און דערויף אַוועקגעשטעלט אַ כינעזישע פלאַש

---

* אַ מענש, וואָס איז עולי־רגל אין די הייליגע ערטער, סתפלל־צו זיין דאָרטען.

מיט ווערבען-וואַסער. איננ'ם וואַסער האָט זי אַריינגעשטהאָן אַ שטי־קעלע אייז און פערזיסט אייך מיט צוקער. האָט דער קאַליף זי געדאַנקט און פאַר זיך אַ טראַכט געטהאָן: „מאָרגען וועל איך דיך נאָך מעהר בעדאַנקען פאַר דעמדאָזיגען כבוד."

און דער עולם האָט זיך נאָך אַלץ משמח-געווען און ווי דער וויין האָט זיך שוין געלאָזט שפּירען אין זייערע קעפּ, האָט זיך אויפגעהויבען דיווירטין פון הויז, אָנגענומען פאַר דער האַנד די שוועסטער די אויפקויפערין און איהר געזאָגט: „שטעה-אויף, שוועסטער, מיר מוזען דערפילען אונזער חוב." דערויף האָט יע־נע געזאָגט: „רעכט."

די ווירטין האָט תיכף אָבגערוימט דעם מיטען צימער און די בעטלער אָוועקגעשטעלט ביים טהיר. דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צום טרעגער: „דיין פריינדשאַפט מיט אונז איז אפילו נישט קיין אַלטע, דאָך אָבער ביזטו אונז נישט קיין פרעמ־דער." „וואָס-זשע בעגעהרט איהר?"—האָט געפרעגט דער טרעגער און זיך אויפגעהויבען. האָט איהם איין שוועסטער געענטפערט: „שטעה דאָרט, וואו דו שטעהסט און העלף מיר צו אין דער אַרבייט."

האָט ער דערזעהן צוויי שוואַרצע הינד אויף אַ קייט, האָט ער זיי אַרויסגעפיהרט אויפ'ן מיטען צימער. און תיכף איז אויפ־געשטאַנען פון איהר אָרט די ווירטין פון הויז, האָט פערקאַטשעט די אַרבעל ביז די עלענבויגענס, גענומען אין דער האַנד אַריין אַ קאַנטשיק און געהייסען דעם טרעגער, ער זאָל צופיהרען איי־נעם פון די הינד. האָט דער הונד גענומען יאָמערן און וואַרפען מיט'ן קאָפּ, אָבער די ווירטין האָט נישט געקוקט דערויף און האָט געשלאָגען דעם הונד אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זי איז מיעד געוואָ־רען און אַ וואָרף געטהאָן דעם קאַנטשיק. דעמאָלט האָט זי צו־געטוליעט דעם הונדס קאָפּ צו איהר ברוסט, אויסגעווישט איהם די טרעהרען און אַ קוש געטהאָן איהם אין קאָפּ אַריין.

„דעם הונד פיהרט-אַוועק און ברענגט מיר דעם צווייטען,"—האָט זי געזאָגט צום טרעגער.

אבער מיט דעם צווייטען הונד האָט זי אויך געטהאָן דאָ

ייגענע, וואָס מיט׳ן ערשטען. און ווי דער קאַליף האָט עס דערזעהן, זאָט ער זיך זעהר פערוואונדערט און עס האָט איהם פערחאַפּט זאָר׳ן הארצען. האָט ער דורך אַ צייכען געהייסען דזשאַפאַר׳ן זרעגען, וואָס איז עס אַווינס, אָבער יענער האָט איהם צוריק געענטפערט מיט דעם אייגענעם צייכען, אַז מען טאָר נישט פרעגען. די ווירטין פון הויז האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער אויפזעהערין און געזאָגט: „שטעה-אויף און טהו דיין זאַך." יענע איז תיכף אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „רעכט."

האָט זיך די ווירטין אויסגעצויגען אויף אַנ׳אַלעבאַסטער-געלעגער, וואָס איז געווען בעפּוצט מיט גאָלד און זילבער, און ווידער געזאָגט צו די שוועסטער: „איצט דערפילט מיר אייער חוב".

האָט זיך די אויפזעהערין אַנידערגעזעצט ביי איהר אויפ׳ן געלעגער און די אויפקויפערין איז אַוועק אין אַלקירל און געבראַכט פון דאָרטען אַנ׳אַטלאַס-זעקעלע מיט גרינע פרענזעלעך און פון דעמדאָזיגען זעקעלע, וואָס זי האָט אַוועקגעלעגט פאַר דער ווירטין, האָט זי אַרויסגענומען אַ צימבעלע, אַ קלאַפּ געטהאָן איבער די סטרונעס און גענומען זינגען:

„אָ, קעהר מיר אום דעם שלאָף צו מיינע אויגען,
עס איז שוין לאַנג דער שלאָף אַוועק פון זיי.
עס האָט מיך אויך פערלאָזט דער שכל.
און האָב איך ליעב בעקומען, האָב איך באַלד געזעהן,
אַז פיינדליך איז דער שלאָף צו מיינע אויגען.
מען זאָגט: „אָפּטאָל ביזטו געווען אַ פרעהליך הארץ,
און היינט—איינגאַנצען זיך געענדערט."
איך ענטפער זיי: „איהר זוכט דאָס פייער נאָכ׳ן רויך",
איך בין איהם מוחל אַלץ, אפילו
מיין היים פערגאָסען בלוט. אָ, איך אַליין
בין שולדיג אין זיין כעס און איך אַליין
האָב צוגעפירט איהם צו דעם חטא. איך וועל
אויף אייביג שוין נישט זעהן די פייערע געשטאַלט
אין שפּיגעל פון מיין אומרוהיגען רעיה
און פייער פון מיין פיינליכער נשמה.

דערהערט דאָסדאָזיגע ליעד, האָט די אויפזועהערין אויסגעפן: „אָ, זאָל אַלאַה דיך לויבען און בענשען!“

און זי האָט צוריסען אויף זיך די קליידער און איז אין חלשות געפאַלען און, פאַלענדיג, האָט זיך איהר די ברוסט אויפגעדעקט. און דעמאָלט האָט דער קאַליף דערזעהן אויף איהר ברוסט שפורען פון קלעפ, פונקט ווי מען וואָלט זי געשמיסען מיט אַ קאַנטשיק און מיט מיקראַכעס*). איז ער זעהר פערוואונדערט געוואָרען און זיך נישט געקאָנט בערוהיגען. נאָר באַלד איז אויפגעשטאַנען די אויפקויפערין, אָבגעשפריצט איהר געזיכט מיט וואַסער, דערנאָך געבראַכט אַנדערע קליידער און זי איבערגעטהאָן. און דער קאַליף, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ זעהר גע'חדוש'ט, האָט געזאָגט צו דזשאַפאַר'ן: „האָסטו געזעהן דידאָזיגע פרוי מיט די סימנים פון קלעפ אויף דער ברוסט? איך קאָן די זאַך אַזוי נישט לאָזען און איך וועל מיך נישט בערוהיגען, וואו איך וועל נישט דערגעהן די אמת'ע געשיכטע מיט דעמדאָזיגען מיידעל און מיט די צוויי הינד.“ דערויף האָט איהם דזשאַפאַר געזאָגט: „גנעדיגער מלך! זיי האָבען דאָך אָבער אונז געשטעלט אַ תנאי, אַז מיר זאָלען נישט ריידען וועגען דעם, וואָס געהט אונז נישט אָן. וואָרום אויב מיר וועלען נישט אָבהיטען דעם תנאי, וועלען מיר דערהערען עפּיס אַזוינס, וואָס וועט אונז זעהר נישט געפעלען“.

עלפטע נאַכט.

די אויפזועהערין האָט דערווייל פון דאָסניי געבראַכט דאָס צימבעלע, צוגעדריקט עס צום האַרצען, אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די פינגער איבער די סטרונעס און גענומען זינגען אַנ'אַנדער ליעד:

„און ווען דאָס האַרץ איז פול מיט טרויער אויף דער
ליעבע

*) מיקראַכעס — אַ פאַלמען־ריטעל אָהן בלעטעלעך.

וואס קענען זאגען מיר, וואס קאנען מיר דען ריידען?
און ווי בעפרייט מען זיך פון ליידענשאפט פון הייסער —
ווי ווערט מען נישט פערברענט פון הייסע ליעבע־פלאמען?
און שיקען מיר צו איהם שוין א שליח —
וואלט ער געקאנט דעם טרויער איבערגעבען,
דעם טרויער און דעם וועה פון א פערליעבטען הארצען?
און וועלען מיר אפילו זיין געדולדיג,
וועט אויך דאס הארץ נישט קאנען איבערלעבען
דעם וועה פון דעם פערטריבענעם געליעבטען.
בעדארפען מיר איצט וויינען, גיסען טרעהרען.
א, דו, וואס דיין געשטאלט איז שוין נישטא פאר מיינע אויגען,
נאר לעבען וועסטו שטענדיג אין מיין הארצען־נעסט.
געליעבטער! טריי, זאלסט טריי זיין יענער זעלע,
וואס וועט דיך אויך אויף קיינעם נישט פערבייטען.
און טאמער וועסטו טוישען דארט דיין ליעבע,
וועט טרעפען דיך גאטס משפט אויפ'ן הימעל.
איך וועל ביי גאט מיט טרעהרען דעמאלט בעטען,
ער זאל דיך שטראפען, ווי מען שטראפט א רשע.”

און באלד דערויף, האט די אויפזעהערין פון דאס-ביי צוריסען אויף זיך די קליידער און מיט געשריי געפאלען אין חלשות. און די אויפקויפערין האט, ווי פריהער, געבראכט נייע קליידער און אבגעשפריצט איהר דאס געזיכט מיט וואסער, די בעטלער האבען זיך איבערגעקוקט ביים טהיר און געזאגט: „וואלטען מיר בעסער נישט אריין אין דעמדאזיגען הויז. שוין א סך גלייכער וואלט געווען צו שלאפען אונטער'ן אפענעם הימעל”. האט דער קאליף זיך אבגעקעהרט צו די בעטלער און געפרעגט: „פארוואס?” האבען איהם די בעטלער געענטפערט: „דערפאר, ווייל מען קאן רוהיג נישט קוקען אויף אזוינע זאכען.” האט זיי דער קאליף ווידער געפרעגט: „זענט איהר נישט קיין היגע?” און די בעטלער האבען איהם געענטפערט דערויף: „ניין, מיר ווייסען נישט אפילו וועמעס שטוב דאס איז. אפשר געהערט דאס-דאזיגע הויז צו יענעם מענשען, וואס זיצט מיט אונז?” און זיי

האָבען אָנגעוויזען אויפ׳ן טרעגער. האָט זיך דער טרעגער אָנגערופען: „ניין. איך זעה אויך דאָסדאָזיגע הויז צום ערשטען מאָל און איך וואָלט אויך געוואָלט בעסער שלאָפען אונטער׳ן אָפּענעם הימעל, איידער דאָ.״

דעמאָלט האָבען זיי זיך בעדאַכט און איינאַנדער געזאָגט: „זיבען מאַנספערשוינען זענען מיר דאָ און זיי, די פרויען, זענען בלויז דריי. און דעריבער קאָנען מיר זיי פרעגען זייער געשיכטע און אויב זיי וועלען נישט וועלען מיט גוטען דערצעהלען, קאָנען מיר זיי צווינגען מיט בייזען.״

אַלע האָבען איינגעשטימט דערין, נאָר איין דושאַפאַר איז געווען געגען. „ניין,—האָט ער געזאָגט,—דאָס איז נישט עהרליך. לאָזט זיי בעסער צורוה. מיר זענען זייערע געסט, און מיר בעדאַרפען הייליג דערפילען דעם תנאי, וועלכען מיר האָבען גענומען אויף זיך. דרויסען הויבט שוין באַלד אָן צו טאָגען און מיר וועלען זיך אַלע צושיידען און אַוועקגעהן אין פערשיעדענע וועגען. בלויז איין שעה האָבען מיר נאָך צו טאָג,—האָט ער זיך געווענדט צום קאַליף,—וועלען מיר זיי מאָרגען רופען צו זיך און דו וועסט זיי אויספרעגען זייער געשיכטע.״

אָבער דער קאַליף האָט זיך בעוועגט אויף זיין אָרט און געזאָגט: „איך האָב קיין געדולד נישט ביז מאָרגען. איך מוז עס איצט וויסען.״

צו וואָרט פאַר א וואָרט און מען האָט זיך שטאַרק צושמועסט ווענען דעמדאָזיגען ענין און מען האָט געפרעגט צווישען זיך, ווער קאָן זיי שטעלען דידאָזיגע פראַגע, און מען האָט אויסבעקליבען דעם טרעגער.

„ליעבע לייט!—האָבען זיך די שוועסטער פלוצלונג אָנגערופען,—וועגען וואָס שמועסט איהר דאָס אַזוי?״

דערהערט דידאָזיגע פראַגע, האָט זיך דער טרעגער אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו דערווירטין: „חשוב׳ע פרוי!—האָט ער געזאָגט.—איך בעט דיך אין נאָמען פון אַלאַה, דו זאָלסט אונז דערצעהלען די געשיכטע מיט די דאָזיגע צוויי הינד און פאַרוואָס האָסטו זיי געשלאָגען און פאַרוואָס האָסטו דערנאָך געוויינט

און זיי געקושט און פּאַרוואָס האָט דיין שוועסטער אַ צושלאָגענע ברוסט. דאָס ווילען מיר וויסען, און רוה און מנוחה זאָל זיין אויף דיין קאָפּ.”

פרעגט דיווירטין ביי די איבעריגע לייט: „רעדט ער באמת אין אייער נאָמען?”—„ריכטיג!”—זאָגען יענע, אויסער דזשאַפאַר'ן.

דערהערט דעם ענטפער, האָט זיך די ווירטין אָנגערופען: „ביי גאָט, איהר האָט אונז ט'עף בעליידיגט. האָבען מיר דען מיט אייך נישט אויסגענומען אַ תנאי, אַז איהר וועט זיך נישט אַריינמישען נישט אין אייער זאַך, וואָרום דעמאָלט וועט איהר דערהערען עפּיס אַזוינס, וואָס וועט אייך נישט געפעלען. איז אייך דען וועניג דאָס, וואָס מיר האָבען אייך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און אייך מכבד-געווען מיט גוטע זאַכען? אָבער איהר זענט אַזוי ווייט נישט שולדיג, ווי יענע, וואָס האָט אייך אַריינגעלאָזט אַהער.”

און באַלד ווי זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי צונויפגעלעגט אין אַרבעל די פויסט, דריי מאָל אַ קלאַפּ געטהאָן אין דער פּאָדלאָגע און אויסגעשריען: „שנעלער אַהער!”

האָט זיך תיכף-ומיד געעפענט אַ טהיר אין אַ דערבייאיגען צימער און פון דערדאָזיגער טהיר זענען אַרויס זיבען שוואַרצע שקלאַפען מיט שווערדען אין די הענד. „בינדט זיי,—האָט זי אַ מאַך געטהאָן צו זיי מיט דער האַנד,—בינדט זיי, דידאָזיגע פלוידערער, די הענד און דערנאָך בינדט זיי צו איינאַנדער.” האָבען די נעגערס תיכף דערפילט איהר בעפעהל. „אָבער גנעדיגע האַרין,—האָבען די נעגערס געפרעגט,—אפשר וועסטו הייסען אַראָבהאַקען זיי די קעפּ?” דערויף האָט זי געזאָגט: „וואַרט-נאָר, פריהער זאָלען זיי דערצעהלען זייער לעבענס-געשיכטע און דערנאָך וועט מען קאָנען אַראָבנעהמען זיי די קעפּ.”

„גנעדיגע האַרין מיינע, אין נאָמען פון גאָט בעט איך דיך,—האָט אָנגעהויבען דער טרעגער מיט טרעהרען,—טויט מיך נישט צוליעב דער שולד פון אַנדערע. זיי אַלע האָבען זיך פעראייניגט געגען אייך, אָבער איך נישט. ווען נישט דידאָזיגע בעטלער, וואָלטען מיר באמת גוט פערבראַכט די נאַכט. איהר קוקט

נאָר אָן די בעטלער: אַזוינע לייט זענען פעהיג צו פערוואַנדלען אַ שטאָדט אין אַ באַרג אַש." און אַז ער האָט געענדיגט זיינע רייד, האָט ער זיי דורכגעלייענט דאָס ליעד:

„פערגעבען יענעמס חטא, וואָס שטעלט זיך נעגען אונז,
איז שטענדיג זיס. נאָר זיסער אָבער איז—
פערגעבען שוואַכע מענשען זייער חטא.
אָ, כּהו אונז נישט קיין שלעכטס אין נאָמען
פון אונזער שענער ליעבער פריינדשאַפט."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך די יונגע פרוי צולאַכט, איז צוגעגאַנגען צו די מאַנסלייט און געזאָגט: „דערצעהלט מיר אייער לעבענסגעשיכטע, ווארום מעהר ווי אַ שעה צייט איז אייך נישט געבליבען צו לעבען. ווען איהר וואָלט נישט געווען קיין מענשען פון אַדעל, ווי דאָס איז קענטיג אויף אייך, וואָלט איך אייך געלאָזט נאָך פריהער טויטען."

האָט דער קאַליף פערבראָכען מיט די הענד: „וועה צו דיר, דזשאַפאַר, זאָג איהר גיכער, ווער מיר זענען אַזוינס, ווארום אַנישט וועט זי אונז טויטען." און דזשאַפאַר, וואָס איז געווען בייז, האָט זיך אָנגערופען: „און זי וועט זיין גערעכט." „אָבער, דזשאַפאַר,—האָט דער קאַליף ווייטער געזאָגט,—אין אַזאַ צייט ווי־צעלט מען זיך נישט. אַלץ האָט זיין צייט."

„זענט איהר ברידער?"—האָט די ווירטין געפרעגט די בעטלער.—„ניין,—האָבען יענע געענטפערט,—מיר זענען עלענדע בעטלער פון אַ פרעמדען לאַנד."

„ביזטו געבוירען געוואָרען בלינד אויף איין אויג?—האָט זי איינעם פון זיי געפרעגט.

„ניין,—האָט ער געענטפערט,—אָבער מיין אויג האָב איך פערלאָרען אין זעהר אַנ'אויסטערלישען פאַל און ווען איך זאָל עס דערצעהלען, וואָלט עס געקאָנט זיין זעהר אַ גוטע לעקציע פאַר דעם יעניגען, וואָס וויל אַראָבנעהמען אַ מוסר-השכל פון אַזאַ זאַך."

האָט זיך די ווירטין געווענדט מיט דער אייגענער פראַגע צו דעם צווייטען און דעם דריטען בעטלער, און יענע האָבען

איהר אויך געגעבען אזא ענטפער, ווי דער ערשטער. „מיר זע-נען—האָבען זיי געזאָגט—פון פערשידענע קאַנטען און זעהר אויס-טערליש איז די לעבענסבעשרייבונג פון יעדערן פון אונז."

האָט זיי די ווירטין נאָכאַמאָל אָנגעקוקט און זיך אָנגערו-פען: „יעדער פון אייך וועט מיר דערצעהלען זיין לעבענסבע-שרייבונג און אויך די סבה, ווי אַזוי ער איז געקומען אַהער און דערנאָך וועט ער זיך קאָנען געהן זיין וועג."

און דער טרעגער איז צוגעגאַנגען דער ערשטער און האָט אָנגעהויבען אַזוי:

„איך בין אַ טרעגער, מיין גנעדיגע פרוי, און אָט די אויס-קויפערין האָט מיך אָנגעדונגען און געבראַכט אַהער, און דאָס, וואָס מיט מיר איז געשעהן, ווייסט איהר אַליין זעהר וואויל. דאָס איז מיין גאַנצע געשיכטע, און רוה און מנוחה זאָל קומען צו אייער קאָפּ."

„נו, בערוהיג דיך אַ ביסעל,—האָט די ווירטין געזאָגט—און קאָנסט געהן."

האָט דער טרעגער צוגעלעגט די האַנד צו זיין האַרצען און געזאָגט: „איך שווער ביי גאָט, אַז איך וועל נישט אַוועק פון דאַנען, וואו איך וועל פריהער נישט אויסהערען די געשיכטע פון מיינע חברים."

איז אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער בעטלער און אָנגעהויבען דערצעהלען.

דער ערשטער בעטלער.

ווילסטו וויסען, מיין גנעדיגע פרוי, די סבה, פאַרוואָס איך האָב מיר אָפּגעראַזירט די באָרד און פאַרוואָס איך האָב פערלאָ-רען אַן אויג? געווען איז מיין פאָטער אַ מלך און געווען איז זיין ברודער אויך אַ מלך, אָבער אין אַן אַנדער רעזידענצשטאָדט. און עס איז געשעהן אַזוי, אַז מיין מוטער האָט מיך געבוירען אַקו-ראַט אין יענעם טאָג, בשעת ביי מיין פעטער איז אויך געבוירען געוואָרען אַ זוהן. און אַ סך יאָהרען און אַ סך טעג זענען פערלאָ-פען, ביז וואַנען מיר זענען אויסגעוואַקסען און געוואָרען מענשען

צו גלייך. פלעג איך פאָהרען צו מיין פעטער צו-גאַסט עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד. און איינמאָל, בשעת איך בין צו איהם, ווי געווערנליך, געקומען אין געסט, האָט מיך דעם פעטערס זוהן אויפגענומען מיט גרויס כבוד. ער האָט געשאָכטען אַ ווידער פאַר מיר און אָנגעגאָסען ווײן און מיר האָבען זיך אַנידערגעזעצט און געטרונקען, און אַז די משקא איז אונז געקומען אין קאָפ אַריין, האָט ער זיך אָנגערופען צו מיר מיט דידאָזיגע ווערטער: „אָ, זוהן פון מיין פעטער, איך בעדאַרף האָבען דיין הילף אין זעהר אַ וויכטיגען ענין, אָבער איך בעט דיך, דו זאָלסט אָנגעהמען פאַר גוט דאָס, וואָס איך געה איצט טהאָן.״

דערויף האָב איך איהם געזאָגט:

„איך וועל דיר אין אַלעם בעהילפיג זיין.״ האָט ער מיך געצוואונגען, איך זאָל איהם געבען אַ שבועה און דערנאָך, אַז איך האָב איהם געשוואָרען, איז ער אַוועק און געקומען מיט אַ פרוי, וואָס איז געווען געפּאַרבט און אויסגעשמירט אין טייערע איילען און זעהר רייך אָנגעקליידט. האָט ער די פרוי אַוועקגעשטעלט הינטער זיך און אַליין האָט ער אויף מיר אַ קוק געטהאָן און געזאָגט דידאָזיגע ווערטער: „נעהם דיר די פרוי און געה מיט איהר אויפ'ן בית-עולם״. דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט, וואו עס געפינט זיך דער בית-עולם און צוגעגעבען: „דו געה און וואַרט אויף מיר״.

האָב איך געמוזט טהאָן, ווי ער האָט געהייסען, ווייל איך האָב איהם געשוואָרען. האָב איך גענומען די פרוי און אַוועק מיט איהר אויפ'ן בית-עולם. באַלד איז ער אויך געקומען אַהין און געבראַכט מיט זיך אַ טעצעלע וואַסער, אַ זאַק מיט קליי און אַ קליינע דלאָטע. און ווי ער איז געקומען, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קבר אויפ'ן מיטען בית-עולם, פונאַנדערגעהאַקט מיט דער דלאָטע די שטיינער, אַוועקגערוקט זיי אין דער זייט און דערנאָך מיט דער אייגענער דלאָטע צוגראָבען די ערד. ביסלעכווייז איז ער צוגעקומען צו אַ פלאַכען שטיין, אויפגעהויבען איהם און אויפגעדעקט אַ קליין טרעפּעל. דעמאָלט האָט ער צוגערופען די פרוי און געזאָגט:

„טהו דיין רצון.״

האָט זיך די פרוי אַראָבגעלאָזט אויף די שטיגעלעך און ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר און געזאָגט: „אָ, זוהן פון מיין פעטער, דערפיהר שוין דיין גוטע אַרבייט ביז'ן סאַמע סוף: אַז איך וועל אַראָב אונטען, זאָלסטו פון דאָסניי פערלעגען מיט שטיינער און פערשיטען מיט זאַמד און מאַך עס אַזוי, ווי פריהער איז געווען. דערנאָך צומיש דעם דאָזיגען קליי מיט וואַסער און פערשמיר די קברים-שטיינער אַזוי, ווי עס איז פריהער געווען. אָבער זעה, אַז דאָס זאָל געמאַכט ווערען אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט דערקאָנען, אַז מען האָט דאָ געעפענט אַ קבר. אַ גאַנץ יאָהר האָב איך מיך געגרייט דערצו, און אויסער גאָט, האָט קיינער ביי מיר נישט געוואוסט דערפון. דאָס איז עס, וואָס איך פאָדער פון דיר. גיב גאָט, אַז דיינע פריינד זאָלען דיך קיינמאָל נישט פערלירען, אָ, זוהן פון מיין פעטער!" און מיט די דאָזיגע ווערטער האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויף די שטיגעלעך.

און ווי ער איז פערשוואונדען געוואָרען, האָב איך פערלעגט דעם קבר מיט דעם פלאַכען שטיין און געטהאָן אַזוי, ווי ער האָט געבעטען. דערנאָך האָב איך מיך אומגעקעהרט צוריק אין הויז פון מיין פעטער, וואָס איז דעמאָלט אַוועקגעפאָהרען אויף געיעג. איבערגעשלאָפען די נאַכט, האָב איך מיך אויף מאָרגען פריה גענומען בעדאַכטען, וואָס איך האָב דאָ געטהאָן אַזוינס און וואָס איז דאָ פאָרגעקומען צווישען מיר און מיין פעטערס זוהן און איך האָב שטאַרק חרטה-געהאַט אויף מיינע מעשים, אָבער די חרטה איז געקומען צו-שפעט. בין איך אַרויס אויפ'ן בית-עולם און גענומען זוכען דעם קבר, אָבער איך האָב איהם נישט בעקאָנט געפינען. און טיעף אין דער נאַכט אַריין האָב איך אַלץ געזוכט דעם קבר און האָב מיך אומגעקעהרט צוריק אין פאַלאַץ אַריין מיט גאָרנישט. און פון גרויס עגמת-נפש און וועה האָב איך אויפגעהערט צו עסען און טרינקען און בין אַריינגעפאַלען אין אַ מרה-שחורה. און אויף מאָרגען בין איך ווידער אַוועק אויפ'ן בית-עולם און אַלץ געהאַט אויף דער מחשבה די טהואונג פון מיין פעטערס זוהן און איך האָב חרטה-געהאַט דערויף, וואָס איך האָב איהם געהאָלפען. איך האָב איבערגעקוקט אַלע קברים, אַלע

שטיינער, אָבער דאָס, וואָס איך האָב געזוכט, האָב איך נישט געפונען. גאַנצע זיבען טעג האָב איך אַזוי געזוכט, אָבער מיין זוכען האָט גאָרנישט געהאָלפען.

האָט זיך נאָכמעהר פערשטאַרקט מיין מרה-שחורה און איך האָב געמיינט, אַז איך ריהר מיך פון זינען. בין איך אַוועקגע־פאָהרען צוריק צו מיין פאָטער—איך זאָל מיך עטוואָס בערוהיגען. אָבער באַלד ווי איך בין צוגעפאָהרען צו דער ראָגאַטקע, זענען מיך מענשען בעפאַלען און געבונדען. האָב איך מיך שטאַרק גע־חדוש'ט, וואָרום מיין פאָטער איז געוועזן דער סולטאַן פון שטאָדט און געבונדען האָבען מיך די פּאַלאַץ-דיענער, בין איך זעהר דער־שראָקען געוואָרען: וואָס האָט געקאָנט געשעהן מיט מיין פאָטער? האָב איך געפרעגט די מענשען, וואָס האָבען מיך געבונדען, פאַר־וואָס בעגעהען זיי זיך מיט מיר אַזוי? האָבען זיי געשוויגען, נאָר איינער, וואָס פלעגט מיך פערזענליך בעדיענען, האָט זיך אָנגע־רופען: „דאָס מזל האָט זיך אָבגעקעהרט פון דיין פאָטער. זיינע חילות זענען אַוועק פון איהם און דער וויזיר האָט איהם געטויט. און מיר האָבען דאָ געוואַרט, צו חאַפּען דיך, בשעת דו וועסט צוריקקעהרן."

האָט מען מיך גענומען און געבראַכט צום וויזיר, וואָס האָט געטויט מיין פאָטער.

און איך מיט'ן וויזיר זענען שוין לאַנג געוועזן גרויסע שונאים צווישען זיך, און די סבה איז געוועזן [illegible] איך האָב ליעב גע־האַט צו געהן אויף געיעג און שיסען פון [illegible]אַליינשיסער. און אָט איז איינמאָל געשעהן אַזוי, אַז איך האָב געשאָסען פון דאַך פון מיין פּאַלאַץ אין אַ פויגעל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען איבער [illegible]עם וויזירס דאַך. איך האָב אין פויגעל נישט געטראָפען, נאָר געטראָפען אין וויזירס אויג און דורכגעהאַקט איהם דאָס אויג. אַזוי איז איהם שוין בעשערט געוועזן, ווי עס זאָגט דער דיכטער:

פון פריהער איז דער וועג אונז שוין בעשטימט.
עס געהט דער מענש אויף זיין בעשערטען וועג.
ער געהט פאַראויס געהאַרזאַם, ווי געשטיערט.

און דעם, וואָס איז בעשערט צו שטאַרבען אין זיין לאַנד,
ער וועט שוין אין אַ צווייטען לאַנד נישט שטאַרבען."

אַז איך האָב אויסגעהאַקט דעם ווזיר דאָס אויג, האָט ער גענומען שווייגען, ווייל מיין פאָטער איז געווען דער מלך. אָבער ער האָט מיך פיינט בעקומען. און אַז איך בין געשטאַנען פאַר איהם מיט פערבונדענע הענד, האָט ער געהייסען מיר אָבהאַקען דעם קאָפּ. האָב איך איהם געפרעגט מיט שרעק: „פאַרוואָס ווילסטו מיך טויטען? איך האָב דאָך דיר גאָרנישט געטהאָן?"—האָט ער אויסגעשריען און אָנגעוויזען אויף זיין אויסגעהאַקטען אויג: „וואָס קאָן זיין ערגער דערפון?" האָב איך געזאָגט: „אָבער איך האָב עס דאָך געטהאָן אומגערן." איז ער נאָכמעהר צורייצט געוואָרען: „אומגערן? נו, וועל איך עס דיר טהאָן בכיון."

האָט ער געהייסען, מען זאָל מיך שטעלען אַנטקעגען איהם, און ווי מען האָט מיך צוגעפיהרט נעהנטער, האָט ער אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פינגער און אויסגעהאַקט מיר דאָס אויג. און אַט אַזוי האָב איך פערלאָרען דאָס אויג. דערנאָך האָט ער געהייסען, מען זאָל מיך בינדען פעסט און אַריינלעגען אין אַ קאַסטען. „נעהם דעמדאָזיגען מאַן,—האָט ער געזאָגט צום תלין,—טראָג איהם אַרויס הינטער דער שטאָדט, דער'הרג'ע איהם דאָרט און גיב איהם אַוועק די בלוטדורשטיגע חיות אויף צום עסען."

האָט מען געפאָלגט דעם בעפעהל פון ווזיר, האָט מען מיך אַוועקגעטראָגען הינטער דער שטאָדט, אַרויסגענומען פון קאַסטען, געבונדען הענד און פיס און דער תלין האָט שוין געוואָלט מיך טויטען. האָב איך מיך אָבער גענומען בעטען ביי איהם רחמים און וויינען:

„און וויפיעל, וויפיעל מאָל האָב איך בעשיצט די ברידער,
נישט שונאים, ברידער זענען דאָס געוועזען,
נאָר דעטאָלט האָב איך נישט געקאָנט פערשטעהן,
אַז אויך זיי וועלען דורכשפיזען מיין האַרץ".

און דער תלין, וואָס איז נאָך פאַר מיין פאָטער געווען תלין און וואָס האָט זיך געוואַרימט אין דער לייטזעליגקייט פון

אונטער מיין פּאָטערס פליגלען, איז געריהרט געוואָרען און ער האָט אויסגעשריען:

„אָ, מיין גנעדיגער הער! איך בין דאָך בלויז אַ דיענער און איך בעדאַרף טהאָן וואָס מען הייסט מיר, אָבער איך וועל דיך לאָזען לעבען. דו בעדאַרפסט אָבער אַוועק אין אַנ׳אַנדער לאַנד און אַהער. אין דעם לאַנד, קיינמאָל נישט קומען צוריק. וואָרום אַנישט, וועסטו אָבשניידען שלעכט און איך אויך דאָס אייגענע. דער דיכטער זאָגט:

„אַנטלויף און ראַטעווע דאָס לעבען.״

און אַזוי ווי ער האָט עס געזאָגט, האָב איך איהם געקושט די הענד, אָבער אין מיין ישועה האָב איך געגלויבט נאָר דעמאָלט, ווען איך בין אַוועק פון איהם. אמת, איך האָב פערלאָרען אַנ׳אויג, אָבער דאָך קען איך לעבען אויף דער וועלט. האָב איך מיך אומגעקעהרט צוריק אין דער רעזידענץ פון מיין פעטער און איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, וואָס איז געשעהן מיט מיין פאָטער, און ווי אַזוי איך האָב פערלאָרען דאָס אויג.

האָט ער זיך ביטער צעוויינט און געזאָגט: „מיט דיין געשיכטע האָסטו נאָך פערגרעסערט מיין צער, וואָרום איך האָב פערלאָרען מיין זוהן. איך ווייס נישט וואו ער איז. איך זוך איהם און זוך איהם און קאָן איהם נישט געפונען.״

דערנאָך האָט ער זיך ווידער צעוויינט און געזאָגט: „אָ, קינד מיינס, פערלירען אַנ׳אויג איז דאָך אַלץ בעסער, ווי פערלירען דאָס גאַנצע לעבען.״ דאָ האָב איך שוין מעהר נישט געקאָנט שווייגען און איך האָב איהם אַלץ דערצעהלט, וואָס איז געשעהן מיט זיין זוהן. דערהערט דידאָזיגע געשיכטע, האָט ער זיך זעהר דערפרעהט און געזאָגט: „בעוויז מיר נאָר שנעלער זיין קבר.״

„ביי גאָט,—האָב איך מיך אָנגערופען,—אַז איך ווייס נישט, וואו עס געפינט זיך דערדאָזיגער קבר. אָ, מיין פעטער! איך האָב איהם געזוכט אַזויפיעל צייט און אַלץ נישט געפונען.״

זענען מיר אָבער דאָך געגאַנגען ביידע—איך מיט׳ן פעטער—

און איבערגעזוכט אַלע ווינקעלעך אויפ'ן בית-עולם און דאָך געפונען דעם קבר. האָבען מיר צוזאַמען אַראָבגענומען דעם שטיין, אָבגעשאַרט די ערד און אויפגעהויבען דעם בלאַכען שטיין. דערנאָך האָבען מיר זיך אַראָבגעלאָזט אויף פופציג טרעפּלעך. אָבער דאָרט איז געווען אַזוי פינסטער, אַז מיר זענען קראַנק געוואָרען אויף די אויגען. אָבער כדי זיך נישט צו שרעקען, האָט דער פעטער באַלד געזאָגט: „נאָר דער גרויסער גאָט האָט מאַכט און כח. געלויבט זאָל ער זיין!"

נאָך דידאָזיגע ווערטער זענען מיר אַוועק ווייטער און זענען אַריין אין אַ חדר פול מיט מעהל און מיט פערשיעדען עסענוואַרג. און דאָרטען האָבען מיר דערזעהן אַ געלעגער, איבערגעהאָנגען מיט אַ פאָרהאַנג. און אויף דעם דאָזיגען געלעגער זענען געלעגען צוגלייך דעם פעטערס זוהן מיט יענער פרוי, וואָס איז אַראָב מיט איהם אינאיינעם אין קבר אַריין. אָבער ביידע זענען געווען שוואַרץ, ווי קויהל, פונקט ווי אַ פייער וואָלט זיי פערברענט. און אַז דער פעטער האָט עס דערזעהן, האָט ער אַ שפּיי געטהאָן דעם זוהן אין געזיכט אַריין און אויסגעשריען: „אומגליקליכער! דו האָסט עס פערדיענט. דאָס איז אָבער בלויז די שטראָף פון דער וועלט. אויף דיר וואַרט נאָך אַ פאָרציע אויף יענער וועלט."

און דער פעטער האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פוס. אָבער מיר האָט געוויינט דאָס האַרץ און איך האָב שטאַרק בעדויערט דעם יונגענמאַן און זיין בעגלייטערין, וואָס זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין קויהל. „אָ, מיין פעטער!—האָב איך אויסגעשריען—איך בעט דיך אין נאָמען פון אַלאַה, דו זאָלסט מעסיגען דיין גרימצאָרן אין דיין האַרצען. אָ, פעטער, איך בין צומישט און איך פערשטעה נישט, ווי אַזוי האָט עס דיין זוהן און אָט די פרוי געקאָנט פערוואַנדעלט ווערען אין קויהל? שוין-זשע איז דיר וועניג, וואָס דו זעהסט איצט, און דו שטויסט איהם נאָך מיט'ן פוס!"

„אָ, זוהן פון מיין ברודער!—האָט געענטפערט דער פעטער.—מיין זוהן האָט פון די סאַמע קינדעריאָהרען-אָן ליעב געהאַט

האַט מיט דער הייסטער ליעבע זיין מילך-שוועסטער*). אָבער איך האָב איהם פערוועהרט די דאָזיגע ליעבע, ווייל איך האָב מורא-געהאַט, ער זאָל גרויסערהייד נישט בעגעהן קיין חטא מיט איהר. אָבער מיינע שרעק זענען נישט אומזיסט געווען, וואָרום גוטע מענשען האָבען מיר דערנאָך דערצעהלט, אַז זיי מעהרען חטאים אויף דער וועלט. האָב איך איהם איינמאָל שטרענג אויסגערעדט און האָב איהם געזאָגט, ער זאָל דאָס מעהר נישט טהאָן, וואָרום קיינער האָט עס ביז איהם נישט געטהאָן און קיינער וועט עס ווייטער אויך נישט טהאָן און איך האָב איהם מוסף-געווען: „ביז'ן סאַמע סוף פון אונזער לעבען וועלען מיר זיין צו שאַנד און צו שפּאָט צווישען מלכים און די קאַראַוואַנעס וועלען אונז צוטראָגען איבער דער וועלט אַ שלעכטען שם. טהו נישט מעהר דיין טהואונג, וואָרום אַנישט וועל איך מוזען אויפהויבען אויף דיר די האַנד און טויטען דיך. נאָכדעם האָט ער מיר געפאָלגט און זיך צושיידט מיט איהר. אָבער דאָס איז געווען אַ געמיינע פרוי און זי האָט איהם זעהר ליעב געהאַט דערצו—האָט זי איהם פון דאָסניי פערפיהרט. האָט דער זוהן מיינער געזעהן, אַז ער קאָן זיך מיט איהר נישט צושיידען, האָט ער בסוד געמאַכט דאָ אין קבר אַ וואוינונג, איבערגעטראָגען אַהער פערשידענע עסענוואַרגען און אַז איך בין אַוועקגעפאָהרען אויף געיעג, האָט ער זיך דאָ מיט איהר בעזעצט. אָבער דער גרויסער אַלאַה, וואָס געאַכפּערט, געלויבט און געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען אויף קינדס קינדער און אויף אייביג, האָט זיי גוט בעצאָהלט דערפאַר און פערברענט זיי אויף קויהל און אויף יענער וועלט וועלען זיי נאָך האָבען אַ סך אַ גרעסערע שטראָף, איידער די."

און מיין פאָטערס ברודער האָט זיך צעוויינט און קוקענדיג אויף איהם האָב איך אויך געוויינט. און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען: „דו וועסט זיין מיין זוהן, אָנשטאָט איהם." אָבער

---

*) ביי די אַראַבער איז פערוועהרט חתונה-צו-האָבען מיט אַ מילך-שוועסטער פונקט אזוי ווי מיט אַן'אייגענער שוועסטער.

איך האָב מיר פערטראַכט וועגען לעבען און צלע זיינע שווע־רע וועגען און אַז איך האָב מיך דערמאָהנט, אַז דער וויזיר האָט דער׳הרג׳עט מיין פאָטער, אַז מען האָט פערחאַפּט זיין טראָן, אַז איך האָב פערלאָרען אַנ׳אויג און אַז מיין פעטערס זוהן האָט אַזוי שלעכט גערענדיגט, האָב איך מיך פון דאַסניי צעוויינט.

דערנאָך זענען מיר אַרויס פון קבר און אַוועקגעלעגט צו־ריק דעם פלאַכען שטיין און צוריק פערשאָטען מיט ערד און צורעכט געמאַכט דעם קבר, ווי פריהער, און זיך אומגעקעהרט צוריק אין פּאַלאַץ אַריין. אָבער מיר האָבען זיך נאָך נישט בע־וויזען אַנידערצוזעצען, ווי מיר האָבען דערהערט אַ קלאַפּען פון פּויקען און אַ שאַלען פון טרומייטען און געשרייען פון קריעגס־לייט און אַ טופּעריי פון פערד און פון אויבען — איבער דער אַלעם, געדיכטע וואָלקענס שטויב. האָבען מיר נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. זענען מיר געגאַנגען פרעגען, האָט דער מלך בעקומען אַזאַ ענטפער: „דיין ברודערס וויזיר האָט דער׳־הרג׳עט דיין ברודער, זיינע חילות און זיינע לייב־שומרים און איצט איז ער געקומען אַהער אין שטאָדט אַריין מיט זיין חיל. אָבער די איינוואוינער פון דער שטאָדט האָבען זיך איהם א..־טערגעגעבען, ווייל זיי קאָנען זיך מיט איהם נישט ווערהרען".

האָב איך באַלד אַ טראַכט געטהון: „אויב איך וועל איצט אַריינפאַלען צו איהם אין די הענד אַריין, וועט ער מיך זיכער טויטען."

איז מיר געוואָרען זעהר ביטער אויפ׳ן האַרצען און ווי־דער האָב איך געטראַכט פון מיין פאָטער און מוטער, וואָס זע־נען געפאַלען פון דעם וויזירס האַנד און איך האָב נישט גע־וואוסט, וואָס איך זאָל טהון. האָב איך צו מיין רעטונג קיין אַנ־דער מיטעל נישט געפונען, סיידען איך זאָל מיר אָבראַזירען די באָרד*). האָב איך אָבגעראַזירט די באָרד איבערגעטוישט די

*) פיעל אַראַבער וועלען ניכער טרוצה־ווערען צו שטאַרבען, איי־דער צו שיידען זיך מיט דער באָרד. די באָרד איז ביי זיי זעהר השוב און עס ווערט געהאַלטען פאַר אַ גרויסען המא, ווען זי ווערט גערשירט.

זאַכען, אַרויס פון דער שטאָדט און געקומען אַהער, אין אָט דעם שטילען ישוב מיט דער האָפנונג, אַז עמיצער וועט מיך אפשר פאָרשטעלען פאר׳ן קאַליף, וועל איך איהם דערצעהלען מיין לעבענס-געשיכטע און אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. אַהער אין שטאָדט אַריין בין איך געקומען היינט אין אָווענד און בין געבליבען שטעהן, נישט-וויסענדיג וואוהין איך זאָל ווענדען מיינע טריט. אָבער דאָ האָב איך דערזעהן דעם דאָזיגען בעטלער, האָב איך מיך פערנויגט פאַר איהם און געזאָגט, אַז איך בין אַ פרעמדער, פון אַ פרעמדען לאַנד.

„און איך בין אויך אַ פרעמדער,—האָט זיך יענער צו מיר אָנגערופען — און בשעת מיר האָבען אַזוי גערעדט, איז צו אונז צוגעגאַנגען דער דריטער חבר אונזערער, וואָס האָט זיך אויך פערנויגט און געזאָגט, אַז ער איז אַ פרעמדער. האָבען מיר איהם געזאָגט, אַז מיר זענען אויך פרעמדע. און אַזוי זענען מיר אַוועק זאַלבעדריט, און אַז עס איז צוגעפאַלען דער אָוועבד, האָט אונז דאָס מזל געבראַכט אַהער, אין דעם דאָזיגען הויז. דאָס איז אינ-גאַנצען די געשיכטע, פאַרוואָס איך האָב מיך אָבגעראַזירט די באָרד און פאַרוואָס איך האָב פערלאָרען יאַנ׳אויג.“

האָט דיווירטין פון שטוב געזאָגט: „רוה דיר אויס עטוואָס און געה דיר דיין וועג“. אָבער ער האָט איהר געענטפערט, אַז ער וועט נישט אַוועקגעהן, וואו ער וועט נישט אויסהערען די געשיכטע פון די איבעריגע.

האָבען זיך אַלע זעהר גע׳חדוש׳ט מיט זיין געשיכטע, און דער קאַליף האָט געזאָגט דזשאַפאַר׳ן: „כלעבען, איך האָב נאָך אַזאַ געשיכטע קיינמאָל נישט געהערט.“ אָבער דאָ איז אויפגע-שטאַנען דער צווייטער בעטלער און האָט אַ קוש געטהון די ערד און געזאָגט:

דער צווייטער בעטלער.

„אָ, מיין גנעדיגע פרוי! איך בין געבוירען געוואָרען נישט מיט איין אויג, אָבער מיין געשיכטע איז זעהר אַ חדוש׳ליכע און אַז מען זאָל זי בעשרייבען, וואָלט זי געקאָנט דיענען יעדערן

פאַר אַ מוסר-השכל. איך בין אַליין אַ מלך און אַ מלכ׳ס אַ זוהן און איך קאָן לייענען דעם קאָראַן דורך זיבען*) פערשיעדענע ווע-גען. איך האָב מיך געלערנט פערשיעדענע וויסענשאַפטען און דערונטער אויך די וויסענשאַפט וועגען שטערען און מזלות און וועגען פּאָעזיע און איך בין אַוועק אַזוי ווייט, אַז איך האָב אי-בערגעיאָגט מיין דור. מיין כתב-יד האָט מען געהאַלטען פאַר אַ מוסטערהאַפטען, מיין שם איז צוטראָגען געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט און אַלע קיסרים האָבען געוואָלט וויסען מיין לעבענסגעשיכטע. אָבער דער מלך פון אינדיען, אַז ער האָט דערהערט וועגען מיר, האָט ער געבעטען מיין פאָטער, ער זאָל מיר דערלויבען צו בעזוכען איהם. מיין פאָטער האָט איינגעווי-ליגט און דערביי צוגעגרייט זעקס שיפען מיט מתנות פאַר יע-נעם מלך. כמעט אַ גאַנצען חודש זענען מיר געשוואומען איבער׳ן ים, דערנאָך האָבען מיר זיך אַרויסגעזעצט אויפ׳ן ברעג, אַרי-בערגעפיהרט די אייזלען, וואָס מיר האָבען געבראַכט מיט די שיפען, אָנגעלאָדען די דאָזיגע אייזלען מיט דעם פאָטערס מתנות און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. אָבער פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבען אַ גרויסער שטויב, וואָס האָט זיך אַזוי צעוואַקסען פאַר אונז, אַז ער האָט אַלץ פערשטעלט פאַר אונזערע אויגען, און דערנאָך, אַז דער שטויב איז צוזייהט געוואָרען, האָבען מיר דערזעהן זעכציג מוטיגע רייטער, ווי לייבען, און דערמאָלט האָבען מיר פערשטאַנען, אַז דאָס זענען אַראַבישע גזלנים. דער-זעהן אונז, אַ הייפעל מענשען מיט צעהן אייזלען, אָנגעלאָדען מיט מתנות פאַר׳ן אינדישען מלך, זענען זיי באַלד צוגעריטען צו אונז מיט אַראָבגעלאָזטע שפּיזען. האָבען מיר זיי אַ וואַנק גע-טהון מיט די פינגער און געזאָגט: „מיר זענען שלוחים, וואָס גע-העז צו דעם הויך-געאַכפּערטען מלך פון אינדיען און דעריבער

*) פאַרהאַן זיבענערליי אופנים ווי אַזוי צו לייענען דעם קאָראַן. דער אונטערשיעד איז אָבער אַ גאַנץ קנאַפּער און דער זין פון קאָראַן ווערט דורך זיי כמעט נישט געענדערט.

זאָלט איהר אונז נישט טהון קיין שלעכטס." האָבען זיי אונז געענטפערט: „מיר געפינען זיך נישט איצט אויף זיין ערד און מיר זענען נישט זיינע אונטערטאַנען."

און באַלד דערויף האָבען זיי דער'הרג'עט עטליכע יונגע־לייט און די איבעריגע זענען אַנטלאָפען. בין איך אויך אַנטלאָפען, אָבער איך האָב בעקומען אַ שווערע וואונד. און די גראַבען האָבען צוגענומען די אַלע פיינע מתנות, וואָס מיר האָבען געפיהרט.

בין איך געגאַנגען און געגאַנגען און נישט געוואוסט וואוהין איך געה, און אַזוי בין איך געקומען אויף אַ שפּיץ באַרג און דאָרט האָב איך אָבגערוהט אין אַ הייל ביז אויף מאָרגען. און אויף מאָרגען האָב איך מיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין, ביז איך בין געקומען אין זעהר אַ שענער שטאָדט. און אַקוראַט איז דעמאָלט געווען פריהלינגס־צייט, האָב איך מיך זעהר געפרעהט, וואָס דרויסען איז וואַרים און וואָס איך בעדאַרף מיך נישט שרעקען פאַר קעלט. מיין געזיכט האָט זיך אָבער שטאַרק געענדערט, איך האָב שלעכט אויסגעזעהן און איך האָב אויך נישט געוואוסט, וואוהין איך זאָל מיך קעהרען און ווענדען. און צופעליג בין איך געקומען צו אַ שניידער, וואָס איז געזעסען אין זיין געוועלב. האָב איך איהם בעגריסט און ער האָט מיר אויך געוואונשען אַלדאָס גוטס און געפרעגט, צוליעב וואָס פאַר אַ סבה בין איך געקומען אַהער אין שטאָדט אַריין. האָב איך איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע מיט אַלע פּרטים, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. האָט ער זעהר בעדויערט און דערנאָך געזאָגט: „אָ, יונגער האַר! דערצעהל עס נישט פאַר קיינעם, ווייל דער מלך פון דער דאָזיגער שטאָדט איז אַ גרויסער פיינד פון דיין פאָטער און אַז ער וועט דערהערען, אַז דו ביזט דאָ, וועט ער דיך דער'הרג'ענען."

און דערנאָך האָט ער געשטעלט עסען און טרינקען פאַר מיר און מיר האָבען צוזאַמען געגעסען פון די שפּייזען און בייטע האָבען מיר פערבראַכט אין רייד ביז נאַכט. און דעמאָלט האָט ער מיר געמאַכט אַ געלעגער ביי זיך אין געוועלב און איך

זאָב מיך געלעגט שלאָפען. און אַזוי האָב איך געלעבט מיט איהם צוזאַמען גאַנצע דריי טעג. נאָר איינמאָל מאַכט ער צו מיר: „זאָג מיר, אפשר קאָנסטו עפּיס אַ מלאכה*), וואָלסטו זיך דערווייל דורכגעלעבט אָהן צער.“

האָב איך איהם דערויף געענטפערט: „איך קאָן גוט די מאַכמעדאַנישע געזעצען און איך קאָן פערשידענע וויסענשאַפ־טען און איך קאָן אויך שרייבען און ווייס גוט די קונסט פון חשבון.“

האָט ער מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט און דערנאָך זיך אָנגעה־רופען: „דיינע אַלע קענטנישען זענען דאָ גאָר נישט נויטיג. ביי אונז אין שטאָדט קאָן קיינער נישט לערנען און קיינער קאָן אויך נישט שרייבען. דאָ קאָן מען בלויז פערדיענען געלד.“

„ביי גאָט,—האָב איך איהם דערויף געזאָגט,—איך קאָן קיין שום מלאכה נישט.“

„וועל איך דיר געבען אַן עצה,—האָט ער געענטפערט,— גאַרטעל דיך אַרום, נעהם אַ האַק און אַ שטריק און געה אין וואַלד אַריין האַקען האָלץ. דערמיט וועסטו קאָנען לעבען און גאָט וועט דיר שוין העלפען. אָבער געדענק, זאָלסט קיינעם נישט דערצעהלען דיין לעבענסגעשיכטע, וואָרום אַנישט, וועט מען דיך דער׳הרג׳ענען.“

האָט ער מיר געקויפט אַ האַק און אַ שטריק און אַוועקגע־שיקט מיך אין וואַלד אַריין מיט אַ קאָמפּאַניע האָלצהעקער. בין איך אַוועק מיט זיי אין וואַלד אַריין און דאָרט אָנגעהאַקט האָלץ און געמאַכט דערפון אַ בינטעל און דאָס בינטעל גענומען אויפ׳ן פּלייצע און עס פערקויפט דערנאָך אין שטאָדט פאַר אַ האַלבען דוקאַט. אַ העלפט פון דער מטבע האָב איך אויסגעגעבען אויף עסען און אַ העלפט האָב איך בעהאַלטען.

און אַזוי האָב איך געאַרבייט אַ גאַנץ יאָהר און איינמאָל,

---

*) דאָס מאַכמעדאַנישע געזעץ פאָדערט, אז יעדער זאָל זיך אויס־לערנען עפּיס אַ מלאכה און דערמיט זיך פערלייכטערן דאָס לעבען אין פאַל פון אַ נויט. אפילו מאַכמעדאַנישע מלכים פלעגען זיך אויסלערנען עפּיס אַן׳ארבייט,

ווען איך בין ווי געוועהנליך אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין אָנהאַקען האָלץ, האָב איך דערזעהן אַ שטעגעלע און דערביי אַ סך קושאַקעס, וואָס זענען געווען גוט צום הייצען. אָבער איך בין אַוועק מיט'ן שטעגעלע און געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז איך בין געקומען צו אַ בוים, וואָס זיינע וואָרצלען זענען אַרויסגעוואַקסען פון דער ערד. האָב איך אָנגעהויבען האַקען די דאָזיגע וואָרצלען און דעמאָלט האָט זיך מיין האַק אָנגעקלאַפּט אָן אַ קופּערנעם רונג. האָב איך באַלד אָבגערייניגט די ערד אַרום רונג און דעמאָלט האָב איך דערזעהן, אַז דאָס איז אַ רונג צו אַ טהיר און איך האָב די טהיר אויפגעהויבען. דאָ האָב איך דערזעהן שטיגען, האָב איך מיך אַראָבגעלאָזט אונטען. אונטען, ווידער, האָב איך געפונען אַ טהיר צו אַנ'אונטערערדישען פּאַלאַץ, וואָס איז געווען זעהר שען אויסגעבויט, און אַז איך בין אַריין אין פּאַלאַץ, האָב איך דערזעהן אַ זעלטען-שענע פרוי, וואָס האָט מיר אויסגעוויזען ווי אַ פּעריל און איך האָב אין דער אייגענער רגע פערגעסען מיינע אַלע דאגות און צער. און דאָ בין איך געפאַלען פאַר איהר אויף די קניה, ווי פאַר גאָט, וואָס האָט בעשאַפען אַזוי פיעל חן און רייץ אין דער געשטאַלט פון אַ מענשען. האָט זי אַ קוק געטהון אויף מיר און געפרעגט: „ביזטו אַ מענש צי אַ שייטאַן?"—„אַ מענש",—האָב איך מיך אָנגערופען. „טאָ ווער האָט דיך געבראַכט אַהער?—האָט זי ווייטער געפרעגט.—איך וואוין דאָ שוין צוואַנציג יאָהר און האָב פאַר דער צייט קיין מענשליך פנים נישט געזעהן."

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעדט צו מיר זעהר צער-טליך, האָב איך מיך אָנגערופען: „אָ, מיין גנעדיגע האַרין! גאָט אַליין האָט מיך געבראַכט אַהער און איך פערהאָף, אַז ער וועט מיר אַמאָל לינדערן מיין וועה און צער." און איך האָב איהר דערצעהלט מיין גאַנצע לעבענסגעשיכטע מיט אַלע פרטים.

האָט זי מיך אויסגעהערט, זיך צעוויינט און געזאָגט: „איך וועל דיר אויך דערצעהלען מיין לעבענסגעשיכטע. זאָלסט וויסען, אַז איך בין אַ טאָכטער פון אַ מלך אין דעם ווייטען אינדיען. מיין פאָטער איז דער מושל פון די שוואַרצע אינזלען. ער האָט

מיך חתונה-געמאַכט מיט דעם זוהן פון מיין פעטער, אָבער אין דער נאַכט פון דער חתונה, בשעת דעם גרויסען מאָלצייט, האָט מיך דער שייטאַן דזשאַרדזשאַריס אַוועקגערויבט און נאָכדעם, ווי ער איז מיט מיר געפלויגען אַ צייט אין דער-לופטען, האָט ער מיך אַראָבגעלאָזט אויף דעם דאָזיגען אָרט, וואו עס איז שוין פאַר מיינעטוועגען אַלץ געווען צוגעגרייט: כל'ערליי פוץ-זאַכען, קליידער, עסען און טרינקען. אַלע צעהן טעג קומט ער צו מיר איין מאָל און פערברענגט מיט מיר אַ נאַכט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל איהם בעדאַרפען, זאָל איך מיך צוריהרען מיט דער האַנד צו די דאָזיגע צוויי שורות'לעך, וואָס זענען אָנגעשריבען אויפ'ן קעבעך*). און ער קומט טאַקי באַלד, ווי איך ריהר מיך צו צו זיי. מיט פיער טעג צוריק איז ער געווען ביי מיר און ביז זיין קומען האָסטו, אַלזאָ, נאָך זעקס טעג. ווילסטו זיין מיט מיר פינף טעג און דערנאָך אַוועקגעהן אין דעם טאָג פון זיין קומען?"

„איך וויל",—האָב איך געזאָגט און איך בין געווען צופריעדען מיט דעם דאָזיגען פאָרשלאָג. און זי האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען מיך ביי דער האַנד און אַוועקגעפיהרט מיך אין אַ קליין שען וואַנע-צימערל און דאָרטען האָב איך אַראָבגענומען פון זיך די קליידער און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ נידעריג געלעגער. דערנאָך האָט זי מיך אַוועקגעזעצט נעבען זיך און מיר געגעבען צום טרינקען שערבעט מיט צוקער. אָבגעטרונקען דעם געטראַנק, האָט זי מיר געגעבען צום עסען און מיר האָבעןביידע געגעסען. און דערנאָך האָט זי געזאָגט: „לעג זיך שלאָפען, רוה דיך אויס, דו ביזט מיד."

אָ, מיין גנעדיגע האַרין! איך בין איינגעשלאָפען און האָב פערגעסען אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, און אַז איך האָב מיך אויסגעכאַפּט, האָב איך געזעהן, אַז זי קראַצט מיר די פיס**).

---

*) קעבעך—אַ קליין דערביאיג צימערל.

**) ביי די אַראַבער איז אַ מנהג, אַז די פרויען קראַצען זיי די פיס, איבערהויפּט די פּיאַטעס.

בין איך אויפגעשטאַנען פון שלאָף און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבען מיר און מיר האָבען אָנגעהויבען ריידען.

„ביי גאָט,—האָט זי געזאָגט,—אין מיר אויסגעגאַנגען די נשמה פון בענקעניש נאָך אַ לעבעדיגען מענשען. שוין פינפאונצוואַנציג יאָהר ווי איך האָב נישט געזעהן אַ מענשען אין די אויגען. געלויבט זאָל זיין אַלאַה, וואָס האָט מיר דיך צוגעשיקט.״ האָב איך זי בעדאַנקט פאַר די דאָזיגע צאַרטע ווערטער און די ליעבע איז מיר אַריין אין דער נשמה אריין און איך האָב פערגעסען אָן אַלע מיינע אומגליקען און צרות. דערנאָך האָבען מיר געטרונקען וויינען און איך האָב מיט איהר צוגעבראַכט די נאַכט. אָבער זי האָט מיר צוגענומען מיין נשמה, ווייל איך האָב פאַר׳ן גאַנצען לעבען נישט געזעהן אַ פרוי, שענער פאַר איהר, און אינדערפריה, אַז מיר זענען ביידע געווען שכור פון תענוג, האָב איך איהר געזאָגט: „נו, וואָס, אַז איך וועל דיך אַוועקנעהמען פון דעם דאָזיגען אונטערערדישען פּאַלאַץ און דערלייזען פון שייטאַן?״ האָט זי זיך אָבער צולאַכט און געענטפערט: „זיי בעסער צופריעדען און זיץ רוהיג, ווארום פון יעדע צעהן טעג וועט בלויז איינער געהערען דעם גייסט און די איבעריגע ניין דיר.״

אָבער אין מיר האָט געברענט אַ פייער און איך האָב מיך פערעקשנ׳ט. „אָט,—זאָג איך,—וועל איך שוין צוברעכען דעם קעבעך מיט דער אויפשריפט, און אַז דער גייסט וועט קומען, וועל איך איהם טויטען, ווייל מיר איז נאָך אויפ׳ן הימעל אָנגעחתמ׳עט געוואָרען צו טויטען אַ גייסט.״

האָט זי מיך געבעטען מיט תחנונים, איך זאָל עס נישט טהון, אָבער איך האָב זי נישט געהערט און האָב מיט׳ן גאַנצען כח אַ קלאַפּ געטהון אין קעבעך, און זי האָט תיכף אויסגעשריען: „אָט איז ער, דער שייטאַן! האָב איך דיר נישט געוואָרענט? איצט האָסטו מיך אַריינגעוואָרפען אין אַנ׳אומגליק. אָבער דו מוזט די מינוט אַנטלויפען. געה אַוועק מיט דעם אייגענעם וועג, מיט וועלכען דו ביזט געקומען.״

האָב איך מיך זעהר איבערגעשראָקען און האָב פערגעסען מיינע סאַנדאַלען און דעם האַק, און אַז איך האָב מיך אויפגע-

הויבען איך צווי טרעפעלעך און זיך אומגעקעהרט, צו נעהמען די סאנדאלען מיט'ן האק, האב איך דערזעהן, ווי די ערד האט זיך געשפאלטען און עס האט זיך בעוויזען א גייסט אין א שרעקליכער מראה.

„צו וואס בעדארפסטו מיך?—האט ער אויסגעשריען.—וואס איז געשעהן מיט דיר?" און זי איז בלאס געווארען און געענטפערט: „מיט מיר האט גארנישט פאסירט. מיר איז בלויז לאנגווייליג געווארען, האב איך מיך אויפגעהויבען, צו געהן נעהמען א ביסעל ווײן. איך בין אבער אומגעפאלען אויפ'ן קעבעך."

אבער דער גייסט האט גענומען ציטערן פון גרימצארן. ער האט זיך בייז ארומגעקוקט און דערזעהן די סאנדאלען מיט'ן האק און אויסגעשריען, פונקט ווי א דונער וואלט זיך דורכגעטראגען: „דו זאגסט ליגען, געמיינע פרוי! דידאזיגע זאכען קאנען נאר געהערען א מאנספערשוין. ווער איז געווען ביי דיר?" נאר זי האט געזאגט: „ביז דער לעצטער מינוט האב איך נישט געזעהן די דאזיגע זאכען. דאס האסטו זיי מסתמא געבראכט."

„אונפערשעמטע פרוי, וואס דו ביזט!—האט זיך דער גייסט נאך מעהר צוקאכט.—מיך וועסטו נישט נארען!"

און ער האט אראבגעריסען פון איהר די קליידער און צוגעבונדען זי מיט אויסגעצויגענע הענד און פיס צו פיער סלופעס און גענומען זי שרעקליך שלאגען, זי זאל זיך מודה-זיין.

אבער איך האב נישט געקאנט הערען איהרע הארצרייסענדיגע געשרייען און איך האב מיך גיכער אויפגעהויבען אויף די שטיגען, אוועקגעשטעלט אויפ'ן געהעריגען ארט די הילצערנע טהיר און פערשאטען מיט ערד, ווי עס איז געווען פריהער. איך האב ביטער חרטה-געהאט דערויף, וואס איך האב געטהון און איך האב אלץ געטראכט פון דער דאזיגער פרוי, פון איהר שענקייט און פון דעם, ווי אזוי דער אכזר—דער גייסט האט זי געפייניגט נאכדעם, ווי זי האט געלעבט מיט איהם גאנצע פינפאונצוואנציג יאהר, און אז געפייניגט האט ער זי בלויז צוליעב מיר, און עס מיר אויך געקומען אויף דער מחשבה מיין פאטער

דער מלך און די גליקליכע קינדעריאָהרען מיינע, ווען איך האָב נישט געוואוסט פון צרות און נויט און איך בין נישט געווען קיין האָלצהעקער און איך האָב פאַר זיך גע'חזר'ט דעמדאָזיגען פערז:

„בשעת דיין מזל ברענגט דיר צער און אַנגסט,
טא טרייסט דיך, ווייל איין טאָג איז פול מיט גליק
און בלויז מיט אַנגסט איז אָנגעזאָפּט דער צווייטער."

געקומען צו מיין מיטוואוינער דעם שניידער, האָב איך דערזעהן, אַז ער וואַרט אויף מיר מיט גרויס אונגעדולד, פונקט ווי ער וואָלט געזעסען אויף הייסע קויהלען. און ער האָט גע-זאָגט: „די היינטיגע נאַכט האָב איך פערבראַכט וועגען דיר אין גרויס אונרוהיגקייט. מיר האָט זיך אַלץ גערעכט, אַז ווילדע חיות האָבען דיך צוריסען אָדער מיט דיר האָט פּאַסירט עפּיס אַן'אַנ-דער אומגליק. נו, געלויבט צו גאָט, וואָס דו ביזט געקומען בשלום אַהיים."

האָב איך איהם געדאַנקט פאַר דער גרויסער פריינדשאַפט צו מיר און איך בין אַוועק צו זיך אין צימער. אָבער באַלד ווי איך בין געבליבען אַליין און פון דאָסניי מיט גרויס עגמת-נפש גענומען טראַכטען פון דעם, וואָס מיט מיר האָט פּאַ-סירט און למאי האָב איך אַ קלאַפּ געטהאָן דעם קעפּען, איז אין מיין חדר אַריין דער שניידער און געזאָגט: „אין געוועלב איז געקומען אַנ'אומבעקאַנטער מאַן און פרעגט זיך נאָך אויף דיר. ער האָט געבראַכט דיינע סאַנדאַלען און דיין האַק און זאָגט, אַז ער האָט זיי געפונען און וואָלט געוואָלט וויסען, צו וועמען זיי גע-הערען. איך מיין, אַז דו בעדאַרפסט ארויסגעהן און בעדאַנקען איהם און צונעהמען דיינע זאַכען."

אַז איך האָב דערהערט דאָס, וואָס ער זאָגט, בין איך בלאַס געוואָרען און זיך איינגאַנצען געענדערט אין געזיכט. אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט זיך געשפּאָלטען די פּאָדלאָגע אין מיין חדר און פאַר מיר איז געשטאַנען דער שייטאַן. ער האָט מיט דער גרעסטער אכזריות געשלאָגען די אונגליקליכע פרוי, און אַז יענע האָט זיך אָבער נישט מודה-געווען, האָט ער גענו-

מען מיינע סאַנדאַלען און דעם האַק, געקומען צו מיר און גע-
זאָגט: „נישט מיין נאָמען וואָלט געווען דזשאַרדזשאַריס און
איך וואָלט נישט געווען דעם אשמדאי׳ס אַנ׳אייניקעל, ווען איך
ברענג נישט תיכף אַהער דעם בעל-הבית פון דעם דאָזיגען האַק
און פון די דאָזיגע סאַנדאַלען“.

און כהרף-עין האָט ער מיך אַ כאַפּ געטהון און אַוועק-
געטראָגען צו יענעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער אונטער-
ערדישער פּאַלאַץ, און דערנאָך מיך אַריינגעפיהרט אַהין. און דאָ
האָב איך פון דאָסניי דערזעהן די שענע פרוי, אָבער אַ נאַקע-
טע, און פון איהרע אַקסלען האָט גערונען בלוט. איך האָב מיך
אויך אין דערשטיל צעוויינט. אָבער דער גייסט האָט געזאָגט:
„געמיינע פרוי, אָט איז דיין געליעבטער.“ האָט די פרוי אַ קוק
געטהון אויף מיר און זיך אָנגערופען: איך קאָן איהם נישט און
איך האָב איהם קיינמאָל אין מיין לעבען נישט געזעהן.“ „זעה,—
האָט דער גייסט אויסגעשריען,—איך האָב דיך אַזוי פיעל געפיי-
ניגט און דו ווילסט זיך נאָך אַלץ נישט מודה-זיין.“ האָט די
פרוי איהם געענטפערט דערויף אַ טויט-בלאַסע: „איך האָב איהם
קיינמאָל אין לעבען נישט געזעהן און ביי גאָט קאָן אין שווע-
רען, אַז דער דאָזיגער מאַן איז דאָ קיינמאָל נישט געווען.“—
„אויב אַזוי,—האָט זיך אָנגערופען דער גייסט,—אויב דו קאָנסט
איהם נישט, טאָ נעהם דעם שווערד און האַק איהם אָב דעם
קאָפּ.“

האָט זי גענומען דעם שווערד, איז צוגעגאַנגען צו מיר
און געבליבען אַ ווײַלע שטעהן; דעמאָלט האָב איך איהר געגעבען אַ
צייכען מיט די ברעמען און איבער די באַקען האָבען זיך מיר
בשעת מעשה געקויקעלט טרעהרען. אָבער זי האָט מיר אויך
דורך אַ צייכען געגעבען צו פערשטעהן: דאָס איז דאָך אַלץ צו-
ליעב דיר... האָב איך איהר בעוויזען מיט די אויגען, אַז אין
אַזאַ שווערער מינוט מעג מען מיר מוחל-זיין און איך האָב דאָס
אויסגעדריקט מיט די ווערטער פון דיכטער:

די ליעבע רעדט דורך איהרע אויגען שטענדיג,
און יעדען מאַנספערשוין, וואָס איז נאָר קלוג,

שמענדיג איהרע ווערטער."

האָט ער מיך דערשראָקען און באַלד אַוועקגעוואָרפען דעם האַק. אָבער דער גייסט האָט איהם אויפגעהויבען און מיר איהם דערלאַנגט און געזאָגט: „האַק איהר אָב דעם קאָפּ און איך וועל דיך בעפרייען. איך וועל דיר קיין שום שלעכטס נישט טהון."

„גוט!"—האָב איך געזאָגט. איך בין שנעל צוגעגאַנגען צו איהר און אויפגעהויבען דעם שווערד, אָבער זי האָט אַ קוק געטהון אויף מיר און אַזוי ווי מיט די אויגען געזאָגט, אַז זי האָט מיר קיין שום שלעכטס נישט געטהון. זענען מיר די אויגען פון דאָסניי אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען און איך האָב אַ וואָרף געטהון דעם שווערד און געזאָגט: „אַלמעכטיגער גייסט! ווען אַ פרוי, וואָס איז נישט קיין פאָלקאָמען וועזען לויט'ן זין פון דער רעליגיע, קאָן זיך נישט בעשליסען אַראָבצונעהמען מיר דעם קאָפּ, טאָ ווי אַזוי זאָל איך עס טהון, בפרט נאָך, אַז איך האָב די קיינמאָל אין מיין לעבען נישט געזעהן. איך וועל עס נישט טהון, עס מעג מיר אפילו בעשערט זיין אויסצוטרינקען אינגאַנצען דעם כוס פון אַנגסט און טויט."

האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דעם שווערד און אויסגעשריען: „איצט ווייס איך, אַז איהר זענט צוויי פערליבטע!" און ער האָט דער אָרימער פרוי אָבגעהאַקט איין האַנד, דערנאָך די צווייטע, דערנאָך דעם רעכטען פוס, דערנאָך דעם לינקען פוס. דורך פיער קלעפּ האָט ער איהר אָבגעהאַקט הענד און פיס און איך האָב געקוקט אויף איהם און געוואַרט אויף מיין טויט. אָבער זי האָט מיר נאָך געקאָנט געבען אַ צייכען מיט די אויגען. האָט דער גייסט בעמערקט דעם צייכען און געזאָגט: „איצט ביזטו בעגאַנגען אַ חטא מיט דיין אויג,"—און מיט איין קלאַפּ האָט ער איהר אָבגעהאַקט דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט צו מיר און געזאָגט: „אונזערע געזעצען דערלויבען צו דערהרג'ענען אַ פרוי, ווען זי איז נישט טריי. די דאָזיגע פרוי האָב איך אַוועקגערויבט אין טאָג פון איהר חתונה, ווען זי איז אַלט געוועזען צוואַנציג יאָהר, און זי האָט קיין איין מאָנסבערשוין נישט געקאָנט אויסער מיר, און אַלע צעהן טעג פלעג איך פערברענ-

ווען מיט איהר אַ נאַכט אין דער געשטאַלט פון אַנ׳אויסלענדער, נאָר איצט, אַז איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זי איז מיר געווען נישט טריי, האָב איך זי דער׳הרג׳עט. וואָס אָנבעלאַנגט צו דיר, מוז איך דיר זאָגען, אַז כאָטש איך בין נישט זיכער אין דיין שולד, קאָן איך דיך פאָרט נישט אָבלאָזען אונבעשטראָפט און דעריבער קלויב דיר אויס עפּיס אַ שטראָף.״

אָ, מיין גנעדיגע פרוי! אַז איך האָב עס דערהערט, האָב איך מיך שרעקליך דערפרעהט און איך האָב געזאָגט: „וואָס קאָן איך אויסקלויבען?״ האָט ער מיך רוהיגער אָנגעקוקט און געזאָגט: „קלויב דיר אויס, אין וואָס דו ווילסט פערוואַנדעלט ווערען: אין אַ הונד, צי אין אַנ׳אייזעל, צי גאָר אין אַ מאַלפּע״. האָב איך איהם דערויף געזאָגט: „ביי גאָט, איך וויל דורכאויס, דו זאָלסט מיר מוחל-זיין. ווען דו וועסט מיר מוחל-זיין, וועט דער בורא-עולם דיר אויך פערגעבען, וואָס דו ביזט געווען לייטזעליג צו אַ מאַכמעדאַנער, וועלכער האָט דיר קיין שום שלעכטס נישט גע-טהון.״

איך האָב מיך זעהר מבזה-געווען פאַר איהם און דערנאָך ווייטער געזאָגט: „זיי מיר מוחל, ווי דער גוטער מאַן האָט מוחל-געווען דעם בעל-מקנא.״ „דערצעהל מיר,—האָט ער גע-זאָגט,—ווי אַזוי איז דאָס געווען.״

האָב איך איהם דערצעהלט אַזוי:

דער בעל-מקנא און יענער, וועמען ער האָט מקנא-געווען.

„זיי וויסען, מיין הער, אַז אַמאָל, גאָר אַמאָל, איז געווען אויף דער וועלט איינער אַ מענש, וואָס זיין שכן האָט איהם מקנא-געווען. און וואָס מעהר ער האָט איהם מקנא-געווען, אַלץ מעהר הצלחה האָט איהם גאָט געשיקט אין זיינע געשעפטען. אַזוי איז עס געגאַנגען יאָהרענלאַנג, אָבער דעם גליקליכען מאַן איז איינמאָל נמאס-געוואָרען דער בעל-מקנא מיט זיינע אויגען און זיינע רייד, האָט ער זיך איבערגעצויגען אין אַנ׳אַנדער אָרט,

וואו עס איז געלאָפען אַ טייכעל, און דאָרטען האָט ער אויסגע-בויט אַ געבעט-הויז, צו לויבען און צו ריהמען גאָט דעם אַל-מעכטיגען. האָבען זיך אַרום איהם פערזאַמעלט מחנות פאַקירען*) און ער איז זעהר גרויס געוואָרען צווישען זיי און פון אַלע קאַנטען האָבען זיך געצויגען צו איהם מענשען און געגאַפט פון זיין צדקות. און זיין שם איז דערגאַנגען צו דעם שכן דעם בעל-מקנא, האָט ער זיך געזעצט אויפ'ן פערד און אַוועקגעפאָהרען צום פרומען מאַן. און אַז דער פרומער מאַן האָט איהם דערזעהן, האָט ער זיך פערנויגט און האָט איהם זעהר העפליך אויפגע-נומען.

און דער בעל-מקנא האָט געזאָגט: „איך בין געקומען אַהער דיר מיטצוטיילען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין, פאַר וועל-כען גאָט וועט מיר שטאַרק בעלוינען אויף יענער וועלט." האָט איהם דער פרומער מאַן געענטפערט: זאָל דיר גאָט בעצאָהלען דערפאַר כופל-כופלים." „אָבער,—האָט זיך אָנגערופען דער בעל-מקנא,—הייס פריהער די פאַקירען, זיי זאָלען אַוועק אין זייערע קעליעס, וואָרום פאַר זייטיגע מענשען וויל איך מיט דיר נישטריידען איבער דעם."

און די פאַקירען זענען אַוועק אין די קעליעס, אָבער דער בעל-מקנא האָט איהם געבעטען, ער זאָל אַראָבגעהן מיט איהם, וועט ער זיך מיט איהם אין וועג דורכרעדען וועגען דעם. אַז זיי זענען צוגעגאַנגען צום טייכעל, האָט איהם דער בעל-מקנא פלוצלונג אַ כאַפ געטהון און אַריינגעוואָרפען אין וואַסער אַריין, מיינענדיג, אַז יענער וועט דערטרונקען ווערען. אָבער אין דעם דאָ-זיגען טייכעל האָבען געוואוינט שייטאַנעס, האָבען זיי איהם זעהר גוט אויפגענומען און איהם אונבעשעדיגט אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין. דערנאָך האָבען זיי איינאַנדער געפרעגט: „קאָנט איהר דעם דאָזיגען מאַן?" „ניין, מיר קאָנען איהם נישט." „דאָס איז

*)דער איינגעטליבער טייטש פונ'ם וואָרט פאַקיר איז „אָרימער", אָדער איינער, וואָס נויטיגט זיך אין גאָטס הילף, בכלל ווערען מיט דעם דאָזיגען וואָרט בעצייכענט אָרימע פרומע מענשען.

דער אייגענער מאַן, וואָס איז אַוועקגעפאָהרען פון בעל-מקנא און זיך בעזעצט נעבען אונזער טייכעל. אַלע טאָג הערען מיר זיינע תפילות צו גאָט. ער האָט זעהר אַ שענעם נאָמען און דעריבער האָט איהם דער בעל-מקנא אַריינגעוואָרפען אין טייכעל. זיין שם האָט דערגרייכט אַזש צום סולטאַן און דער סולטאַן האָט היינט געוואָלט פאָהרען צו איהם און רעדען מיט איהם וועגען זיין טאָכטער, מיט וועלכער עס האָט פּאַסירט אַ גרויס אומגליק.״ „וואָס איז געשעהן מיט זיין טאָכטער?״ האָבען די גייסטער גע-פרעגט. און איינער פון די גייסטער האָט געענטפערט: „זי איז צרה׳ פון זינען, ווייל מיימון, דער זוהן פון דעמדעם האָט גע-ברענט מיט גרויס ליעבע צו איהר. אָבער מען קען זי לייכט אויסהיילען״. „ווי אַזוי?״—האָבען זיי געפרעגט. „דורך דער שוואַר-צער קאַץ, וואָס וואוינט מיט איהם אין געבעטהויז,״ האָט ער געענטפערט.—די דאָזיגע קאַץ האָט אויפ׳ן עק אַ קליין ווייס פינ-טעלע, ווי אַ זילבערנע מטבע. אויב מען זאָל פון דעם דאָזיגען פינטעלע אַרויסרייסען זיבען העהרעלעך און מיט די דאָזיגע העה-רעלעך בערויכערן די קראַנקע, וועט פון איהר אַרויס. דער דבוק און זיך מעהר צו איהר נישט אומקעהרען און די קראַנקע וועט מיט אַמאָל געזונט ווערען. בעדאַרפען מיר ראַטעוועט דעם פרו-מען מאַן.״

אַז עס איז געוואָרען טאָג, האָבען די פּאַקירען דערזעהן, ווי דער שייך האָט זיך אויפגעהויבען פון טייכעל, און ער א״ז נאָך גרעסער געוואָרען אין זייערע אויגען. זיך אומגעקעהרט צו זיך אין געבעטהויז אַריין, האָט ער אַרויסגעריסען פון דער קאַצ׳ס עק זיבען העהרעלעך און אַוועקגעלעגט צו זיך אין בוזים-טאַש. אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, איז געקומען דער סולטאַן, און אַז דער שייך האָט איהם דערזעהן, האָט ער זיך געווענדעט צו איהם מיט די דאָזיגע רייד: „אָ, גרויסער מלך! דו ביזט גע-קומען צו מיר, איך זאָל אויסהיילען דיין טאָכטער!״

האָט דער סולטאַן איהם געענטפערט: „יאָ, פרומער מאַן.״ האָט דער שייך געזאָגט: „אויב אַזוי, טאָ שיק עמיצען, ער זאָל זי ברענגען, און איך פערהאָף צו גאָט, אַז איך וועל זי מיט זיין

הילף אויסהיילען.״

האָט דער סולטאַן געבראַכט די טאָכטער און דער שייך האָט זי אויפגענומען, אַוועקגעזעצט זי, פערהאַנגען די פענסטער, אַרויסגענומען די האָהר און זי אַרומגערויכערט. באַלד דערויף האָט דער דבוק אַרויסגעשריען פון איהר קאָפּ און אַרויסגעלאָ־פען און דאָס מיידעל איז תיכף ומיד געקומען צום שכל. האָט זי פערדעקט דאָס געזיכט און געזאָגט צום פאָטער: „וואָס בע־דייט עס? און צו וואָס האָסטו מיך געבראַכט אַהער?״

האָט זיך דער סולטאַן זעהר דערפרעהט און געענטפערט: „דו האָסט נישט וואָס מורא-צו-האָבען.״ און ער האָט אַ קוש גע־טהאָן דעם שייך אין דער האַנד און געפרעגט ביי זיינע הויפּ־לייט: „מיט וואָס קאָן איך בעלוינען דעם שייך פאַר דעם, וואָס ער האָט געטהון?״

און זיי האָבען געזאָגט: „דער בעסטער לוין וועט זיין פאַר איהם, ווען דו וועסט איהם אָבגעבען דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.״

האָט זיך דער סולטאַן אַ ווײַלע פערטראַכט און געזאָגט: „איהר זענט גערעכט!״ און ער האָט אָבגעגעבען זיין טאָכטער דעם שייך פאַר אַ ווייב. און אַזוי האָט זיך דער שייך מיחס־געווען מיט'ן סולטאַן, און אַז דער סולטאַן איז אין עטליכע טעג אַרום געשטאָרבען, איז דער שייך געוואָרען מלך.

און געשעהן איז אַזוי: איינמאָל איז דער מלך געפאָהרען מיט זיינע חילות און אָנבעגעגענט אויפ'ן וועג דעם בעל-מקנא. האָט ער איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד און אַרויפגעזעצט אויף אַ פערד און אַוועקגעפאָהרען מיט איהם אין פּאַלאַץ אַריין. און דאָרטען, אין פּאַלאַץ, האָט ער איהם געגעבען טויזענד דוקאַטען און רייכע קליידער און דערנאָך אָבגעלאָזט איהם אַהיים און גע־שיקט מענשען, וואָס זאָלען איהם בעגלייטען און איהם קיין שום פּאָרוואורף נישט מאַכען. נעהם זיך עס אַריין אין זינען, שייטאַן, ווי אַזוי אַ פרומער גוטער מאַן האָט פערגעבען דעם בעל-מקנא און ווי אַזוי ער האָט זיך בעצויגען צו איהם מיט חסד, כאָטש יענער האָט איהם פערשאַפט אַזוי פיעל שמערץ און פיין.

צוועלפטע נאַכט.

האָט דער שייטאַן אויסגעהערט די געשיכטע און געזאָגט: „צו וואָס זאָלסטו ריידען אַ סך. שרעק דיך נישט, איך וועל דיך נישט טויטען. אָבער מיין נישט פונדעסטוועגען, אַז איך וועל דיך אַזוי אָבלאָזען. דיך וועט מוזען טרעפען דאָס אומגליק פערוואַנדעלט צו ווערען.“ און ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער זיך דורכגעריסען דורך דער ערד און אַוועקגעטראָגען מיך אַזוי הויך אונטער די הימלען, אַז די וועלט האָט מיר אויסגעזעהן, ווי אַ קליין קיילעכעל און דערנאָך האָט ער מיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַרג. און דעמאָלט האָט ער גענומען אַ הויפען ערד, אַ שאָט געטהון עס אויף מיר, צוגעמורמעלט עפּיס פאַר זיך און אַרויסגעזאָגט: „פערלאָז די דאָזיגע געשטאַלט דיינע און ווער אַ מאַלפּע“.

און באַלד, אין דעם אייגענעם אויגענבליק, בין איך פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הונדערט-יעהריגער מאַלפּע.

און ווי איך האָב מיך דערזעהן אין דער דאָזיגער געשטאַלט, האָב איך מיך צעוויינט הויך אויפ׳ן קול. דאָס וויינען האָט אָבער נישט געהאָלפען, האָב איך מיך בעשלאָסען צו זיין געדולדיג און איבערטראָגען מיין ביטער מזל אַזוי ווי עס איז: איך האָב געוואוסט, אַז דאָס מזל ווערט אויך טיילמאָל געענדערט. אַראָבגעגאַנגען פון באַרג, האָב איך אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצען חדש צייט איבער וויסטע פעלדער ביז איך בין געקומען צום ברעג פון ים, און אויפ׳ן ים האָב איך דערזעהן אַ שיף, וואָס דער ווינד האָט געטריבען איהרע זעגלען צום ברעג. האָב איך מיך פערבאָרגען אין אַ פעלז, און ווי די שיף איז צוגעשוואומען נעהנטער, בין איך שנעל אַרויפגעשפרונגען אויף איהר דעק. אבער די שיפסלייט האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיי זיך אָבגעשרקט, און איינער פון זיי האָט אויסגעשריען: „אַראָב פון דער שיף, מאוס בעשעפעניש!“ און באַלד דערויף האָט אַ צווייטער אויסגעשריען: „לאָמיר איהם דער׳הרג׳ענען!“ און אַ דריטער: „איך וועל איהם טויטען מיט דעם דאָזיגען שווערד!“

אָבער איך האָב מיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן ברעג פון שווערד און טרעחרען האָבען מיר גענומען פליסען פון די אויגען. האָט דער קאַפּיטאַן רחמנות-געהאַט איבער מיר און געזאָגט צו די פּאַסאַזשירען: „זעהט איהר, סוחרים, די דאָזיגע מאַלפּע האָט זיך געווענדט צו מיר און געבעטען, איך זאָל זי בעשיצען. טהו איך איהר רצון. איצט געפינט זי זיך אין מיין רשות און איך בעט אייך, איהר זאָלט איהר נישט טהון קיין שלעכטס.״ און דער קאַפּיטאַן האָט זיך בעצויגען צו מיר מיט חסד און איך האָב פערשטאַנען אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט און איך האָב געטהון אַלץ, וואָס ער האָט געהייסען, ווי איך וואָלט געווען זיינער אַ דיענער.

פופציג טעג זענען מיר געשוואומען מיט׳ן ווינד און דערנאָך פעראַנקערט ביי אַ גרויסער שטאָדט, וואו עס זענען געווען אַזוי פיעל מענשען, אַז בלויז גאָט אַליין, געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין, וואָלט זיי געקאָנט איבערצעהלען. באַלד ווי די שיף איז געבליבען שטעהן, זענען געקומען עטליכע בעאַמטע פון מלך. אין נאָמען פון מלך האָבען זיי בעגריסט די סוחרים, וואָס זענען געקומען בשלום אַהיים און געזאָגט: „אונזער מלך גריסט אייך. ער פרעהט זיך, וואָס איהר זענט געקומען בשלום און שיקט אייך די דאָזיגע פּאַפּירען, אַז יעדער איינציגער פון אייך זאָל אַריינשרייבען חאָטש איין שורה׳לע. דער מלך האָט געהאַט אַ וויזיר, וואָס איז בעוועסען זעהר אַ שענע האַנדשריפט, אָבער ער איז געשטאָרבען, און דער מלך האָט זיך געגעבען אַ שבועה, אַז זיין אָרט וועט ער אָבגעבען נאָר יענעם מענשען, וואָס וועט קאָנען אויך אַזוי שען שרייבען, ווי דער פערשטאָרבענער וויזיר״.

און חאָטש איך בין געווען אַ מאַלפּע, פונדעסטוועגען האָב איך מיך אויך אויפגעהויבען און גענומען ציהען ביי זיי פון די האַנד דאָס פּאַפּיר. אָבער די מענשען, וואָס אויף דער שיף, האָבען גענומען שרייען אויף מיר און דראָהען, אַז זיי ווילען מיך שיטען: זיי האָבען געמיינט, אַז איך וויל אַריינוואַרפען דאָס פּאַפּיר אין ים אַריין. אָבער דורך אַ צייכען האָב איך זיי געגעבען צו פערשטעהן, אַז איך וויל שרייבען און דער קאַפּיטאַן האָט

געזאָגט: „זאָל זי שרייבען. אויב זי וועט מאַכען פלעקען, וועל איך זי דורכשטרייכען און אויב זי וועט שרייבען גוט, וועט זי ווערען מיין אייגען קינד.“ האָב איך איינגעטונקט די פעדער אין טינט און מיט שענע קליינע אותיות אָנגעשריבען דאָס דאָזיגע ליעד:

„די וועלט ליובט שטענדיג גוטע שענע מעשים
און גוטע מענשען האָבען אלע ליעב.
זאָל געבען דער, וואָס קוקט אויף אונז פון הימעל,
אז אויף דער ערד זאָל לעבען לאַנג און גליקליך
דער יעניגער, וואָס וויל מיר זיין א פאָטער.“

און דערנאָך האָב איך שוין מיט גרעסערע אותיות אָנגעשריבען א צווייט ליעד:

„די דיכטער שטאַרבען, נאָר זיי לאָזען־איבער
די ווערק, וואָס שטאַרבען קיינמאָל נישט מיט זיי,
איך דו זאָלסט שאַפען נאָר אזוינע ווערק,
וואָס זיי צו לייענען זאָל זיין א פערגעניגען,
וואָס זאָלען איך געלייענט ווערען דאָרטען—
אויף יענע שענע הויכע וויטע הימלען.“

אָנגעשריבען עס מיט א פערשיעדענעם כתב, האָב איך עס דערלאַנגט די בעאַמטע און זיי האָבען עס אַוועקגעטראָגען דעם מלך. און אַז ער האָט אַדורכגעקוקט די אַלע פאַפירען, איז איהם מיין האַנדשריפט געפעלען געוואָרען מעהר פון אַלע, און ער האָט געזאָגט צו זיינע בעאַמטע: „געהט־אַוועק צו דעם יעניגען, וואָס האָט אָנגעשריבען די דאָזיגע ליעדער, פוצט איהם אויס אין עהרען־קליידער, זעצט איהם אַוועק אין א רייטוואָגען און ברענגט איהם צו מיר מיט מוזיק.“ און ווי די הויפלייט האָבען דערהערט דעם דאָזיגען בעפעהל, האָבען זיי גענומען שמייכלען, אָבער דער מלך איז בייז געוואָרען און זיך צושריען: „וואָס בעדייט עס? איך האָב אַרויסגעגעבען א בעפעהל און איהר לאַכט גאָר פון מיר?“ האָבען זיי אויפגעהויבען די אויגען און געזאָגט: „אָ, גרויסער קעניג! מיר לאַכען נישט פון דיר, נאָר פון עפּיס אַנדערש. וואָרום די דאָזיגע ליעדער האָט גאָר אָנגעשריבען א מאַל-

פע און נישט אדמ׳ס אַ זוהן, און געבראַכט האָט די מאַלפּע דער קאַפּיטאַן פון דער שיף.

און אַז דער מלך האָט עס דערהערט, האָט איהם אָנגענומען אַ ציטער. ער האָט געפיבערט אַרפ׳ן גאַנצען לייב פון התפעלות און האָט באַלד אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, מען זאָל ברענגען די מאַלפּע. און ער האָט אַוועקגעשיקט זיינע הויפּלייט צו דער שיף און זיי מיטגעגעבען שענע קליידער און געזאָגט: „פּוצט זי אויס מיט די דאָזיגע קליידער און ברענגט זי אַהער.“

זענען זיי געקומען אויף דער שיף און צוגענומען מיך פון קאַפּיטאַן און אויסגעפּוצט מיך אין די שענע קליידער און דאָס פאָלק האָט געגאַפט, צוזעהענדיג עס, און אַ גרויסער המון איז מיר נאָכגעלאָפען מיט געלעכטער. אָבער אַז מען האָט מיך געבראַכט צום מלך, האָב איך דריי מאָל אַ קוש געטהון דעם שטויב פון זיינע פיס, און אַז ער האָט מיך געבעטען זיצען, האָב איך מיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה*) און אַלע האָבען זיך געוואונדערט אויף מיינע שענע מאַנירען און נאָכמעהר האָט זיך געוואונדערט דער מלך, וואָס האָט געהייסען די הויפּלייט, זיי זאָלען אַוועקגעהן. זענען אַלע אַוועק און געבליבען איז בלויז דער מלך און אַ סריס און אַ דיענער און איך. האָט דער מלך בעפוילען, מען זאָל ברענגען עסען, האָט מען געבראַכט אַזאַ בע׳טעמ׳ט געריכט, וואָס האָט געווירקט אויף מיר, ווי אַ הימלישער ריח, און דער מלך האָט געהייסען, איך זאָל עסען. האָב איך אַ קוש געטהון זיבען מאָל דעם שטויב פון זיינע פיס און זיך אַנידערגעזעצט מיט איהם צוזאַמען ביים טיש און דערנאָך, נאָכ׳ן עסען, האָב איך אָבגעוואַשען די הענד, גענומען טינט, פעדער און פאַפּיר און אָנגעשריבען דאָס דאָזיגע ליעד:

*) דער אַראַבישער עטיקעט פאָדערט, מען זאָל נישט זיצען אין דער געזעלשאַפט פון הויכגעשטעלטע לייט, נאָר אָדער שטעהן אָדער שטעלען זיך אויף די קניה. אין אַזאַ פאַל ווערט אויך געהאַלטען פאַר אַנשטענדיג צו בעהאַלטען די הענד אין די אַרבעל.

„אָ, קונעפּאַך*), איך האָב דיך זעהר ליעב,
דו האָסט געגעבען מיר דעם טעם פון גליק.
איך וואָלט דיך גערן אַלע טאָג געגעסען
און וואָלט זאָגאַר דיך נישט פערמיסט מיט האָניג.“

נאָכדעם בין איך אויפגעשטאַנען און זיך איבערגעזעצט אויף אַ דערוויטערט אָרט. דער מלך האָט איבערגעלייענט דאָס ליעד און אויסגעשריען מיט פערוואונדערונג: „קאָן דען אַ מאַלפּע אַזוי שען שרייבען? דאָס איז דאָך וואונדער פון וואונדער!“ און באַלד נאָכדעם האָט מען דעם סולטאַן דערלאַנגט אַ שאָכטי-שפּיל, און דער סולטאַן האָט זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט: „ווילסטו שפּיעלען?“ זיך האָב אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, אַז יאָ און צוגעגאַנגען און פונאַנדערגעשטעלט די פיגורען. צוויי פּאַרטיעס האָב איך געשפּיעלט מיט'ן מלך און ביידע געוואונען. האָט דער מלך אויסגעשריען: „ווען דאָס וואָלט געווען אַ מענש, וואָלט ער איבערגעגאַנגען אַלע מענשען פון זיין צייט.“ און ער האָט געזאָגט צו דעם סריס: „געה צו דיין האַרין און זאָג איהר, אַז זי זאָל קומען אויפ'ן רוף פון מלך: זי וועט זעהן אַ וואונדערליכע מאַלפּע און וועט קאָנען צופריעדענשטעלען איהר נייגיריגקייט“.

איז דער סריס אַוועק און געקומען מיט זיין האַרין און מיט דער בת-מלכה, און ווי די בת-מלכה האָט מיך דערזעהן, האָט זי באַלד פערדעקט דאָס געזיכט און געזאָגט: „אָ, מיין פאָטער, פאַרוואָס האָסטו מיך פערבעטען אַהער: אַ פרעמדער מאַנספערשוין האָט איצט געזעהן מיין געזיכט.“ און דערויף האָט דער מלך געזאָגט: „אָ, מיין טאָכטער, דאָ איז דאָך קיינער נישטאָ, אויסער דעם סריס, וואָס האָט דיך גערופען, און דער דאָזיגער מאַלפּע, פאַר וועלכער דו בעדאַרפסט דיר גאָרנישט פערדעקען דאָס געזיכט.“ אָבער דאָ האָט זיך אָנגערופען די טאָכטער:

---

*) קונעפאַך—אַזאַ מין קוכען, וואָס ווערט געמאַכט פון מעהל, פּוטער, האָניג אָדער צוקער.

„די מאַלפּע איז אַ זוהן פון אַ מלך און זיין פאָטער הייסט איימאַר. דער שייטאַן דזשאַרדזשאַריס האָט איהם פער׳כשופ׳ט און דערביי האָט ער געטויט זיין אייגען ווייב, די טאָכטער פונ׳ם מלך אַק-נאמוז. דאָס איז, אַלוּאַ, נישט קיין מאַלפּע, נאָר אַ געלעהרטער און אַ קלוגער מאַן.״

האָט דער מלך געגאַפט פון זיין טאָכטערס ווערטער און ער האָט אַ קוק געטהון אויף מיר און געפרעגט: „איז עס וואָהר, וואָס זי האָט געזאָגט?״

איך האָב אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ און זיך צעוויינט.

און דער סולטאַן האָט געפרעגט דער טאָכטער: „אָבער וועהר האָט עס דיר געזאָגט, אַז מען האָט איהם פער׳כשופ׳ט?״ און די טאָכטער האָט געענטפערט: „אָ, מיין פאָטער, ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע, האָט מיט מיר געוואוינט אַנ׳אַלטע פרוי—אַ כשוף-מאַכערין און זי האָט מיך אויסגעלערנט די קונסט פון פער׳כשופ׳ען. איך האָב מיר גוט איינגע׳חזר׳ט דאָס אַלץ, וואָס זי האָט מיר געזאָגט און איצט ווייס איך אויסגעצייכענט גוט הונדערט זיעבעציג מיטלען, וואָס מיט זייער הילף קאָן איך איבערטראָגען אַלע שטיינער פון שטאָדט אויף דעם קאָפּער באַרג און די העכסטע בנינים אַראָבלאָזען אויפ׳ן גרונד פון ים און די מענשען פערוואַנדלען אין פיש.״ און אַז דער מלך האָט עס דערהערט, האָט ער געזאָגט: „איך בעט דיך אין נאָמען פון אַלאַה, הייל-אויס דעם דאָזיגען יונגענמאַן—איך זאָל איהם קאָנען מאַכען פאַר מיין ווזיר. איז עס אָבער מעגליך, דו זאָלסט בע-זיצען די דאָזיגע קונסט און איך זאָל עס נישט ויסען? הייל איהם אויס, ער וועט זיין מיין ווזיר, ווייל ער איז אַ וואויל-דערצויגענער יונגערמאַן.״

האָט די בת-מלכה אויפגעהויבען די אויגען אויפ׳ן מלך און געזאָגט: „מיט פערגעניגען.״ דערנאָך האָט זי גענומען אַ מעסער, אויף וועלכען עס זענען אויסגעקריצט געווען יודישע ווערטער, און אָנגעצייכענט מיט איהם אַ קרייז אינמיטען פּאַלאַץ. אין קרייז האָט זי אַריינגעשריבען נעמען און פערשידענע וואָרט-פערקירצונ-גען. און דערנאָך האָט זי גענומען אַרויסזאָגען מאָדנע אונפער-

טטענדליכע ווערטער. און באַלד האָט זיך פערשפרייט אַרום אונז
זאַ נעבעל, אַז אונז האָט אויסגעוויזען—די גאַנצע וועלט איז
שוואַרץ, און דאָ האָבען מיר דערזעהן זעהר אַ העסליכען שיי-
זאַן, מיט הענד, עהנליך צו קרומע שטעקענס, מיט פיס, עהנליך
צו מאַסטבוימער און מיט אויגען, עהנליך צו שטורקאַצען, און
אַז מיר האָבען איהם דערזעהן, האָט אונז דורכגענומען אַ פיינ-
ליכע שרעק.

און די בת-מלכה האָט אויסגעשריען: „דיר וועל איך קיין
גוט-מאָרגען נישט זאָגען!"

אָבער דער שייטאַן איז באַלד פערוואַנדעלט געוואָרען אין
אַ לייב און ער האָט געזאָגט: „אַך, דו פעררעטערין! פאַרוואָס
האָסטו געבראָכען די שבועה? האָבען מיר דען נישט געשוואָרען,
אַז מיר וועלען נישט געהן געגען איינאַנדער?"

און זי האָט געענטפערט: „ווען האָב איך געגעבען אַזאַ
שבועה?" אָבער דער שייטאַן, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ לייב,
מיט אַ פונאַנדערגעעפענטען מויל, האָט אַרויסגעדונערט: „נו, טאָ
בעקום דיין לוין, ווי דו האָסט פערדיענט!" און זיך אַ וואָרף
געטהון צו איהר. אָבער זי האָט איהם אויגענבליקליך אַרויסגע-
ריסען אַ האָהר פון קאָפּ, וואָס זי האָט באַלד פערוואַנדעלט אין
אַ שאַרפען מעסער. מיט דעם דאָזיגען מעסער האָט זי צוהאַקט
דעם לייב אויף צוויי העלפט, וואָס זענען פערוואַנדעלט געוואָ-
רען אין אַנ'עגדעש. די בת-מלכה, ווידער, איז פערוואַנדעלט גע-
וואָרען אין אַ שרעקליכער שלאַנג, וואָס האָט זיך אַוועקגעשאַרט
נאָך דעם עקעלהאַפטען עגדעש. און צווישען זיי האָט זיך אָנגע-
הויבען אַ שרעקליכער קאַמף און אין קאַמף האָט זיך דער עג-
דעש פערוואַנדעלט אין אַ האַביכט און די בת-מלכה אין אַנ'-
אָדלער, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט פערפאָלגט דעם האַביכט. צו-
לעצט האָט זיך דער האַביכט פערוואַנדעלט אין אַ שוואַרצער קאַץ
און די בת-מלכה איז געוואָרען אַ וואָלף, וואָס האָט זיך געוואָר-
פען אויף דער קאַץ, ביז די קאַץ האָט דערזעהן, אַז זי קאָן
נישט אויסהאַלטען, האָט זי זיך פערוואַנדעלט אין אַ גרויסען
שטיין, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין אַ באַסיין, אָבער דער וואָלף

האָט דערכאַפּט דעם שטיין און אַ שליידער געטהון איהם אויף דער פּאָדלאָגע אַזוי, אַז ער איז צוקלאַפּט געוואָרען אויף קליי־ניטשקע שטיקלעך און די שטיקלעך זענען צופלויגען געוואָרען אין אַלע זייטען. דער וואָלף איז באַלד פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ האָהן און אָנגעהויבען שלינגען די איינציגע שטיקלעך, נישט־איבערלאָזענדיג קיין איינס פון זיי. אָבער דאָס מזל האָט געוואָלט, אַז איין שטיקעל זאָל פערקויקעלט ווערען אויפ'ן ברעג באַסיין און מען האָט איהם נישט געקאָנט זעהן. האָט דער האָהן גענומען שרייען און פּאַטשען מיט די פליגלען און ווייזען אונז מיט'ן שנאָבעל. אָבער מיר האָבען איהם נישט געקאָנט פערשטעהן. דעמאָלט האָט ער אַרויסגעלאָזט אַזאַ שרעקליך געשריי, אַז מיר האָבען זיך דערשראָקען. אונז האָט זיך געדאַכט, אַז דער פּאַלאַץ פאַלט אויף אונז. דער האָהן האָט גענומען אַרומלויפען אַהין און אַהער, אין אַלע זייטען ביז ער האָט געפונען דאָס פּיצעלע שטיין. אָבער דאָס פּיצעלע שטיין איז כהרף־עין פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פיש און זיך בליץ־שנעל אַרונטערגעטונקט אונטער'ן וואַסער. האָט זיך אויך דער האָהן אין דער אייגענער רגע פערוואַנדעלט אין אַ גרעסערן פיש און זיך אַוועקגעלאָזט אונטער'ן וואַסער נאָך דעם ערשטען פיש. אַ לאַנגע צייט האָבען מיר זיי נישט געזעהן, און דערנאָך האָבען מיר דערהערט אַ געשריי, פון וועל־כען מיר האָבען אויפגעציטערט. באַלד נאָכדעם האָט זיך דער שייטאַן בעוויזען ווי אַ גרויסער פלאַם, און שטראָמען פייער האָ־בען זיך איהם געגאָסען פון מויל, פון די אויגען און פון די נאָזלעכער. האָט זיך אָבער די בת־מלכה אויך פערוואַנדעלט די אייגענע רגע אין אַ פלאַם פייער, און מיר אַלע האָבען זיך מכין־געווען אַריינצעוואַרפען אין וואַסער אַריין—נישט פערברענט צו ווערען. אָבער פלוצלונג האָט דער שייטאַן אויסגעשריען און זיך אַ וואָרף געטהון צו אונז אויפ'ן דיוואַן, שמייסענדיג אונז מיט פייערדיגע צינגען. אָבער דאָ איז איהם בעפאַלען די בת־מלכה און גענומען איהם שלאָגען מיט פאַסען פייער. פונקען זענען געפלויגען פון זיי גלייך אויף אונז. איהרע פונקען האָבען אונז נישט געשאַדט, אָבער זיינער אַ פונק האָט מיר געטראָפען אין

אויג און איהם פערבּרענט, כאָטש איך בּין נאָך דעמאָלט געוועזן אַ מאַלפּע. אַ צווייטער פונק האָט געטראָפען דעם מלך אין פּנים אַריין און פערבּרענט איהם די בּאָרד און דאָס מויל און אַרויסגעהאַקט איהם די אונטערשטע צייהן. אַ דריטער פונק האָט געטראָפען דעם סריס אין בּרוסט און זי דורכגעבּרענט און דער סריס איז געפאַלען טויט. מיר האָבּען געמיינט, אַז מיר וועלען אַלע אומקומען, אַז מיר זענען פערפאַלען און מיר האָבּען פערלאָרען די לעצטע האָפנונג. אָבּער אין דער אייגענער רגע האָבּען מיר דערהערט אַ פרעהליכען אויסגעשריי: „גרויס איז גאָט! גאָט איז גרויס! גאָט האָט געזיעגט!"

דאָס איז געוועזן דער בּת-מלכה'ס קול. די בּת-מלכה האָט פערבּרענט דעם שייטאַן. בּלויז אַ הייפּעלע אַש איז געבּליבּען פון איהם. דערנאָך איז די בּת-מלכה צוגעגאַנגען צו אונז און געזאָגט: „גיט מיר אַ טעצעלע וואַסער." און אַז מיר האָבּען איהר געגעבּען וואַסער, האָט זי מיך בּעשפּריצט דערמיט און געמורמעלט פאַר זיך עפּיס אונפערשטענדליכע ווערטער און דערבּיי אַלץ גע'ח'ר'ט: „אין נאָמען פון גאָט, זאָלסט אָננעהמען דיין פריהערדיגע געשטאַלט."

און דאָ בּין איך בּאַלד געוואָרען אַזאַ מענש, ווי איך בּין געוועזן פריהער, אָבּער מיט איין אויג. די בּת-מלכה האָט אַ ווילע געשוויגען, דערנאָך האָט זי פּלוצלונג גענומען שרייען: „פייער! פייער! אָ, פאָטער מיינער, מיר איז געבּליבּען וועניג צו לעבּען. מיר איז בּעשערט צו שטאַרבּען דורך אַ געוואַלט-טויט. ווען דאָס וואָלט געוועזן אַ מענש, וואָלט איך איהם בּאַלד דער'הרג'עט. מיר איז עס אפילו אויך איצט נישט שווער געוועזן, אָבּער די שטיקעלעך שטיין זענען צופאַלען געוואָרען און עס האָט זיך גראָד פערקויקעלט יענס שטיקעלע שטיין, וואו עס איז געלעגען בּעהאַלטען דעם שייטאַנס נשמה. ווען איך וואָלט איהם בּאַלד צוזאַמענגעשלונגען, וואָלט ער די אייגענע רגע געשטאָרבּען. אָבּער אַזוי איז שוין בּעשערט געוועזן—איך זאָל עס נישט בּעמערקען. האָט ער זיך פּלוצלונג געוואָרפען אויף מיר, און אונטער דער ערד איז צווישען אונז פאָרגעקומען אַזאַ געפעכט, ווי

אין לופטען און אינ׳ם וואַסער. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך בעוויייזען אין אַ נייער געשטאַלט, פלעג איך אויך בייטען מיין געשטאַלט. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבען געברויכען פייער גע־גען מיר. פייער איז אָבער אַזאַ זאַך, וואָס געגען דעם איז זיך שווער צו ראַנגלען. דאָך האָב איך איהם די ערשטע פערברענט און דערביי איהם געצוואונגען, ער זאָל אָננעהמען די רעליגיע פון איסלאַם. איצט שטאַרב איך אויך און איך בעט גאָט, ער זאָל דיר צושיקען עמיץ אַנ׳אַנדערן, וואָס זאָל קאָנען מיך פערבייטען.״

און נאָכדעם, ווי זי האָט דאָס געזאָגט, איז איהר אַ פונק געפאַלען אויף דער ברוסט און אויפ׳ן פנים און זי האָט הויך אַרויסגעזאָגט: „איך גלויב, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט, אויסער גאָט און איך גלויב, אַז מאַכמעד איז געווען זיין נביא״. מיר האָבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אַז זי איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הויפען אַש, וואָס איז געלעגען נעבען דעם היי־פעלע אַש פון שייטאַן.

מיר האָבען זיך לאַנג און שטאַרק מצער-געווען וועגען איהר, און איך האָב געוואָלט בעסער זיין אויף איהר אָרט, איי־דער צו זעהן, ווי דאָס זעלטען-שענע וועזען, וואָס האָט געטהון מיט מיר אַזוי פיעל גוטס, איז געלעגען אויף דער ערד ווי אַ קליין הייפעלע אַש. אָבער קיינער קאָן נישט פאָראויסזעהן או[ן] פערשטעהן גאָטס וועגען. דער מלך האָט געכאַפט דער טאָכטער׳[ס] אַש און זיך בעשאָטען דערמיט דעם קאָפּ, דאָס פנים און ד[י] קליידער. און דאָס אייגענע האָב איך אויך געטהון און ביידע האָבען מיר געוויינט. און דאָ זענען געקומען די הויפּלייט און דעם מלכ׳ס מקורבים און זיי האָבען געזעהן, ווי דער מלך אי[ז] זיך אַזוי מצער, אַז ער בעמערקט גאָרנישט אַרום זיך און זיי האָבען נישט געוואוסט, וואָס דאָ איז געשעהן און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל זיי דערצעהלען. און טרויעריג זענען גע־וואָרען די הויפּלייט און די פּרויען און שקלאַפינס האָבען גע־וויינט גאַנצע זיבען טעג.

דערנאָך האָט דער מלך בעפוילען, מען זאָל מאַכען פ[ון] דער טאָכטערס ביסעלע אַש אַ קבר מיט אַ קופּאָל, וואו עס זאָלען

ברענגען ליכט און לאמפען און דעם שייטאנס אש זאל מען צו-זייהען אין לופטען און אלע מענשען זאלען עס פערשילטען. א גאנצען חודש צייט איז דער מלך קראנק געווען, און אז ער האט זיך גענומען פערבעסערן אין געזונד, האט ער מיך גערו-פען צו זיך און געזאגט: „יונגערמאן! ביז אהער האבען מיר פערבראכט אונזערע טעג אין פרייד און געזאנג, דאס מזל האט אונז שטענדיג געדיענט. אבער דו ביזט געקומען—און אונזער פרייד איז צורונגען געווארען: צוערשט האב איך פערלארען מיין טאכטער, וואס איז טייערער פון הונדערטער מענשען, און דער-נאך האב איך פערלארען די צייהן און זיך אבגעברענט און דער סריס איז מיר אוועקגעשטארבען. געוויס, דו האסט נישט גע-קאנט פאראויסזעהן די דאזיגע אומגליקען: דאס איז געווען גאטס רצון, און געבענשט זאל ער זיין דערפאר, וואס מיין טאכטער האט דיך אויסגעהיילט, כאטש זי איז אליין אומגעקומען דערביי. דאך אבער מוזטו פערלאזען אונזער שטאדט. מיר האבען זיך גע-נוג בעצאהלט פאר דיר."

און אזוי, מיין גנעדיגע הארין, בין איך אוועק. אבער איי-דער איך האב פערלאזט די שטאדט, בין איך אוועק אין באד און זיך געלאזט אבראזירען די בארד. פערשידענע מדינות בין איך אדורכגעגאנגען און א סך גרויסע שטעדט האב איך געזעהן, אבער מיין וועג האב איך געהאלטען צו דער היים פון שלום*), צו באגדאד און מיט מיר צוזאמען לעבט די האפנונג צו זעהן דעם מלך פון די רעכטגלויבע, וועלכען איך זאל קאנען דער-צעהלען אלץ, וואס מיט מיר איז געשעהן.

נאכדעם איז ארויסגעטראטען דער דריטער בעטלער און אנגעהויבען דערצעהלען זיין געשיכטע.

---

*) אזוי ווערט ביי די אראבער טיילמאל גערופען די שטאדט באגדאד. אויך אזוי ווערט ביי זיי גערופען איינער פון די זיעבען הימ-לען פון גן־עדן.

דער דריטער בעטלער.

אָ, מיין גנעדיגע הארין! מיין געשיכטע איז גאָרנישט ענליך צו דעם אַלעם, וואָס איז נאָר-וואָס דערצעהלט געוואָרען: מיין געשיכטע איז אַ סך חדוש'ליכער. דאָס מזל האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ לאַגע, געגען וועלכער זיי האָבען זיך נישט געקאָנט ראַנגלען. אָבער איך האָב מיר געמוזט אָבראַזירען די באָרד און פערלירען אַנ'אויג, ווייל איך האָב מיך אַליין אַריינגעשלעפּט אין אַנ'אומגליק, און געשעהן איז עס אַזוי: איך בין געווען אַ מלך און אַ זוהן פון אַ מלך, און אַז מיין פאָטער איז געשטאָרבען, האָב איך גע'ירשנ'ט זיין טראָן און איך האָב געוועלטיגט איבער'ן פאָלק מיט חסד און יושר. איך האָב זעהר ליעב געהאַט ים-רייזעס און מיין רעזידענץ-שטאָדט האָט זיך געפונען אויפ'ן ברעג פון אַ גרויסען ים און זי איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אינזלען, אויף וועלכע איך האָב זעהר ליעב געהאַט צו פאָהרען.

איינמאָל בין איך אַרויסגעפאָהרען מיט אַ פלאָט פון צעהן שיפען און מיטגענומען פראָוויאַנט אויף אַ גאַנצען חודש צייט. צוואַנציג טעג האָבען מיר זיך געהאַלטען גוט אויפ'ן וואַסער, דערנאָך האָט אונז געשטערט אַ שטאַרקער ווינד. אָבער אויף מאָרגען האָט ער אויפגעהערט און עס איז געוואָרען צוריק שטיל און מיר האָבען פעראַנקערט ביי אַנ'אינזעל, וואו מיר זענען אָראָבגעשטיגען, צוגעגרייט זיך אַ מיטאָג און פערבראַכט דאָרט גאַנצע צוויי טעג. נאָכדעם האָבען מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין און ווייטער פערבראַכט אויפ'ן וואַסער גאַנצע צוואַנציג טעג ביז מיר זענען אַריינגעשוואומען אין אונבעקאַנטע ימים, וואָס דער שיפסקאַפּיטאַן האָט זיי קיינמאָל נישט געזעהן. דאַ האָבען מיר פערלאַנגט, אַז דעם קאַפּיטאַנס געהילף זאָל זיך אויפהויבען אויפ'ן שפּיץ פון מאַסטבוים און אַ קוק טהון, וואו מיר זענען. איז דער געהילף אַרויפגעקראָכען אויפ'ן שפּיץ פון מאַסטבוים, בעטראַכט פון אַלע זייטען דעם ים און דערנאָך, אַז ער איז אַראָבגעקראָכען, האָט ער געזאָגט דעם קאַפּיטאַן: „פון דער

יעכטער זייט האָב איך געזעהן אַ פיש, וואָס איז געשוואומען ון איבען אויפ׳ן וואַסער און ווייט אין מיטען ים האָב איך וזוי ווי אין נעבעל געזעהן עפּיס ווייס און עפּיס שוואַרץ.״

דערהערט די דאָזיגע מעלדונג, האָט דער קאַפּיטאַן אַ וואָרף עטהון זיין טשאַלמע אויפ׳ן שיפדעק, זיך גענומען פאַר דער :אָרד און געזאָגט צו אונז: „זענט וויסען, אַז דאָס איז אַ צייּ :ען. קיינער קאָן פון זיין מזל נישט אַוועקגעהן און מיר וועלען יאָ אומקומען.״

און ווי ער האָט עס געזאָגט, אַזוי האָט ער זיך באַלד נעוויינט און, קוקענדיג אויף איהם, זענען מיר אויך זעהר טרויע- ייג געוואָרען. איך האָב אָבער פערלאַנגט, ער זאָל מיר זאָגען, אין וואָס בעשטעהט די געפאַהר. דערויף האָט ער געענטפערט: ,אָ, מיין גנעדיגער מלך, מיר האָבען פערלאָרען דעם ריכטיגען וועג אין יענעם טאָג, ווען עס איז אונז בעפאַלען דער גרויסער ווינד און ווען מיר האָבען זיך צוגעשטעלט ביי דער אינזעל. פון יענער צייט אָן זענען מיר אין פערלויף פון איינאונצוואַנציג טעג געשוואומען אין אַ פאַלשער ריכטונג. איצט האָבען מיר שוין נישט דעם וועג צוריק און מיר לויפען צו אונזער וויסטען סוף. מאָרגען וועלען מיר קומען צו גרויסען באַרג פון שוואַרצען שטיין, וואָס הייסט מאַגנעט. דער שטראָם טראָגט אונז צו איהם מיט אַ שרעק־ ליכער קראַפט און אונזער שיף וועט צופאַלען ווערען אויף שטי- קער, וואָרום יעדער טשוואָק וועט זיך אַליין אַרויסרייסען פון זיין אָרט און אַנטלויפען צום מאַגנעט. און אַלע ווייסען דאָן שוין פון לאַנג, אַז אַ סך שיפען זענען צוקלאַפּט געוואָרען אָן דעם מאַגנעטען-באַרג*). אויפ׳ן שפּיץ פון דעם דאָזיגען באַרג אין

---

*) פיעל אַראַבּישע שרייבער האָבען בעשריבען דעם דאָזיגע מאַגנעטען־באַרג. על קאַזיני זאָגט אין זיין בוך וועגען מינעראַלען, אַ דער מאַגנעטען־באַרג געפינט זיך ביי אַ ברעג פון אינדישען אָקעאַן, און ווען אַ שיף געהט־פאַרבי דעם דאָזיגען אָרט, לויפט־אַרויס, ווי אַ פויגעל דאָס גאַנצע אייזען, וואָס געפינט זיך אויף דער שיף און קלעבט זיך צו צום באַרג.

פאַרהאַן אַ קופערנער קופאָל, וואָס ווערט געשטיצט אויף ציה קאָלאָנעס און אויפ׳ן שפיץ פון דעם דאָזיגען קופאָל שטעהט אַ קופערן פערד מיט אַ רייטער, וואָס האַלט אַ שפיז אין דער האַנד. אויף דער ברוסט האָט דער רייטער אַ בלייערן טאָוועלע און דעריוף זענען אָנגעצייכענט געהיימע ווערטער און נעמען אַ, גנעדיגער מלך, ווי לאַנג דער דאָזיגער רייטער וועט זיצע אויף זיין פערד, וועט יעדע שיף צוקלאַפּט ווערען אָן באַרג און יעדער טשוואָק וועט צוגעצויגען ווערען. כל-זמן דער רייטער וועט זיצען אויף זיין פערד, זענען מיר אַלע אין גרויס געפאַהר.״

און דער קאַפּיטאַן האָט זיך ווידער צעוויינט און מיר אַלע האָבען בעסט געגלויבט, אַז אונזער וויסטער סוף איז אונפערמיידליך און מיר האָבען זיך גענומען זעגענען איינער מיט׳ן צווייטען.

און אויף מאָרגען זענען מיר געקומען צום באַרג, וואָרום דער שטראָם האָט אונז שרעקליך געטראָגען צו איהם. און אַז די שיף האָט זיך עטוואָס דערנעהנטערט צו איהם, איז זי צופאַלען געוואָרען און אַלע טשוועקעס און דאָס גאַנצע אייזען איז אַנטלאָפען צום באַרג. און אַזוי איז אונטערגעגאַנגען די שיף. מאַנכע פון אונז זענען דערטרונקען געוואָרען און אַנדערע האָבען זיך געפּרובט ראַטעווען. אָבער דער גרעסטער טייל איז דערטרונקען געוואָרען, און פון די, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט, האָט אויך איינער נישט געוואוסט פון צווייטען, ווייל די חוואַליעס און דער ווינד זענען געוועזן שרעקליך. אָבער מיך, גנעדיגע כרוי, האָט גאָט מציל-געווען, כדי איך זאָל קאָנען דערנאָך איבערטראָגען די אַלע יסורים, וואָס דער הימעל האָט מיר אָנגעצייכענט. איך האָב מיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ ברעט און דער ווינד און די חוואַליעס האָבען מיך אַוועקגעטראָגען צום ברעג. אַז איך בין אַרויף אויפ׳ן פעסטען באָדען, האָב איך געפינען אַ שטעגעלע, וואָס האָט זיך געצויגען באַרג-אַרויף און און דאָרט, נאָהנט צום שפיץ, האָב איך געפונען קלייניטשקע טרעפּעלעך. איך האָב געלויבט און געדאַנקט דעם אַלמעכטיגען, און נאָכדעם, ווי איך האָב רעכט תפילה-געטהון צו איהם, האָב

איך מיך גענומען אויפהויבען אויף די טרעפּעלעך. גאָט האָט אָנגענומען מיין תפילה, ער האָט איינגעשטילט דעם ווינד און מיט זיין הילף האָב איך דערגרייכט דעם שפּיץ. איך האָב מיך שטאַרק געפרעהט דערפון, וואָס איך האָב מיך אַרויסגעראַטעוועט פון וואַסער, און אַז איך האָב מיך אַרונטערגעשטעלט אונטער'ן קופּאָל, האָב איך נאָכאַמאָל געלויבט און געדאַנקט דעם אַלמעכטיגען. דערנאָך בין איך איינגעשלאָפען און אין שלאָף האָב איך דערהערט אַ שטים, וואָס האָט גערעדט צו מיר: „אָ, זוהן פון קאַסיב, אַז דו וועסט אויפשטעהן פון שלאָף, זאָלסטו באַלד אָנהויבען גראָבען די ערד ביי דיינע פיס און דו וועסט געפינען אַ בויגען פון קופּער און דריי פיילען פון בליי מיט אויסגעקריצטע אויפשריפטען. נעהם דעם דאָזיגען פייל און בויגען און שיס-אויס אין רייטער אויפ'ן קופּאָל און בעפריי דערמיט די מענשען פון גרויס אומגליק. באַלד ווי דו וועסט אויסשיסען אין איהם, וועט ער אַריינפאַלען אין יט אַריין; דער פייל און בויגען וועט דיר אויך אַרויספאַלען פון האַנד, אָבער דו בעדאַרפסט איהם באַלד פערגראָבען אויף דעם אַלטען אָרט. און גלייך ווי דו וועסט עס האָבען אָבגעטהון, וועלען זיך אויפהויבען די אינדען אין ים און וועלען דערגרייכען דעם שפּיץ באַרג און אויפ'ן וואַסער וועט זיך ווייזען אַ שיפעל מיט אַ מענשען, וואָס איז גאָרנישט עהנליך צו דעם, וואָס דו האָסט אַריינגעוואָרפען אין ים. דער שיפער וועט צופאָהרען צו דיר און דו וועסט זיך אַריינזעצען אין זיין שיפעל, אָבער דו זאָלסט נישט דערמאָהנען גאָטס נאָמען. און אין צעהן טעג אַרום וועט דיך דער שיפער ברענגען אין אַ בעקאַנטען ים אַריין און דאָ וועסטו זיך שוין בשלום דערשלאָגען צו אַ שטאָדט. אָבער דאָס אַלץ וועט ריכטיג געטהון ווערען נאָר דעמאָלט, ווען דו וועסט נישט דערמאָהנען גאָטס נאָמען".

און אַז איך בין אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָב איך באַלד געטהון אַלץ, ווי מיר איז פערזאָגט געוואָרען. איך האָב געשאָסען אין רייטער און ער איז אַריינגעפאַלען אין ים אַריין; דער פייל און בויגען איז מיר אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד, האָב איך איהם פערגראָבען. נאָכדעם האָט זיך אויפגעהויבען דער ים

ביז׳ן שפיץ באַרג און אינגיכען האָב איך דערזעהן אַ שיפעל וואָס האָט זיך דערנעהנטערט צו מיר. איך האָב געדאַנקט גאָט דערפאַר, און אַז דאָס שיפעל איז צוגעשוואומען צו מיר, האָב איך דערין דערזעהן אַ קופּערנעם מאַן מיט אַ בלייערן טאָוועל אויף דער ברוסט און אויף דעם דאָזיגען טאָוועל זענען געווען אויסגעקריצט געהיימע ווערטער און נעמען. אָהן אַ וואָרט צו ריידען האָב איך מיך אַריינגעזעצט אין שיפעל און דער דאָזיגער מאַן האָט מיך געפיהרט צעהן טעג. באַלד האָב איך פון דערווייטענס דערזעהן אינזלען און פון גרויס שמחה האָב איך אויסגעשריען:

—געלויבט זאָל זיין גאָט! נישטאָ קיין גאָט איבער גאָט!

ווי איך האָב עס אויסגעשריען, האָט ער מיך אַרויסגעוואָרפען פון שיפעל און אַליין אַוועקגעשוואומען אין ים אַריין.

איך האָב געקאָנט שווימען און איך האָב געשוואומען ביז׳ן אָוועגד און מיינע הענד און אַקסלען זענען פערגליווערט געוואָרען פון מיעדקייט. איך האָב געזעהן, אַז איך וועל אומקומען, אָבער איך האָב מיך פערלאָזט אויף גאָט און זיך איבערגעגעבען אין זיין רשות. גראָד אין דער מינוט האָט זיך אויפגעבלאָזען דער ים און אַנ׳אינד, גרויס ווי אַ ריזיגער פּאַלאַץ, האָט מיך אויפגעהויבען און אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן ברעג. איך האָב מיך באַלד אויפגעהויבען, אַראָבגעצויגען פון זיך די קליידער, אויפגעהאָנגען זיי צום טריקענען און איינגעשלאָפען. אינדערפריה האָב איך מיך אויפגעכאַפּט, אָנגעטהון די קליידער, און אַז איך האָב מיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזעהן אַ באַרג, בעדעקט מיט בוימער. אַרומגעגאַנגען אַרום דעם באַרג, האָב איך געזעהן, אַז דאָס איז אַ קליינע אינזעל אינמיטען ים, און דעמאָלט האָב איך ביטער אַ טראַכט געטהון: „יעדעס מאָל, ווען איך בעפריי מיך פון איין צרה, פאַל איך תיכף אַריין אין אַ צווייטער.״ און ווי איך האָב אַזוי געטראַכט און אפילו געגאַרט דעם טויט, האָב איך דערזעהן אַ שיף מיט אַ סך מענשען. האָב איך מיך באַלד אַרויפגעכאַפּט אויף אַ בוים. די שיף איז צוגעגאַנגען צום ברעג און פון איהר האָבען זיך אַראָבגעלאָזט שוואַרצע קנעכט מיט העק. זיי זענען

אַוועק אויפ׳ן מיטען אינזעל און דאָ געמומען גראָבען די ערד. אַז זיי האָבען פונאַנדערגעגראָבען די ערד, האָבען זיי אויפגעהויבען אַ טהיר און נאָכדעם זענען זיי אַוועק צוריק צו דער שיף, גענומען פון דאָרט ברויט, פוטער, מעהל, האָניג און בכלל אַזוינע זאַכען, וואָס דיענען דעם מענשען צום עסען און גענומען עס איבערטראָגען אין דער אונטערערדישער וואוינונג. זיי זענען געגאַנגען פון דער שיף צו דער טהיר און פון דער טהיר צו דער שיף און געטראָגען און געטראָגען, ביז זיי האָבען נישט איבערגעטראָגען דעם גאַנצען פראָוויאַנט. נאָכדעם האָבען זיי גענומען טראָגען פון דער שיף טייערע, זעהר רייכע קליידער און פון דער שיף איז אַראָב אויפ׳ן ברעג אַן׳אַלטער שייך, וואָס האָט געפיהרט ביי דער האַנד אַזאַ שען שלאַנק יונגעל, אַז מען האָט געקאָנט ריהמען זיין שענקייט. מען האָט איהם געקאָנט פערגלייכען מיט אַ פריש און דין צווייגעל, וואָס גלעט דאָס אויג מיט זיין רייץ. דער שייך און דאָס יונגעל זענען אַראָב אין דער אונטערערדישער וואוינונג און אַנטרונען געוואָרען פון מיינע אויגען.

דאָרטען, אין דער אונטערערדישער וואוינונג, האָבען זיי פערבראַכט אַ שעה צוויי און אפשר מעהר. דערנאָך איז אַרויס דער שייך מיט די שקלאַפען, אָבער דאָס יונגעל איז געבליבען דאָרט, און די שקלאפען האָבען פערשאָטען מיט ערד די טהיר און זענען צוריק אַוועק מיט׳ן שייך צו דער שיף, אויפהויבענדיג די זעגעל. איצט האָב איך מיך אַראָבגעלאָזט פון בוים און אַוועק צו דער אונטערערדישער וואוינונג. אַז איך האָב אַראָבגענומען די ערד און אויפגעהויבען די טהיר, האָב איך דערזעהן הילצערנע שטיגען. האָב איך מיך אַראָבגעלאָזט מיט די דאָזיגע שטיגען און דאָ האָב איך דערזעהן אַ שענע וואוינונג, צוגעפוצט מיט זיידענע טעפיכען און דערביי, אויף אַ הויכען געלעגער, איז געזעסען דאָס יונגעל מיט שמעקעדיגע בלומען און פירות אַרום זיך. אַז ער האָט מיך דערזעהן, איז ער בלאַס געוואָרען, אָבער איך האָב מיך פערנויגט פאַר איהם און געזאָגט: „זאָל רוהיג זיין דיין האַרץ, מיין האַר! דו שיין פון מיינע אויגען—האָסט זיך נישט

וואס צו שרעקען. ווארום איך בין א מענש און, אזוי ווי דו, א מלכ׳ס א זוהן. דאס מזל האט מיך געבראכט אהער און איך קאן דיך ווילען אין דיין איינזאמקייט״.

און אז דאס יונגעל האט דערהערט, וואס איך האב איהם געזאגט און אז ער האט געזעהן, אז איך בין א מענש, וואס וועט איהם גארנישט טהון, האט ער זיך זעהר דערפרעהט און בערוהיגט און צוגערופען מיך נעהנטער צו זיך און געזאגט: „א, מיין ברודער, מיין געשיכטע איז א וואונדערליכע! מיין פאטער איז א יובעליר און ער האט שקלאפען, וואס פאהרען ארום ווע-גען זיינע געשעפטען, און געשעפטען פיהרט ער מיט מלכים. אבער ער האט קיין זיהן נישט געהאט. איינמאל האט זיך איהם גע׳חלומ׳ט, אז ער וועט האבען א זוהן, אבער דער דאזיגער זוהן וועט לאנג נישט לעבען. איז ער אויפגעשטאנען פון שלאף זעהר א צוטראגענער און אנ׳אומעטיגער. מיין מוטער האט זיך ווירקליך באלד פערטראגען און צו דער בעשטימטער צייט בין איך גע-בוירען געווארען. מיין פאטער איז געווען זעהר צופרידען, אבער די אסטראלאגען האבען איהם געזאגט: „דיין זוהן וועט לעבען פופצעהן יאהר. זיין מזל איז פערבונדען מיט׳ן מאגנעטען-בארג, וואס ליעגט ביים ברעג פון ים. אויף דעם דאזיגען בארג שטעהט א פערד מיט א קופערנעם רייטער, וואס האט אויף דער ברוסט א בלייערן טאוועל. און אז דער דאזיגער רייטער וועט אריינגע-ווארפען ווערען אין ים, וועט דיין זוהן שטארבען: דער מאן, וואס וועט אראבשליידערן דעם רייטער, וועט דער׳הרג׳ענען דיין זוהן. דאס איז דער מלך אדזשיב, דער זוהן פונ׳ם מלך קאסיב.״ איז זיך מיין פאטער זעהר מצער-געווען דורך דער דאזיגער נבואה. און אז איך בין אלט געווארען פופצעהן יאהר, זענען צו מיין פאטער ווידער געקומען די אסטראלאגען און געמאלדען איהם, אז דער רייטער איז אריינגעווארפען געווארען אין ים דורכ׳ן מלך אדזשיב, דעם זוהן פון מלך קאסיב. דעמאלט האט מיין פאטער צוגעגרייט די דאזיגע וואוינונג און מיר געהייסען דא זיין ביז׳ן טערמין—אינגאנצען נייען טעג. מיין פאטער האט עס אלץ גע-טהון צוליעב דעם, אז דער מלך אדזשיב זאל מיך נישט טויטען.״

אַז איך האָב עס דערהערט, האָב איך נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגען און אויערן, און איך האָב אַ טראַכט געטהון: איך בין דאָך דער מלך אַדזשיב, דער זוהן פונ'ם מלך קאַסיב און איך האָב אַראָבגעוואָרפען דעם רייטער, אָבער איך שווער ביי גאָט, אַז איך וועל איהם קיינמאָל נישט טויטען און וועל איהם אפילו קיינמאָל קיין שום שלעכטס נישט טהון. און איך האָב נאָך טיעפער אָנגעקוקט דאָס שענע יונגעל און געזאָגט: „ווייט זאָלסטו זיין פון שלעכטס און טויט, כאָטש דאָס זאָל זיין דער רצון פון אַלאַה, געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין. האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקען, קינד. איך וועל פערבלייבען מיט דיר און וועל דיר בעדיענען און צוזאַמען מיט דיר וועל איך אַוועק צו דיין פאָטער און וועל איהם בעטען, ער זאָל מיך אָבשיקען אַהיים און דערפאַר וועט ער שטאַרק בעלוינט ווערען.”

און מיין וואָרט האָט זעהר דערפרעהט דאָס יונגעל און איך האָב גערעדט מיט איהם ביז'ן אָווענד, און דערנאָך האָב איך איהם געמאַכט דאָס געלעגער, אַוועקגעלעגט איהם און צוגעדעקט און אַליין זיך אויך געלעגט נעבען איהם. און אינדערפריה, צומאָרגענס, האָב איך איהם געבראַכט וואַסער און ער האָט זיך געוואַשען און געזאָגט: „אַלאַה וועט דיך בענשען. אויב איך וועל מיך ראַטעווען פונ'ם מלך אַדזשיב, וועל איך בעטען מיין פאָטער, ער זאָל דיך גוט בעלוינען.” אָבער איך האָב איהם דערויף געזאָגט: „דאָס וועט קיינמאָל נישט געשעהן, קיינמאָל וועט פאַר דיר נישט קומען אַזאַ שלעכטער טאָג.”

איך האָב איהם געשטעלט עסען און טרינקען, און אַז מיר האָבען ביידע געשטילט דעם הונגער און דעם דורשט, האָבען מיר פרעהליך פערבראַכט דעם טאָג.

נייען טעג האָבען מיר אַזוי פרעהליך פערבראַכט און אים'ן צעהנטען טאָג האָט זיך דאָס יונגעל זעהר געפרעהט און געזאָגט: „אָ, מיין ברודער! איך וואָלט אַזוי געוואָלט, דו זאָלסט מיר צוגרייטען וואַרים וואַסער, איך זאָל מיך קאָנען איינוואַשען און איבערטוישען די קליידער, ווייל איך הויב-אָן צו האָפען, אַז מיט דיין הילף וועל איך אויסמיידען דעם טויט.” און איך האָב איהם

געזאָגט דערויף: „מיט פערגעניגען. איך וועל עס דיר טהון.” האָב איך איהם אָנגעוואַרימט וואַסער און ער איז אַוועק הינטער אַ שירם, וואו ער האָט זיך אויסגעוואַשען, איבערגעטוישט די קליידער און נאָך דער וואַנע זיך אַוועקגעלעגט אָברוהען. און נאָכדעם האָט ער געזאָגט: „אָ, מיין ברודער, שנייד מיר אָב אַ שטיקעל קאַוואָן און בעשיט עס מיט צוקער.” האָב איך מיך אויפגעהויבען און דערלאַנגט איהם דעם קאַוואָן אויף אַ טעצעל. האָט ער אַ קוק געטהון דערויף און געפרעגט: „צי ווייסטו נישט, וואו עס ליעגט דאָס מעסער?” איך בין אַוועק און גענומען דאָס מעסער, אָבער אַז איך האָב מיך אומגעדרעהט, האָט זיך מיר אויסגעגליטשט דער פוס, און איך בין געפאַלען אויפ'ן יונגעל מיט'ן מעסער אין האַנד און דאָס מעסער איז איהם אַריין אין לייב און ער איז אויגענבליקליך געשטאָרבען. דערזעהן, אַז ער איז טויט און אַז איך האָב איהם דער'הרג'עט, האָב איך גענומען וויינען און שלאָגען זיך איבער'ן פנים. איך האָב צוריסען אויף זיך די קליידער און גערעדט דורך געוויין: „אָט איז אַנ'-אומגליק געשעהן! אַ גרויס אומגליק! אָ, אַלאַה! איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר פערגעבען און איך זאָג דיר, אַז איך בין נישט שולדיג אין זיין טויט. בעסער וואָלט איך געשטאָרבען, איי-דער ער!”

און מיט די דאָזיגע מחשבות האָב איך מיך אויפגעהויבען אויף די שטיגען און אַרויס פון דער אונטערערדישער וואוינונג. איך האָב צוריק אַראָבגעלאָזט די טהיר און זיך אומגעקעהרט צום ברעג און געווענדט מיינע אויגען צום ים, וואו איך האָב דער-זעהן אַ שיף, וואָס האָט שנעל געשניטען די אינדען און געאיילט צום ברעג. און דעמאָלט איז מיר געקומען אויפ'ן זכרון: „אַז די לייט וועלען אַראָב אויפ'ן ברעג און וועלען דערזעהן, אַז דאָס יונגעל איז טויט, וועלען זיי מיך דער'הרג'ענען.” איך בין אַרויפ-געקראָכען אויף אַ בוים און זיך פערבאָרגען צווישען די געדיכטע צווייגען און געזעסען דאָרט אַזוי לאַנג ביז די שיף האָט נישט בעראַנקערט ביים ברעג. ווידעראַמאָל האָבען זיך בעוויזען די שקלאַפען מיט'ן אַלטען שייך, דער פאָטער פונ'ם יונגעל, און זיי

וענען אַוועק צו דער אַראָבגעלאָזטער טהיר פון דער אונטערערדישער וואוינונג. זיי האָבען זיך זעהר געוואונדערט, וואָס אויף דער טהיר ליעגט פרישע ערד, און אַז זיי האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אין דער וואוינונג, האָבען זיי געפונען דאָס יונגעל מיט אַ מעסער אין האַרצען. ער איז געלעגען אויפ'ן רוקען מיט זעהר אַ שען, אָבער טויט געזיכט און אָנגעטהון אין ווייסע ריינע קליידער. האָבען זיי זיך זעהר צעוויינט און דער פאָטער איז געפאַלען אין חלשות, וואָס האָט זיך געצויגען אַזוי לאַנג, אַז די שקלאַפען האָבען געמיינט, ער איז טויט. צולעצט, איז ער געקומען צו זיך, פערוויקעלט דעם יונגעלס קערפער אין זיינע קליידער און אַרויס מיט זיינע שקלאַפען פון דער אונטערערדישער וואוינונג. זיי האָבען צוגענומען אַלץ פון דער וואוינונג און איבערגעטראָגען עס אויף דער שיף און דערנאָך אויפגעהויבען דעם געגאַנגען און פלוצלונג דערזעהן אַ רויט פייער, און אַז איך בין אַנקער און אַוועקגעשוואומען.

אָ, מיין גנעדיגע האַרין, איך בין פערבליבען אויף דער אינזעל און ביי טאָג פלעג איך מיך אויסבעהאַלטען און ביינאַכט פלעג איך אַרומבלאָנקען איבער'ן ברעג. צוויי מאָנאַטען האָב איך אַזוי געלעבט אויף דער אינזעל ביז וואַנען איך האָב בעמערקט, אַז אויף דער מערב-זייט פון אינזעל ווערט דאָס וואַסער אַלץ קלענער און קלענער און אין דריי מאָנאַטען אַרום איז שוין די ערד פון דער זייט אינגאַנצען טרוקען געווען. דעמאָלט האָב איך מיך זעהר דערפרעהט און איך האָב מיר געגעבען אַ וואָרט אַוועקצוגעהן פון דאַנען. מיין וואָרט האָב איך באַלד מקיים-געווען און איך האָב מיך געלאָזט אין וועג אַריין. איך בין געגאַנגען און געגאַנגען און פלוצלונג דערזעהן אַ רויט פייער, און אַז איך בין צוגעגאַנגען נעהנטער, האָב איך געזעהן, אַז דאָס איז אַ פּאַלאַץ, אַרומגעשלאָגען מיט קופער, און ווייל די זון האָט דערויף געשיינט, האָט עס אויסגעזעהן פון ווייטען, ווי אַ רויט פייער. אַז איך בין נאָך נעהנטער צוגעגאַנגען, האָב איך בעגעגענט אַן אַלטען שייך מיט צעהן יונגעלייט און אַלע זענען געווען בלינד אויף איין אויג, וואָס האָט מיך זעהר געוואונדערט. דערזעהן מיך, האָבען זיי זיך פערנויגט און געבעטען, איך זאָל זיי דערצעהלען

מיין לעבענסגעשיכטע און איך האָב זיי אַלץ אויספיהרליך דערצעהלט און זיי האָבען זיך זעהר גע'חדוש'ט. דערנאָך האָבען זיי מיך אַריינגעפיהרט אין פּאַלאַץ אַריין, וואו עס זענען געשטאַנען צעהן געלעגערס, בעדעקט מיט בלויען שטאָף און יעדער פון די יונגעלייט האָט זיך געזעצט אויף זיין געלעגער און דעך שייך אינמיטען אויף אַ קליינטשיק בענקעלע. און דער שייך האָט געזאָגט: „אָ, יונגערמאַן, זעץ דיך, זאָלסט אונז אָבער גאָרנישט פרעגען און זאָלסט אויך שווייגען וועגען דעם, וואָס מיר זענען בלינד אויף איין אויג.“

דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען דער שייך און געבראַכט אַלעמען עסען און מיר אויך. דערנאָך האָט ער יעדען פון אונז געגעבען וויין. איינגעשטילט דעם הונגער, האָבען מיר זיך גענומען פאַר'ן וויין און געטרונקען ביז נאַכט, און דעמאָלט האָבען די יונגעלייט געזאָגט צום שייך: „ברענג אונז אַלץ, וואָס מען בעדאַרף.“ איז דער שייך באַלד אויפגעשטאַנען און געבראַכט פון אַ צימערל צעהן פערדעקטע טעצלעך. אַוועקגעשטעלט עס אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ער אָנגעצונדען צעהן וועקסענע ליכט און צו יעדען טעצעלע צוגעקלעפּט אַ ליכט און דערנאָך אַראָבגענומען די צודעקלעך און אונטער יעדען צודעק איז געלעגען אַש און צומאַהלענע קויהלען. די יונגעלייט האָבען פערקאַטשעט די אַרבעל ביז די עלענבויגען און זיך אויסגעשמירט דערמיט די פנים'ער און געמורמעלט: „רוהיג האָבען מיר געלעבט, אָבער אַ שלעכטע נייגיריגקייט האָט אונז געשטערט די רוה.“

אַזוי האָבען זיי זיך געשמירט די פנים'ער און געשעפּטשעט ביז אינדערפריה, און דעמאָלט האָט זיי דער שייך געבראַכט הייס וואַסער און זיי האָבען זיך איינגעוואַשען און אָנגעטהון ריינע בגדים.

איך האָב געקוקט דערויף און נישט געציאוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס, און איך האָב מיך אַזוי אויסגערעגט, אַז איך האָב פערגעסען אין מיינע אייגענע צרות און זיי גענומען אויספרעגען, למאי טהוען זיי אַזוי. האָבען זיי מיך אָנגעקוקט און געזאָגט: „אָ, יונגערמאַן, פרעג נישט וועגען דעם, וואָס בעלאַנגט

נישט צו דיר. שווייג בעסער, ווייל שווייגען וועט דיך שטענדיג מציל-זיין פון אַ נויט.״ אַ גאַנצען מאָנאַט האָב איך געלעבט מיט זיי אינאיינעם און אַלע נאַכט האָב איך געזעהן זיי טהון דאָס אייגענע. און, צולעצט, האָב איך מיך אָנגערופען צו זיי: „איך בעט אייך אין נאָמען פון גאָט, בערוהיגט מיך און זאָגט מיר, צוליעב וואָס טהוט איהר עס און פאַרוואָס שעפּטשעט איהר דערביי: „רוהיג האָבען מיר געלעבט, אָבער אַ שלעכטע נייגיריגקייט האָט אונז געשטערט די רוה!..״ אויב איהר וועט מיר נישט זאָגען, וועל איך אייך אַוועקלאָזען און וועל אַוועקגעהן, וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען, און מעהר וועט איהר מיך קיינמאָל נישט זעהן.״

האָבען זיי מיך אויסגעהערט און געענטפערט: „אויב מיר האָבען פון דיר פערבאָרגען די דאָזיגע זאַך, איז עס געווען צוליעב דיין אייגענער טובה: מיר האָבען נישט געוואָלט, דו זאָלסט ווערען אַזאַ, ווי מיר, און אַז דאָס אומגליק, וואָס איז געפאַלען אויף אונזער קאָפּ, זאָל דיך אויסמיידען.״ אָבער איך האָב מיך איינגעשפּאַרט און גע׳טענה׳ט דאָס אייגענע: „איהר מוזט מיר זאָגען.״ האָבען זיי אַ ווײַלע געטראַכט און זיך אָנגערופען: „מיר גיבען דיר אַ גוטע עצה: פרעג אונז נישט וועגען דעם. ווערסטו אָבער פרעגען, ווערסטו בלינד ווערען אויף איין אויג, ווי מיר.״ נאָר איך האָב מיך אַלץ גע׳עקשנ׳ט און זיי האָבען מיר ווידעראַמאָל געזאָגט: „אויב דאָס וועט מיט דיר געשעהן, זאָלסטו וויסען, אַז דו ווערסט אַרויסגעיאָגט ווערען פון אונזער געזעלשאַפט.״ זיי האָבען זיך אויפגעהויבען, גענומען אַ ווידער, געקוילעט איהם, אַראָבגעשונדען פון איהם דאָס פעל און געזאָגט: „נעהם אַ מעסער און קריך-אַריין אינ׳ם פעל און מיר וועלען עס צונויפנייהען אויף דיר. דערנאָך זאָלסטו אַוועקגעהן. דעמאָלט וועט קומען צו דיר דער פויגעל רוקך*), וואָס וועט דיך אַ חאַפּ טהון פאַר די

*) רוקך—אַ לעגענדאַרער פויגעל, וואָס איז בעשריבען געוואָרען פון אַ סך אַ‏לטע אַראַבישע מחברים. אין זייערע ספרים ווערט געזאָגט,

פּיאַטעס און וועט דיך אַוועקטראָגען אויף אַ הויכען באַרג. זאָלסטו דאָרט, אויפ׳ן באַרג, פונאַנדערשניידען דאָס פעל מיט דעם דאָזיגען מעסער און אַרויסקריכען, וועט דער פויגעל באַלד אַוועקפליהען. און ווי דער פויגעל וועט אַוועקפליהען, זאָלסטו דיך אויפהויבען און געהן אַ האַלבען טאָג און דעמאָלט וועסטו דערזעהן אַ הויכען פּאַלאַץ, וואָס איז אויסגעפלאַסטערט מיט רויטען גאָלד און מיט טייערע איידעלשטיינער. אַז דו וועסט אַריין אין דעם דאָזיגען פּאַלאַץ, וועט מיט דיר געשעהן דאָס אייגענע, וואָס מיט אונז: דו וועסט אויך אַזוי ווי מיר פערלירען אַנ׳אויג. ווען עמיץ פון אונז וואָלט דיר געוואָלט דערצעהלען דאָס אַלץ, וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט, וואָלט זיין געשיכטע אַזוי לאַנג געדויערט, אַז דו וואָלסט זי אפילו נישט געוואָלט אויסהערען ביז׳ן סוף״.

און אַזוי איז געשעהן: זיי האָבען מיך פערנייהט אינ׳ם ווידערפעל און זענען אַוועקגעגאַנגען. און באַלד איז געקומען צופליהען אַ גרויסער ווייסער פויגעל, וואָס האָט מיך אויפגעהויבען און אַוועקגעטראָגען אויף אַ הויכען באַרג. און דאָרט, אויפ׳ן באַרג, האָב איך פונאַנדערגעשניטען דאָס פעל און אַרויסגעקראָכען פון איהם, און אַז דער פויגעל האָט מיך דערזעהן, איז ער אַוועקגעפלויגען. איך בין תיכף אויפגעשטאַנען און אַוועק צום פּאַלאַץ, וואָס האָט אויסגעזעהן אַזוי, ווי זיי האָבען מיר איהם פאָרגעשטעלט. און אַז איך בין אַריין אין פּאַלאַץ, האָב איך דערזעהן אין אַ ווינקעל זאָל פערציג יונגע מיידלעך, שען, ווי די לבנה, און אַלע פּרעכטיג געקליידט. ווי זיי האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיי אָנגעהויבען שרייען: „אָ, מיר בעטען דיך, קום אַריין, קום ווייטער! אָ, האַר און מלך אונזערער! מיר וואַרטען שוין אויף דיר אַ גאַנצען מאָנאַט. און געלויבט זאָל זיין אַלאַה, וואָס האָט אונז געשיקט אַ מענשען, וועלכער קאָן זיין גלייך צו אונז און מיר זענען גלייך צו איהם.״

אַז דער פויגעל הויקד בעזיצט אַ געוואַלטיגע קראַפט און קאָן אויפהויבען אין לופטען די גרעסטע חיה.

נאָך דער דאָזיגער בעגריסונג האָבען זיי מיך אַוועקגעלעגט אויף אַ מאַטראַץ און געזאָגט: „פון היינט-אָן ביזטו אונזער הער-שער און מלך און מיר זענען דיינע דיענערינס און געהערן דיר איינגאַנצען.“ און זיי זענען אַוועק און געבראַכט זעהר בע׳טעמ׳טע מאכלים און איך האָב געגעסען און געטרונקען און זיי, פרעהלי-כע און גליקליכע, זענען געזעסען אַרום מיר און שטיל געפלי-סטערט. אָבער די דאָזיגע מיידלעך זענען געוועזן אַזוי שען, אַז אפילו דער סאַמע גאָטספאָרכטיגסטער מאַן וואָלט זיי גערן בע-דיענט און נאָכגעגעבען זיי אַלע זייערע קאַפּריזען און פערלאַנ-גען. און אַז עס איז געוואָרען נאַכט, האָבען זיי מיך אַלע אַרום-גערינגעלט און אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אַ טיש מיט פרישע און טרוקענע פרוכטען און מיט וואונדערליכע ווײַנען און נאַשערייען, וואָס מען קאָן זיי גאָרנישט בעשרייבען. און איינע פון זיי האָט גענומען זינגען און אַ צווייטע שפּיעלען אויף אַ קליין האַרפּעלע. און פון האַנד צו האַנד זענען געגאַנגען בעכער מיט שפּיעלענ-דיגען ווײַן און מיר איז געוועזן אַזוי פרעהליך, אַז איך האָב פערגעסען אָן אַלע מיינע צרות און אַנגסטען, און איך האָב אויסגעשריען: „אָט דאָס איז אַ גוט און פרעהליך לעבען!“

און די נאַכט האָב איך פערבראַכט אַזוי, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל נישט פערבראַכט אין מיין לעבען: פערציג יונגע מיי-דלעך, שען, ווי די לבנה, און איך איינער. אינדערפריה האָב איך גענומען אַ וואַנע און נאָכדעם אָנגעטהון די שענסטע קליידער און פון דאָסניי געגעסען און געטרונקען מיט די מיידלעך פון אַלעם בעסטען און טייערסטען.

אַזוי האָב איך געלעבט מיט זיי אַ קיילעכיג יאָהר. אָבער שוין אין ערשטען טאָג פון ניי-יאָהר האָבען זיך די מיידלעך אויסגעזעצט אַרום מיר אין אַ קרייז און גענומען וויינען און זע-געגען זיך מיט מיר. האָט מיר אָנגעהויבען ציטערן דאָס האַרץ און איך האָב געפרעגט: „וואָס פאַר אַנ׳אומגליק האָט פּאַסירט מיט אייך? איך קאָן נישט הערען אייער געוויין.“ האָבען זיי מיך זעהר טרויעריג אָנגעקוקט און געזאָגט: „בעסער וואָלט גע-וועזן, ווען מיר וואָלטען דיך קיינמאָל נישט געקאָנט. מיט אַ סך

מאַנסליוט האָבען מיר געלעבט, אָבער אַזאַ, ווי דו, זעהען מיר דאָס ערשטע מאָל. זאָל גאָט געבען, מיר זאָלען דיך נישט פער-לירען." און זיי האָבען זיך פון דאָסניי צעוויינט. אָבער איך האָב זיי געבעטען, זיי זאָלען מיר זאָגען די סבה פון זייערע טרעהרען. און דערויף האָבען זיי געזאָגט: „דו ביזט די סבה. אויב דו ווילסט, קאָנען מיר ווייטער לעבען און זיך נישט שיי-דען. עס ווענדט זיך אָן דיר. אויב דו ווערסט אונז געהאָרכען און טהון אונזער רצון, ווערסטו אויף אייביג פערבלייבען מיט אונז. אָבער דאָס הארץ זאָגט אונז, אַז דו ווערסט אונז נישט פאָלגען און נישט הערען אונזער עצה." האָב איך מיך גע-ווענדט צו זיי און געזאָגט: „איך וועל אייך פאָלגען. זאָגט מיר נאָר, וואָס ווילט איהר?" האָבען זיי זיך עטוואָס בערוהיגט און אָנגעהויבען דערצעהלען: „הער נאָר אויס אונזער געשיכטע. מיר זענען אַלע טעכטער פון מלכים און פיעל יאָהרען האָבען מיר געהאַט די געוועהנהייט זיך צונויפזאַמלען אַהער אַלע יאָהר און פון דאַנען פלעגען מיר אַוועק בלויז אויף פיערציג טעג. דערנאָך פלעגען מיר זיך אומקעהרען צוריק אַהער און פערברענגען דאָס גאַנצע יאָהר אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר קייזערליכע טעכטער: מיר האָבען געהוליעט און געלאַכט און גענאָסען פון אַלע פערגעני-גענס. אַזוי פלעגען מיר זיך שטענדיג בעגעהן, אָבער איצט האָ-בען מיר מורא, אַז ווען מיר וועלען זיך דערווייטערן, ווערסטו נישט אָבהיטען אונזערע פעראָרדנונגען. מיר לאָזען דיר דאָ אי-בער אַלע שליסלען פון פּאַלאַץ. הונדערט שליסלען האָבען מיר און מיט זיי קאָן מען עפענען הונדערט צימערן. דו קאָנסט אַריינגעהן אין די דאָזיגע צימערן, דו קאָנסט זיך אין זיי ווײלען, עסען און טרינקען, אָבער איין זאַך בעדאַרפסטו געדענקען: דו טאָרסט נישט עפענען די טהיר פון רויטען גאָלד. ווערסטו זי עפענען, זענען מיר אויף אייביג צושיידט. און דעריבער בעטען מיר דיך אַלע, דו זאָלסט גוט געדענקען אונזערע ווערטער און זיך איינהאַלטען אויף אַ קורצער צייט."

דערהערט די דאָזיגע רייד, האָב איך זיי צוגעשוואָרען, אַז איך וועל קיינמאָל נישט עפענען די טהיר פון דעם דאָזיג-

פערבאָטענעם צימער, און זיי האָבען מיך נאָכאַמאָל געבעטען, איך זאָל היטען מיין שבועה און זיך צוזעגענט מיט מיר און אַוועק.

און אַזוי בין איך געבליבען אַליין אין פּאַלאַץ. אַז עס איז געקומען די ערשטע נאַכט, האָב איך געעפענט דאָס ערשטע צימער און אַריין אין איהם, און דאָ האָב איך דערזעהן, אַז דאָס איז אַן'אמת'ער גן-עדן: דאָ האָבען געוואַקסען גרינע בוימער מיט צייטיגע גאָלדענע פּירות, עס האָבען געזונגען גאָלדענע פויגעל און פאָנטאַנען האָבען אַרויסגעשפּריצט פריש קלאָר וואַסער. און זיס איז מיר געוואָרען אויף דער נשמה און איך האָב אַרומגעבלאָנקעט צווישען די בוימער און געטרונקען די הימלישע אַראָמאַטען און געלויבט און געבענשט דעם אַלמעכטיגען אַלאַה. איך האָב געקוקט מיט ליכטיגע אויגען אויף די פערשיעדענע עפּעל, וואָס זענען געווען עהנליך צו די בעקלעך פון אַ געליעבט מיידעל, אויף די פיינשמעקענדיגע בוימער, וואָס האָבען מיר געגאָסען האָניג אין האַרצען, אויף די בלומען, וואָס האָבען געגלאַנצט ווי איידעלשטיינער צווישען גרין-סאַמעטענע צווייגען, און איך בין אַרויס אַנ'ענטציקטער פון דעם דאָזיגען צימער. איך האָב פערשלאָסען די טהיר און אַריין אין צווייטען צימער, וואו עס איז געלאָפען אַ טייכעל און דערביי האָט זיך געצויגען אַ דועג, בעזעצט מיט פּאַלמענבוימער, און ווייטער אַ ביסעל האָבען אַרויסגעשמייכעלט נאַרציס-בוימער, מאַיאָראַן-בוימער, זשאַסמין-בוימער און נאָך אַ סך אַנדערע, און זייער ריח, צוטראָגען פון אַ לייכט ווינדטעל, האָט מיך פער'שכור'ט, ווי וויין. דערנאָך האָב איך געעפענט דאָס דריטע צימער און פערשלאָסען דאָס צווייטע. דאָ האָב איך געפונען אַ גרויס, אונענדליך גרויס גאַסטצימער מיט אַ פּאָדלאָגע פון פערשיעדענפאַרביגען מאַרמאָר. אין דעם דאָזיגען צימער זענען געשטאַנען שטייגלעך פון סאַנדאַלען-האָלץ און פון צלאָע און אין די שטייגלעך זענען געזעסען זינגענדיגע פויגעל. מיין האַרץ איז פול געוואָרען מיט תענוג, ווי מיט ליכט, און איך האָב פערגעסען, ווער און וואו איך בין און איך האָב מיך אַוועקגעלעגט און געשלאָפען אין דעם דאָזיגען צימער ביז אינדערפריה. אויף מאָרגען האָב איך געעפענט דאָס פיערטע צימער.

דאָס איז געווען אַ גרויסע געביידע מיט פיערציג צימערלעך און אַלע טהירען זענען געשטאַנען אָפען. און דאָ האָב איך געפונען פעריל און רובינען און חריזאָליטען און אַגאַטען און טויזענדער אַנדערע איידעלשטיינער, וואָס זיי אויסצוצעהלען וועלען נישט קלעקען קיין מענשליכע כחות. און דאָ בין איך פון דאַסניי גע־ווען פול ענטציקונג און איך האָב זיך געזאָגט: „אַזוינע איידעל־שטיינער קאָן מען אפילו נישט געפינען צווישען די אוצרות פון אַ מלך. איצט בין איך דער גרעסטער מלך פון אונזער צייט, און אַ דאַנק דעם חסד פון אַלאַה, געהערען מיר איצט די דאָזי־גע טייערע איידעלשטיינער, ווי עס געהערען מיר אויך די פיער־ציג פרויען. בלויז מיר אַליין געהערען זיי און מעהר קיינעם נישט!"

און אַזוי בין איך אַלץ געגאַנגען פון אָרט צו אָרט, פון צימער צו צימער ביז עס זענען אַריבער גאַנצע ניינאונדרייסיג טעג. אין אַלע צימערן בין איך געווען, בלויז אין דעם פערבאָ־טענעם נישט. מיין האַרץ האָט געליטען פון נייגיער, און דער יצר־הרע, וואָס האָט מיך געוואָלט אַריינברענגען אין אַן׳אומגליק, האָט מיך צוגערעדט, איך זאָל עפענען די טהיר פון דעם הונ־דערסטען צימער. געבליבען אינגאַנצען איין טאָג צייט און דאָך האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטען. און אָט האָב איך גע־עפענט די טהיר און אַריין אין צימער. איך האָב באַלד דער־שפירט אַזאַ שווערען ריח, אַז איך האָב נישט געקאָנט אויסהאַל־טען און אַנידערגעפאַלען אין חלשות. אָבער איך בין דאָך גע־קומען עטוואָס צו די כחות, זיך אויפגעהויבען און אַוועק טיפער אין צימער. די פאָדלאָגע איז געווען בעשאָטען מיט שאַפראַן און עס האָבען געברענט גאָלדענע לאָמפען און ליכט, וואָס האָבען פער־שפרייט דעם ריח פון אַמברע און אַ ריח פון האָניג. און דאָ האָב איך אויך דערזעהן אַ שוואַרץ פערד, שוואַרץ ווי די נאַכט, און דערביי זענען געשטאַנען געפעסען פון ריינעם קריסטאַל, אָנגעפילט מיט גערייניגטען קונזשוט און רויזענוואַסער. דאָס פערד איז געווען געזאָטעלט און געצוימט און דער זאָטעל איז געווען פון רויטען גאָלד. איך האָב נישט געקאָנט אָבוואונדערן

פונ׳ם פערד און איך האָב געטראַכט, אַז נאָך אַזאַ פערד איז פאַרשיינליך נישטאָ אויף דער וועלט. און ווידער האָט מיך אָנגערעדט דער יצר-הרע און ווידער האָב איך איהם געהערט און האָב זיך אַרויפגעזעצט אויפ׳ן זאָטעל. איך האָב געפרובט אַ ציה טהון מיט די לייצען, אָבער דאָס פערד האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט. האָב איך עס געדריקט מיט די פּיאַטעס, איז עס אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט. דעמאָלט האָב איך גענומען אַ פּאַלמענצווייג און אַ שמיץ געטהון דאָס פערד. און באַלד, ווי עס האָט נאָר דערשפירט דעם שמיץ, האָט עס אַרויסגעלאָזט אַ ברום עהנליך צו אַ דונער, אין איין אויגענבליק אויפגעהויבען זיך מיט מיר אין דער לופטען און אַרויפגעוואָרפען מיך ערגעץ אויף אַ דאַך און דערביי אַזאַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון מיר מיט׳ן עק איבער׳ן פּנים, אַז עס האָט מיר אויסגעשלאָגען אַנ׳אויג. און נאָכדעם איז עס אַוועקגעפלויגען, ווי אַ פויגעל.

מיט אַנ׳אויסגעשלאָגען אויג בין איך אַראָבגעקראָכען פון דאַך, און אונטען, אין גאַס, האָב איך געפונען די דאָזיגע איינאויגיגע יונגעלייט, וואָס אַז זיי האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיי אויסגעשריען: „ניין! דיך וועלען מיר נישט בעגריסען!" אָבער איך האָב מיך געבעטען ביי זיי: „נעהמט מיך אַריין אין אייער געזעלשאַפט." און זיי האָבען געזאָגט: „ביי גאָט, דו וועסט נישט געהן מיט אונז." בין איך אַוועק אַליין מיט אַ שווערען האַרץ און מיט ביטערע טרעהרען אויף די אויגען, אָבער אַלאַה האָט שוין פאָראויסבעשטימט, איך זאָל בשלום קומען אַהער. האָב איך מיר אָבגעראַזירט די באָרד, זיך פערקליידט פאַר אַ בעטלער און בשלום געקומען קיין באַגדאַד.

דרייצעהנטע נאַכט.

נאָכדעם האָט די ווירטין אַ קוק געטהון אויפ׳ן קאַליף, אויף דזשאַפאַר׳ן און זיי געזאָגט: „איצט דערצעהלט איהר אייער לעבענסגעשיכטע."

האָט זיך דזשאַפאַר אויפגעהויבען און דערצעהלט דאָס איי-

גענע, וואָס ער האָט שוין געזאָגט דעם מיידעל ביים טהיר, בשעת ער איז אַריינגעקומען אין הויז, און דעמאָלט האָט זיי די ווירטין בעפרייט. אַרויס אויף דער גאַס, האָט דער קאַליף געפרעגט די בעטלער, וואוהין זיי געהען, און יענע האָבען געענטפערט, אַז זיי ווייסען נישט, וואוהין צו געהן. האָט זיי דער קאַליף פאָרגעלעגט, זיי זאָלען געהן מיט איהם און דערנאָך האָט ער געזאָגט דזשאַפאַר׳ן: „פיהר זיי צו זיך אַהיים און מאָרגען ברענג זיי צו מיר, וועלען מיר זעהן, וואָס מיר האָבען צו טהון מיט זיי.“

דזשאַפאַר האָט אַזוי געטהון, ווי איהם איז בעפוילען געוואָרען און דער קאַליף איז אַוועק אין זיין פאַלאַץ, אָבער די נאַכט האָט ער שלעכט געשלאָפען. אויף מאָרגען, בשעת ער איז געזעסען אויף זיין טראָן, האָט ער אויפגענומען די הויפלייט און זיי באַלד פרייגעלאָזט, אויסער דזשאַפאַר׳ן, צו וועלכען ער האָט געזאָגט: „ברענג מיר די דריי פרויען, די צוויי הינד און די דריי בעטלער.“

דזשאַפאַר איז אַוועק און זיי אַלע געבראַכט. די פרויען האָט ער אַוועקגעשטעלט הינטער אַ שירם און זיי געזאָגט: „מיר האָבען אייך פערגעבען אייער פריהערדיגע בענעהמונג, ווייל איהר האָט נישט געוואוסט, ווער מיר זענען אַזוינס. איצט קאָן איך אייך מיטטיילען, אַז איהר געפינט זיך אין דער געגענוואַרט פון האַרון ער ראַשיד, דער פינפטער זוהן פון על-אַבאַס און דעריבער קאָנט איהר איהם זאָגען בלויז דעם אמת.“

אַז די פרויען האָבען דאָס דערהערט, איז די עלטסטע פון זיי אַרויסגעטראָטען פאָראויס און אַזוי דערצעהלט איהר געשיכטע:

די ערשטע פון די דריי באַגדאַדער פרויען.

אָ, מיין קייזער! מיין געשיכטע איז אַזאַ וואונדערליכע, וואָרום די צוויי הינד—דאָס זענען מיינע צוויי שוועסטער פון איין פאָטער און פון פערשיעדענע מוטערס. איך בין די סאַמע יונגסטע פון זיי. אַז מיין פאָטער איז געשטאָרבען, האָט ער אונז איבערגעלאָזט פינף טויזענד דוקאַטען און מיינעביידע שוועסטער

האָבען חתונה-געהאַט. אַ געוויסע צייט האָבען זיי רוהיג גע-לעבט מיט די מאַנען, וואָס פלעגען אויפקויפען סחורות. יעדער מאַן האָט דערנאָך גענומען טויזענד דוקאַטען און זיך אַוועקגע-לאָזט מיט דעם ווייב אין וועג אַריין, איבערלאָזענדיג מיך אַליין. פיער יאָהר צייט האָבען זיי פערבראַכט אין וועג און פאַר דער דאָזיגער צייט האָבען זיי פערלאָרען זייער גאַנץ פערמעגען. דע-מאָלט האָבען מיינע שוועסטער אַוועקגעוואָרפען זייערע מאַנען און זיך אומגעקעהרט צוריק אין צוריסענע קליידער, ווי בעטלער. איך האָב זיי דעמאָלט נישט דערקענט, און דערנאָך, אַז איך האָב דערזעהן, אַז דאָס זענען מיינע שוועסטער, האָב איך אויס-געשריען: „ביי גאָט, וואָס האָט פאַסירט מיט אייך?״ האָבען זיי געענטפערט: „אָ, שוועסטער, דיין פראַגע איז איבעריג, ווייל אַזוי האָט געוואָלט דאָס מזל.״

האָב איך זיי באַלד אַוועקגעשיקט אין באָד, אָנגעטהון זיי אין נייע קליידער און געזאָגט: „אָ, מיינע שוועסטער! איהר זענט עלטער פון מיר, און איך בין די סאַמע יונגסטע. איך וואָלט אייך דעריבער געבעטען, איהר זאָלט מיר זיין אַ פאָטער און אַ מוטער. דער טייל ירושה, וואָס איך האָב בעקומען, איז אַזוי אויסגעוואַקסען, אַז איך קאָן מיך האַלטען פאַר אַ רייכער פרוי און דעריבער וואָלט איך מיך געקאָנט טיילען מיט אייך.״

איך האָב מיך זעהר גוט בעצויגען צו מיינע שוועסטער און זיי האָבען געלעבט מיט מיר אַ יאָהר צייט און זיי זענען אויך רייך געוואָרען דורך דעם געלד, וואָס איך האָב זיי געגע-בען. אָבער דעמאָלט האָבען זיי זיך אָנגערופען צו מיר: „מיר וואָלטען וועלען נאָכאַמאָל חתונה-האָבען, ווייל מיר ווילען אַזוי נישט לעבען.״ האָב איך זיי אָנגעקוקט און געזאָגט: „אָ, מיינע שוועסטער! איין מאָל האָט איהר חתונה-געהאַט און זענט גליק-ליך נישט געוועזען. גוטע מאַנען זענען היינטיגע צייטען נישטאָ און איהר ווייסט שוין דעם טעם פון אַ ביטער לעבען מיט אַ שלעכטען מאַן.״

אָבער מיינע שוועסטער האָבען גאָר קיין אַכט נישט גע-לעגט אויף מיינע ווערטער און האָבען נאָכאַמאָל חתונה-געהאַט

געגען מיין רצון. פונדעסטוועגען האָב איך זיי געגעבען נדן און צוגעזאָגט זיי, אַז איך וועל זיי שטיצען. זיי האָבען געוואוינט מיט זייערע מאַנען, וואָס האָבען אין אַ קורצער צייט אַרום צו־גענומען ביי זיי דאָס לעצטע ביסעל מינץ, אַוועקגעוואָרפען זיי און אַוועקגעפאָהרען. און אַזוי זענען זיי נאָכאַמאָל געקומען צו מיר און ווידעראַמאָל האָבען זיי אויסגעזעהן, ווי בעטלערינס און זיי האָבען געבעטען, איך זאָל זיי פערגעבען. „זיי נישט בייז אויף אונז,—האָבען זיי געזאָגט.—דו ביזט אפילו די יונגסטע פון אונז, אָבער שכל האָט דיר אַלאָה געגעבען מעהר ווי אונז, און מ׳ר גיבען דיר אונזער וואָרט, אַז מעהר וועלען מיר קיינמאָל נישט רעדען פון חתונה־האָבען.”

נו, האָב איך צוריק אויפגענומען מיינע שוועסטער, ווייל אויסער זיי האָב איך מעהר קיינעם נישט געהאַט, און איך האָב מיך גוט בעגאַנגען מיט זיי און אַ גאַנץ יאָהר האָבען מיר ווי־דער גוט געלעבט. אַז עס איז אַוועק דאָס יאָהר, האָב איך אָנ־געלאָדען אַ שיף מיט סחורה און געפרעגט מיינע שוועסטער: „וועט איהר בלייבען אין דערהיים פאַר דער צייט פון מיין רייזע אָדער איהר וועט פאָהרען מיט מיר אינאיינעם?” און זיי האָבען געענטפערט: „מיר וועלען פאָהרען מיט דיר אינאיינעם, ווייל אָהן דיר וועט אונז זיין זעהר אומעטיג.”

האָב איך זיי גענומען מיט זיך און מיר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. אָבער פריהער, פאַר׳ן פאָהרען האָב איך צוטיילט מיין פערמעגען אויף צוויי גלייכע טיילען און איין טייל האָב איך געהאַלטען אויפ׳ן פאַל, טאָמער וועט אונטערגעהן די שיף און מיר וועלען זיך ראַטעווען, וועלען מיר כאָטש האָבען מיט וואָס ווייטער צו לעבען. מיר זענען געפאָה־רען טאָג און נאַכט אויפ׳ן וואַסער און, צולעצט, זיך אַראָבגע־שלאָגען פון וועג. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי ווייטער צו פאָהרען. די שיף איז געשוואומען אין אַן׳אונ־בעקאַנטען ים, אָבער מיר האָבען עס נישט בעמערקט און צעהן טעג זענען מיר געפאָהרען גאָר אָהן אַ ריכטונג ביז מיר האָבען דערזעהן אַ שטאָדט. און דער קאַפּיטאַן האָט אונז געזאָגט: „איך

זוייס נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ שטאָדט. איך זעה זי היינט צום ערשטען מאָל און צום ערשטען מאָל זעה איך אויך דעם דאָזיגען ים. אָבער קוים זענען מיר בשלום געקומען אַהער, בלייבט אונז קיין אַנדער זאַך נישט צו טהון, ווי צו געהן אין שטאָדט אַריין, אויסלאָדען אונזערע סחורות און פערקויפען זיי דאָ. מיר קאָנען אויך אָברוהען אַ צוויי טעג און זיך בעוואָרענען מיט פראָוויאַנט."

און אַזוי זענען מיר צוגעפאָהרען צו דער שטאָדט און דער קאַפּיטאַן איז אַראָב אויפ'ן ברעג, זיך אַרומגעקוקט און אַרויף צוריק אויף דער שיף. „קומט אין שטאָדט אַריין,—האָט ער גע-זאָגט,—און לאָמיר בעוואונדערן די מעשים פון אַלאָה. מיר וועלען זעהן, ווי אַזוי ער האָט איינגעאָרדענט די מענשען פון דער דאָ-זיגער אונבעקאַנטער שטאָדט און מיר וועלען תפילה טהון צו איהם, ער זאָל אָבציהען זיין כעס פון אונז."

זענען מיר אַראָב אין שטאָדט און דאָ האָבען מיר געזעהן, אַז די מענשען זענען פערוואַנדעלט אין שוואַרצען שטיין. דאָס דאָזיגע בילד האָט אונז זעהר איבערראַשט, און מיר זענען גע-גאַנגען איבער די גאַסען און געזעהן, אַז אַלע סחורות, דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער זענען אַזוי ווי פערגליווערט געוואָרען און מיר האָבען זיך אָהן אויפהער געוואונדערט און גערעדט צווי-שען איינאַנדער: „נישט אומזיסט, וואַהרשיינליך, האָט עס אַזוי פּאַסירט מיט דער שטאָדט."

אָבער גלייכצייטיג האָבען מיר זיך אויך ענטציקט מיט די שענע רייכע קראָמען און געשעפטען. איך בין אַריין אין אַ פּאַ-לאַץ, וואָס איז געווען וואונדערליך שען געבויט. אינווענינ האָב איך געפונען געפעסען פון גאָלד און זילבער, און דער מלך איז געזעסען אינמיטען צווישען זיינע הויפלייט און וויזירען און זיי זענען געווען אָנגעטהון וואונדערליך שען און רייך. אַז איך בין צוגעגאַנגען נעהנטער צום מלך, האָב איך געזעהן, אַז ער זיצט אויפ'ן טראָן, וואָס איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט פּעריל און בריליאַנטען, און יעדער בריליאַנט האָט געברענט ווי אַ שטערען. דעם מלכ'ס קליידער זענען געווען גענייהט פון גאָלד,

און אַרום איהם זענען געשטאַנען פופציג דיענער אָנגעטהון אין זיידענע פאַרביגע קליידער מיט בלויזע שווערדען אין די הענד. דאָס בילד האָט מיך טיעף געריהרט, און איך בין אַוועק ווייטער. איך בין אַריין אינ'ם הויפּטצימער פונ'ם האַרעם, וואו די ווענד זענען געווען בעהאָנגען מיט זיידענע פאָרהענגלעך. און דאָ האָב איך דערזעהן די מלכה אין אַ קלייד, בענייהט מיט פעריל און אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ דיאַדעם פון די טייערסטע שטיינער און איהר האַלזבאַנד האָט געלויכטען, ווי די זון. דאָ האָב איך דערזעהן אַנ'אָפענע טהיר און דערביי זיעבען טרעפּעלעך. האָב איך מיך אויפגעהויבען אויף די דאָזיגע טרעפּעלעך און אַריין אין אַ צימער, וואו די פּאָדלאָגע איז געווען פון מאַרמאָר, און דערויף זענען געלעגען גאָלד-געשטריקטע טעפּיכען און עס איז געשטאַנען אַ בעט פון אַלעבאַסטער, בעפּוצט מיט פעריל און בריליאַנטען. אָבער פון ערגעץ איז אויפגעגאַנגען אַ שיין, וואָס האָט מיך זעהר פערוואונדערט, האָב איך געמאַכט אַ פּאָר שריט טיעפער אין צימער און דאָ האָב איך דערזעהן, אַז דער שיין פליסט פון אַ בריליאַנט, וואָס איז געווען די גרויס ווי אַ שטרויסענע איי. דער בריליאַנט איז געלעגען אויף אַ טעצעל און האָט געלויכטען, ווי אַ ליכט. די דעקע, וואָס איז געלעגען אויף דער בעט, איז געווען פון פערשיעדענפאַרביגען זיידענס און דאָס שטאָף האָט געגלעט דאָס אויג. הויכע ליכט האָבען געברענט אין דעם דאָזיגען צימער און מיר איז געקומען אויפ'ן רעיון, אַז עמיץ האָט דאָ געמוזט זיין און אָנצינדען די ליכט. דערווייל בין איך אַריין אינ'ם צווייטען טייל פון פּאַלאַץ און דאָרט בין איך געגאַנגען פון צימער צו צימער און בעקוקט און געזעהן וואונדערליך-שעהנע זאַכען און פערגעסען אָן אַלץ און אָן אַלעם, און אַז עס איז געוואָרען פינסטערליך און איך האָב געוואָלט אַרויסגעהן פון פּאַלאַץ, האָב איך נישט געפונען די טהיר. האָב איך מיך צוריקגעקעהרט אין יענעם צימער, וואו עס האָט געלויכטען דער בריליאַנט, און דאָרט האָב איך מיך געלעגט אין בעט און איבערגע'חזר'ט עטליכע פסוקים פון קאָראַן — איך זאָל קאָנען איינשלאָפען. אָבער איינשלאָפען האָב איך נישט געקאָנט. און איך בין

געלעגען מיט אָפענע אויגען ביז איך האָב האַלבע נאַכט דער-הערט, ווי עמיץ לייענט דעם קאָראַן מיט אַ זיסען און צאַרטען קול. איך האָב מיך באַלד אויפגעהויבען און דערזעהן דורך דער אָפענער טהיר אַ געבעט-הויז, בעלויכטען מיט לאָמפּען, און אין מיטען, אויף אַ טעפּיך, איז געשטאַנען זעהר אַ שענער יונגערמאַן. איך האָב מיך שטאַרק געוואונדערט, ווי אַזוי ער איינער איז לעבען געבליבען אין דער גאַנצער שטאָדט און איך האָב מיך פערנויגט פאַר איהם און ער האָט אויפגעהויבען די אויגען און מיר געענטפערט אויף מיין בעגריסונג. אַ ווייל‍ע האָב איך גע-שוויגען און דערנאָך געפרעגט: „איך בעט אייך אין נאָמען פון יענער וואָהרהייט, וועגען וועלכער איהר לייענט דעם קאָראַן, איהר זאָלט מיר ענטפערן דערויף, וואָס איך וועל אייך פרעגען."

האָט ער אַ שמייכעל געטהון און געענטפערט: „זאָג מיר פריהער, ווי אַזוי קומסטו אַהער, וועל איך דיר דערנאָך ענטפערן אויף דיין פראַגע."

האָב איך איהם דערצעהלט מיין געשיכטע און געבעטען, ער זאָל מיר דערצעהלען די געשיכטע פון דער דאָזיגער שטאָדט. האָט ער פערמאַכט דעם קאָראַן, אוועקגעלעגט איהם אין אַ סאַ-מעטענעם זעקעלע, זיך אַנידערגעזעצט נעבען מיר און געזאָגט: „אייל נאָר נישט." איצט האָב איך איהם אָנגעקוקט און געזעהן, אַז ער איז שען, ווי אַ פולע לבנה, און זיין גאַנצע פיגור איז אַזאַ פיינע און אַזאַ צוציהענדיגע, אַז איין קוק אויף איהם האָט אַרויסגערופען אין מיר אַ ליעבע-פיבער און אָנגעצונדען אַ פייער אין מיין האַרצען. איך האָב נאָכאַמאָל געבעטען, ער זאָל מיר דערצעהלען די געשיכטע פון דער שטאָדט.

„איך הער און געהאָרך,—האָט ער געענטפערט און אָנגע-הויבען דערצעהלען.—זאָלסט וויסען, אַז די דאָזיגע שטאָדט האָט געהערט צו מיין פאָטער און צו זיינע אונטערטאַנען. און דער פאָטער מיינער איז טאַקי יענער מלך, וועלכען דו האָסט געזעהן פערוואַנדעלט אין שוואַרצען שטיין, און די מלכה, וואָס דו האָסט אויך געזעהן, איז מיין מוטער. זיי זענען ביידע געווען כשוף-מאַכער און האָבען געדיענט צו פייער און פלעגען זיך שווערען

מיט פייער, מיט ליכט, שאָטען, היץ און דרעהענדיגע קוילען. ביז מיר האָט מיין פאָטער קיין זיהן נישט געהאַט, און אַז איך בין געבוירען געוואָרען, איז ער שוין געווען אַלט און מיך האָט ער דערצויגען נעבען זיך. צו מיין גליק, האָט זיך אין אונזער פאַמיליע געפונען אַנ׳אַלטע פרוי—אַ מאַכמעדאַנערין, וואָס האָט אויפריכטיג געגלויבט אין אַלאַה און זיין נביא, כאָטש אויסערליך האָט זי זיך געהאַלטען ביי די רעליגיעזע מנהגים פון דער קייזערליכער פאַמיליע. זי איז געווען זעהר בעגלויבט ביי מיין פאָטער, ער האָט זי זעהר געשעצט פאַר איהר טרייהייט און בעשיידענעם כאַראַקטער און ער האָט איהר אַרויסגעוויזען גרויס חסד און האָט פולשטענדיג געגלויבט, אַז איהר אמונה איז די אייגענע, ווי זיינע, און דעריבער, אַז איך בין אַרויס פון די קינדערשע יאָהרען, האָט ער מיך אָבגעגעבען אונטער איהר השגחה און געזאָגט: „נעהם איהם צום דערציהען. מאַך איהם בעקאַנט מיט די געזעצען פון אונזער אמונה און זעה, אַז דיין דערציהונג זאָל האָבען אַ האַפט.” האָט די אַלטע מיך גענומען אונטער איהר השגחה, אָבער זי האָט מיט מיר געלערנט דעם איסלאַם, האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט די געזעצען פון רייניגען זיך, פון אַרומוואַשען זיך. זי האָט מיר פערטרויט די מאַכמעדאַנישע מנהגים און תפילות און האָט מיך געצוואונגען, איך זאָל אויס׳חזר׳ן אויסווענדיג דעם גאַנצען קאָראַן. זי האָט מיך אויך אויסגעלערנט, ווי אַזוי צו בעהאַלטען פון פאָטער מיין אמונה, זאָגענדיג, אַז ער וועט מיך דער׳הרג׳ענען, אויב ער וועט זיך דערוויסען. אָבער אינגיכען איז די דאָזיגע זקנה אַוועקגעשטאָרבען. די איינוואוינער פון דער שטאָדט זענען געוואָרען זעהר חוצפה׳דיג און זינדיג און האָבען נישט געוואָלט הערען אַ גוט וואָרט. אָבער איינמאָל האָבען זיי דערהערט אַ קול, וואָס האָט צוטרויסעלט די לופט, פונקט ווי אַ דונער, און דער קול האָט געזאָגט: „איינוואוינער פון דער דאָזיגער שטאָדט, הערט-אויף צו גלויבען אין פייער און דיענט בעסער צו דעם אַלמעכטיגען אַלאַה!”

האָבען זיך די איינוואוינער זעהר דערשראָקען און זיך אַלע אַוועקגעלאָזט צו מיין פאָטער, צום מלך, און טויט-בלאַסע איהם

אַ פרעג געטהון: „וואָס איז דאָס פאַר אַ קול, וואָס האָט אונז דערשראָקען מיט זיין שרעקליכען קלאַנג?"

אָבער מיין פאָטער האָט זיי לייכט געענטפערט: „שרעקט זיך נישט פאַר דעם דאָזיגען קול און גלויבט, אין וואָס איהר האָט געגלויבט."

דער מלך האָט זיי בערוהיגט דורך זיין וואָרט און זיי האָבען ווייטער געגלויבט אין פייער, ווי פריהער. אָבער עס איז אַוועק אַ יאָהר—און זיי האָבען דעם דאָזיגען קול דערהערט אַ צווייט מאָל, און דערנאָך אַ דריט יאָהר—און זיי האָבען דערהערט דעם קול צום דריטען מאָל. אָבער זיי האָבען נאָך אַלץ נישט אַוועקגעוואָרפען זייער אמונה, ביז דער הימעל איז זעהר בייז געוואָרען, און איינמאָל אינדערפריה, באַלד ווי די זון איז אויפגעגאַנגען, זענען די אַלע מענשען צוזאַמען מיט זייערע קיה פערוואַנדעלט געוואָרען אין שוואַרצען שטיין. קיין איינעם, אויסער מיר, האָט נישט אויסגעמידען די דאָזיגע שטראָף, און פון יענעם טאָג אָן, ווען עס איז געשעהן דאָס דאָזיגע אומגליק, האָב איך נישט אויפגעהערט, ווי דו אַליין האָסט געזעהן, צו דיענען גאָט דורך תעניתים און דורכ'ן לייענען דעם קאָראַן. אָבער איך בין עטוואָס איינגעמיעדט, ווייל איך זעה קיינעם נישט און ווייל איך האָב נישט מיט וועמען צו טיילען מיין איינזאַמקייט."

און אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך געזאָגט: „ווילסטו אפשר פאָהרען מיט מיר צוזאַמען אין דער שטאָדט באַגדאַד, וואו דו וועסט קאָנען בעזוכען די דאָרטיגע געלעהרטע און געזעצפיהרער און וועסט קאָנען בערייכערן דיינע קענטנישען? אויב דו ווילסט, וועל איך ווערען דיין דיענערין. כאָטש איך בין אַ רייכע און האָב אַליין פיעל דיענער. איך האָב דאָ שטעהן אַ שיף מיט פערשיעדענע סחורות. אָבער דאָס מזל האָט אונז פערטראָגען אַהער, מיר זאָלען זיך בעקאָנען מיט'ן אומגליק פון דער שטאָדט. איך מיין, אַז מיר האָבען זיך נישט אומזיסט בעגעגענט."

איך האָב איהם שטאַרק צוגערעדט און ער האָט, צולעצט, איינגעשטימט. די דאָזיגע נאַכט האָב איך פערבראַכט ביי זיינע פיס און איך האָב מיך געפונען אויף דעם העכסטען שטאַפעל

פון גליק, און אינדערפריה זענען מיר אריין אין אוצר-המלך און גענומען פון דאָרטען די מעהר-לייכטערע און מעהר קאָסטבאַרע זאַכען און דערנאָך אַרויס פון פּאַלאַץ און אַוועק אין שטאָדט אַריין, וואו מיר האָבען געטראָפען די שקלאַפען און דעם קאַפּי-טאַן, וועלכע האָבען מיך אַרומגעזוכט. זיי האָבען זיך זעהר דער-פרעהט מיט מיר, און אַז זיי האָבען מיך געפרעגט, וואו בין איך געווען, האָב איך זיי אַלץ דערצעהלט און זיי איבערגעגע-בען די געשיכטע פון דעם יונגענמאַן און די געשיכטע פון דער שטאָדט און זיי האָבען געגאַפט הערענדיג. אָבער אַז מיינע שוועסטער האָבען מיך דערזעהן צוזאַמען מיט'ן יונגענמאַן, האָ-בען זיי מיר זעהר מקנא-געווען און אַריינגענומען אין זינען מיר שלעכטס צו טהון.

מיר האָבען זיך ווידער געזעצט אין שיף, און איך בין געווען זעהר גליקליך. איך בין געווען זעהר גליקליך צוליעב דעם שענעם ליעבען יונגענמאַן. מיינע שוועסטער זענען געזעסען צוזאַמען מיט אונז און זיי האָבען מיך שטיל געפרעגט: „וואָס רעכענסטו צו טהון מיט דעם דאָזיגען יונגענמאַן?"

„איך וויל מיט איהם חתונה האָבען",—האָב איך געענט-פערט. דערנאָך האָב איך מיך אויסגעדרעהט צו איהם און צוגע-געבען: „אָ, מיין הערר! איך וויל דיר מאַכען אַ פאָרשלאַג, אָבער דו זאָלסט איהם אָננעהמען." און דערויף האָט ער געענטפערט: „איך הער און געהאָרך."

האָב איך אַ קוק געטהון אויף מיינע שוועסטער און זיי געזאָגט: „אָט דער יונגערמאַן איז, זעהט מיר אויס, צוגעפּאַסט פאַר מיר, און מיין גאַנצע עשירות, וואָס איך האָב דאָ, שענק איך אייך אַוועק." „דיין בעשלוס איז שען",—האָבען די שווע-סטער געענטפערט דערויף, אָבער אין געדאַנק האָבען זיי פער-טראַכט שלעכטע זאַכען געגען מיר.

דער ווינד האָט אונז געדיענט, און נאָכדעם, ווי מיר זע-נען אַדורכגעשוואומען דעם געפעהרליכען ים, זענען מיר אַריין אין שטילע וואַסערן, אויף וועלכע מיר האָבען זיך געהאַלטען עטליכע טעג, און דערנאָך זענען מיר צוגעקומען צו דער שטאָדט

על-באַזאַרק, וואָס די קאָנטורען פון איהרע הייזער האָבען מיר דערזעהן אין דער טונקעלער פאַרנאַכט-לופט. אָבער באַלד ווי מיר האָבען זיך געלעגט שלאָפען, האָבען די שוועסטער אונז ביידען אַרויסגענומען פון די געלעגערס און אַריינגעוואָרפען אין ים אַריין. דער יונגערמאַן האָט נישט געקאָנט שווימען און ער איז דערטרונקען געוואָרען און אַלאַה האָט איהם צוגערעכענט צו די קדושים, אָבער מיך האָט גאָט פעררעכענט צו די, וואָס זיי איז נאָך בעשערט געווען צו לעבען. אַז איך האָב מיך דערזעהן אין וואַסער, האָב איך מיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ האָלץ, וואָס אַלאַה האָט מיר צוגעשיקט און צוזאַמען מיט איהם האָט מיך אַנ'אינד אַרויס-געוואָרפען אויפ'ן ברעג פון אַנ'אונבעקאַנטער אינזעל.

און אַזוי האָב איך די נאַכט אַרומגעבלאָנקעט איבער'ן אינזעל און אינדערפריה האָב איך דערזעהן אַ פאַסיקעל ערד, וואָס האָט פעראייניגט די אינזעל מיט לאַנד. אַז עס איז אויפגעגאַנגען די זון, האָב איך אויסגעטריקענט די קליידער און אַוועק מיט דעם דאָזיגען פאַסיקעל ערד. איך בין שוין געווען נאָהנט פון אַ שטאָדט, אָבער פלוצלונג האָב איך דערזעהן, אַז עס קריכט אויף מיר אַ שלאַנג, וואָס ווערט פערפאָלגט פון אַ צווייטער שלאַנג. ביי דער ערשטער שלאַנג איז דאָס צינגעל אַרויסגעהאָנגען. מחמת זי איז געווען זעהר מיעד, און דעריבער האָב איך גענומען אַ שטיין און אַ וואָרף געטהון אין קאָפּ פון דער צווייטער שלאַנג און זי איז געטויט געוואָרען אויפ'ן אָרט. באַלד דערויף האָט די ערשטע שלאַנג אויסגעשפרייט צוויי פליעגלען און זיך אויפגעהויבען אין לופטען און איך בין געבליבען שטעהן, אַ פערגאַפטע. אָבער איך בין געווען אַזוי מיעד, אַז איך בין אַנידערגעפאַלען און איינגעשלאָפען, נאָר אין גיכען האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן, אַז ביי מיינע פיס זיצט אַ מיידעל און קראַצט מיר די פיאַטעס. האָב איך מיך תיכף אויפגעהויבען אַ פערשעמטע און געפרעגט: „ווער ביזטו און וואָס בעגעהרסטו?“ אָבער יענע האָט אויסגעשריען: „ווי גיך דו האָסט מיך פערגעסען! איך בין די שלאַנג, וואָס דו האָסט מציל-געווען פון דער צווייטער שלאַנג. איך בין אַ כשוף-מאַכערין און די צווייטע איז געווען אַ שייטאַן

און דו האָסט מיך מציל-געווען פון איהם. און דעריבער, באַלד ווי דו האָסט עס געטהון, בין איך אַריבערגעפלויגען צו דיין שיף און אַריבערגעטראָגען אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען צו דיר אין שטוב אַריין און די שיף האָב איך דערטרונקען. דיינע שוועסטער האָב איך פערוואַנדעלט אין צוויי שוואַרצע הינד, וואָרום איך האָב געוואוסט, ווי אַזוי זיי האָבען זיך בעגאַנגען מיט דיר. דער יונגערמאַן איז אָבער פאָרט דערטרונקען געוואָרען."

און באַלד ווי זי האָט עס געזאָגט, האָט זי גענומען און איבערגעטראָגען מיך מיט די צוויי הינד אויפ'ן דאַך פון מיין הויז, און דאָרט, אין מיין הויז, האָב איך באמת געפונען מיין גאַנץ עשירות, וואָס איז געווען אויף דער שיף. און דערנאָך האָט זי געזאָגט: „איך שווער דיר ביים זיגעל פון סולימאַן, אַז אויב דו וועסט נישט געבען אַלע טאָג צו דרייהונדערט קלעפּ ביידע הינד, וועל איך קומען און וועל דיך אויך פערוואַנדלען אין אַ הונד."

„איך הער און געהאָרך",—האָב איך געענטפערט און פון דעמאָלט אָן שלאָג איך די הינד, חאָטש איך האָב רחמנות אויף זיי."

דער קאַליף האָט אויסגעהערט די דאָזיגע געשיכטע מיט גרויס פערוואונדערונג און דערנאָך האָט ער געזאָגט דער צווייטער פרוי: „ווי אַזוי האָסטו בעקומען אויף דיין ברוסט סימנים פון קלעפּ?"

און די צווייטע האָט אַזוי פערצעהלט.

די צווייטע שוועסטער פון די דריי באַגדאַדער פרויען.

„אָ, גרויסער מלך! מיין פאָטער האָט מיר נאָך זיין טויט איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה און באַלד נאָכדעם האָב איך חתונה-געהאַט מיט איינעם פון די רייכסטע לייט. אַ יאָהר צייט האָב איך געלעבט מיט איהם און ער איז געשטאָרבען. אָבער ער האָט מיר אויך איבערגעלאָזט מיין גרוזעצליכען טייל ירושה— אַכציג טויזענד דוקאַטען. איך האָב מיר באַלד געמאַכט צעהן שענע גאָלדענע קליידער, יעדעס צו טויזענד דוקאַטען. און איינ-

מאָל, בשעת איך בין געזעסען אין מיין צימער, איז געקו־מען צו מיר אַנ'אַלטע מאוס'ע זקנה. זי האָט זיך פערנויגט און געזאָגט: „איך האָב אַ טאָכטער אַ יתומה און היינט מאַך איך איהר חתונה. אויב דו וואָלסט געקומען צו איהר שמחה, וואָלט דיך גאָט דערפאַר בעלוינט, וואָרום מיין אָרים קינד האָט דאָ קיינעם נישט — נישט קיין קרובים, נישט קיין פריינד.“

זי האָט געוויינט און געקושט מיר די פיס און איך בין געריהרט געוואָרען און געגעבען מיין וואָרט. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט קומען נאָך מיר, ווען איך וועל שוין זיין אָנגעטהון, און דערווייל האָט זי מיר אַ קוש געטהון די האַנד און אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב מיך באַלד אויפגעהויבען און זיך אָנגעטהון, און אַז איך בין געווען שוין אינגאַנצען פאַרטיג, איז די אַלטע געקומען נאָך מיר. זי האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט: „אָ, מיין האַרין! די געסט זענען זיך שוין צונויפגעקומען און זיי וואַרטען אַלע אויף דיר מיט גרויס אונגעדולד.“

האָב איך גענומען מיינע שקלאַפען און אַוועק מיט דער זקנה, וואָס האָט אונז פערפיהרט אין אַ געסעל, וואו עס האָט געבלאָזען אַ ליעב ווינדטעל, און דאָ האָבען מיר דערזעהן זעהר אַ שענעם פאַרקאַן פון מאַרמאָר און הינטערן פאַרקאַן — אַ פּאַלאַץ, וואָס איז געווען אַזוי הויך, אַז ער האָט דערגרייכט דעם הימעל. אַריין אין פּאַלאַץ, האָט די זקנה אָנגעקלאַפּט אין אַ טהיר, און אַז מען האָט זי געעפענט, זענען מיר אַריין אין אַ קאָרידאָר, בעדעקט מיט טעפּיכען, בעלויכטען מיט ליכט און לאָמפען און בעפּוצט מיט טייערע איידעלשטיינער און גאָלד. דורך דעם דאָזיגען קאָרידאָר זענען מיר אַריין אין זעהר אַ שען און רייך גאַסטצימער, מיט מאַטראַצען און מיט טייערע שטאָפען און מיט ליכט און לאָמפּען, וואָס זענען געהאָנגען אונטער'ן באַלקען. אין אַ ווינקעל פון דעם דאָזיגען גאַסטצימער איז געשטאַנען אַ בעט פון אַלעבאַסטער, אויסגעפלאַסטערט מיט פּעריל און ברילליאַנטען און פערהאָנגען מיט זיידענע פאָרהענגלעך. און פון דעם דאָזיגען בעט האָט זיך אויפגעהויבען אַ פרוי, שען, ווי די לבנה. „איך

בעגריס דיך,—האָט זי געזאָגט,—אָ, מיין שוועסטער! דו לאָזט פאַלען אויף מיר אַ שיין און דו דערפרישסט מיין האַרץ און מיין אָטעם.״

דערנאָך האָט זי זיך אַנידערגעזעצט און ווייטער געזאָגט: „אָ, מיין שוועסטער! איך האָב אַ ברודער, וואָס האָט דיך געזעהן אויף אַ פייערונג. ער איז נאָך גאָר יונג, מיין ברודער, אָבער ער איז שענער פאַר מיר און זיין האַרץ איז פול ליעבע צו דיר. און ער האָט עס געבעטען די דאָזיגע זקנה, זי זאָל געהן צו דיר און מאַכען אַזוי, אַז איהר זאָלט זיך זעהן. ער וויל אייגענטליך חתונה-האָבען מיט דיר לויט'ן געזעץ, ווי אַלאָה און זיין נביא האָט געבאָטען, און דו ווייסט דאָך מסתמא, אַז דאָס, וואָס איז געזעצליך, איז קיינמאָל נישט מאוס.״ איך האָב געהערט די דאָזיגע ווערטער און איך האָב געזעהן, אַז איך בין פערשלאָסען אין דעם דאָזיגען פאַלאַץ אַזוי, אַז איך קאָן נישט אַרויס, האָב איך בלויז געקאָנט זאָגען: „איך הער און געהאָרך.״

און אַז די שענע פרוי האָט עס דערהערט, האָט זי זיך זעהר דערפרעהט. זי האָט באַלד געעפענט די טהיר און עס איז אַריין אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען אַזוי שען, אַז מיין האַרץ האָט איהם די מינוט ליעב בעקומען. און גלייך ווי ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, איז אַריין אין צימער אַ קאַדי מיט פיער עדות און נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך פערנויגט פאַר מיר, זענען זיי באַלד צוגעטראָטען צו די חתונה-צערעמאָניעס. אַז די דאָזיגע צערעמאָניעס זענען דורכגעפיהרט געוואָרען גענוי און ווי געהעריג, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען און דער יונגערמאַן האָט אַ קוק געטהון אויף מיר און געזאָגט: „זאָל געבענשט זיין אונזער נאַכט!״

דערנאָך האָט ער געוואָלט אויסרעדען מיט מיר אַ תנאי, האָט ער אַוועקגעלעגט די האַנד אויפ'ן קאָראַן און געזאָגט: „שווער מיר, אַז קיינער וועט דיר בעסער נישט געפעלען, ווי איך, און דו וועסט קיינעם נישט ליעב האָבען, אויסער מיר.״

איך האָב מיך געשוואָרען און ער האָט זיך זעהר דערפרעהט און האָט מיך אַ קוש געטהון, און מיין האַרץ האָט געברענט מיט הייסער ליעבע צו איהם.

אַ מאָנאַט האָבען מיר געלעבט זעהר גליקליך, און איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיך לאָזען געהן אויפ'ן מאַרק, וואו איך האָב געוואָלט קויפען שטאָף אויף אַ קלייד. בעקומען אַ דערלויבניש, בין איך אַוועק אויפ'ן מאַרק צוזאַמען מיט דער זקנה און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקעל נעבען דער קראָם פון אַ יונגען סוחר, וואָס איז געווען בעקאַנט מיט דער אַלטער און וואָס זיין פאָטער, ווי די אַלטע האָט מיר געזאָגט, איז געשטאָרבען און איבערגעלאָזט זעהר אַ רייכע ירושה. זי האָט איהם געהייסען, ער זאָל מיר ווייזען די סאַמע טייערסטע און שענסטע שטאָפען און ער האָט זיי אונז געוויזען און זי האָט איהם נישט אויפגעהערט צו לויבען. אָבער איך האָב איהר געזאָגט: „דיין סוחר געהט מיר גאָרנישט אָן. מיר זענען געקומען אַהער קויפען סחורה און נאָכדעם געהן אַהיים.”

מיר האָבען אויסגעוועהלט זעהר אַ שענע מאַטעריע און געוואָלט איהם בעצאָהלען, אָבער ער האָט זיך אָבגעזאָגט צו נעהמען געלד. „איך וויל אייך אונטערטראָגען די סחורה אַלס מתנה,—האָט ער געזאָגט,—ווייל איהר האָט בעזוכט מיין קראָם און ווייל איך וויל זיין גאַסטפריינדליך.”

מיר איז עס נישט געפעלען געוואָרען און איך האָב געזאָגט דער אַלטער: „אויב ער וויל נישט נעהמען קיין געלד, טאָ גיב איהם צוריק אַוועק די סחורה.” אָבער ער האָט נישט געוואָלט צונעהמען די סחורה און האָט אויסגעשריען: „ביי גאָט, איך וועל ביי אייך גאָרנישט נעהמען. דאָס אַלץ שענק איך אייך פאַר איין קוש, וואָס איז ביי מיר טייערער פאַר דער גאַנצער קראָם”.

און די אַלטע האָט איהם געפרעגט: „נו, וואָס האָסטו פון אַ קוש?” און דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו מיר און צוגעגעבען: „דו האָסט געהערט? אָ, מיין טאָכטער! דו האָסט געהערט, וואָס דער יונגערמאַן האָט געזאָגט? וועסט קיין שום שאָדען נישט האָבען פון אַ קוש און דערפאַר וועסטו זיך קאָנען נעהמען דאָס שטאָף, וואָס דיר געפעלט.” אָבער איך האָב זי

געפרעגט: „ווייסטו דען נישט, וואָס פאַר אַ שבועה איך האָב גע-
געבען?"

נאָר די אַלטע האָט מיר גיך איינגערוימט: „אָ, האַפּ אַ
קוש פון איהם און דערפאַר וועט דיר בלייבען אי דאָס געלד,
אי די סחורה."

און זי האָט מיר אַזוי לאַנג צוגערעדט, ביז איך האָב
איינגעשטימט און דעמאָלט האָב איך פערמאַכט די אויגען, אויפ-
געהויבען דעם שלייער אַזוי, אַז די זייטיגע מענשען זאָלען נישט
בעמערקען. און ער האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינ-
גער און זיך אָנגעבויגען צו מיר, אָבער אָנשטאָט אַ קוש, האָט
ער מיר שרעקליך איינגעביסען די באַק. פון וועהטאָג בין איך
אַנידערגעפאַלען אין חלשות, און די אַלטע האָט געהאַלטען מיין
קאָפּ אין איהר שויס אַזוי לאַנג, ביז איך בין געקומען צו זיך.
די קראָם איז שוין געווען צוגעמאַכט און די אַלטע האָט געזאָגט
מיט גרויס בעדויערונג: „אַלאַה האָט דיך בעפרייט פון אַ גרויס
אומגליק. לאָמיר געהן אַהיים און דו מאַך זיך קראַנק, און איך
וועל דיר געבען אַזאַ מיטעל, פון וועלכען דו וועסט געהיילט
ווערען."

איך בין געווען שרעקליך צומישט און דערשראָקען, דאָך
האָב איך מיך אויפגעהויבען און זיך אומגעקעהרט אַהיים. איך
האָב מיך געמאַכט קראַנק און מיין מאַן איז באַלד געקומען צו
מיר און געפרעגט: „וואָס האָט פּאַסירט מיט דיר? אָ, מיין
הייס-געליעבטע, וואָס האָט דיר היינט געטראָפען?" און איך האָב
איהם געענטפערט: „איך בין קראַנק." האָט ער מיך בעסער אָנ-
געקוקט און געפרעגט: „און וואָס האָסטו עס פאַר אַ וואונד אויף
דער באַק און גראָד אויף אַ סאַמע צאַרטען אָרט?"

האָב איך מיך אַ וויילע פערטראַכט און געענטפערט: „נאָכ-
דעם ווי דו האָסט מיר דערלויבט צו געהן אויפ'ן מאַרק, בין
איך אַוועק קויפען סחורה אויף אַ קלייד, אָבער גראָד איז פאַר-
ביינעגאַנגען אַ קעמעל, אָנגעלאָדען מיט האָלץ, האָט ער מיר
אונגערן איינגעריסען דעם שלייער און אַ קראַץ געטהון די באַק.
דו ווייסט, די גאַסען זענען דאָ צו-שמאָל."

„אויב אַזוי,—האָט ער אויסגעשריען,—וועל איך מאָרגען געהן צום גובערנאַטאָר און וועל איהם בעטען, ער זאָל אויפהענגען די אַלע געהילץ-סוחרים.“ האָב איך איהם איינגעהאַלטען און געזאָגט: „ביי גאָט, נעהם נישט אַזאַ זינד אויף דיין נשמה און בעגעה זיך בעסער מיט יושר, וואָרום איך בין גאָר געפּאָהרען אויף אַנ׳אייזעל, וואָס האָט זיך דערשראָקען, און איך בין אַראָבגעפאַלען און צוקראַצט זיך די באַק.“

„אויב אַזוי,—האָט ער געענטפערט,—וועל איך מאָרגען אַריבערגעהן צו דזשאַפאַר על-באַרמעק און וועל איהם דערצעהלען, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט, און וועל איהם בעטען, ער זאָל אויפהענגען אַלע אייזעל-פיהרער.“

אָבער איך האָב מיך געשטאַרקט און געזאָגט: „שוין-זשע ווילסטו צוליעב מיר טויטען די אַלע מענשען, בשעת אַלאַה האָט אָנגעצייכענט אויפ׳ן הימעל, איך זאָל בעקומען אַ וואונד אויף דער באַק?“

„געוויס!“—האָט ער אויסגעשריען. דערנאָך האָט ער נאָך עטליכע מאָל אויסגעשריען און זיך אַוועקגעשטעלט...

„געוויס!“—האָט ער אויסגעשריען. דערנאָך האָט ער נאָך עטליכע מאָל אויסגעשריען און זיך אַ וואָרף געטהון צו מיר. באַלד זענען אַריינגעלאָפען אין צימער זיבען שוואַרצע שקלאַפען, וואָס האָבען מיך אַראָבגעשלעפּט פון געלעגער און אַוועקגעלעגט אויף דער ערד. איינעם פון די שקלאַפען האָט ער געהייסען, ער זאָל זיך מיר אַנידערזעצען אויפ׳ן קאָפּ און האַלטען פאַר די אַקסלען און דעם צווייטען האָט ער געהייסען, ער זאָל זיך מיר אַנידערזיצען אויף די פיס און פעסט צוהאַלטען זיי. און דער דריטער איז צוגעגאַנגען מיט אַ בלאַנקען שווערד אין דער האַנד. און ער האָט געזאָגט: „מיין הערשער! אפשר וואָלסטו געהייסען, איך זאָל זי צוהאַקען אויף צווייען, מיר זאָלען זי דערנאָך קענען אַריינוואַרפען אין טייך פאַר די פיש צום עסען? ווייסט דאָך, מיין הערשער, אַז מיט נישט-טרייע ווייבער בעגעהט מען זיך אַזוי.

און מיין מאַן האָט געזאָגט: „אַ, סאַאַד, האַק!“

דער שקלאַף האָט געהאַלטען דעם בלאַנקען שווערד אין דער האַנד און האָט הארב געזאָגט: „טהו תפילה, בעט גאָט,

דיין לעצטע מינוט איז געקומען. אפשר האָסטו עפּעס אַ לעצטע בקשה?" „גוטער שקלאַף,—האָב איך געזאָגט,—האַלט נאָר אַ ווייַלע, ווארום איך האָב צו מאַכען אַ פערארדנונג." און מיט הייסע טרעהרען אויף די אויגען האָב איך מיך געווענדעט צום מאַן מיט די פאָלגענדע ליעדער:

„דו קעהרסט זיך אָב פון מיר און בלייבסט זיך רוהיג.
דו האָסט געגעבען מיינע שוואַכע אויגען
שווערע נעבכט אָהן שלאָף און רוה און טרייסט.
צי וועסטו אָבער מיטלייד מיט מיר האָבען,
ווייל טיעף אין הארצען בענקט נאָך דיר די ליעבע
און ס'שטעהט דיין בילד פאַר מיינע אויסגעוויינטע אויגען.
אַז איך וועל שטאַרבען, מאַך די אויפשריפט אויף מיין קבר:
„דאָ שלאָפט איהר אייביג שלאָף אַ שקלאַפין פון דער ליעבע."

מיין ליעד און מיינע טרעהרען האָבען איהם אָבער נאָך מעהר צורייצט און ער האָט מיר געענטפערט מיט דעם דאָזיגען פערז:

„איך בין צו מיין געליעבטער נישט געוועזען שלעכט.
מיט ליעבע האָט זי שטענדיג פול געמאַכט מיין הארץ.
נאָר זי אַליין איז שולדיג אין איהר פיין און עלענד:
זי האָט מיך אָבגענאַרט, און איך האָב פיינט,
די ליעבע־בעט זאָל זיין געטיילט פאַר צווייען."

און איך האָב אַלץ געוויינט און געגאָסען טרעהרען און געטראַכט: „איך וועל מיך דערנידערן פאַר איהם און מיט די סאַמע הארציגסטע ווערטער וועל איך איהם בעטען, ער זאָל מיך נישט טויטען. איך וואָלט איהם בעסער אָבגעגעבען מיין פערמעגען."

אָבער ער האָט אַ געשריי געטהון צו זיין שקלאַף: וואָס שטעהסטו? צוהאַק זי אויף צווייען, ווארום זי האָט פערלאָרען יעדען ווערט אין מיינע אויגען."

האָט דער שקלאַף אויפגעהויבען דעם שווערד און איך האָב געזעהן, אַז איך בין שוין סיי־ווי אַ פערפאַלענע, האָב איך מיך אָבגעגעבען אויף גאָטס רצון. אָבער פּלוצלונג איז אַריין אין צי-

מער די אַלטע און זיך געוואָרפען צו מיין מאַנס פיס און זיי געקושט און געזאָגט: „אָ, מיין זוהן! זיי איהר מוחל, פערגיב איהר צוליעב מיר, וואָרום איך בין דיר דאָך געווען אַ מוטער און האָב דיך אויסגעהאָדעוועט. גלויב מיר, אַז זי האָט דיך נישט פערראַטען, אַז זי האָט גאָרנישט געטהון עפּיס אַזוינס, וואָס זי זאָל דערפאַר ווערט זיין אַזאַ שרעקליכע שטראָף. דו ביזט נאָך יונג און דו בעדאַרפסט מורא האָבען פאַר דער בעשולדיגונג, וואָס די דאָזיגע פרוי קאָן דערנאָך געגען דיר אַרויסשטעלען.“

די אַלטע האָט עס געזאָגט דורך טרעהרען און זי האָט איהם געקושט די פיס אַזוי לאַנג, ביז זי האָט איהם געבראָכען זיין קאַלט האַרץ און ער האָט געזאָגט: „איך שענק עס איהר, אָבער איך בעדאַרף איהר מאַכען אויפ׳ן לייב אַזוינע צייכענס, וואָס זי זאָל זיי טראָגען דאָס גאַנצע לעבען.“ באַלד נאָכדעם האָט ער בעפוילען די שקלאַפען, זיי זאָלען מיר אַראָבנייסען דאָס העמד און מיט אַ שטעקען, וואָס איז אויסגעשניטען געוואָרען פון אַ דעמב, האָט ער מיך גענומען שלאָגען איבער׳ן רוקען און די זייטען אַזוי לאַנג, ביז איך בין געבליבען ליעגען אין חלשות, כמעט אַ טויטע. און אַז עס איז געוואָרען נאַכט, האָט ער געהייסען זיינע שקלאַפען, זיי זאָלען מיך איבערטראָגען אין דעם אַלטען הויז, וואו איך האָב פריהער געוואוינט, און די אַלטע זאָל אויף מיר אויפקוקען. זיין בעפעהל איז פינקטליך דערפילט געוואָרען, און אַז איך בין געבליבען אַליין אינ׳ם אַלטען הויז, האָב איך מיר גענומען אויסהיילען די וואונדען. איך בין אפילו באַלד געזונד געוואָרען, אָבער אויף מיין ברוסט און אויף די זייטען זענען דאָך פערבליבען צייכענס פונ׳ם שטעקען. פיער מאָנאַטען האָב איך מיך געהיילט און דערנאָך, אַז איך בין געזונד געוואָרען, בין איך געגאַנגען אַ קוק טהון אויף יענס הויז, וואו איך בין געליעבט און געשלאָגען געוואָרען, אָבער דאָס הויז איז געווען צושטערט און די גאַנצע גאַס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קופּע מיסט.

נאָכדעם האָב איך מיך איבערגעצויגען צו מיין שוועסטער, וואָס איז מיט מיר פון איין טאַטען, און ביי איהר האָב איך

דערזעהן די דאָזיגע צוויי הינד. איך האָב מיך פערנויגט פאַר איהר און דערצעהלט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט און זי האָט געזאָגט: „ווער קאָן עס אויסמיידען זיין מזל. דאַנק-אָב גאָט, וואָס דו ביזט געבליבען לעבען.”

דערנאָך האָט זי מיר דערצעהלט איהר געשיכטע און די געשיכטע פון איהרע צוויי שוועסטער און איך בין שוין פער-בליבען ביי איהר און מעהר האָט שוין פון אונז קיינער אַ וואָרט נישט דערמאָהנט וועגען חתונה-האָבען. שפּעטער האָט זיך אויך בעזעצט ביי אונז די דריטע שוועסטער, די אויפקויפערין, וואָס קויפט אונז אויף אַלע טאָג אַלץ, וואָס מיר בעדאַרפען.

פיערצעהנטע נאַכט

דער סוף פון׳ם מעשה׳לע מיט די באַגדאַדער פרויען.

דער קאַליף האָט זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט דער דאָזיגער געשיכטע און ער האָט בעפוילען, זי זאָל פערשריבען ווערען אין אַ בוך און אַריינגעשטעלט ווערען אין זיין ביבליאָ-טעק. און ער האָט געפרעגט די ערשטע פרוי: „צי ווייסטו, וואו מען קאָן געפינען די־כשוף-מאַכערין, וואָס האָט פערוואַנדעלט דיינע צוויי שוועסטער?” און זי האָט געענטפערט: „אָ, קייזער, זי האָט מיר געגעבען אַ לאָק פון איהרע האָהר און געזאָגט, אויב דו ווילסט מיך זעהן, זאָלסטו פערברענען עטליכע האָהר, וועל איך באַלד קומען.” האָט דער קאַליף געזאָגט: „טאָ ברענג מיר עטליכע האָהר.”

האָט מען באַלד געבראַכט עטליכע האָהר און דער קאַליף האָט זיי פערברענט. און ווי דער קאַליף האָט זיי אָנגעצונדען און איבער׳ן צימער האָט זיך פערשפּרייט דער רויך, האָט תיכף אַ ציטער געטהון דער גאַנצער פּאַלאַץ, פונקט ווי אַ דונער וואָלט זיך דורכגעטראָגען און עס האָט זיך בעוויזען די מכשפה. זי איז געווען אַ מאַכמעדאַנערין און דעריבער האָט זי בעגריסט דעם

קאַליף מיט די דאָזיגע ווערטער: „שלום אין דיין הויז, קאַליף פון גאָט!“

און דער קאַליף האָט איהר געענטפערט: „און אין שלום זאָלסטו לעבען און בענשען זאָל דיך גאָט.“

און די מכשפה האָט ווייטער געזאָגט: „וויסען זאָלסטו, אַז די דאָזיגע פרוי האָט מיר אַמאָל אַ גרויסע טובה געטהון אזוי, אַז מיין לוין איז געוועזן צו-קליין פאַר איהר: די דאָזיגע פרוי האָט מיך געראַטעוועט פון טויט, ווייל זי האָט דער׳הרג׳עט מיין פיינד. איך, ווידער, האָב בעשטראָפט איהרע שוועסטער, ווייל איך האָב געזעהן, ווי איהרע שוועסטער בעגעהען זיך מיט איהר. איך האָב איהרע שוועסטער פערוואַנדעלט אין הינד. פין אָנהויב האָב איך זיי געוואָלט פשוט דער׳הרג׳ענען און זי זאָל מעהר נישט ליידען פון זיי. אָבער איצט, אויב דו ווילסט זיי בעגנע־דיגען, קייזער, קאָן איך זיי ווידער פערוואַנדלען אין מענשען. מיר איז דאָס נישט שווער.“

האָט דער קאַליף זיך אָנגערופען: „פערוואַנדעל זיי און דערנאָך וועלען מיר בעטראַכטען דעם ענין פון דער געשלאָגע־נער פרוי, און אויב דאָס, וואָס זי פערצעהלט, וועט זיך אַרויס־ווייזען פאַר ריכטיג, וועלען מיר נקמה-נעהמען פון יענעם, וואָס איז זיך אַזוי גרויזאַם בעגאַנגען מיט אַ פרוי.“

דערויף האָט די מכשפה געזאָגט: „אָ, מלך פון די רעכט־גלויביגע! איך קאָן דיר ווייזען די פערזאָן, וואָס איז זיך אַזוי גרויזאַם בעגאַנגען ׳מיט דער דאָזיגער פרוי און האָט נאָך צוגע־נומען איהר פערמעגען: ער איז דיינער אַ נאָהנטער קרוב.“ און זי האָט גענומען אַ טעצעל וואַסער, אַ שעפטשע געטהון דערויף, בעגאָסען די הינד דעם פיסק דערמיט און געזאָגט: „איהר זאָלט אָננעהמען אייער פריהערדיגע געשטאַלט.“ זענען די הינד פער־וואַנדעלט געוואָרען אין צוויי שענע פרויען. און דעמאָלט האָט די מכשפה ווידער געזאָגט: „געבענשט און געלויבט זאָל זיין אַלאַה, וואָס האָט זיי בעשאַפען! אָ, מלך פון די רעכטגלויבי־גע, זאָלסט וויסען, אַז דער מאַן, וואָס האָט געשלאָגען די דאָ־זיגע פרוי, איז דיין זוהן על-עמין וואָס האָט געהערט פון איהר

שענקייט און רייץ.״ און די מכשפה האָט דערצעהלט, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשעהן. דער קאַליף איז געווען זעהר איבערראַשט, און ער האָט אויסגעשריען: „געלויבט זאָל זיין אַלאַה, וואָס מיר איז געלונגען מיטצוהעלפען, אַז די דאָזיגע צוויי הינד זאָלען צוריק פערוואַנדעלט ווערען אין שענע פרויען.״

ער האָט באַלד בעפוילען, מען זאָל אַריינרופען זיין זוהן על-עמין, און אַז ער איז געקומען, האָט ער איהם אויסגעפרעגט, און יענער האָט אַלץ פערצעהלט. דערנאָך האָט דער קאַליף געשיקט נאָך עדות און האָט באַלד אויפ׳ן אָרט התונה-געמאַכט די ווירטין און די צוויי געוועזענע הינד מיט די בעטלער, וואָס זענען געווען זיהן פון מלכים. און ער האָט זיי געשענקט הויפּטיטלען און געלאָזט זיי וואוינען ביי זיך אין פּאַלאַץ. די פרוי, וואָס איז געשלאָגען געוואָרען פון מאַן, האָט ער אומגעקעהרט דעם זוהן און האָט זיי געשענקט אַ פּאַלאַץ און אַ סך געלד, נאָך מעהר און נאָך בעסער ווי פריהער. און די אויפקויפערין האָט ער זיך גענומען פאַר אַ ווייב און זי אָבגעפיהרט צו זיך אין צימער און אויף מאָרגען האָט ער איהר אָבגעגעבען אַ בעזונדער וואוינונג מיט שקלאַפינס, זיי זאָלען איהר בעדיענען. שפּעטער האָט ער איהר בעשטימט אַ שטענדיגע פּענסיע און אויסגעבויט איהר אַ בעזונדער פּאַלאַץ.

אַ מעשה׳לע מיט דריי עפּעל א. אַז. וו.

פופצעהנטע נאַכט.

נאָך די אַלע געשעהענישען, וואָס מיר האָבען נאָר-וואָס בעשריבען, האָט דער קאַליף האַרון ער-ראַשיד איינמאָל ביינאַכט געזאָגט צו זיין וויזיר דזשאַפאַר: „היינט ביינאַכט ווילען מיר געהן אין שטאָדט און אויספרעגען די מענשען וועגען אונזערע בעשאַטע און אויב מיר וועלען הערען שלעכטע זאַכען וועגען זיי, וועלען מיר זיי דערוויישען פון די שטעלעס.״

„איך הער און געהאָרך.״—האָט געענטפערט דזשאַפאַר.

און דער קאליף מיט זיין וויזיר און מיט מעסור'ן זענען אַוועק איבער דער שטאָדט און איבער די מאַרק-גאַסען און זענען געקומען צו אַ קליינעם טהאָל, וואו זיי האָבען דערזעהן אַן'אַל-טען מאַן מיט אַ נעץ און מיט אַ קאָרב אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ שטעקען אין האַנד. דער אַלטער איז געגאַנגען לאַנגזאַם און דע-קלאַמירט דאָס דאָזיגע ליעד:

„די מענשען זאָגען, אַז איך וויים אַ סך,
מיין וויסען איז, ווי די לבנה קלאָר.
וואָס טויג מיין וויסען מיר, ווען איך בין אָרים
און ווער פערפאָלגט אַזוי ווי הינד אין גאַס.
איך האָב פאַר קיינעם נישט צו קלאָגען, בעטען,
דער ריבּוֹנער וועט מיין וואָרט נישט וועלען הערען.
און דער, וואָס איז אין נויט, האָט נאָר איין אָרט
פאַר רוה, און דאָס איז—דער בית־עולם."

דערהערט דאָס דאָזיגע ליעד, האָט דער קאַליף געזאָגט דזשאַפאַר'ן: „דו נעהם זיך אין אויג אַריין די דאָזיגע אָרימע מענשען און הער זיך צו צו זייערע ליעדער: אין די דאָזיגע ליעדער דריקען זיי אויס זייער נויט. און דערנאָך, צוגעהענדיג צום אַלטען, האָט ער געזאָגט: „וואָס טהוסטו דאָ, שייך?"

און דער אַלטער האָט געזאָגט: „איך בין אַ פישער, מיין הערר, און איך האָב אויפ'ן קאַרק אַ גרויסע פאַמיליע. פון שטוב בין איך אַוועק בייטאָג און געאַרבייט ביז איצט, אָבער אַלאַה האָט מיר גאָרנישט צוגעשיקט, איך זאָל קאָנען דערנעהרען מיין פאַמיליע און דערווייטער האָב איך [illegible] און רוף אויף זיך דעם טויט." אַז דער פישער איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט דער קאַליף געזאָגט: „אפשר ווילסטו אַ צאָלן צו געהן מיט אונז צוריק צום טייך און אַריינוואַרפען אינ'ם וואַסער דעם נעץ אויף מיין גליק? אויב דו וועסט טהון מיין פערלאַנג, קויף איך ביי דיר אָב דעם פאַנג פאַר הונדערט דוקאַטען."

האָט זיך דער פישער זעהר דערפרעהט און געזאָגט: „דו ביזט אַ בעל-הבית איבער מיין קאָפּ. איך געה מיט דיר צום טייך."

און זיי זענען אַוועק צוריק צום טייך און דער פישער

האָט אַריינגעוואָרפען זיין נעץ און אָבגעוואַרט אַ געוויסע צייט. דערנאָך האָט ער אַ ציה געטהון פאַר די שטריק און אַרויסגע-שלעפט דעם נעץ, אָבער אין נעץ איז געלעגען אַ שווערער קאַ-סטען, וואָס איז געווען צוגעשלאָסען. האָט דער קאַליף געפּרובט דעם קאַסטען און געזעהן, אַז ער איז אַ שווערער, האָט ער גע-געבען הונדערט דוקאַטען דעם פישער, וואָס איז אַוועק אַ צו-פריעדענער אַהיים. און מעסור צוזאַמען מיט דושאַפאַר'ן האָבען גענומען דעם קאַסטען און אַוועק אין פּאַלאַץ אַריין. אין פּאַלאַץ האָבען זיי אָנגעצונדען ליכט און אַוועקגעשטעלט פאַר'ן קאַליף דעם קאַסטען. דערנאָך האָט דושאַפאַר מיט מעסור'ן צובראָכען דעם שלאָס און אויפגעעפענט דעם קאַסטען און דאָרט האָבען זיי געפונען אַ קאָרב פון פּאַלמענצווייגען, איבערגעבונדען מיט אַ רויטען שטריקעל. אַז זיי האָבען איבערגעשניטען דאָס שטריקעל, האָבען זיי געפונען אַ שטיקעל טעפּיך און אַז זיי האָבען אויפגעהויבען דעם טעפּיך, האָבען זיי דערזעהן אַ פרוי, קלאָר ווי זילבער, און צושניטען אויף קליינינקע שטיקלעך.

אַז דער קאַליף האָט עס דערזעהן, האָט ער זיך צעוויינט, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטהון אויפ'ן וויזיר און אויסגעשריען: „אַך, דו הינדטישער וויזיר! שוין-זשע ווערט מען הרג'ענען מענ-שען—מיינע אונטערטאַנען, בשעת איך וועל זיצען אויפ'ן טראָן,— הרג'ענען מענשען און אַריינוואַרפען זיי אין טייך אַריין און איך זאָל דערנאָך ענטפערן פאַר גאָט? איך שווער ביי אַלאַה, אַז איך וועל נקמה נעהמען פאַר דער דאָזיגער פרוי. און איך שווער דיר, אַז איך וועל דיך קרייציגען ביי די טהירען פון פּאַלאַץ, צוזאַמען מיט דיינע פיערציג קרובים, אויב דו וועסט מיר נישט ברענגען דעם יעניגען, וואָס האָט דער'הרג'עט די דאָזיגע פרוי. אַנישט בין איך נישט איינער פון די זיהן פון על-אַבאַס."

דער קאַליף איז פון מינוט צו מינוט געשטיגען אין זיין כעס. און דעמאָלט האָט דושאַפאַר געזאָגט: „גיב מיר דריי טעג צייט."

„איך גיב דיר דריי טעג צייט",—האָט דער קאַליף געענ-טפערט. דושאַפאַר איז אַרויס פון פּאַלאַץ זעהר אַנ'אומעטיגער און

טריב האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסען און געטראַכט: „נו, ווי אַזוי וועל איך געפינען דעם יעניגען, וואָס האָט דער־הרג'עט די פרוי? און אויב, ווידער, איך זאָל איהם צושטעלען אַ פאַלשען מערדער, וועט דאָך ליידען מיין געוויסען דערפון? איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טהון."

דריי טעג צייט איז ער געזעסען אין שטוב און אויפ'ן פיערטען האָט דער קאַליף געשיקט נאָך איהם, און אַז ער איז געקומען, האָט ער איהם געפרעגט: „נו, וואו איז דער מערדער פון דער פרוי?" איז דזשאַפאַר געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען און דערנאָך געענטפערט: „זאָ, מלך פון די רעכטגלויבער! קאָן איך דען וויסען פאַרבאָרגענע זאַכען, וואָס זיינען אַ סוד פאַר אַלע־מען, און וואו קאָן איך געפינען דעם מערדער?" האָט דער דאָ־זיגער ענטפער אַריינגעוואָרפען דעם קאַליף אין שרעקליכען גרימצאָרן און ער האָט געהייסען, מען זאָל איהם קרייצען ביים טויער פון זיין פּאַלאַץ און איבער די גאַסען פון דער שטאָדט באַגדאַד האָט ער צושיקט מענשען, זיי זאָלען אויסרופען אויפ'ן קול, אַז ווער עס וויל הנאה־האָבען און זעהן, ווי עס ווערט גע־קרייצט דעם קאַליפ'ס וויזיר, דזשאַפאַר על־באַרמעקי צוזאַמען מיט זיינע קרובים ביים טויער פון פּאַלאַץ, זאָל קומען צו דער בעשטימטער שעה. האָט זיך פון אַלע זייטען גענומען קלייבען דער המון, צו זעהן ווי עס ווערט געקרייצט דער וויזיר און זיינע קרובים, אָבער קיין איינער האָט נישט געוואוסט די סבּה פון דער דאָזיגער שטראָף. און דער קאַליף האָט געהייסען, מען זאָל אויסשטעלען קרייצען. דער בעפעהל איז באַלד דערפילט געוואָרען און דזשאַפאַר איז געשטאַנען פאַר די קרייצען צוזאַ־מען מיט זיינע קרובים און געוואַרט אויף זיין שטראָף, אָבער דער המון האָט שטאַרק בעוויינט דזשאַפאַר'ן מיט זיינע קרובים.

נאָר אין דער אייגענער רגע איז שנעל אַרויס אַ יונגער־מאַן פון המון, שען און רייך געקליידט, און ער איז צוגעגאַנגען צום קאַליף און געזאָגט: „זאָל דיך גאָט אויסהיטען פון אַזאַ משפּט, אָ, ראש פון עמירען און מאַן פון לייטזעליגקייט! די

פרוי, וואָס איהר האָט געפונען אין קאַסטען, האָב איך דער'-הרג'עט און דעריבער זאָל איהר טויט פאַלען אויף מיר!"

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך דזשאַפאַר זעהר דערפרעהט, נאָר עס האָט איהם באַנג געטהון אויף דעם יונגען-מאַן, וואָס וועט באַלד געטויט ווערען. נאָר ווי ער איז געשטאַ-נען אַזוי פערטראַכט צווישען פרייד און צער, האָט זיך ווידער דורכגעשטויסען צווישען המון אַ מאַן און איז צוגעגאַנגען צום וויזיר און דעם יונגענמאַן. דאָס איז געווען אַן'אַלטער שייך, וואָס האָט זיך פערנויגט און געזאָגט: „אָ, וויזיר, גלויב נישט דעם דאָזיגען יונגענמאַן, ווארום די פרוי האָב איך דער'הרג'עט און דעריבער בעדאַרף מען מיך בעשולדיגען אין איהר טויט און נישט איהם." האָט דער יונגערמאַן געענטפערט: „אָ, וויזיר, דער דאָזיגער האָט שוין לאַנג זיין שכל פערלאָרען פון אַלטקייט. ער וויים נישט, וואָס ער רעדט. געטויט האָב איך זי און דעריבער קומט מיר די שטראָף." „מיין זוהן,—האָט דער שייך געזאָגט,— דו ביזט נאָך יונג און דאָס לעבען בעדאַרף נאָך האָבען פאַר דיר אַ רייץ. אָבער איך בין אַלט, איבערגעזעטיגט מיט'ן לעבען. איך קאָן פערבייטען אי דיך, אי דעם וויזיר מיט זיינע קרובים. און די פרוי האָב איך דער'הרג'עט. איך שווער ביי גאָט, און דע-ריבער בעדאַרף מען מיך וואָס גיכער בעשטראָפען."

דערהערט אַזוינע ווערטער, האָט דער וויזיר געגאַפט. דער-נאָך האָט ער זיך בעדאַכט און אַוועקגעפיהרט דעם יונגענמאַן מיט'ן אַלטען שייך צום קאַליף און געזאָגט: „אָ, מלך פון די רעכט-גלויביגע! דער מערדער פון דער פרוי איז געקומען." „וואו איז ער?"—האָט דער קאַליף געפרעגט. און דער וויזיר האָט געזאָגט: „אָט דער יונגערמאַן זאָגט, אַז ער האָט דער'הרג'עט די פרוי, אָבער דער שייך לייקענט דערין און זאָגט, אַז ער האָט זי גאָר דער'הרג'עט."

האָט דער קאַליף אַ קוק געטהון אויפ'ן יונגענמאַן און אויפ'ן שייך און געפרעגט: „ווער פון אייך האָט דער'הרג'עט די יונגע פרוי?"

„נאָר איך אַליין האָב זי דער'הרג'עט."—האָט געענטפערט

דער יונגערמאַן. אָבער דער אַלטער שייך האָט אויך דאָס אייגעבע געזאָגט: „נאָר איך אַליין האָב זי דער'הרג'עט."

האָט דער קאַליף ביידען אויסגעהערט און געזאָגט: „נעהם זיי, דזשאַפאַר, און קרייציג זיי ביידען." אָבער דזשאַפאַר האָט געענטפערט: „אויב איינער האָט בלויז דער'הרג'עט די פרוי, איז דאָך נישט קיין יושר ביידען צו טויטען." דאָ האָט זיך אָנגערופען דער יונגערמאַן: „איך שווער ביי דעם, וואָס האָט אויפגעהויבען די הימלען און אונטען אויסגעשפּרייט די ערד, אַז איך האָב דער'הרג'עט די דאָזיגע פרוי." און ער האָט אויספיהרליך דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט זי דער'הרג'עט און אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דער קאַליף האָט זי בעדאַרפט געפינען. האָט זיך דער קאַליף איבערצייגט, אַז די פרוי האָט דער'הרג'עט דער יונגערמאַן, אָבער ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט און געפרעגט: „ווי אַזוי האָסטו דער'הרג'עט די פרוי און דערביי קיין קלעפּ נישט בעקומען, בשעת מען האָט דיך גע'משפט אין געריכט?"

דערויף האָט דער יונגערמאַן אַזוי געענטפערט: „וויסען זאָלסטו, אָ, מלך פון די רעכטגלויבער, אַז די דאָזיגע פרוי איז געווען מיין ווייב און די טאָכטער פון מיין פעטער: דער דאָזיגער שייך איז געווען איהר פאָטער און מיין פעטער. זי איז געווען נאָך גאָר אַ יונג מיידעלע, ווען איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט און אַלאַה האָט אונז בעשאָנקען מיט דריי יונגעלעך. און די פרוי האָט מיך ליעב געהאַט און האָט מיך אָבגעהיט און איך האָב קיין שלעכטס נישט בעמערקט אין איהר. איינמאָל איז זי ערנסט קראַנק געוואָרען. האָב איך גערופען דאָקטוירים צו איהר און זיי האָבען זי געהיילט און זי איז געזונד געוואָרען, אָבער איך האָב געוואָלט, זיי זאָלען זי שיקען זיך היילען אין די בעדער. האָט זי געזאָגט: „איידער איך געה נעהמען וואַנעס, פערלאַנג איך איין זאַך." „וואָס ווילסטו?"—האָב איך געפרעגט. האָט זי געזאָגט: „איך וויל אַן'עפּעל, כאָטש נאָר אַ שמעק צו טהון דערפון און איינצובייסען."

האָב איך באַלד אַוועקגעשיקט אין שטאָדט אַריין נאָך עפּעל און איך וואָלט געקויפט, נישט-געקוקט אויף די פרייזען,

אָבער מען האָט נישט געקאָנט בעקומען קיין עפּעל. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אַלץ געקלערט און אינדערפריה בין איך אַוועק צו אַלע גערטנער, אפשר וועל איך ביי זיי געפינען כאָטש איין עפּעל, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען: קיין עפּעל זענען נישט געוועזן. אָבער דאָ האָב איך געטראָפען אַנ׳אַלטען גערטנער, ביי וועלכען איך האָב געוואָלט קויפען עפּעל און ער האָט געזאָגט: „אָ, מיין זוהן, עפּעל זענען דאָ אַזוי זעלטען, אַז דו וועסט זיי אפשר בעקומען ביים מלך פון די רעכטגלויבער, דאָרט, אין על-באַשראַך, וואו זיי ווערען געהאַלטען פאַר׳ן קאַליף.״ האָב איך מיך אומגעקעהרט אַהיים, אָבער די ליעבע צו מיין ווייב איז געוועזן אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב געמאַכט אַ לאַנגע נסיעה צו בּעקומען עפּעל. פופצעהן טעג בין איך געפאָהרען טאָג און נאַכט, נישט אָבשטעלענדיג זיך, און האָב געבראַכט דעם ווייב דריי עפּעל, וועלכע איך האָב געקויפט אין על-באַשראַך ביים גערטנער פאַר דריי דוקאַטען. מיט גרויס פרייד האָב איך עס איהר אונטערגעטראָגען, אָבער זי איז געוועזן נישט צופריעדען און האָט זיי נישט אָנגעריהרט. זי האָט דעמאָלט געהאַט זעהר אַ שטאַרקען פיבער און איז קראַנק געוועזן נאָך צעהן טעג.

באַלד ווי זי איז געזונד געוואָרען, בין איך אַרויס פון שטוב און אַוועק צו זיך אין קראָם, צו פערקויפען און איינקויפען סחורה. צו האַלבען טאָג איז מיר פאַרבייגעגאַנגען אַ שוואַרצער שקלאַף און געשפּיעלט מיט אַנ׳עפּעל. האָב איך איהם געפרעגט: „וואו האָסטו בעקומען דעם דאָזיגען עפּעל?״ האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט און געענטפערט: „פון מיין געליעבטער. איך בין געוועזן אַוועקגעפאָהרען, און אַז איך בין געקומען צוריק, האָב איך געפונען מיין געליעבטע קראַנק און נעבען איהר זענען געלעגען דריי עפּעל. און זי האָט מיר געזאָגט: „מיין לייכטגלויביגער מאַן איז געפאָהרען נאָך זיי קיין על-באַשראַך און בעצאָהלט פאַר זיי דריי דוקאַטען. נעהם דיר איינעם פון זיי.״

אָ, מלך פון די רעכטגלויביגע, פון די דאָזיגע ווערטער איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען און איך האָב פערשלאָסען די קראָם און זיך אומגעקעהרט אַהיים און דאָס האַרץ

איז מיר פערברענט געוואָרען פון גרימצאָרן. דעם דריטען עפּעל האָב איך נישט געפונען און איך האָב געפרעגט דאָס ווייב: „וואו איז דער דריטער עפּעל?״ און זי האָט רוהיג געענטפערט: „איך ווייס נישט. ער איז מיר פערפאַלען געוואָרען.״

און דאָ האָב איך מיך איבערציייגט, אַז דער שקלאַף האָט געזאָגט אַנ׳אמת, בין איך אויפגעשטאַנען, געחאַפּט אַ מעסער, זיך געוואָרפען צו דער ווייב און אַריינגעשטאָכען איהר אין האַרץ אַריין. דערנאָך האָב איך איהר אָבגעשניטען דעם קאָפּ, די הענד און די פיס און אין איילעניש אַריינגעוואָרפען עס אין אַ קאָרב און בעדעקט מיט אַ שטיקעל טעפּיך. דעם קאָרב, ווידער, האָב איך אַריינגעלעגט אין אַ קאַסטען און פערשלאָסען און דערנאָך האָב איך עס אייגענהענדיג אַריינגעוואָרפען אין טייך אַריין.

דער יונגערמאַן האָט אַ ווײלע געשוויגען און דערנאָך ווייטער געזאָגט: „און איצט בעט איך דיך אין נאָמען פון גאָט, אָ, מלך פון די רעכטגלויבער, נעהם מיר צו וואָס גיכער דאָס לעבען, כדי איך זאָל אויסקויפען דעם מאָרד, וואָרום איך האָב מורא, אַז די דער׳הרג׳עטע וועט פאָדערן נקמה אין שרעקליכען יום-הדין*). זאָלסט וויסען, אַז ווען איך האָב אונבעמערקט אַריינגעוואָרפען דעם קערפּער אין טייך אַריין און געקומען אַהיים, האָב איך מיין עלטערן זוהן געטראָפען וויינענדיג, הגם ער האָט נישט געוואוסט, וואָס איך האָב נאָר-וואָס געטהון מיט זיין מאַמען. האָב איך איהם געפרעגט: „וואָס וויינסטו?״ און ער האָט געענטפערט: „איך האָב גענומען ביי דער מאַמען אַנ׳עפּעל און אַוועקגעלאָפען מיט די ברידערלעך שפּיעלען אויף דער גאַס. איז

*) לויט׳ן מאַהמעדאַנישען גלויבען ווערען אין יום-הדין אויסגעוואויגען אויף אַ ריכטיגער וואָג אַלע מעשים פון מענשען, און דער בעליידיגטער האָט דאָס רעכט נקמה צו נעהמען פון בעליידיגער און זיך צושרייבען אַ טייל פון זיינע גוטע מעשים. אויב ער האָט נישט קיין גוטע מעשים, גיט איהם איבער דער בעליידיגטער זיינע שלעכטע מעשים און יענער געהט אין גיהנם.

פאַרבייגעגאַנגען אַ הויכער שוואַרצער שקלאַף, אַרויסגעריסען ביי מיר דעם עפּעל און געפרעגט, וואו האָב איך איהם גענומען. האָב איך געזאָגט, אַז מיין פאָטער איז געפאָהרען און געבראַכט איהם צופיהרען פאַר דער מאַמען פון על-באַשראַך. איך האָב איהם אויך געזאָגט, אַז מיין מאַמע איז קראַנק און דער פאָטער האָט איהר געבראַכט דריי עפּעל פאַר דריי דוקאַטען. אָבער ער האָט דאָך צוגענומען ביי מיר דעם עפּעל און האָט מיך נאָך אָנגעשלאָגען.״

דערהערט אַזוינע ווערטער פון מיין זוהן, האָב איך פערשטאַנען, אַז דער שקלאַף האָט פאַלש גערעדט אויף דער טאָכטער פון מיין פעטער און אַז איך האָב זי אומזיסט דער׳הרג׳עט. און אין דער צייט, ווען איך בין געזעסען און ביטער געוויינט, איז געקומען צו מיר מיין פעטער און דער פאָטער פון מיין ווייב און איך האָב איהם דערצעהלט אַלץ, וואָס איז געשעהן און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און זיך אויך צעוויינט. פינף טעג האָבען מיר געוויינט און וויינען נאָך ביז היינטיגען טאָג. איך בעט דיך אין זכות פון מיינע עלטערן, דו זאָלסט מיך וואָס גיכער בעשטראָפען, כדי איך זאָל קאָנען אויסקויפען דעם דאָזיגען מאָרד.

דער קאַליף האָט זיך שטאַרק גע׳חדוש׳ט פון דער דאָזיגער געשיכטע.

„ביי גאָט,—האָט ער געזאָגט,—איך וועל קיין אַנדערן נישט בעשטראָפען, נאָר דעם פאַלשען שקלאַף. וואָרום דעם יונגענמאַן קאָן איך בעפרייען. דזשאַפאַר, ברענג מיר איהם אַהער, דעם דאָזיגען געמיינעם שקלאַף, וואָס איז די סבה פון דעם גאַנצען אומגליק. אויב דו וועסט מיר איהם נישט ברענגען, וועסטו געטויט ווערען אָנשטאָט איהם.

האָט זיך דער וויזיר ווידער צעוויינט און האָט צו זיך געזאָגט: „וואו זאָל איך איהם נעהמען? נישט אַלעמאָל גליקט דאָך אַ מענשען. איין מאָל האָט מיר אָבגעגליקט, נאָר דאָ וועל איך שלעכט אָבשניידען. אָבער אַלאַה האָט מיר שוין איין מאָל געהאָלפען, אפשר וועט ער מיר דאָס מאָל ווייטער העלפען? ביי גאָט, איך וועל גאַנצע דריי מעת-לעת נישט אַרויס פון שטוב און זאָל גאָט,

געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען, טהון, וואָס ער וויל."

און אַזוי האָט ער גאַנצע דריי מעת-לעת פערבראַכט ביי זיך אין דערהיים און אויפ'ן פיערטען מעת-לעת האָט ער גערופען דעם קאַדי און געלאָזט שרייבען אַ צוואה און זיך הייס צוגעזעגנט מיט זיינע קינדער. און דעמאָלט איז געקומען אַ שליח פון קאַליף און געזאָגט: „דער מלך פון די רעכטגלויביגע איז גנעדיג בייז אויף דיר און האָט מיך געשיקט דיך רופען. ער האָט זיך געשוואָרען, אַז אויב דו וועסט איהם היינט נישט ברענגען דעם שקלאַף, מוז ער דיך טויטען."

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט דזשאַפאַר זיך צעוויינט און די קינדער האָבען צוזאַמען מיט איהם געוויינט. האָט ער זיך נאָכאַמאָל צוזעגענט מיט די קינדער און צולעצט מיט זיין געליעבטער טאָכטער. די דאָזיגע טאָכטער האָט ער ליעב געהאַט מעהר פון אַלע קינדער, און אַז ער האָט זי צוגעדריקט צום האַרצען, האָט ער נאָך שטאַרקער געוויינט, וואָס ער בעדאַרף זיך שיידען מיט איהר. אָבער אין דער אייגענער רגע, בשעת ער האָט זי צוגעדריקט צום האַרצען, האָט ער דערשפירט, אַז זי האָט עפּיס אַ קיילעכיגע זאַך אין קעשענע. און ער האָט געפרעגט: „וואָס האָסטו אין קעשענע?" האָט זי געענטפערט: „אַן עפּעל, פאָטער. אונזער שקלאַף רייוואַן האָט מיר איהם געגעבען און איך טראָג איהם שוין פיער טעג. פאַר'ן עפּעל האָב איך איהם געמוזט גוט בעצאָהלען."

און ווי דזשאַפאַר האָט עס דערהערט, האָט ער זיך זעהר דערפרעהט, און נאָכדעם, ווי ער האָט בעדאַנקט גאָט, האָט ער געהייסען, מען זאָל ברענגען דעם שקלאַף. און אַז מען האָט געבראַכט דעם שקלאַף, האָט ער געפרעגט: „וואו האָסטו גענומען דעם עפּעל?" דערויף האָט דער שקלאַף געענטפערט: „אָ, מיין הערר! מיט פינף טעג צוריק בין איך געגאַנגען אין שטאָדט, האָב איך געזעהן, ווי עס שפּיעלען זיך קליינע קינדער, און איין יונגעל האָט געהאַט אין דער האַנד דעם דאָזיגען עפּעל. האָב איך צוגענומען דעם עפּעל און דאָס יונגעל אָנגעשלאָגען, האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט: „דער עפּעל איז מיין מוטערס, זי איז

קראַנק, האָט זי געבעטען, דער פאָטער זאָל איהר ברענגען עפּעל. איז דער פאָטער געפאָהרען קיין על-באַשראַך און געבראַכט איהר דריי עפּעל, פאַר וועלכע ער האָט בעצאָהלט דריי דוקאַטען. פון די דריי האָב איך איין עפּעל גענומען צום שפּיעלען." און דאָס יונגעל האָט ווידער געוויינט. אָבער איך האָב דערויף נישט גע-קוקט, גענומען דעם עפּעל און געבראַכט איהם אַהער און מיין קליינינטשקע הארין האָט איהם ביי מיר געקויפט."

דערהערט אַזוינע ווערטער, האָט זיך דזשאַפאַר נישט גע-קענט אָבּ'חדוש'ען, זעהענדיג, אַז זיין שקלאַף איז געווען די סבה פון די אַלע אומגליקען און פון דער געטויטעטער פרוי. האָט ער איהם גענומען מיט זיך און אַוועק צום קאַליף, וואָס האָט בע-פוילען, אַז די גאַנצע געשיכטע זאָל אָנגעשריבען ווערען אויפ'ן פּאַפּיער און דערנאָך פּובליקירט ווערען.

אָבער דזשאַפאַר האָט איהם געזאָגט: „אָ, מלך פון די רעכטגלויביגע, זאָל דיך אַזוי נישט וואונדערן די דאָזיגע געשיכטע ווייל די געשיכטע פונ'ם וויזיר נור-עד-דין און זיין ברודער שעמס-עד-דין איז נאָך חדוש'דיגער פאַר דער. האָט דער קאַליף אויסגעשריען: „קאָן נאָך זיין אַ געשיכטע וואונדערליכער פאַר דער?" און דזשאַפאַר האָט געענטפערט דערויף: „אָ, מלך פון די רעכטגלויביגע! איך קאָן זי דיר דערצעהלען, אָבער נאָר אונטער דעם בעדינג, דו זאָלסט בעפרייען מיין שקלאַף פון טויטשטראָף." האָט דער קאַליף געזאָגט: „איך שענק דיר זיין בלוט."

און דעמאָלט האָט דזשאַפאַר אָנגעהויבען זיין געשיכטע אַזוי:

נור-עד-דין און זיין זוהן און שעמס-עד-דין און זיין טאָכטער.

זעכצעהנטע נאַכט.

„און וויסען זאָלסטו, אָ, מלך פון די רעכטגלויביגע, אַז אין קאַאיר איז געווען אַ סולטאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט יושר און רחמים, און געהאַט האָט דער דאָזיגער סולטאַן אַ קלוגען און געבילדעטען וויזיר, וואָס האָט זעהר גוט געוואוסט זיין זאַך און האָט געקאָנט פיהרען דאָס לאַנד. און דער דאָזי-גער וויזיר, וואָס איז שוין געווען אַן'אַלטער מאַן, האָט געהאַט צוויי זיהן, ווי צוויי העלע לבנות. האָט מען דעם עלטערן זוהן גערופען שעמס-עד-דין און דעם יונגערן נור-עד-דין, אָבער דער יונגערער זוהן איז געווען שענער און פאָרנעהמער פאַר דעם עלטערן. אין דער צייט איז ער געווען דער שענסטער מאַן אין לאַנד און פון אַלע שטעדט און פראָווינצען פלעגען קומען פיעל מענשען אָנקוקען דעם וויזירס זוהן. און געשעהן איז אַזוי, אַז דער פאָטער איז געשטאָרבען און דער סולטאַן, וואָס האָט ליעב געהאַט ביידע זיהן, האָט זיי געשענקט עהרען-קליידער און זיי פאָרגעלעגט דעם פאָטערס שטעלע. האָבען זיך די ברידער זעהר דערפרעהט און געקושט דעם שטויב פון דעם סולטאַנס פיס, און נאָך די טרויער-צערעמאָניעס נאָכ'ן פאָטער, וואָס האָבען געדויערט אַ מאָנאַט צייט*), האָבען זיי איבערגענומען די שטעלע פון אַ וויזיר. און זיי פלעגען זיך בייטען: אַ וואָך האָט געאַרבייט איי-

---

*) די מענער אין אַראַביען טוישען נישט די קליידער אין דער צייט פון טרויער, אָבער דאָך זענען דאָרט פאַרהאַן געוויסע טרויער-צערעמאָניעס. צוֹ, צום בייִשפּיעל, אין אָוענד נאָך אַ לוית, לייענען די נאָהנטע פונ'ם פערשטאָרבענעם דעם קאָראַן. דריי מאָל אין טאָג בעדאַרף אַרויסגעזאָגט ווערען טויזענד מאָל נאָכאַנאַנד: „נישטאָ קיין גאָט, אויסער גאָט.“ און כדי מען זאָל קיין טעות נישט מאַכען, צעהלט מען בשעת מעשה אַזוינע גלאָז-קיילעכלעך, וואָס זענען אָנגעצויגען אויף אַ שנירעל.

נער, אַ װאָך אַ צװײטער, און אַז דער סולטאַן פלעגט מאַכען אַ נסיעה, פלעגט ער מיטנעהמען מיט זיך אײנעם פון די ברידער.

און אײנמאָל האָט דער סולטאַן געמאָלדען, אַז מאָרגען מאַכט ער אַ נסיעה און אַז דאָס מאָל װיל ער מיטנעהמען דעם עלטערן ברודער. האָבען די ברידער די גאַנצע נאַכט גערעדט װעגען דעם און דער עלטערער האָט געזאָגט: „אָ, מײן ברודער, איך װאָלט אַזױ געװאָלט, מיר זאָלען בײדע חתונה-האָבען אין אײן טאָג.“ און דערױף האָט דער יונגערער געענטפערט: „אָ, מײן ברודער, איך בין אײנפערשטאַנדען מיט אַלץ, װאָס דו בעגעהרסט.“

האָט דער עלטערער געזאָגט: „אויב אַלאַה װעט בעװיליגען, מיר זאָלען חתונה האָבען אין אײן טאָג, װעלען אונזערע װײבער געבוירען קינדער אויך אין אײן טאָג. אויב דו װעסט האָבען אַ זוהן און איך אַ טאָכטער, װעלען מיר זײ בײדען חתונה מאַכען.“ נור-עד-דין האָט אָבגעװאַרט ביז ער האָט געענדיגט און דערנאָך האָט ער געזאָגט: „אָ, מײן ברודער, װאָס פאַר אַ נדן װעסטו װעלען צו דער התונה פון מײן זוהן מיט דײן טאָכטער?“ און דער עלטערער האָט געזאָגט: „איך װעל װעלען דרײ טױזענד דוקאַטען, דרײ גערטנער און דרײ פערמעס, און אויב דײן זוהן װעט װעלען ענדערן די דאָזיגע בעדינגונגען, װעט ער נישט װערט זײן די כלה.“

און דאָ האָט נור-עד-דין אױסגעשריען: „אַזאַ נדן פאָדערסטו פון מײן זוהן? זענען מיר דען נישט בײדע גלײכע ברידער, גלײכע װעזירען און האָבען מיר דען נישט בײדע גלײכע טיטלען? דו האָסט בעדאַרפט אױסגעבען דײן טאָכטער פאַר מײן זוהן גאָר אָהן נדן, װאָרום דו מוזט דאָך װיסען, אַז אַ מאַן שטעהט העכער פאַר אַ פרױ און דורך מײן זוהן װעט פאָרטגעזעצט װערען אונזער פאַמיליע, אָבער דײן טאָכטער װאָס? גאָרנישט.“

איז דער עלטערער ברודער בײז געװאָרען און געפרעגט: „װאָס האָסטו געזאָגט װעגען מײן טאָכטער?“ און נור-עד-דין האָט געענטפערט: „איך האָב געזאָגט, אַז אונזער געשעצטע פאַ

מיליע וועט נישט פאָרטגעזעצט ווערען דורך דיין טאָכטער. אָבער מיר שיינט, אַז דו ווילסט זיך מיט מיר בעגעהן, ווי מען בעגעהט זיך מיט אַ שלעכטען קונה. כדי פטור צו ווערען פון איהם, לעגט מען איהם פאַר אומישנע אַ צו-הויכען פרייז."

„איצט זעה איך,—האָט שעמס-עד-דין געזאָגט,—ווי דו בעגעהסט זיך שלעכט דערמיט, וואָס דו שטעלסט העכער דיין זוהן פאַר מיין טאָכטער. און איך זעה אויך, אַז דיר פעהלט שכל, קוים פאַלט דיר איין צו זאָגען, אַז מיר האָבען ביידע גלייכע טיטלען. ווייסטו דען נישט, אַז פון רחמנות צו דיר האָב איך דיך גענומען אויף דער וויזיר-שטעלע! ביי גאָט, איך וועל נישט אויסגעבען פאַר דיר מיין טאָכטער, ווען דו זאָלסט מיר אפילו פאָרלעגען אַזוי פיעל גאָלד, וויפיעל זי וועגט."

דערהערט אַזעלכע ווערטער, איז נור-עד-דין אַריינגעפאַלען אין שרעקליכען גרימצאָרן און אויסגעשריען: „איך וועל נישט חתונה מאַכען מיין זוהן מיט דיין טאָכטער."

אָבער שעמס-עד-דין האָט נאָך אויפגעהויבען העכער זיין קול און געזאָגט: „און איך וועל מיין טאָכטער נישט געבען דיין זוהן פאַר אַ ווייב. און ווען איך וואָלט איצט נישט בעדאַרפט אַוועקפאָהרען מיט'ן סולטאַן, וואָלט איך דיר געטהון אַזאַ זאַך, וואָס וואָלט געווען אַ וואָרנונג פאַר דיר און פאַר אַנדערע, אָבער אַלאַה וועט מיך שוין אַרויסהעלפען, ווען איך וועל מיך אומקעהרען צוריק."

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז נור-עד-דין אַריינגעפאַלען נאָך אין אַ שטאַרקערן גרימצאָרן און דאָס לעבען איז איהם שוין נישט ניחא געווען, אָבער ער האָט פערבאָרגען זיינע געפיהלען, און די עטליכע שעה, וואָס זיי איז געבליבען, האָבען זיי פערבראַכט בעזונדער. אויף מאָרגען האָט זיך דער סולטאַן געלאָזט אין וועג אַריין צו דעם לאַנד פון פיראַמידען אין דער בעגלייטונג פון זיין וויזיר.

אָבער נור-עד-דין האָט זעהר שלעכט פערבראַכט די נאַכט און אַז עס איז געוואָרען טאָג, איז ער אויפגעשטאַנען, אָבגעזאָגט די פריהמאָרגענדיגע תפילה און אַוועק צו זיך אין צימער.

דאָרט האָט ער געגומען אַ זאַק און אָנגעפּילט איהם מיט גאָלד, דערנאָך האָט ער געטראַכט וועגען ברודער און זיינע שלעכטע רייד, און דעמאָלט האָט ער איבערגע׳חזר׳ט דאָס דאָזיגע ליעד:

פערלאָז דיין שטאָדט, די וועלט איז פאַר דיר אָפען,
דו וועסט אַ פריינד געפינען אין דער־פרעמד.
דו וועסט אויך דאָרט ערפאָלג און רוהם געפינען.
דער לייב, ווען ער פערלאָזט זיין נאָרע נישט,
וועט קיינמאָל צו זיין רויב נישט אונטערקומען,
און אויך דער פייל, וואָס שפּרינגט נישט אָב פון בויגען,
וועט קיינמאָל צו זיין ציעל־פּונקט נישט דערלויפען.

אין ער האָט געהייסען איינעם פון די יונגע לייט, ער זאָל איהם אָנזאָטלען זיין גרויס און הייס פערד. האָט ער אָנגעזאָטעלט דאָס פערד מיט אַ גאָלדענעם זאָטעל און מיט פוס-אייזענדלעך פון אינדישען שטאָל און איבערגעצויגען דאָס פערד מיט סאַמעט און עס האָט אויסגעזעהן, ווי אַן אויסגעפּוצטע כלה. אויסערדעם האָט ער געהייסען, מען זאָל אַוועקלעגען אויפ׳ן זאָטעל אַ זיידען טעפּיכעל, אויף וועלכען ער זאָל קאָנען תפילה טהון פאַר גאָט, און אונטער׳ן טעפּיך האָט ער אַוועקגעלעגט די זעק מיט׳ן געלד. ווען אַלץ איז געטהון געוואָרען אַזוי ווי ער האָט געהייסען, האָט ער געזאָגט צום יונגענמאַן און צו זיינע שקלאַפען: „איך וויל אַוועקפאָהרען אויף אַ צוויי מעת-לעת אין דער פּראָווינץ קאַליוב. קיינער פון אייך טאָר אָבער מיט מיר נישט מיטפאָהרען, ווייל מיר איז אומעטיג.“

און ווי ער האָט עס געזאָגט, האָט ער זיך באַלד אַנידער־געזעצט אויפ׳ן פערד און איז אַרויסגעפאָהרען פון דער שטאָדט. מיט זיך האָט ער בלויז געהאַט אַ קליין פּעקעלע עסענוואַרג: צו האַלבען טאָג איז ער אַריינגעפאָהרען אין דער שטאָדט בילבייס, וואו ער האָט אָבגערוהט און געלאָזט אָברוהען זיין פערד. אין דער דאָזיגער שטאָדט האָט ער זיך געקויפט נאָך עסענוואַרג אויף זיין ווייטערדיגען וועג און מיטגענומען פאַשע פאַר׳ן פערד און אויף מאָרגען צו האַלבען טאָג איז ער געקומען קיין ירושלים. דאָ האָט ער ווידער אויסגערוהט און געלאָזט אויסרוהען דאָס פערד. ער האָט אַראָבגענומען דעם טעפּיך און אויסגעשפּרייט

איהם אויפ׳ן גראָז, די זעק אונטערגעלעגט אונטער׳ן קאָפּ און איינגעשלאָפען. אָבער דאָס האַרץ האָט איהם נאָך אַלץ געשטורמט. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געשלאָפען, אָבער אינדערפריה האָט ער זיך כון דאָסניי געזעצט אויפ׳ן פערד און איז געפאָהרען אַזוי לאַנג, ביז ער איז געקומען קיין אַלעפּאָ, וואו ער האָט זיך אויסגערוהט דריי טעג און געלאָזט אויך אויסרוהען דאָס פערד. דערנאָך האָט ער זיך פון דאָסניי אויפגעזעצט אויפ׳ן פערד און געפאָהרען אַזוי לאַנג ביז ער איז געקומען צו דער שטאָדט עלבּאַשראַך. און באַלד, ווי עס איז פינסטערליך געוואָרען, האָט ער אויסגעשפּרייט דאָס טעפּיכעל—ער זאָל קאָנען תּפילה טהון און דעם זאָטעל מיט׳ן פערד האָט ער אויף דערווייל איבערגעגעבען צו אַ דיענער.

און געשעהן איז אַזוי: בשעת דער דיענער איז אַרומגעגאַנגען מיט׳ן פערד אַהין-און-צוריק, האָט גראָד דער וויזיר אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און דערזעהן דאָס שענע פערד מיט׳ן גאָלדענעם זאָטעל מיט די טייערע רימענס און כאַמעט, האָט ער אַ טראַכט געטהון, אַז דאָס האָט אודאי געמוזט אַראָבפאָהרען אַהער אַ וויזיר אָדער אַ קאַליף. און נאָכאַמאָל האָט ער אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און נאָכאַמאָל האָט ער בעטראַכט דאָס פערד און ער האָט זעהר געגאַפט און האָט געהייסען איינעם פון זיינע פּאַזשען, ער זאָל אַ רוף טהון דעם דיענער. איז אַריין דער דיענער און אַ קוש געטהון דעם שטויב פון וויזירס פיס, און דער וויזיר, שוין אַן׳עלטערער מענש, האָט איהם געפרעגט: „ווער איז דער בעל-הבית פון דעם דאָזיגען פערד און ווי אַזוי זעהט ער אויס?‟

האָט דער דיענער געזאָגט: „אָ, מיין וויזיר! מיין הערר איז אַ יונגער מענש פון פיינער האַלטונג. ער מוז אַודאי זיין אַ זוהן פון אַ רייכען סוחר.‟

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך דער וויזיר אַנידערגעזעצט אויף זיין פערד און איז אַרויסגעפאָהרען אַנטקעגען דעם יונגענמאַן. און אַז דער יונגערמאַן האָט איהם דערזעהען, האָט ער זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צום וויזיר, וואָס איז

אַראָב פון פערד, און האָט איהם אַרומגענומען. און דער וויזיר האָט זיך פערנייגט פאַר איהם און איהם בעגריסט מיט וואַרימע ווערטער און געזאָגט: „צו וואָס, אָ, מיין זוהן, ביזטו געקומען אין אונזער שטאָדט?"

און נור-עד-דין האָט געענטפערט: „אָ, מיין העררן! איך פאָהר פון קאַאיר, וואו מיין פאָטער איז געוועזן וויזיר און איז איצט אַוועק אין דער בעסערער וועלט." און ער האָט איהם דערצעהלט אַלץ. וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט און צולעצט האָט ער געזאָגט: „איך האָב מיר געגעבען אַ וואָרט נישט אומצוקעהרען זיך צוריק, וואו איך וועל פריהער נישט זעהן אַלע שטעדט און אַלע לענדער אויף דער וועלט."

און דערויף האָט דער וויזיר געזאָגט: „אָ, מיין זוהן, דיינע קאַפּריזען געפעלען מיר נישט, ווייל זיי זענען געפעהליך. די לענדער זענען גרויס און איך שרעק מיך פאַר דיר."

און ווי ער האָט עס געזאָגט, האָט ער געהייסען צונעהמען דעם טעפּיך, און דערנאָך האָט ער גענומען נור-עד-דינ'ען אונטער דער האַנד און אַריינגעפיהרט איהם צו זיך אין הויז און אָבגעגעבען איהם די שענסטע חדרים און זיך בעגאַנגען מיט איהם מיט גרויס כבוד און ליעבע, און געזאָגט: „אָ, מיין זוהן, איך בין אַלט און האָב קיין זוהן נישט. אָבער אַלאַה האָט מיר געבענטשט מיט אַ טאָכטער, וואָס איז אַזוי שען, ווי דו. די אַלע, וואָס האָבען געוואָלט מיט איהר חתונה-האָבען, האָב איך אָבגעזאָגט. אָבער דיך האָב איך אַזוי ליעב בעקומען, אַז איך וויל דיך פרעגען: צי ווילסטו נישט ווערען דער מאַן פון מיין טאָכטער? אויב דו ביזט איינשטימיג, וועל איך פאָהרען צום סולטאַן פון על-באַסראַך און וועל איהם זאָגען: „דאָס איז דער זוהן פון מיין ברודער." און איך וועל דיך איהם פאָרשטעלען און זאָ וועסט ווערען וויזיר אויף מיין אָרט, וואָרום איך בין שוין אַלט און דאָס לעצטע ביסעל יאָהרען וועל איך וואוינען ביי דיר."

אָבער אַז נור-עד-דין האָט דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און בלויז געזאָגט: „איך הער און געהאָרך."

האָט דער וויזיר געהייסען זיינע דיענער, זיי זאָלען צו-גרייטען אַ פייערליכען מיטאָג און אויספוצען דאָס גרויסע גאַסט-צימער פאַר די געעהרטע געסט און עמירען, וואָס בעדאַרפען קומען. די איינלאַדונגען זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען צו אַלע זיינע פריינד, הויכגעשטעלטע לייט און גרויסע סוחרים און אַז זיי זענען געקומען, האָט ער געזאָגט: „איך האָב געהאַט אַ ברו-דער אַ וויזיר אינ'ם לאַנד מצרים און אַלאַה האָט איהם געבענשט מיט צוויי זיהן און מיך, ווי אייך איז בעוואוסט, האָט ער גע-בענשט מיט אַ טאָכטער. מיין ברודער האָט פערלאַנגט, איך זאָל חתונה-מאַכען מיין טאָכטער מיט איינעם פון זיינע זיהן און איך האָב בעוויליגט דערצו, און איצט, אַז מיין טאָכטער האָט דער-גרייכט די יאָהרען, ווען אַ מענש בעדאַרף חתונה-האָבען, האָט ער מיר צוגעשיקט איינעם פון זיינע זיהן, אָט דעם יונגענמאַן, וואָס שטעהט דאָ איצט פאַר אייך. ער איז נאָר-וואָס געקומען צופאָהרען און איך וויל טאַקי באַלד שרייבען תנאים צווישען זיי."

האָבען זיי אויסגעהערט דעם וויזירס רייד און געזאָגט: „דו האַנדעלסט זעהר גוט און קלוג."

נאָכדעם האָבען זיי געטרונקען צוקער-שערבעט, די פאַזשען האָבען בעשפריצט די לופט מיט רויזענוואַסער און די געסט זע-נען אַוועק. און ווי זיי זענען אַוועק, האָט ער געהייסען זיינע דיענער, זיי זאָלען פיהרען נור-עד-דינ'ען אין באָד אַריין און דערביי האָט ער איהם מיטגעגעבען אַ ליילעך און אַ טאַץ און פלע-שעלעך מיט פאַרפומען. נור-עד-דין איז אַוועק אין באָד אַריין און אַז ער האָט זיך צוריקגעקעהרט, איז ער געווען שען ווי די העַ-לע לבנה. ער איז אַראָב פון פערד און אַ קוש געטהון דעם ווי-זיר אין האַנד, און דער וויזיר האָט איהם בעגריסט און געזאָגט: „אָ, מיין קינד, היינט ביינאַכט געה צו דיין ווייב און מאָרגען וועלען מיר ביידע געהן צום סולטאַן און זאָל דיר אַלאַה צושי-קען פרייד און גליק."

און דעמאָלט איז נור-עד-דין אַוועק צו זיין ווייב, צו דער טאָכטער פון וויזיר

אַזוי האָט פּאַסירט מיט נור-עד-דינ'ען. אָבער זיין ברודער

האָט פעררייזט מיט׳ן סולטאַן און אַז ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, האָט ער נישט געפונען זיין ברודער און ער האָט געפרעגט די דיענער און די דיענער האָבען איהם אַזוי געענטפערט: „בשעת דו ביזט אַוועקגעפאָהרען מיט׳ן סולטאַן, האָט ער זיך אויסגעפוצט און אָנגעזאָטעלט זיין פערד, ווי צו אַ פייערליכער פראָצעסיע און האָט געזאָגט: איך פאָהר אין דער פראָווינץ קאַליוב, וואו איך וועל פערברענגען דריי טעג. קיינער פון אייך וועט אָבער מיט מיר נישט מיטפאָהרען, ווייל מיר איז שווער אויפ׳ן הארצען. אָבער ביז היינטיגען טאָג האָבען מיר פון איהם קיין שום ידיעה נישט.

און אַז שעמס-עד-דין האָט עס דערהערט, איז ער אָנגעפילט געוואָרען מיט צער און עס האָט איהם באַנג געטהון אויפ׳ן ברודער און די שיידונג מיט איהם האָט איהם טיעף גערידהרט. „דאָס איז ער אַוועקגעפאָהרען צוליעב מיר,—האָט ער געטראַכט,—איך האָב איהם דעמאָלט צו־שאַרפע ווערטער געזאָגט. מען מוז פונאַנדערשיקען מענשען, זיי זאָלען איהם אָנגעפינען.”

און ער איז אַוועק צום סולטאַן און איהם דערציעהלט וועגען אַלץ, און דער סולטאַן האָט אָנגעשריבען בריעף און פונאַנדערגעשיקט זיי צו אַלע שטעט פון די פּראָווינצען, אָבער נור־עד־דין איז אַזוי ווייט אַוועקגעפאָהרען, אַז די שלוחים האָבען זיך אומגעקעהרט אָהן אַ שום ידיעה וועגען איהם.

אָבער שעמס־עד־דין האָט זיך גאָר נישט געקאָנט בערוהיגען און האָט געזאָגט: „איך האָב מיין ברודער מצער געווען, ווייל איך האָב מיט איהם גערעדט שלעכטע רייד וועגען דעם שדוך פון אונזערע קינדער. איצט טהוט מיר שטאַרק באַנג, וואָס עס איז אַרויס אַ קריעג און עס האָט זיך אַזוי שלעכט אויסגעלאָזט.”

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך משדך־געווען מיט אַ סוחר פון קאַאיר און אַז מען האָט בעדאַרפט שרייבען תנאים, איז ער אַוועקגעפאָהרען צו זיין כלה. דאָס איז געשעהן אין דער זעלבער נאַכט, ווען נור־עד־דין איז דאָס ערשטע מאָל געגאַנגען צו דער טאָכטער פונ׳ם וויזיר פון על־באַשראַך. אַזוי איז געווען דער רצון פון גאָט און געלויבט און געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען.”

טויזענד און איין נאכט

שעכעראזאדע'ס מעשה'לעך

יודיש: ה. ד. נאמבערג.

צווייטעס באנד

(לויט די לעצטע, פערגרעסערטע אויסגאבען, מיט אנ'איילייטונג)

№ 13



צווייטעס בוך

די ווייטערדיגע געשיכטע פון נור־עד־דין און זיין זוהן און שעמס־עד־דין און זיין טאָכטער.

הויבט זיך אָן אין דער זיבעצעהנ־
טער נאַכט און ענדיגט זיך ביי
דער פיראונצוואַנציגסטער.

און אַלץ איז געשעהן אַזוי, ווי די ברידער האָבען גע־
רעכנט: ביידענס ווייבער האָבען זיך פערטראָגען, און דאָס ווייב
פון שעמס-עד-דין, דעם וויזיר פון עגיפּטען, האָט געהאַט אַ טאָכ-
טער, וואָס נאָך אַזאַ שענהייט איז נישט געוועז צו זעהן אין
גאַנצען לאַנד און נור-עד-דינס ווייב האָט געהאַט אַ זוהן, וואָס
צו זיין שענקייט האָט זיך אויך נישט געפונען קיין גלייכען.
האָט מען אַ נאָמען געגעבען דעם זוהן האַסאַן, און אויפ׳ן
זיבעטען טאָג נאָך זיין געבוירען האָט מען געמאַכט זעהר אַ
שענעם מאָלצייט און נאָכ׳ן מאָלצייט איז דער וויזיר פון על־
באַשראַך אַוועק מיט נור-עד-דינ׳ען צום סולטאַן. און נאָכדעם ווי
ער האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר׳ן סולטאַן, האָט נור-עד-דין
אַ קוש געטהאָן דעם שטויב פונ׳ם סולטאַנס פיס, און אַזוי ווי
ער האָט געקאָנט זעהר פיין ריידען און איז אויסערליך געווען
זעהר שען, האָט ער ביי דער געלעגענהייט אַרויסגעזאָגט דאָס-
דאַזיגע ליד:

איך זעה פאַר זיך דעם לייטזעליגען הערשער,
וואָס לענדער פיל געהערן צו זיין טראָן,
און שען ווי פּעריל זענען זיינע מעשים:

פאל־צו דעריבער מיט די לעפעצן צו זיין האנד.
נאר דאס איז נישט קיין האנר, דאס איז א שליסעל,
וואס עפענט־אויף דעם שלאס פון בורא׳ס הילף.

דער כולטאן האט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד און נאכדעם, ווי ער האט בעדאנקט נור-עד-דינ׳ען פאר זיין בעגריסונג, האט ער געפרעגט דעם וויזיר:

„ווער איז דערדאזיגער יונגערמאן?"

האט איהם דער וויזיר דערצעהלט זיין גאנצע געשיכטע פון אנהויב ביז׳ן סוף און צוגעגעבען:

„דאס איז דער זוהן פון מיין ברודער."

האט זיך דער סולטאן געוואונדערט:

„ווי אזוי קאן עס זיין דער זוהן פון דיין ברודער און מיר האבען פון איהם קיינמאל גארנישט געהערט?"

דערויף האט דער וויזיר געענטפערט:

„א, מיין גנעדיגער מלך! איך האב געהאט א ברודער א וויזיר, וואס איז געשטארבען און איבערגעלאזט צוויי זיהן: האט דער עלטערער גע׳ירש׳נט דעם פאטערס שטעלע, אלס וויזיר, און דער יונגערער איז געקומען צו מיר און איך האב מיך פערשווארען, איך זאל פאר קיינעם נישט אויסגעבען מיין טאכטער, נאר פאר איהם. און מיין שבועה האב איך געהאלטען און האב זיי חתונה-געמאכט. ער איז, ווי דו זעהסט, א יונגערמאן און איך בין שוין אלט. מיין געהער איז שוין קאליע געווארען און מיינע פעהיגקייטען דינען מיר שוין נישט. און דעריבער וואלט איך פערלאנגט, אז מיין גנעדיגער סולטאן זאל איהם בעשטימען אויף מיין ארט, ווייל ער איז דער זוהן פון מיין ברודער און דער מאן פון מיין טאכטער און ווייל ער איז א שענע פערזאן און בעזיצט גרויסע קענטנישען."

האט דער סולטאן א קוק געטהאן אויף נור-עד-דינ׳ען און ער איז איהם שטארק געפעלען געווארען און ער האט אנגענומען דעם וויזירס פארשלאג און געמאכט איהם פאר זיין וויזיר. און ער האט באלד בעפוילען, מען זאל איהם ארויסגעבען שענע עהרנקליידער און א טייער פערד, אויף וועלכען דער סולטאן

אַליין פלעגט פריהער פאַהרען, און האָט איהם בעשטימט אַ גרויסע פענסיע. און נור-עד-דין האָט געטהאָן דעם סולטאַן אין האַנד און איז אַוועק מיט זיין שווער זעהר אַ צופרידענער.

אוןביידע האָבען זיך געזאָגט:

„ביי גאָט, דאָס ניי-געבוירענע קינד האָט אונז געבראַכט גליק”.

און אויף מאָרגען איז נור-עד-דין אַוועק פון דאָסניי צום סולטאַן און אַ קוש געטהאָן דעם שטויב פון זיינע פיס און דער סולטאַן האָט איהם געהייסען, ער זאָל זיך זעצען אויף דעם וויזירס אָרט. און נור-עד-דין האָט איבערגענומען דעם וויזירס אַרבייט און האָט בעטראַכט די בקשות פון פאָלק, ווי דאָס טהוען שטענדיג די וויזירען. דער סולטאַן האָט נאָכגעקוקט נאָך זיין אַרבייט און איז זעהר איבערראַשט געוועזען פון זיין שכל און זיינע קענטנישען. און אַז נור-עד-דין האָט געענדיגט זיין אַרבייט און געקומען אַהיים, האָט ער אַלץ מיטגעטיילט זיין שווער, וואָס איז געוועזען זעהר צופרידען.

דער אַלטער וויזיר האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם קינדס דערציהונג עטליכע מאָנאַטען נאָכאַנאַנד, ווייל נור-עד-דין איז געוועזען שטענדיג פערנומען אויף זיין שטעלע און האָט דעם סולטאַן נישט פערלאָזט נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט, און דער סולטאַן האָט איהם פערגרעסערט זיין פענסיע. האָט נור-עד-דין געקויפט שיפען, וואָס ער פלעגט פונאַנדערשיקען איבער אַלע ימים מיט סחורות, האָט אויסגעבויט אַ סך ישובים און פערפלאַנצט גערטנער. אַז האַסאַן איז אַלט געוואָרען פיר יאָהר, איז דער אַלטער וויזיר, דער פאָטער פון זיין מוטער, אַוועקגעשטאָרבען און דעמאָלט האָט זיך נור-עד-דין אַליין גענומען פאַר דער דערציהונג פון דעם זוהן. און אַז דאָס יונגעל איז קרעפטיגער געוואָרען, האָט ער גענומען פאַר איהם אַ דערציהער, וואָס האָט זיך בעזעצט ביי זיי אין הויז און האָט דערצויגען און געלערנט דאָס קינד. מיט דער צייט איז האַסאַן געוואָרען אַלץ שענער און רייצענדיגער. און אַז ער איז מעהר אונטערגעוואַקסען, האָט דער פאָטער איהם אויסגעפוצט אין רייכע קליידער, אַוועקגעזעצט איהם אויף

איינעם פון זיינע בעסטע פערד און אַוועקגעפאָהרען מיט איהם צום סולטאַן, פאַר וועלכען ער האָט איהם פאָרגעשטעלט. און אַז דער סולטאַן האָט איהם דערזעהן, האָט איהם איבערראַשט זיין שענקייט און די הערליכקייט פון זיין פיגור. האָט ער איהם זעהר ליב בעקומען און האָט איהם זעהר גוט אויפגענומען און גע-זאָגט צו זיין פאָטער:

„אָ, וויזיר, ברענג מיר איהם אַהער אַלע טאָג.“

און דער וויזיר האָט געענטפערט:

„איך הער און געהאָרך“, און האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן זוהן אַהיים.

און פון דער צייט אָן האָט ער אַלע טאָג געפיהרט דאָס יונגעל אין פּאַלאַץ, ביז דאָס יונגעל איז אַלט געוואָרען פופצעהן יאָהר. דעמאָלט איז נור-עד-דין קראַנק געוואָרען, האָט ער צוגע-רופען זיין זוהן און געזאָגט:

„אָ, זוהן מיינער! זאָלסט וויסען, אַז דידאָזיגע וועלט איז אונז בלויז אַ צייטווייליגע היים, אָבער יענע וועלט איז אַן אייביגע. דעריבער וואָלט איך דיר וועלען זאָגען עטליכע ווערטער, אָבער דו זאָלסט עס גוט פערשטעהן און גוט בענעהמען.“

און נור-עד-דין האָט געגעבען זיין זוהן פערשידענע עצות, ווי אַזוי צו לעבען און ווי אַזוי מען בעדאַרף זיך האַלטען אין אַ געזעלשאַפט און ווי אַזוי עס בעדאַרפען איינגעאָרדענט ווערען די אייגענע געשעפטען און ענינים. און אַזוי ווי ער האָט עס געזאָגט, איז איהם באַלד געקומען אויפ'ן זכרון דער ברודער און זיין היימאַט און דאָס הויז, וואו ער איז דערצויגען געוואָרען און ער האָט זיך צעוויינט און טרעהרען האָבען זיך איהם גע-קייקעלט איבער די באַקען און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין זוהן! אין קאַאירא האָב איך אַ ברודער, וועלכען איך האָב פערלאָזט געגען זיין ווילען.“

דערנאָך האָט ער גענומען אַ בויגעלע פּאַפּיר און בעשרי-בען דערויף דאָס אַלץ, וואָס מיט איהם איז געשעהן און ער האָט דאָ אויך דערמאָהנט דעם טאָג, ווען ער האָט חתונה-געהאַט

און ווען ער איז געקומען קיין על-באַשראַך, און דעמאָלט האָט ער געזאָגט צום זוהן:

„אָ, מיין זוהן! נעהם דאָסדאָזיגע פּאַפּיר, וואו איך האָב אַלץ בעשריבען: דיין יחוס, דיין ראַנג און דיינע טיטלען, און איך האָב מיט דיר ווייס, חלילה, געשעהן אַנ׳אומגליק, זאָלסטו אַוועק אין דער שטאָדט קאַאיראָ, וואו עס וואוינט דיין פעטער, און דעמדאָזיגען פעטער זאָלסטו זאָגען, אַז איך בין געשטאָרבען אין אַ פרעמדען לאַנד און אַז פאַר׳ן טויט האָב איך שרעקליך גע-בענקט נאָך איהם.״

האָט האַסאַן גענומען דאָס פּאַפּיר, צונויפגעלעגט און איינ-גענייהט עס אין׳ם אונטערשלאַג פון דער יאַרמעלקע, און ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט דערויף, וואָס ער בעדאַרף ביי אַזוינע יונ-גע יאָהרען זיך שיידען מיט׳ן פאָטער.

און דער קראַנקער פאָטער האָט געזאָגט:

„איך בעט דיך איין זאַך, זאָלסט זיך מיט קיינעם נישט חבר׳ן. ווען דו וועסט זיין וויים פון מענשען, וועסטו שטענדיג אויסמיידען עפּיס אַ סכנה. וואָרום די געפאַהר ליגט נאָר אין מענשען, און געטליך בעגאַבט איז געווען יענער דיכטער, וואָס האָט געזאָגט:

צו דיר וועט איצט קיין פריינד שוין מעהר נישט קומען,
דערפאַר ווייל דו ביזט אָרים. ס׳וועט דיין שוועל
נישט איבערטרעטען קיינער, און דעריבער:
נישט חבר זיך מיט קיינעם און זיי פון מענשען וויים.

בעוועהן זיך צו צו שווייגען און טהו, וואָס דו בעדאַרפסט טהאָן; ריידד קיינמאָל נישט קיין איבעריגע ווערטער, וואָרום דער דיכ-טער זאָגט:

דאָס שענסטע איז אין מענשען בלויז דאָס שווייגען,
דורך שווייגען לאָזט זיך מער־קען דער פערשטאַנד.

טרינק נישט קיין וויין, ווייל דערין ליגט דער קערן פון אַלע אומגליקען. דער דיכטער זאָגט:

איך האָב די משקה לאַנג אַוועקגעוואָרפען,
ווייל זי, די משקה, עפּעט בריים די טהירען

פון שלעכטס און גרויסע מענשליכע יסורים.
זאָלסט קיינעם נישט פעררעטען און קיינעם נישט אונטערדריקען, ווייל דאָס זענען געמיינע אייגענשאַפטען פון אַ מענשען. דער דיכטער זאָגט:

דו זאָלסט דעם מענשען קיינמאָל נישט בעדריקען,
אפילו ווען דו האָסט די מאַכט דערצו.
דו ווערסט דערנאָך אַליין חרטה־האָבען
נאָר עס וועט זיין צו־שפעט. דאָס פאָלק
וועט דיך פערשילטען און פערהאַסען
און פאַלען וועט אויף דיר גאָטס צאָרן און נקמה.

זאָלסט פיינט האָבען רייכקייט, אָבער דיין רייכקייט זאָלסטו קיינמאָל נישט אויסברענגען אויף אַ מענשען, וואָס איז דאָס נישט ווערט.

און נור-עד-דין האָט לאַנג אַזוי גערעדט צום זוהן, ביז זיין נשמה האָט איהם פערלאָזט און אין שטוב האָט זיך אויפגעהויבען אַ געוויין, און דער סולטאַן און די עמירען האָבען איהם זעהר בעדויערט און מיט גרויס פאַראַד מקבר-געווען. גאַנצע צוויי חדשים צייט האָט מען איהם בעוויינט און נור-עד-דינס זוהן איז נישט אַרויס פון שטוב און זיך נישט געוויזען פאַר'ן סולטאַן, און דער הערשער האָט בעשטימט אַנ'אַנדער וויזיר אויף זיין אָרט און דעמדאָזיגען וויזיר האָט ער בעפוילען, מען זאָל פער'חתמ'-ענען נור-עד-דינס הויז און זיין גאַנץ פערמעגען. און דער נייער וויזיר איז אַוועק אין נור-עד-דינס הויז צו פער'חתמ'ענען עס און אויך אַרעסטירען דעם זוהן און אַוועקפיהרען איהם צום סולטאַן. צווישען די פאָליציייליט האָט זיך אויך געפונען נור-עד-דינס אַ דינער, וואָס האָט נישט געוואָלט, מען זאָל זיך אַזוי בעגעהן מיט דעם זוהן פון זיין געוועזענעם האַר. איז ער אַוועק צו האַסאַנ'ען, וואָס איז געזעסען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, און האָט איהם כּון אַלץ דערצעהלט. און האַסאַן האָט איהם געפרעגט, צי ער וועט נאָך בעווייזען אַריינצוגעהן אין שטוב און אַרויסנעהמען פון דאָרטען די מעהר קאָסטבאַרע זאַכען; אָבער דער האָט דינער געענטפערט:

„ניין, ראַטעווע זיך אַליין.“

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט האַסאַן בעדעקט דאָס געזיכט און אַרויס פון שטוב, און אַז ער איז פערבאָרגענערהייד געגאַנגען איבער די גאַסען פון דער שטאָדט, האָט ער געהערט, ווי מענשען האָבען גערעדט צווישען זיך:

„דער סולטאַן האָט געשיקט דעם נייעם וויזיר צו פער׳-חתמ׳ענען דאָס הויז פון דעם אַלטען וויזיר און אַרעסטירען זיין זוהן האַסאַן, כדי מען זאָל איהם טויטען.“

און די לייט האָבען בעוויינט און בעדויערט דאָס שענע שלאַנקע יונגעל. אָבער אַז האַסאַן האָט דערהערט דידאָזיגע ווער-טער, האָט ער געמאַכט שנעלערע טריט און געגאַנגען, וואוהין די אויגען האָבען איהם געטראָגען. און ער איז געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז דאָס מזל האָט איהם געבראַכט צו זיין פאָטערס קבר. און אַזוי ווי ער איז געזעסען ביי זיין פאָטערס קבר מיט טרעה-רען אויף די אויגען, איז צו איהם אונטערגעקומען אַ יוד פון על-באַשראַך און געפרעגט:

„מיין הער, פאַרוואָס האָסטו זיך עס אַזוי פערענדערט?“

האָט האַסאַן אויפגעהויבען די אויגען און געזאָגט:

„איך האָב געשלאָפען און געזעהן אין חלום מיין פאָטער, וואָס האָט מיר פאָרגעוואָרפען פאַרוואָס איך בעזוך נישט זיין קבר. האָב איך מיך זעהר דערשראָקען און, אַ דערשראָקענער, גע-קומען אַהער. און דערפאַר האָב איך מיך זעהר געענדערט.“

האָט דער יוד ווידער געזאָגט:

„אָ, מיין הער! דיין פאָטער האָט פונאַנדערגעשיקט שיפען מיט סחורות, און מאַנכע פון זיי זענען געקומען צוריק. וואָלט איך וועלען בעקומען סחורה פון יעדער שיף פאַר טויזענד דו-קאַטען.“

און דער יוד האָט אַרויסגענומען אַ זעקעלע געלד, אָבגע-צעהלט טויזענד דוקאַטען, דערלאַנגט עס האַסאַנ׳ען, דעם זוהן פון וויזיר און געזאָגט:

„גיב מיר אַרויס אַ פאַפירל מיט דיין שטעמפעל.“

האָט האַסאַן גענומען אַ פאַפיר און אָנגעשריבען דערויף

פאלגענדעס :„ האסאן בעדר-עד-דין, דער זוהן פון וויזיר נור-עד־דין, גיט דא זיין חתימה און בעשטעטיגט, אז ער האט א יודען פערקויפט די פראכטען פון אלע שיפען, וואס זענען צוריקגעקו־מען פון די וואסערן, פאר טויזענד דוקאטען און דאס געלד האט ער בעקומען פאראויס.״ אראבגענומען א קאפיע פונ׳ם פא־פירל, איז דער יוד אוועק און האסאן האט זיך צעוויינט: ער האט זיך דערמאהנט, אין וואס פאר א זיכערער און גוטער לאגע ער האט זיך פריהער געפונען.

עס איז שוין געווארען פינסטערליך און דאס יונגעל איז איינגעשלאפען אויפ׳ן פאטערס קבר. ער איז געלעגען מיט׳ן פנים ארויף און שטארק געשלאפען און די פולע לבנה האט איהם אינגאנצען בעלויכטען מיט איהרע שטראהלען.

נאר אויף דעמדאזיגען בית-עולם האט געוואוינט א פרומער שייטאן און ביינאכט איז צו איהם, ווי געוועהנליך, געקומען א מכשפה. האט דידאזיגע מכשפה דערזעהן דעם שלאפענדיגען יונ־געל, איז זי איבעררראשט געווארען דורך זיין שענקייט און רייץ און זי האט אויסגעשריען:

„געבענשט און געלויבט זאל זיין אלאה׳ס קונסט! דאסדא־זיגע יונגעל איז דאך אזוי שען, ווי א גן-עדן-פרוי!״

און זי האט זיך אויפגעהויבען אין לופטען און געוואלט אוועקפליהען, וואוהין זי האט בעדארפט, אבער דא האט זי זיך גראד אנגעטראפען מיט׳ן שייטאן, וואס איז אויך ערגעץ געפלוי־גען. האבען זיךביידע פערגנויגט פאר איינאנדער, און זי האט געפרעגט:

„פון וואנען פליהסטו איצט?״

און ער האט געענטפערט:

„פון קאירא.״

און דעמאלט האט זי איהם א פרעג געטהאן:

„אפשר ווילסטו, איך זאל דיר ווייזען א זעלטען שען יונ־געל, וואס איז אנטשלאפען געווארען אויפ׳ן בית-עולם?״

„איך וויל,״—האט דער שייטאן געזאגט.

זענען זיי אוועקגעפלויגען צוזאמען און זיך אראבגעלאזט

ביים קבר, וואו האַסאַן האָט געשלאָפען, און די מכשפה האָט געזאָגט:

„צי האָסטו געזעהן אין לעבען נאָך אַזאַ געזיכט?"

און דער שייטאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן יונגעל און אויסגעשריען:

„געבענשט זאָל זיין די קונסט פון יענעם, מיט וועלכען קיינער קאָן זיך נישט פערגלייכען! אָבער מיין שוועסטער, אויב דו ווילסט, וועל איך דיר פערצעהלען, וואָס איך האָב געזעהן."

„פערצעהל,"—האָט די מכשפה געבעטען

און ער האָט געזאָגט:

„איך האָב געזעהן אין עגיפטען אַ געזיכט, עהנליך צו דעם. דאָס איז די טאָכטער פונ'ם דאָרטיגען וויזיר. אַז דער סולטאַן האָט דערהערט פון איהר שענקייט, האָט ער געוואָלט מיט איהר חתונה-האָבען און האָט וועגען דעם גערעדט מיט איהר פאָטער, מיט'ן וויזיר שעמס-עד-דין. אָבער יענער האָט איהם דערויף געזאָגט: „אָ, גנעדיגער מלך, פערשטעה מיין צער און זיי מיר מוחל. דו ווייסט, אַז מיין ברודער נור-עד-דין איז אַוועקגעפאָהרען פון אונז און מיר ווייסען נישט, וואו ער געפינט זיך. וואָרשיינליך, מוזטו אויך געדענקען, אַז מירביידע האָבען פערנומען די שטעלע פון אַ וויזיר. אָבער ער איז אַוועקגעפאָהרען, ווייל מיר האָבען ביידע געשמועסט אין אַ מינוט פון כעס. זיין כעס האָט אָבער איבערגעשטיגען מיינעם, און מיין ברודער האָט מיך פערלאָזט. אָבער איך האָב מיך געשוואָרען, אַז איך וועל חתונה-מאַכען מיין טאָכטער מיט דעם זוהן פון מיין ברודער און די שבועה מוז איך היטען. נישט לאַנג האָב איך דערהערט, אַז מיין ברודער האָט חתונה-געהאַט מיט דער טאָכטער פונ'ם וויזיר פון על-באַשראַך און אַז דאָס ווייב האָט איהם געבוירען אַ זוהן. אַזוי ווי זיין זוהן איז געבוירען געוואָרען אין איין טאָג מיט מיין טאָכטער און דערצו האָב איך נאָך געגעבען אַ שבועה, מוז איך די שבועה היטען און פאַר דיר זענען דאָ גענוג מיידלעך אָהן מיין טאָכטער." דערהערט דיזאָזיגע ווערטער, איז דער סול-טאַן אַריינגעפאַלען אין גרויס גרימצאָרן און האָט געזאָגט: „או

איז עס נאָך געהערט געוואָרען, אַז אַזאַ מענש, ווי איך, וואָס וויל חתונה-האָבען מיט דער טאָכטער פון אַזאַ מענש, ווי דו, זאָל בעקומען אַנ'אָבזאָג! איך שווער מיט מיין קאָפּ, אַז איך וועל זי חתונה-מאַכען, אויף צו-להכעיס דיר, מיט אַ קלענערן מענשען, ווי איך!" געהאַט האָט דערדאָזיגער סולטאַן אַ שטאַלקנעכט מיט אַ האָרב פון פאָרענט און אַ האָרב פון הינטען, האָט דער סולטאַן בעפוילען, מען זאָל איהם ברענגען. און אַז מען האָט איהם געבראַכט, האָט איהם דער סולטאַן געמאָלדען, אַז ער האָט איהם חתונה-געמאַכט מיט דעם וויזירס טאָכטער און ער האָט איהם בעפוילען, ער זאָל היינט ביינאַכט געהן מיט אַ פייערליכער פּראָצעסיע צו זיין יונגען ווייב. איך האָב איבערגעלאָזט דעמדאָזיגען שטאַלקנעכט צווישען דעם קייזערס דינער, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענד און געלאַכט פון איהם און זיך גערייצט מיט איהם ביי די טהירען פון באָד, און דעם וויזירס טאָכטער איז געזעסען און געוויינט צווישען די פאַרבערינס און קראַצערינס*). זי איז זעהר עהנליך צו דעמדאָזיגען יונגעל. דער פאָטער טאָר נישט אַריינגעהן צו איהר, און איך—יאָ, מיין שוועסטער, איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן קיין גרעסער פערזעהעניש פון דעמדאָזיגען שטאַלקנעכט. אָבער דאָס מיידעל איז נאָך שענער פון דעם יונגעל, וואָס ליגט דאָ אויפ'ן קבר."

אַז דער שייטאַן איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט די מכשפה געזאָגט:

„דו זאָגסט ליגען, ווייל עס איז נאָך קיינמאָל נישט געוועזן אַ מענש, וואָס זאָל זיין שענער פון דעמדאָזיגען יונגעל."

און דער שייטאַן האָט געזאָגט:

„אָ, מיין שוועסטער, איך שווער ביי גאָט, אַז דאָס מיי-

*) די פאַרבערינס געברויכען אַזוינע העלע אָראַנזש-פאַרבען, מיט וועלכע די פוצען די נעגעל אָדער די שפּיצען פינגער אָדער די ביאַטעם און דערגלייכען.

דעל איז שענער פון איהם. דאָס וואָלט געווען אַ ריכטיג פּאָרל, דאָס שענסטע אין דער וועלט. אָבער זי מוז לעבען מיט'ן שטאַל-קנעכט, וואָס האָט אַ האָרב פון פאָרענט און אַ האָרב פון הינטען.״
האָט די מכשפה אַ ווײלע געטראַכט און דערנאָך געזאָגט:
„אָ, מיין ברודער, נעהם דאָסדאָזיגע יונגעל און טראָג-אַוועק צו יענעם מיידעל, וועגען וועלכער דו האָסט גערעדט. און דאָרטען וועלען מיר זעהן, ווער פון זיי איז שענער.״
האָט דער שייטאַן זיך אויפגעהויבען מיט האַסאַנ'ען אונטער די וואָלקענס און די מכשפה צוזאַמען מיט זיי, און אַז זיי זענען געקומען אין דער שטאָדט קאַאירא, האָבען זיי זיך אַראָבגעלאָזט און דער שייטאַן האָט אַוועקגעלעגט האַסאַנ'ען אויף אַ מאַסטאַבאַך*) און איהם אויפגעוועקט.
אַז האַסאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזעהן, אַז ער געפינט זיך נישט אויפ'ן פאָטערס קבר אין על-באַשראַך און אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַנ'אַנדער שטאָדט. האָט ער זיך געוואָלט הויך אויפ'ן קול צעוויינען, אָבער דער שייטאַן האָט איהם אַ וואונק געטהאָן און איהם דערלאַנגט אַנ'אָנגעצונדען ליכט און געזאָגט
„זאָלסט וויסען, אַז איך האָב דיך איבערגעטראָגען אַהער, ווייל איך וויל מיט דיר טהאָן אַ סך גוטס. נעהם דאָסדאָזיגע ליכט און געה אין באָד. דאָרט זאָלסטו זיך צונויפמישען מיט אַלע געסט און געהן מיט זיי צוזאַמען ביז דער כּלה'ס חדרים. געהן זאָלסטו פאָראויס און זאָלסט זיך, למען-השם, פאַר קיינעם נישט שרעקען. אַז דו וועסט אַריינקומען אין גאַסטצימער, זאָלסטו זיך שטעלען צו דער רעכטער האַנד פון חתן, און אַז די קראַצערינס און די פאַרבערינס און די זינגערינס וועלען אונטערגעהן צו דיר, זאָלסטו אַראָבלאָזען די האַנד אין קעשענע און דאָרטען וועסטו געפונען אַ סך געלד.

---

*) אזוי ווערט גערופען אין מזרח אַ שטיינערנע באַנק, וואָס ווערט געמער אויסגעשטעלט פאַר 8 קראָם אָדער פאַר אַ פּריוואַטער וואוינונג.

גערענק אָבער איין זאַך: זאָלסט נישט קאַרגען און שיטען מיט געלד אויף רעכטס און אויף לינקס. פערלאָז זיך אויף גאָט, ווייל אַלץ, וואָס ווערט געטהאָן, איז עס נישט צוליעב עפּיס אַ קראַפט, נאָר צוליעב דעם רצון פון גאָט."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט האַסאַן געפרעגט:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ געשיכטע און וואָס פאַר אַ גוטס ווילסטו מיט מיר טהאָן?"

אָבער ער האָט דאָך גענומען דאָס ליכט און אַוועק אין באָד אַריין, וואו ער האָט דערזעהן דעם האַרבאַטען, רייטענדיג אויף אַ פערד. האָט ער זיך צוזאַמענגעמישט מיט'ן עולם, ווי דער שייטאַן האָט איהם געהייסען, און געטראָגען האָט ער דיזעלבע קליידער, אין וועלכע ער איז געגאַנגען אין על-באַשראַך. ער האָט געטראָגען אַ טאַרבוש*) און אַ טשאַלמע און אַ פאַראַדזשעך**) און געווען איז ער וואונדערליך שען, ווי אַלעמאָל. דערנאָך איז ער אַוועק מיט דער פייערליכער פראָצעסיע, און יעדעס מאָל, ווען די זינגערינס זענען צוגעגאַנגען און געבעטען געלד, האָט ער אַראָבגעלאָזט די האַנד אין קעשענע אַריין, אַרויסגענומען פון דאָרט הויפענס גאָלד און געוואָרפען אויף רעכטס און אויף לינקס און די זינגערינס און די פאַרבערינס האָבען אָנגעפילט זייערע כלים און די טאַשען מיט גאָלד. און די זינגערינס האָבען געגאַפט פון אַזאַ עשירות און ברייטקייט און די געסט און דער המון האָבען זיך נישט געקאָנט אָבוואונדערן פון זיין שענקייט און רייץ. אָבער האַסאַן האָט אַלץ געוואָרפען געלד אויף רעכטס און אויף לינקס, ביז מען איז געקומען צו דעם ווזירס הויז, וואו די דינער האָבען בעגומען פונאַנדערטרייבען דעם המון. און די דינער האָבען איהם

---

*) טאַרבוש — אַ רויט היטעל פון וואָל מיט אַ בלוי [illegible] ביים שפּיץ, וואָס ווערט אויך גערופען פעסקע.

**) פאַראַדזשעך — אַזוי ווערט גערופען אין טורקײַ אַ ברייט קלייד מיט [illegible] אַרבל, אַזוינע קליידער טראָגען על־פּי־רוב געלערנטע.

אויך נישט געוואָלט אַריינלאָזען אין הויז, אָבער די זינגער און די פּארבעריגס האָבען אויסגעשריען:

„ביי גאָט, מיר וועלען נישט אַריין אין הויז, אויב דאָס־דאָזיגע יונגעל וועט נישט אַריינגעלאָזט ווערען מיט אונז צוזאַ־מען. ער האָט אונז בעשאָטען מיט גאָלד, און די כלה וועט אויך זיין צופרידען, ווען זי וועט דערזעהן זיין געזיכט.“

איז ער אַריין צוזאַמען מיט די זינגער אין גאַסטצימער און דאָרט האָט מען איהם געגעבען אַ שענעם אָרט, כאָטש דעם חתנ׳ס צד האָט עס זעהר נישט געוואָלט. אין צוויי רייהען זענען געשטאַנען די פרויען פון די עמירען, וויזירען און הויפלייט און אין די הענד האָבען זיי געהאַלטען אָנגעצונדענע ליכט און מיט שלייערס זענען בעדעקט געווען זייערע פנימ׳ער. זיי זענען גע־שטאַנען רעכטס און לינקס ביי דער כלה׳ס געלעגער, אָנגעהויבען סאַמע פון צופוסען און געענדיגט ביז דער טהיר, אין וועלכער עס האָט בעדאַרפט אַריינקומען די כלה. אָבער אַז דידאָזיגע פרויען האָבען דערזעהן האַסאַנ׳ען, וואָס איז געווען שען ווי די לבנה, האָבען זיי איהם באַלד ליעב בעקומען, און די זינגערינס האָבען געזאָגט:

„איהר זאָלט וויסען, אַז דאָסדאָזיגע חנ׳עוודיגע יונגעל האָט אונז געגעבען ריין גאָלד און דעריבער זאָלט איהר דערפילען אַלע זיינע קאַפּריזען.“

האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום איהם די פרויען און האָבען נישט געקאָנט אַראָבנעהמען די אויגען פון איהם און האָבען גע־גאַפט פון זיין שענקייט און יעדע פון זיי האָט געזאָגט: „גליק־ליך איז יענע, צו וועלכער עס געהערט דאָס יונגעל, אָדער די איינע, איבער וועלכער ער האָט אַ מאַכט.“

און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שילטען דעם האָרבאַטען און אויך יענעם, וואָס האָט פערטראַכט דעם שדוך צווישען אַ וואונ־דערשענעם מיידעל מיט אַ העסליכען האָרב.

די זינגערינס האָבען אַ קלאַפּ געטהאָן אין די האַנדפּייקעלעך און די פאַרבעריגס האָבען אַרויסגעפיהרט דעם וויזירס טאָכטער אויפ׳ן מיטען צימער. זיי האָבען זי בעגאָסען מיט די פיינסטע

פאַרפומען און אויסגעפוצט זי און בעצירט איהר די האָר און דעם האַלז מיט פערשידענער צירונג און זי אָנגעטהאָן אין אַזוינע קליידער, וואָס די פאַרצייטיגע פערסישע מלכות האָבען געטראָגען. דאָס קלייד איהרס איז געווען ברייט און אויסגעהאַפט מיט רויטען גאָלד און מיט פיגורען פון רויב-חיות און פויגעל. אויפ'ן האַלז האָט זי געטראָגען אַ האַלזבאַנד, וואָס האָט געקאָסט טויזענדער און וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון אַזוינע בריליאַנטען, וואָס דער מלך על-יעמען און אויך די אַנדערע מלכים האָבען קיינמאָל אין די אויגען נישט געזעהן. און עהנליך איז זי געווען צו אַ פולער לבנה און דערמאָהנט האָט זי אָן אַ יונגפרוי פון מאַכמעדס גן-עדן. געבענשט זאָל זיין דער שעפער פון אַזאַ פאָלקאָממענהייט! די פרויען, וואָס האָבען זי אַרומגערינגעלט, זענען געווען עהנליך צו שטערען, און זי צו דער לבנה, וואָס קוקט-אַרויס פון אַ שוואַרצען וואָלקען. האַסאַן בעדר-עד-דין איז אַלץ געזעסען אויף זיין אָרט און די געסט האָבען זיך געקוויקט מיט זיין שענער געשטאַלט. און אַז די כלה האָט זיך דערנעהנט מיט איהרע שטאָלצע, אָבער שטילע טריט, איז אויפגעשטאַנען דער האָרבאַטער חתן, צוגעגאַנגען צו איהר און געוואָלט זי אַ קוש טהאָן. האָט זי זיך אָבגעקעהרט פון איהם און געבליבען שטעהן נעבען האַסאַנ'ען, דעם זוהן פון איהר פעטער. און אַלע געסט האָבען זיך צולאַכט, און אַז די זינגערינס האָבען דערזעהן, אַז זי שטעהט נעבען האַסאַן בעדר-עד-דין, וואָס האָט אַריינגעלעגט די האַנד אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ הויפען גאָלד און אַ וואָרף געטהאָן עס אין די האַנדפייקעלעך, האָבען זיי אויסגעשריען פול ענטציקונג:

„אַך, ווי גוט, ווען די כלה איז דיינע!“

האָט האַסאַן אַ שמייכעל געטהאָן, און דער האָרבאַטער חתן, וואָס איז געזעסען איינזאַם און אַליין, איז געווען עהנליך צו אַ מאַלפע. און יעדעס מאָל, בשעת ער האָט אָנגעצונדען דאָס ליכט, איז עס פערלאָשען געוואָרען און אַ פערשעמטער איז ער געזעסען אין דער-פינסטער און אין כעס איז ער געווען אויף אַלץ און אויף אַלעמען. אָבער די כלה האָט געלויכטען, זי איז גע-

וואָרען פון מינוט צו מינוט שענער און זי האָט אויפגעהויבען די האַנד און געזאָגט:

„אָ, אַללאַה! זאָל זיין דערדאָזיגער מאַן מיין מאַן און בע-פריי מיך פון האָרבאַטען חתן.”

און די דינערינס האָבען אויסגעפוצט די כלה אין אַנדערע קליידער און זעקס פערשידענע טואַלעטען געביטען און דערנאָך אונטערגעפיהרט זי צו האַסאַן בעדר-עד-דין פון על-באַשראַך. און דער האָרבאַטער חתן איז אַלץ געזעסען אַליין. אַז דידאָזיגע צערע-מאָניע איז געענדיגט געוואָרען, האָבען די געסט בעקומען אַ דער-לויבניש אַוועקצוגעהן אַהיים. האָבען זיך אויפגעהויבען אַלע געסט, אַלע פרויען און קינדער און זענען אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזענ-דיג בלויז האַסאַן בעדר-עד-דינ'ען און דעם האָרבאַטען חתן. דערנאָך האָבען די צייכנערינס אַוועקגעפיהרט די כלה אין די אינערליכע חדרים, וואו זיי האָבען אַראָבגענומען פון איהר די פוצונגען מיט די קליידער און צוגערייט זי אויפצונעהמען דעם חתן.

אָבער דאָ איז אויפגעשטאַנען דער האָרבאַטער. ער איז צוגעגאַנגען צו האַסאַנ'ען און געזאָגט:

„מיין הער! דו האָסט אונז היינט בעגליקט מיט דיין קו-מען אַהער און דו האָסט אונז אַרויסגעוויזען אַ סך ליבליכקיי-טען, אָבער פאַרוואָס הויבסטו זיך איצט נישט אויף און געהסט נישט אַהיים?”

„ביי גאָט,”—האָט האַסאַן געזאָגט, זיך אויפגעהויבען און אַוועק צו דער טהיר. דאָרט האָט ער פלוצלונג דערזעהן דעם שייטאַן און יענער האָט איהם געזאָגט:

„אָ, בעדר-עד-דין, אייל נישט אַזוי! אַז דער האָרב וועט אַוועק אין גאַרדעראָבצימער, זאָלסטו אַריינגעהן אין דער כלה'ס שלאָפצימער, און אַז די כלה וועט אויך אַריין אין דעם אייגענעם צימער, זאָלסטו איהר זאָגען: איך בין דיין מאַן! דער סולטאַן האָט אומישנע אונטערגעשטעלט דעם האָרבאַטען חתן, צו ראַטעווען דיך פון אַנ'עין-הרע, און דער האָרבאַטער איז נישט מעהר ווי אַ שטאַלדינער. צו דער כלה זאָלסטו צוגעהן דרייסט

און אויפדעקען איהר דאָס געזיכט."

און ווי דער שייטאַן האָט אַזוי איבערגעשמועסט מיט האַסאַנ'ען, איז דער האָרבאַטער אַריין אין גאַרדעראָבצימער און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט. פלוצלונג האָט זיך פון האַנדפאַס, וואָס איז געשטאַנען אין גאַרדעראָבצימער, בעוויזען דער שייטאַן אין דער מראה פון אַ מויז און ער האָט געמאַכט: „זיק! זיק!"

אָבער די מויז האָט גענומען האַסטיג וואַקסען און געוואָרען אַ קאַץ און דערנאָך אַ הונד, וואָס האָט גענומען בילען:

„האַוו! האַוו!"

אַז דער האָרבאַטער האָט דערזעהן, וואָס עס טהוט זיך אין גאַרדעראָבצימער, איז איהם בעפאַלען אַ קאַלטער שווייס פון שרעק און ער האָט גענומען שרייען:

„געה-אַוועק פון דאַנען! געה-אַוועק!"

אָבער דער הונד איז אַלץ געוואַקסען און זיך פערוואַנדעלט אין אַנ'אייזעל, וואָס האָט דעם האָרבאַטען אין פנים אַריין פונאַנדערגעפּעפענט דאָס מויל און גענומען שרייען:

„אָ-או! אָ-או-או!"

דער חתן איז פערגליווערט געוואָרען פון שרעק און ער האָט גענומען שרייען מיט די לעצטע כּחות:

„געוואַלד, ראַטעוועט!.."

אָבער דער אייזעל איז אויך געוואַקסען און איז פלוצלונג פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בופלאַקס און ער האָט אָנגעהויבען ריידען ווי אַ מענש און געזאָגט:

„וועה דיר. וועה דיר, הערבעלע, דו העסליכסטער פון אתנים!"

האָבען דעם האָרב גענומען ציטערן הענד און פיס און עס האָט איהם געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. און דער שייטאַן האָט איהם געזאָגט:

איך פרעג דיך נאָר, האָסטו שוין גאָר קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי החונה-צו-האָבען מיט מיין געליבטער!"

האָט דער האָרבאַטער נישט געענטפערט און דער שייטאַן האָט אויסגעשריען:

„ענטפער עפּיס, אנישט וועל איך דיך אויף שטויב צורייבען!"

און דעמאָלט האָט דער חתן געזאָגט:

„ביי גאָט, איך בין דאָ נישט שולדיג. מען האָט מיך גע-צוואונגען חתונה-צו-האָבען מיט איהר און איך האָב גאָרנישט גע-וואוסט, אַז זי האָט אַ געליבטען אַ בופלאַקס און איצט בעט איך מחילה ביי גאָט און ביי דיר."

האָט דער שייטאַן בעמערקט:

„איך שווער ביי גאָט, אַז אויב דו וועסט אַרויס פון דעמ-דאָזיגען צימער אָדער דו וועסט אַרויסברענגען פון מויל איין וואָרט ביז די זון וועט אויפגעהן, וועל איך דיך דער׳הרג׳ענען. און אַז די זון וועט אויפגעהן, זאָלסטו געהן דיין וועג און זאָלסט זיך אַהער נישט צוריקקעהרן."

און ווי ער האָט עס געזאָגט, האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דעם האָרב און אַוועקגעשטעלט איהם אויפ׳ן קאָפּ מיט די פיס אַרויף.

„אַזוי זאָלסטו מיר שטעהן,—האָט ער געזאָגט,—און ביז די זון וועט אויפגעהן וועל איך נאָך קומען אַהער."

האַסאַן פון על-באַשראַך איז זיך דערווייל אַריין אין דער כלה׳ס שלאָפצימער און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט. באַלד איז גע-קומען די כלה אין דער בעגלייטונג פון אַן אַלטער פרוי, וואָס איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר און געזאָגט:

„חתן! שטעה-אויף און געה אַנטקעגען דער כלה און זאָל אייך גאָט בענשען."

די אַלטע איז אַוועק און די כלה, וואָס האָט געהייסען סיט-על-גאַזן האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט ווייטער אין צימער. דאָס האַרץ האָט איהר געציטערט און זי האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, איך וועל בשום אופן נישט דערלאָזען, ער זאָל מיך צערטלען, איך זאָל אפילו צוועקשטאַרבען."

אָבער אַז זי האָט אויפגעהויבען די אויגען, האָט זי דער-זעהן בעדר-עד-דינ׳ען און זי האָט געזאָגט:

„מיין ליבער, ווי אַזוי ביזטו דאָ פערבליבען? שוין-זשע ווילסטו מיך טיילען מיט׳ן האָרבאַטען?"

און ער האָט געענטפערט:

„ווי אַזוי, פערגלייכסטו מיך מיט׳ן האָרבאַטען און ווי אַזוי קאָן איך מיך מיט איהם טיילען?"

האָט סיט-על-גאָזן געפרעגט:

„טאָ ווער איז מיין מאַן, דו אָדער ער?"

„אָ, מיין געליבטע,—האָט האַסאַן געענטפערט,—דאָס איז בלויז אַ שפּאַס. בשעת די פאַרבעריינס און די זינגעריננס האָבען דערזעהן, ווי דו ביזט שען, האָבען זיי זיך געשראָקען פאַר עין-הרע און דיין פאָטער האָט איהם אָנגעדונגען פאַר ניין דוקאַטען, ער זאָל אָבציהען אַלעמענס אויגען פון אונז. אָבער איצט איז ער אַוועק אהיים."

אַז די כלה האָט עס דערהערט, האָט זי זיך הויך צולאַכט.

„ביי גאָט,—האָט זי געזאָגט,—דו האָסט בערוהיגט מיין האַרץ. נעהם מיך, איך בעט דיך און דריק מיך צו פעסט צו דיין האַרץ."

און זיי האָבען זיך צוקושט און געלעגט אין בעט.

און דעמאָלט האָט געזאָגט דער שייטאַן צו דער מכשפה:

„שטעה-אויף און לאָמיר אַוועקטראָגען דאָס יונגעל ביז עס וועט ווערען טאָג. וואָרום באַלד געהט-אויף די זון."

האָט די מכשפה גענומען האַסאַנ׳ען, ווי ער איז געלעגען אין בעט, שלאָפענדיג אין איין העמד, און אַוועקגעפלויגען מיט איהם, און דער שייטאַן איז געפלויגען נעבען זיי. אָבער גאָט האָט דערלויבט איינעם פון זיינע מלאכים אַראָבצוּוואַרפען אויפ׳ן שייטאַן איינעם פון די פלאַמענדיגע שטערען און דער שייטאַן איז פערברענט געוואָרען דורך איהם. די מכשפה אָבער איז גליקליך אַדורכגעפלויגען און אַוועקגעלעגט האַסאַנ׳ען אונטער יענעם אָרט, וואו דער שייטאַן איז אומגעקומען דורכ׳ן שטערען. אַדורכפליהען דאָס אָרט האָט זי נישט געוואָלט: זי האָט מורא-געהאַט, אַז זי וועט דאָ אויך אומקומען. עס איז אָבער בעשערט געווען, אַז דאָסדאָזיגע אָרט זאָל גראָד זיין די שטאָדט דמשק, און די מכשפה האָט אַוועקגעלעגט האַסאַנ׳ען אויף אַ מיטען גאַס און איז אַליין אַוועקגעפלויגען.

און אויף מאָרגען אינדערפריה האָבען די איינוואוינער פון
ומשק דערזעהן שלאָפענדיג אויפ'ן מיטען גאַס אַ בילד-שען יונ-
ועל, אין בלויזען העמד און אין אַ נאַכטמיץ, אָנשטאָט אַ טשאַל-
גע. אַזוי ווי ער האָט די נאַכט ווענינ געשלאָפען און האָט אַלץ
ערבראַכט מיט דער כלה, איז ער איצט געווען פערזונקען אין
אַ טיפען שלאָף, און די איינוואוינער, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען,
האָבען גערעדט צווישען זיך:

„בעסער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט זיך פריהער אָנגע-
טהאָן און דערנאָך זיך געלעגט שלאָפען.”

און אַ צווייטער האָט בעמערקט:

„ווי עלענד עס זעהען-אויס די קינדער פון אַריסטאָקראַטען.”

אַ דריטער האָט בעמערקט:

דאָס יונגעל האָט, אפנים, געמוזט הוליען ביינאַכט און איז,
מסתמא, אַ שכור'ער איינגעשלאָפען.”

יעדער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג און אַלע זענען גע-
ווען שטאַרק פעראינטערעסירט, ביז בעדר-עד-דין האָט זיך אויפ-
געכאַפט. דערזעהן, אַז ער ליגט אין אַ מיטען גאַס, אַרומגערינ-
געלט פון מענשען, האָט ער זיך זעהר דערשראָקען און געפרעגט:

„וואו בין איך דאָס, גוטע מענשען, האַ? און וואָס האָט
איהר זיך צונויפגעזאַמעלט אַרום מיר? איז דען עפּיס געשעהן?”

און די מענשען, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט, האָבען
געענטפערט:

„מיר האָבען דיך געפונען אַ שלאָפענדיגען און מיר קאָנען
דיך נישט. וואו האָסטו געשלאָפען די לעצטע נאַכט?”

האָט זיך האַסאַן אַרומגעקוקט און געזאָגט:

„איך שווער אייך ביי גאָט, גוטע מענשען, אַז די לעצטע
נאַכט האָב איך געשלאָפען אין קאַאיראָ.”

דערהערט זיין ענטפער, האָט עמיץ פון דער מחנה אַ פרעג
געטהאָן:

„האָסטו אפשר גע'שכור'ט די לעצטע נאַכט?”

„דו ביזט פון זינען געריהרט, האָט אַ צווייטער בעמערקט,—

ווי האָסטו געקאָנט איינשלאָפען אין קאַאיראָ און אויפכאַפּען זיך אין דמשק!"

און האַסאַן האָט אַלץ געזאָגט דאָס זייניגע:

„איך שווער אייך ביי גאָט, גוטע מענשען, אַז נעכטען בין איך געווען אין קאַאיראָ און אייערנעכטען אין על-באַשראַך."

„אָט אַ וואונדער,"—האָט עמיץ בעמערקט.

„דאָס יונגעל איז אפילו שען, אָבער משוגע,—האָט נאָך עמיץ בעמערקט.

און אַ דריטער האָט זיך צוגעבויגען און ווייך געזאָגט:

„קום צו די געדאַנקען, מיין קינד, וואָרום דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט."

„אָבער ביי גאָט, איך האָב נעכטען חתונה-געהאַט אין קאַאיראָ,"—האָט האַסאַן אַלץ נישט נאָכגעגעבען.

„מסתמא האָסטו געזעהן אַזאַ חלום,—האָט מען איהם בעמערקט,—טאָ דערצעהל אונז דיין חלום."

„ביי גאָט,—האָט געענטפערט דער פערשעמטער האַסאַן,—דאָס איז נישט געווען קיין חלום. וואו איז דער האָרבאַטער, וואָס איז געזעסען מיט אונז? וואו איז מיין ביטעלע מיט'ן גאָלד? און וואו זענען מיינע קליידער, מיינע הויזען?"

און האַסאַן האָט זיך אויפגעהויבען און אַוועק איבער די גאַסען, אויסמיידענדיג די הויפטגאַס און די מאַרקגאַס. אָבער נאָך איהם איז נאָכגעגאַנגען אַ גרויסע מחנה, ביז ער אַריין אין אַ קאָנדיטעריי. דער בעל-הבית פון דער קאָנדיטעריי איז אַמאָל געווען אַ גזלן, אָבער איצט האָט ער געלעבט שטיל און פערקויפט טשאַסטקעלעך מיט טאָרטען. די איינוואוינער פון דמשק האָבען אָבער מורא געהאַט פאַר איהם און אַז האַסאַן איז אַריין אין דער קאָנדיטעריי, האָבען זיי זיך דערשראָקען און אַוועק.

אַז דער בעל-הבית פון דער קאָנדיטעריי האָט דערזעהן האַסאַנ'ען, ווי ער איז שלאַנק און שען, איז ער איהם באַלד זעהר געפעלען געוואָרען און ער האָט געזאָגט:

„ווער ביזטו, אָ, יונגערמאַן? דערצעהל מיר דיין לעבענס-געשיכטע, ווייל דו ביזט מיר טייערער פון מיין אייגענער זעל."

האָט איהם האַסאַן אַלץ דערצעהלט פון אָנהויב ביז'ן סוף. און דער קאָנדיטער האָט זיך זעהר געוואונדערט און געזאָגט:
„אָ, מיין הער, בעדר-עד-דין! דאָס איז אַן׳אויסטערלישע פּאַסירונג און אַ וואונדערליכע געשיכטע. אָבער, מיין זוהן, בערו-היג זיך און פערבלייב דערווייל ביי מיר. איך האָב נישט קיין קינדער און איך וועל דיך צושרייבען פאַר מיין זוהן."
און האַסאַן בעדר-עד-דין האָט געזאָגט:
„אָ, פעטער, זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט."
און דער קאָנדיטער איז באַלד אַוועק אויפ'ן מאַרק און גע-קויפט פאַר האַסאַנ'ען רייכע קליידער און דערנאָך איז ער אַוועק צום קאַדי און געמאָלדען, אַז ער וויל צושרייבען האַסאַנ'ען פאַר זיין זוהן. און באַלד האָט מען געוואוסט אין גאַנץ דמשק, אַז האַסאַן בעדר-עד-דין איז צוגעשריבען געוואָרען פאַר אַ זוהן צום קאָנדי-טער, אַז ער איז געוואָרען זיין קאַסיר, זיצט אין געשעפט און וואוינט מיט איהם אינאיינעם.
אָבער סיט-על-גאַזן האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג און האָט געבען זיך נישט געפונען האַסאַנ'ען. זי האָט געמיינט, אַז ער איז אַרויס אויף אַ מינוט און וועט זיך באַלד צוריקקעהרן און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אין בעט און געוואַרט. נאָר פּלוצלונג איז אַריין צו איהר דער פאָטער זעהר אַנ'אונרוהיגער: ער האָט זיך געשראָקען פאַר'ן סולטאַן, וואָס איז בייז געוועזן אויף איהם און עס האָט אויך שטאַרק באַנג געטהאָן וואָס ער האָט חתונה-געמאַכט די טאָכטער מיט אַ האָרבאַטען שטאַלדינער. און ער האָט ביי זיך געטראַכט: „איך וועל דער'הרג'ענען די טאָכטער, אויב זי איז געקושט געוואָרען פון דעמדאָזיגען פערזעהעניש."
אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, האָט ער אויסגע-שריען: „סיט-על-גאַזן!"
„איך בין דאָ!"—האָט זי געענטפערט און האָט אַ פרעהליכע געקושט דעם שטויב פון זיינע פיס.
אָבער אַז דער פאָטער האָט דערזעהן, ווי זי איז גליקליך און צופרידען, האָט ער אַ טופע געטהאָן מיט'ן פוס און האָרב געזאָגט:

„אַך, דו געמיינע פרוי! שוין-זשע ביזטו גליקליך מיט דיין מאַן!״

דערהערט אַזאַ פראַגע, האָט סיט-על-גאַזן אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

„ביי גאָט, איז דיר נאָך ווייניג דאָס, וואָס דו האָסט מיט מיר געטהאָן, וואָס דו האָסט מיך אַוועקגעשטעלט אויף איין שטאַפעל מיט אַ שטאַלדינער, וועלכער איז נישט ווערט מיין נאָגעל? וואָס אָנבעלאַנגט מיין מאַן, שווער איך דיר ביי גאָט, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל אויף מיין לעבען נישט פערבראַכט אַזאַ זיסע נאַכט, ווי די פערגאַנגענע. און דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר גאָרנישט דערמאָנען דעם האָרבאַטען חתן. פרעג מיך גאָרנישט פון איהם.״

האָט דער פאָטער אויסגעהערט דיראָזיגע רייד און איז שרעקליך אויפגעבראַכט געוואָרען. די שוואַרצאַפּלען פון די אויגען זענען איהם אַרונטער אונטער׳ן שטערען און די ווייסלעך האָבען איהם געפינקעלט ווי ביי אַ גזלן און ער האָט אויסגעשריען:

„פערשאָלטען זאָל דאָס ווערען! וואָס רעדסטו? דו האָסט דאָך פערבראַכט די נאַכט מיט׳ן האָרבאַטען?״

און סיט-על-גאַזן האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגערופען:

„איך בעט דיך אין נאָמען פון אַלאַה, דערמאָן מיר איהם נישט. זאָל אַלאַה אומברענגען איהם און זיין פאָטער. הער מיך אויף צו רייצען מיט איהם, וואָרום דערדאָזיגער האָרבאַטער חתן איז אָנגעדונגען געוואָרען פאַר צעהן דוקאַטען, האָט ער בעקומען דאָס געלד און איז אַוועק. אַז איך בין אַריין אין גאַסטצימער, האָב איך דאָרט געטראָפען מיין מאַן און די זינגערינס האָבען מיך אַוועקגעשטעלט נעבען איהם און ער האָט זיי געוואָרפען אַזוי פיעל געלד, אַז זיי זענען רייך געוואָרען. אויף דער ברוסט פון מיין וואונדערשענעם מאַן מיט די שוואַרצע אויגען און געדיכטע ברעמען ביז איך גליקליך געוועזען.״

איז דעם פאָטער נאָך פינסטערער געוואָרען אין די אויגען און ער האָט געזאָגט:

„אַך דו אונגליקליכע, וואָס דו ביזט! וואָס רעדסטו? ביזטו בײַ דײַנע קלאָרע געדאַנקען?"

האָט זי זיך צעוויינט און אויסגעשריען:

„אָ, מיין פאָטער! דו האָסט מיר צובראָכען אויף שטיקלעך דאָס האַרץ. פאַרוואָס גלויבסטו מיר נישט? דער, וועגען וועמען איך רייד, איז מיין מאַן און ער איז אַוועק אין גאַרדעראָבצימער."

האָט דער פאָטער געשטיינט און, אַ צומישטער, איז ער אַוועק אין גאַרדעראָבצימער, וואו ער האָט געטראָפען דעם האָרבאַטען חתן, וואָס איז געשטאַנען מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף. איז דער ווזיר נאָכמעהר מטושטש-געוואָרען און ער האָט געפרעגט:

„הער-נאָר, ביזטו דען נישט דער מאַן מיט'ן האָרב?"

אָבער דער האָרבאַטער האָט געמיינט, אַז דאָס רעדט מיט איהם דער שייטאַן, האָט ער געשוויגען. איז שוין דער ווזיר איפּגעבראַכט געוואָרען און אַ געשריי געטהאָן:

„רייד, זאָג איך דיר, אַנישט וועל איך דיר אַראָבנעהמען דעם קאָפּ מיט דעמדאָזיגען שווערד."

און דעמאָלט האָט יענער געזאָגט:

„בײַ גאָט, שייך פון שייטאַנ'ען, פון דער מינוט אָן, וואָס דו האָסט מיך דאָ אַוועקגעשטעלט מיט'ן קאָפּ אַראָב, האָב איך מיך נישט בעוועגט. איך בעט דיך, האָב רחמנות מיט מיר."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער ווזיר געזאָגט:

„איך פערשטעה נישט, וואָס דו זאָגסט. איך בין דער פאָטער פון דער כלה און בין גאָרנישט קיין שייטאַן."

„אויב אַזוי,—האָט דער האָרבאַטער געענטפערט,—האָסטו גאָרנישט צו זאָגען איבער מיר און דו האָסט קיין מאַכט נישט איבער מיין נשמה, און דעריבער קאָנסטו זיך געהן דיין וועג ביז עס וועט נישט קומען יענער, וואָס האָט מיך אַוועקגעשטעלט מיט די פיס אַרויף. איהר האָט מיך געוואָלט חתונה-מאַכען מיט דער געליבטער פון אַ בופלאַקס אָדער אַ שייטאַן! זאָל אַלאַה מיט טויט בעשטראָפען יענעם, וואָס האָט מיך געוואָלט חתונה-מאַכען

מיט איהר און אויך דעמיעניגען, וואָס איז געווען די סבה פון דעם אַלעם.״

דער האָרבאַטער איז אַנטשוויגען געוואָרען, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך פון דאָסניי געווענדט צום וויזיר מיט דידאָזיגע ווערטער:

„יאָ, זאָל גאָט מיט טויט בעשטראָפען דעמיעניגען, וואָס איז געווען די סבה דערפון.״

איז דער וויזיר ווידעראַמאָל אויפגעבראַכט געוואָרען און געזאָגט:

—שטעה-אויף און געה-אַוועק פון דאַנען!״

אָבער דער האָרבאַטער האָט געענפערט:

„איך בין נאָך דערווייל נישט משוגע-געוואָרען, איך זאָל אַוועק פון דאַנען אָהן דעם שייטאַנס דערלויבניש. דער שייטאַן האָט מיר געזאָגט, אַז איך קאָן אַוועק פון דאַנען נאָר דעמאָלט, ווען עס געהט-אויף די זון. איז שוין די זון אויפגעגאַנגען? איך טאָר מיך נישט ריהרען פון אָרט, ביז זי וועט נישט אויפגעהן?״

„ווער האָט דיך געבראַכט אַהער?״ האָט דער וויזיר גע-פרעגט.

און דער האָרבאַטער האָט דערציהלט:

„באַלד ווי איך בין נעכטען אַריין אַהער אין צימער, האָט זיך אויפגעהויבען פון וואַשטישעל אַ שטויב און עס האָט זיך דער-הערט אַ געשריי, און נאָכדעם האָט זיך דערדאָזיגער שטויב פיזר-וואַנדעלט אין אַ בופלאַקס און דער בופלאַקס האָט מיר געזאָגט עפּיס אַזוינס, וואָס איך וועל עס קיינמאָל נישט פערגעסען. לאָז מיך, איך בעט דיך, און געה-אַוועק. זאָל אַלאַה מיט טויט בע-שטראָפען די כלה און אויך דעמיעניגען, וואָס האָט מיך געוואָלט חתונה-מאַכען מיט איהר!

אויסגעהערט דידאָזיגע ווערטער, איז דער וויזיר צוגעגאַנ-גען צו איהם און איהם אומגעוואָרפען, און דער האָרבאַטער איז אַנטלאָפען געוואָרען, כאָטש ער איז נישט געווען זיכער, צי די זון איז אויפגעגאַנגען. ער איז באַלד אַוועק צום סולטאַן און האָט

איהם מיטגעטיילט פון אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט צווישען איהם און דעם שייטאַן.

אָבער דער וויזיר, דער פאָטער פון דער כלה, האָט נאָך אַלץ געשטוינט און ער האָט זיך אומגעקעהרט צו דער טאָכטער און איהר געזאָגט:

„אָ, מיין טאָכטער, דערצעהל-זשע מיר די גאַנצע געשיכטע.“

און די טאָכטער האָט דערצעהלט:

„מיט מיר איז געווען די נאַכט אַ שענער יונגערמאַן, און אויב דו גלויבסט נאָך אַלץ נישט, טאָ גיב אַ קוק אויף זיין טשאַל-מע, וואָס ליגט אויף דעם שטול*). און אָט, זעהסטו, זענען זיינע הויזען און אין די הויזען ליגט עפּיס אַ פּאַקעטעל, אָבער איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז.“

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער פאָטער אויפגעהוי-בען האַסאַנס טשאַלמע, אומגעדרעהט זי און געזאָגט:

„אַזוינע טשאַלמעס טראָגען וויזירען.“

דערנאָך האָט ער בעמערקט, אַז אין דער רויטער יערמאָל-קע איז עפּיס איינגענייהט, האָט ער עס אויפגעריסען. אין די הויזען האָט ער געפונען אַ בייטעלע מיט טויזענד דוקאַטען און דאָרט איז אויך געלעגען אַ קאָפּיע פון אַ קוויטאַנציע, וואָס ער האָט געגעבען דעם יודען און וואָס איז אונטערגעשריבען געווא-רען מיט'ן נאָמען האַסאַן בעדר-עד-דין, דער זוהן פון נור-עד-דין פון קאַאירא. אַז דער וויזיר האָט איבערגעלייענט דאָסדאָזיגע פּאַ-פּירל, האָט ער זיך הויך צעוויינט און איז געפאַלען אין חלשות. אָבער אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אַלץ פערשטאַנען און, אַ פערגאַפטער, האָט ער אויסגעשריען:

„נישטאָ קיין גאָט אויסער גאָט און נאָר ער קאָן אויף אַזאַ אופן דערפילען זיין רצון. אָ, מיין טאָכטער, צי ווייסטו, ווער עס איז געווען דיין מאַן?“

---

*) ביי רייכע אַראַבער ווערט די טשאַלמע אויף ביינאַכט אַוועק-געלעגט אויף אַ ספּעציעלען שטול, וואָס ווערט צוגעדעקט מיט אַ דיק זיידען סערוועטל, אויסגעהאַפט מיט גאָלד.

און די טאָכטער האָט געזאָגט:

„ניין, איך ווייס נישט.״

האָט איהר דער פאָטער דערקלערט:

„דאָס איז דער זוהן פון מיין ברודער און דער זוהן פון דיין פעטער און אָט די טויזענד דוקאַטען זענען דיר געבראַכט געוואָרען אַלס נדן. געבענשט זאָל זיין דער נאָמען אַלאַה! איך וואָלט אָבער געווען אַ בעלן צו וויסען, ווי אַזוי האָט עס אַלץ פּאַסירט?״

נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען דאָס פּאַפּיר, וואָס איז געוועזן איינגענייהט אין דער רויטער יערמאָלקע, און דאָ האָט ער דערזעהן, אַז דאָס פּאַפּיר איז אָנגעשריבען געוואָרען דורך זיין ברודער נור-עד-דין פון קאַאיראָ, דעם פאָטער פון בעדר-עד דין. אַז ער האָט דערזעהן דעם ברודערס האַנדשריפט, האָט ער געזאָגט דאָסדאָזיגע ליד:

איך זעה די ערטער דאָ, וואו זיי זענען געגאַנגען,
די ליבע זיסע ערטער און איך בעוויין זיי הייס
און בעט ביי גאָט דעם גוטען, ער זאָל דאָס גליק מיר שענקען—
איך זאָל מיך קאָנען זעהן מיט זיי אין פרייד.

אָבגעזאָגט דאָסדאָזיגע ליד, האָט ער דורכגעלייענט דאָס פּאַפּיר און האָט דאָרט געפונען די דאַטעס, ווען זיין ברודער האָט חתונה-געהאַט מיט דער טאָכטער פונ׳ם וויזיר פון על-באַש-ראַך און ווען זיין ברודערס זוהן, האַסאַן בעדר-עד-דין איז געבוירען געוואָרען און אויך די דאַטע, ווען זיין ברודער איז געשטאָרבען. פון דעמדאָזיגען פּאַפּיר איז געווען צו זעהן, אַז זיין ברודער האָט חתונה-געהאַט אין דעם אייגענעם טאָג, וואָס ער און איין טאָג האָבען ביידענס ווייבער געהאַט קינדער: זיין ברודערס ווייב האָט געבוירען אַ זוהן האַסאַן בעדר-עד-דין און

*) ביי די מורה-פעלקער ווערט עס געמהאַן צוליב דער איבער־ציינונג, אַז דאָס קרעפטיגט די ראיה.

זיין אייגען ווייב האָט איהם געבוירען די טאָכטער סיט-על-גאַזן. און דער וויזיר האָט גענומען דיביידע פּאַפּירען און איז אַוועק מיט זיי צום סולטאַן און איהם מיטגעטיילט אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פון אָנהויב ביז׳ן סוף פּאַסירט. און דער סולטאַן האָט געשטוינט פון דערדאָזיגער געשיכטע און האָט געהייסען, מען זאָל זי פערשרייבען. און דער וויזיר איז אַוועק אַהיים און גע-וואַרט אויף דעם זוהן פון זיין ברודער, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטען אויף איהם.

און ער האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, איך וועל טהאָן דאָס, וואָס ביז איצט האָט נאָך קיינער נישט געטהאָן.“

און ער האָט גענומען טינט און פעדער און איבערגעשרי-בען די אַלע זאַכען, וואָס זענען געווען אין זיין הויז און אויך אָנגעוויזען די אַלע ערטער, וואו זיי זענען געלעגען און גע-שטאַנען. דערנאָך האָט ער בעפוילען, אַז די גאַנצע אויסשטאַטונג זאָל בלייבען פּינקטליך אויפ׳ן אָרט און קיין זאַך זאָל נישט גע-יהרט ווערען און די טשאַלמע מיט׳ן בייטעלע און די קליידער האָט ער אַליין בעהאַלטען.

און אַט איז געקומען די צייט און דעם וויזירס טאָכטער האָט געבוירען אַ זוהן, וואָס איז געווען שען, ווי די העלע לבנה און עהנליך צום פאָטער. האָט מען איהם צוגענומען פון דער מו-טער, אָבגעשוואַרצט איהם די אויבערשטע אויגען-הייטלעך*) און אַ נאָמען געגעבען איהם אַדזשיב. אַוועק אַ חודש און אַ צווייטער און אַ דריטער, און אַ יאָהר איז אַוועק און צוויי און דריי און פינף און זיבען, און דעמאָלט האָט איהם דער זיידע אַוועקגע-געבען אין אַ חדר און געהייסען, דער רבי זאָל אויף איהם גוט אַכטונג געבען. פיר יאָהר איז ער אַהגעווען אין חדר, זיך גע-שלאָגען מיט די חברים און, בעליידיגענדיג זיי, פלעגט ער זאָגען:

---

*) ביי די מזרח־פעלקער ווערט עס געטהאָן צוליב דער אי-בערציינונג, אַז דאָס קרעפטיגט די ראיה.

„איהר קאָנט זיך צו מיר נישט גלייכען. מיין פאָטער איז וויזיר אין קאַאירא."

האָבען זיך די יונגלעך איינמאָל פעראַמעלט און אַוועק זיך קלאָגען צום רבי אויף אַדזשיב'ן, און דער רבי האָט זיי געזאָגט:

„איך וועל אייך זאָגען, ווי איהר זאָלט זיך בעגעהן איהם, און דעמאָלט וועט ער חרטה-האָבען דערויף, וואָס ער איז אַריינגעטראָטען אין חדר. מאָרגען, אַז ער וועט קומען אין חדר, זאָלט איהר זיך אויסזעצען אַרום איהם אין אַ קרייז און זאָגען, איינאַנדער: „ביי גאָט, אין דעמדאָזיגען שפּיל וועט קיינער נישט שפּילען מיט אונז, אויסער די-יעניגע, וואָס קאָנען אָנרופען דעם נאָמען פון דער מוטער און דעם פאָטער. אָבער יענער, וואָס וויים נישט דעם נאָמען פון דעם פאָטער און מוטער, איז אַ ממזר און דעריבער וועט ער מיט אונז נישט שפּילען.

אויף מאָרגען, אַז די קינדער זענען געקומען אין חדר, האָבען זיי שוין דאָרט געטראָפען אַדזשיב'ן. האָבען זיי איהם אַרומגערינגעלט און געזאָגט אַזוי ווי דער רבי האָט זיי געהייסען. האָט איין יונגעל געזאָגט: „איך הייס מאַדזשיב, מיין מוטער הייסט אַלאַווי און מיין פאָטער—עז-עד-דין; און אַזוי האָט געזאָגט דער צווייטער יונגעל און דער דריטער און דער פירטער ביז עס איז געקומען צו אַדזשיב'ן. האָט אַדזשיב געזאָגט:

„איך הייס אַדזשיב, מיין מוטער הייסט סיט-על-גאַון און מיין פאָטער, דער וויזיר פון קאַאירא, הייסט שעמס-עד-דין."

האָבען זיי איהם געענטפערט:

„ביי גאָט, דער וויזיר איז נישט דיין פאָטער."

„ניין, מיין פאָטער!"—האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, אָבער די יונגלעך האָבען געלאַכט, געפּאַטשט מיט די הענדעלעך און געשריען:

„דו ווייסט נישט, ווער דיין פאָטער איז און דעריבער געה-אַוועק פון אונז, ווייל מיט אונז קאָן נישט שפּילען אַזאַ איינער, וואָס ווייס נישט, ווער זיין פאָטער איז."

און די יונגלעך זענען באַלד אויפגעשפּרונגען פון די ער-

טער און גענומען חוזק'ן איבער איהם. אָבער דאָס האָט איהם אַזוי בעליידיגט, אַז ער האָט זיך שרעקליך צעוויינט, און דער רבי האָט איהם געזאָגט:

„צי מיינסטו מיט אַנ'אמת, אַז דיין פאָטער איז דער וויזיר, דיין זיידע, וואָס איז דער פאָטער פון דיין מוטער סיט-על-גאַזן? נישט דו קאָנסט דיין פאָטער, נישט מיר קאָנען איהם, ווייל דער סולטאַן האָט אויסגעגעבען דיין מוטער פאַר'ן האָרבאַטען שטאַלדינער, נאָר דער שייטאַן איז געקומען און האָט פערכאַפט זיין אָרט. און וויבאַלד דו ווייסט נישט, ווי עס הייסט דיין פאָטער, ביזטו אַ ממזר. צי דען זעהסטו נישט אַליין, אַז יעדער יונגעל, וואָס האָט נאָר אַ געזעצליכען פאָטער, ווייס ווי יענער הייסט? דער וויזיר פון קאַאירא איז דיין זיידע און דיין פאָטער קאָן דאָ קיינער נישט, און דעריבער האָסטו נישט וואָס צו וויינען און בעדאַרפסט נישט זיין ברוגז אויף די קינדער."

איז אַדזשיב אַוועק צו זיין מוטער סיט-על-גאַזן און גענומען וויינען און קלאָגען פאַר איהר און עס האָט איהר זעהר באַנג געטהאָן דאָס קינד און זי האָט איהם געפרעגט:

„וואָס איז מיט דיר, אָ, מיין זוהן, געשעהן?"

האָט ער איהר דערצעהלט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון די יונגלעך און פון רבי און געזאָגט:

„אָ, מיין מוטער! ווער איז געוועזן מיין פאָטער?"

האָט איהם די מוטער אַ גלעט געטהאָן פאַר'ן בעקעל און געזאָגט:

„דיין פאָטער איז דער וויזיר פון קאַאירא."

אָבער דאָס יונגעל האָט געזאָגט דערויף:

„ניין, ער איז נישט מיין פאָטער. דו זאָג מיר נאָר דעם אמת. דער וויזיר איז דיין פאָטער און נישט מיינער. אָבער ווער איז מיין פאָטער? אויב דו וועסט מיר נישט זאָגען דעם אמת, וועל איך מיך דערשטעכען מיט דעמדאָזיגען קינזשאַל."

האָט זיך זיין מוטער צעוויינט פון רחמנות צום יונגעל, וואָס ווייס נישט ווער זיין פאָטער איז, און פון בענקשאַפט צו יענעם מאַן, מיט וועלכען זי האָט אַמאָל אַזוי גוט פערבראַכט אַ

נאַכט. און אין גרויס צער און עגמת-נפש האָט זי דורכגעלייענט דידאָזיגע אָדע, וואָס הויבט זיך אָן אַזוי:

זיי האָבען אין מיין האַרצען ליבע אָנגעצונדען
און באַלד פערלאָזען מיך, אַוועקגעפאָהרען ווייט.
עס וויים מיין אויג נישט מעהר פון שלאָף און רוה
און צו מיין מזל האָב איך טענות שווערע.

און דאָ איז פלוצלונג אַריינגעקומען דער וויזיר און געטראָפען ביידען וויינענדיג. האָט זיך איהם צוזאַמענגעדריקט דאָס האַרץ און ער האָט געפרעגט:

„פאַרוואָס וויינט איהר?"

האָט איהם די טאָכטער דערצעהלט, ווי די יונגעלעך אין חדר בעליידיגען שרעקליך איהר זוהן. האָט דער וויזיר אַליין זיך אויך צעווינט און ער האָט זיך דערמאָנט וואָס עס איז געשעהן מיט'ן ברודער, מיט זיין טאָכטער און מיט איהם אַליין, און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פערשטעהן דידאָזיגע פערפלאָנטערטע געשיכטע. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק אין ראַטצימער, וואו ער האָט זיך געשטעלט פאַר'ן סולטאַן און האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהם דערלויבען פאָהרען קיין מזרח, אין דער שטאָדט על-באַשראַך, וואו ער וועט זיך קאָנען נאָכפרעגען אויף זיין ברודער. און ער האָט איהם אויך געבעטען, ער זאָל איהם מיטגעבען בריף אין אַלע לענדער, וועלכע ער וועט פאַרבייפאָהרען, כדי ער זאָל קאָנען מיטנעהמען מיט זיך זיין ברודערס זוהן, אויב ער וועט איהם אָבגעפינען. און ער האָט אַזוי געוויינט פאַר'ן סולטאַן, אַז יענער איז גערירט געוואָרען און האָט איהם מיטגעגעבען בריף אין אַלע לענדער און שטעדט. האָט זיך דער וויזיר זעהר דערפרעהט און האָט זיך בעדאַנקט דעם סולטאַן און זיך צוזעגנט מיט איהם.

און ער איז באַלד אַוועק אַהיים און גענומען אַלץ, וואָס מען בעדאַרף אין אַ נסיעה און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. און ער איז געפאָהרען אַ טאָג און צוויי און דריי ביז ער איז געקומען אין דער שטאָדט דמשק, וואָס איז געווען בעפוצט מיט

ער גוימער און מיט זילבערנע טייכען און בעזונגען פון דיכטער צוויי האָט געזאָגט זיינע דינער, אַז מען וועט דאָ אָברוהען מעת-לעת און האָט געלאָזט אויפשטעלען געצעלטען אויף אַ פרייען פּלאַץ. נאָכדעם זענען די דינער אַוועק — ווער עפּיס קויפען, ווער פערקויפען, ווער אין באָד אַריין און ווער אין מעטשעט בעני-אומייך, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען נישט אין דער גאַנצער וועלט. אַדזשיב איז צוזאַמען מיט אַ דינער אויך אַוועק אין שטאָדט אַריין, וואו ער האָט זיך געוואָלט אַ ביסעל ווייליען. דער דינער איז געגאַנגען הינטער דעם יונגעל מיט אַ רימען אין דער האַנד צו טרייבען דעם קעמעל. אָבער אַז די איינוואוינער פון דמשק האָבען דערזעהן אַדזשיב'ן מיט זיין וואונדערשענעם געזיכט, מיט זיין פיינער האַלטונג, וואָס איז ליבער און אָנגענעהמער, איידער דאָס צפון-ווינטעלע, איידער דאָס געזונט פאַר אַ קראַנקען, זענען זיי מחנות'וויז אַוועק נאָך איהם און פיל האָבען זיך אויסגעזעצט אויף די זייטיגע גאַסען און געוואַרט, טאָמער וועט ער פאַרבייגעהן. אָבער דאָס בלינדע מזל האָט געוואָלט, אַז דער דינער זאָל זיך אָבשטעלען פאַר דער קראָם פון האַסאַן בעדר-עד-דין, אַדזשיבס פאָטער, טאַקי די אייגענע קראָם, וואו דער קאָנדיטאָר האָט אַמאָל אויפגענומען האַסאַן בעדר-עד-דינ'ען און האָט איהם דערנאָך פערשריבען פאַר אַנ'אייגען קינד. דערדאָזיגער קאָנדיטאָר איז שוין לאַנג געשטאָרבען און איבערגעלאָזט האַסאַנ'ען זיין פערמעגען און זיין קראָם.

בשעת דער דינער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען זיין קראָם צוזאַמען מיט די מחנות נייגיריגע און האַסאַן בעדר-עד-דין האָט דערזעהן זיין זוהן און בעמערקט ווי ער איז שען, האָט איהם גענומען שרעקליך ציהען צו איהם און ער האָט איהם באַלד ליב בעקומען מיט'ן גאַנצען האַרצען.

ער האָט נאָר-וואָס אויסגעפרעגעלט עפּעל-אַיינגעמאַכטס און ער האָט געוואָלט אויסדריקען זיין געפיהל מיט עפּיס, האָט ער געזאָגט:

„אָ, מיין, הער! האָסט מיר צוגענומען דאָס האַרץ און די נשמה. איך האָב דיך ליב בעקומען אין איין אויגענבליק. אפשר

וועסטו אַריינגעהן צו מיר און מיר אָנטהאָן דעם כבוד דערמיט, וואָס דו וועסט ביי מיר עפּיס געניסען?"

און ביי דידאָזיגע ווערטער זענען איהם די אויגען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען און נישט-ווילענדיג האָט ער פערגלייכט זיין אַמאָליגע לאַגע מיט דער היינטיגער. און אַז אַדזשיב האָט דערהערט זיין פאָטערס איינלאַדונג, האָט ער איהם אויך באַלד ליב בעקומען און נאָכדעם ווי ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן דינער, האָט ער געזאָגט:

„כלעבען, מיר געפעלט זעהר דעראָזיגער קאָנדיטאָר. ער האָט מסתמא נאָר-וואָס פערלאָרען אַ זוהן. לאָמיר איהם אָנטהאָן דאָס פערגעניגען און אַריינגעהן צו איהם. אַז מיר וועלען זיין גוט צו מענשען, וועט אונז אַלאַה העלפען געפינען דעם פאָטער."

אָבער דער דינער האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, דאָס טויג נישט. צי קאָן די פאַמיליע פון אַ איזיר אַריינגעהן עסען צו אַ קאָנדיטאָר? נאָר פריהער מוז מען לאָטש אָוועקטרייבען די נייגיריגע, זיי זאָלען נישט זעהן, וואָרום אַנישט, וועסטו גאָרנישט קאָנען אַריינגעהן אין קראָם."

דערהערט די ווערטער פון דינער, האָט זיך בעדר-עד-דין זעהר פערוואונדערט און ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם יונגעל מיט טרעהרען אויף די אויגען און געזאָגט:

„מיין הער! פאַרוואָס ווילסטו נישט בערוהיגען מיין האַרץ און אַריינגעהן צו מיר?"

און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום דינער:

„און פאַרוואָס ווילסטו נישט צַריין, דו, וואָס דיין לייב איז שוואַרץ און דיין האַרץ איז ווייס? אָ, דו ביזט ווערט געלויבט צו ווערען."

האָט זיך דער דינער צולאַכט און געפרעגט:

„וואָס ווילסטו דערמיט זאָגען? רייד גיכער:"

און בעדר-עד-דין האָט פאָרגעלייענט דאָסדאָזיגע ליד:

ווען ער וואָלט נישט געהאַט קיין גרויסע מעלות,
וואָלט איהם דער מלך אינ'ם פאַלאַץ נישט געהאַלטען.
דער האַרעם וואָלט פערבלייבען אָהן זיין בעסטען דינער.

דאָסדאָזיגע ליד האָט אַזוי אויסגענומען ביים דינער, אַז ער האָט גענומען אַדזשיב׳ן פאַר דער האַנד און אַריין מיט איהם אין דער קאָנדיטעריי. און בעדר-עד-דין האָט זיי אַוועקגעשטעלט אַ טעלער מיט עפּעל-אַיינגעמאַכטס, וואָס איז געווען געפּרעגעלט מיט מאַנדלען און מיט צוקער, און דאָס יונגעל מיט׳ן דינער האָבען געגעסען מיט גרויס הנאה. און בעדר-עד-דין האָט געזאָגט:

„איהר האָט מיך דערפרעהט מיט אייער קומען. עסט און זאָל אייך וואויל בעקומען.“

און דערויף האָט אַדזשיב געזאָגט זיין פאָטער:

„זעץ דיך אַוועק און עס מיט אונז אינאיינעם און דער־פאַר וועט אונז אפשר גאָט בעהעפטען מיט יענעם, וועמען מיר זוכען.“

און בעדר-ען-דין האָט זיך אָנגערופען:

„אָ, מיין זוהן! האָסטו דען אויך געהאַט דאָס אומגליק גע-שיידט צו ווערען מיט יענעם, וועמען דו האָסט ליב?“

„יאָ, פעטער,—האָט אַדזשיב געענטפערט—מיין האַרץ ווערט קראַנק פון בענקעניש צו יענעם, וואָס פעלט מיר. איך האָב נישט קיין פאָטער, און מיר זוכען איהם אַרום מיט׳ן זיידען איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער איך וואָלט אַזוי וועלען זעהן מיין פאָטער!

און דאָס יונגעל האָט זיך צעוויינט, און זיין פאָטער, גע-ריהרט דורך זיינע טרעהרען, האָט זיך אויך צעוויינט, און מיט וועה האָט ער געטראַכט פון זיין טרויעריגער לאַגע, וואָס ער איז צושיידט מיט יענע, וועלכער ער האָט ליב און אַז ער האָט נישט קיין פאָטער און איז ווייט פון דער מוטער. און דער די-נער איז אויך שטאַרק געריהרט געוואָרען פון זייערע טרעהרען.

נאָכ׳ן עסען האָט זיך דאָס יונגעל מיט׳ן דינער אויפגעהויבען און אַרויס פון קראָם און בעדר-עד-דין האָט זיך דערשפּירט אַזוי, ווי די נשמה וואָלט זיך איהם צושיידט מיט׳ן גוף. און עס איז איהם געוואָרען אַזוי שווער אויפ׳ן האַרצען, אַז ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען און ער האָט פערשלאָסען די קראָם און איז אַוועק נאָכ׳ן יונגעל, הגם ער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס

איז זיין קינד, און מיט שנעלע טריט איז ער געגאַנגען ביז ער האָט זיי דעריאָגט ביי די שטאָדטטויערן. אָבער דאָ האָט זיך אָבגעקעהרט דער דינער און איהם געפרעגט.

„וואָס פערלאַנגסטו, קאָנדיטאָר?"

און בעדר-עד-דין האָט געענטפערט:

„אַז איהר זענט אַרויס פון מיין קראָם, האָב איך מיך דערשפירט אַזוי, פונקט ווי מיין נשמה וואָלט אַרויסגעלאָפען פון מיין גוף, אָבער איך האָב מיך דערמאָהנט, אַז איך האָב איך דער פאַרשטאָדט עפּיס אַנ'ענין, בין איך אַוועק נאָך אייך און פאַר איינוועגס אייך בעגלייט. איצט קעהר איך מיך אום צוריק."

אָבער דער דינער איז בייז געוואָרען און געזאָגט אַדזשיב'ן:

„ביי גאָט, אין אַ שלעכטער מינוט זענען מיר אַריין צו איהם אין קראָם. איצט וועט ער אונז נמאס-ווערען. זעה, ער געהט אונז נאָך."

האָט זיך אַדזשיב אומגעקוקט און דערזעהן דעם קאָנדיטאָר, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכען גרימצאָרן, דאָס פּנים האָט זיך איהם צופלאַמט, אָבער ער האָט זיך אָנגערופען צום דינער:

„זאָל ער געהן נאָך אונז, אָבער אַז מיר וועלען אַראָב פון דער ברייטער גאַס און אַוועק מיט'ן געסעל צו אונזערע געצעלטען און ער וועט אויך דאָס אייגענע טהאָן, וועלען מיר איהם צוועקיאָגען."

בעדר-עד-דין איז אַלץ געגאַנגען הינטער זיי און אַז זיי האָבען זיך פערקירעוועט צו די געצעלטען און אַדזשיב האָט פון דאָסניי דערזעהן דעם קאָנדיטאָר, איז ער נאָכמעהר צורייצט געוואָרען. ער האָט זיך געשראָקען, אַז דער דינער וועט מסר'ן דעם זיידען און דעמאָלט וועט מען זיך דערוויסען, אַז זיי האָבען געגעסען אין אַ קאָנדיטעריי און אַז דער קאָנדיטאָר איז זיי נאָכגעגאַנגען. און אַז ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם פערטרויערטען פאָטער און זיינע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט'ן פאָטערס אויגען, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דערדאָזיגער מענש טראָגט אַ גרויסען וועהטאָג אין האַרצען און ער האָט אַ

טראַכט געטהאָן: צי איז ער אַמאָל נישט אַ שקלאַף? אָבער דער האַס צו דעמדאָזיגען מענשען, וואָס געהט איהם נאָך, האָט אין איהם אַלץ געוואַקסען, און ער האָט געכאַפּט אַ שטיין און גע-לאָזט דעם פּאָטער אין קאָפּ אַריין און איהם אַזוי צוהאַקט דעם שטערען, אַז ער איז געפאַלען אין חלשות און דאָס גאַנצע גע-זיכט איז איהם בעגאָסען געוואָרען מיט בלוט. און באַלד דערויף איז אַדזשיב מיט'ן דינער אַוועק אין געצעלט און האָסאַן בעדר-עד-דין איז לאַנגזאַם געקומען צו זיך, אָבגעווישט פון פּנים דאָס בלוט, אַראָבגעריסען פון דער טשאַלמע אַ שטיקעל לייווענד און פערבונדען דערמיט דעם קאָפּ און זיך געזאָגט:

„איך האָב אומזיסט דערשראָקען דאָס יונגעל דערמיט, וואָס איך בין איהם נאָכגעגאַנגען. ער מיינט אודאי, אַז איך בין אַנ'-אויסנאַרער."

אַז ער איז געקומען אין קראַם, האָט ער פון דאָסניי פער-קויפט זיינע טשאַסטקעס, אָבער ער האָט געבענקט נאָך זיין מו-טער, וואָס האָט געוואוינט אין על-באַשראַך.

דער וויזיר האָט פערבראַכט אין דמשק דריי טעג און דערנאָך אַוועקגעפאָהרען אין דער שטאָדט העמס און פון דער שטאָדט העמס איז ער געפאָהרען ווייטער און ווייטער און אומע-טום זיך נאָכגעפרעגט און נאָכגעפאָרשט ביז ער איז געקומען אין על-באַשראַך. אין על-באַשראַך האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַר'ן סולטאַן, וואָס האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און פּאַ-ראַד און געפרעגט די סבה פון זיין קומען. און דעמאָלט האָט איהם דער וויזיר דערצעהלט זיין גאַנצע געשיכטע און דערביי בעמערקט, אַז דער וויזיר נור-עד-דין איז געווען זיין ברודער. האָט דער סולטאַן אויסגעשריען:

„רחמנות איז מיט אונז! דאָס איז דאָך געווען מיין וויזיר און איך האָב איהם זעהר ליב געהאַט. אָבער ער איז שוין לאַנג געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג אַ זוהן. אָבער דערדאָזיגער זוהן איז פערפאַלען געוואָרען און מיר ווייסען גאָרניט פון איהם. נאָר די מוטער לעבט זאָ און וואוינט אין אונזער שטאָדט. ווייל זי איז די טאָכטער פון מיין פריהערדיגען וויזיר."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער פון סולטאַן, אַז זיין ברודערס ווייב לעבט, האָט זיך שעמס-עד-דין זעהר דערפרעהט און האָט אויסגעדריקט זיין ווונש צו זעהן זיך מיט איהר. דער סולטאַן האָט עס איהם דערלויבט און דעמאָלט איז ער אַוועק צו דער פרוי. אַריין אין איהר הויז, האָט ער אַ קוש געטהאָן די שוועל און דאָ האָט ער דערזעהן אַ טהיר מיט אַ שטיינערנער אַרקע, בעפוצט מיט פערשידענפאַרביגען מאַרמאָר. אויף דער וואַנד האָט ער דערזעהן דעם נאָמען פון זיין ברודער נור-עד-דין, אָנגעשריבען מיט גאָלדענע אותיות, איז ער צוגעגאַנגען, אַ קוש געטהאָן זיי און זיך צעוויינט. נאָכדעם איז ער אַריין אין גאַסטצימער פון זיין ברודערס ווייב, די מוטער פון האַסאַן בעדר-עד-דין פון על-באַשראַך. זינט דער זוהן איז איהר פערפאַלען געוואָרען, האָט זי אַלץ געוויינט און געקלאָגט בייטאָג און ביינאַכט און אין מיטען צימער האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ דענקמאָל דעם זוהן. בשעת שעמס-עד-דין איז אַריינגעקומען אין צימער, האָט זי געזאָגט אַ תפילה פאַר׳ן דענקמאָל, אָבער שעמס-עד-דין האָט זיך פערנויגט פאַר איהר און איהר מיטגעטיילט, אַז ער איז איהר מאַנס ברודער און האָט איהר דערצעהלט אַלץ, וואָס עס האָט פאַסירט מיט איהם און וואָס פאַר אַנ׳אויסטערלישע זאַכען עס זענען פערלאָפען אין דער-דאָזיגער געשיכטע. ער האָט איהר אויך דערצעהלט, אַז איהר זוהן האַסאַן בעדר-עד-דין האָט פערבראַכט אַ גאַנצע נאַכט מיט זיין טאָכטער, אָבער אינדערפריה איז ער פערשוואונדען געוואָרען, און די טאָכטער האָט נאָכדעם געבוירען אַ זוהן, וועלכען ער האָט אויך מיטגעבראַכט מיט זיך. דערהערט אַ גרוס פון איהר זוהן, האָט זי אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן ברודער פון איהר מאַן, איז איהם געפאַלען צו די פיס, זיי געקושט און פאָרגע-לייענט דאָסדאָזיגע ליד

נאָר גאָט אַליין האָט איך געקאָנט מיר שיקען,
און אויך די פרייד אין מיר—זי שטאַמט פון גאָט.
מיין שוואַך צובראָכען האַרץ וואָלט איך געשענקט איהם גערן,
ווען גאָט וואָלט נאָר געוואָלט, ווען ער וואָלט נאָר בעוויליגט,
ער וויזיר האָט געשיקט נאָך אַדושיב׳ן, זאָן אַז מען האָט

איהם געבראכט, איז די באבע צוגעגאנגען צו איהם, ארומגענו-מען איהם און זיך צעוויינט. אבער שעמס-עד-דין האט געזאגט:

„איצט איז נישט די צייט צו וויינען, מען מוז זיך לאזען וואס גיכער אין וועג אהין און אפשר וועט אונז גאט העלפען און בעהעטען אונז מיט דיין זוהן, וואס איז מיין פלימעניק.”

און זי האט געזאגט:

„איך הער און געהארך.”

זי איז תיכף אויפגעשטאנען פון ארט און גענומען צונויפ-זאמלען איהר האב און גוטס און איהרע שקלאפינס און זיך גע-גרייט אין וועג אריין. נאכדעם איז דער וויזיר שעמס-עד-דין ווידעראמאל אוועק צום סולטאן פון על-באשראך, צו זעגענען זיך מיט איהם און דער סולטאן האט איהם מיטגעגעבען שענע מתנות פאר'ן עגיפטישען מלך.

און באלד איז דער וויזיר ארויסגעפאהרען מיט זיין ברו-דערס ווייב און זיי זענען געפאהרען אהן אנ'אבשטעל ביז דער שטאדט דמשק, וואו זיי האבען א צווייט מאל אויסגעשטעלט גע-צעלטען און דער וויזיר האט געזאגט צו זיינע דינער:

„אין דמשק וועלען מיר פערברענגען א גאנצע וואך, ווייל מיר בעדארפען דא איינקויפען מתנות און זעלטענע חפצים פאר'ן סולטאן.”

און דעמאלט האט אדשיב געזאגט צו זיין דינער:

„דו ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען, איך וואלט מיר גע-וואלט א ביסעל ווילען. קום אקארשט ארויס אויפ'ן מארק און מיר וועלען זעהן, וואס דארט ווערט געטהאן און וואס מאכט דער קאנדיטאר אונזערער, וועלכען איך האב צוהאקט דעם קאפ מיט א שטיין. ער האט אונז דעמאלט אזוי פריינדליך אויפגענו-מען, אבער מיר האבען זיך בעגאנגען מיט איהם אזוי שלעכט.”

„איך הער און געהארך”, - האט געענטפערט דער דינער.

זענען זיי ארויס פון געצעלט, ווייל דאס הארץ האט אדשיב'ן געצויגען צום פאטער, און זענען אוועק אין שטאדט און געקומען צום קאנדיטאר, וואס איז געשטאנען ביי דער טהיר פון דער קראם. געווען איז עס שוין נאך דער תפילה פון נאך

האַלבען טאָג און פּאַסירט האָט אַקוראַט אַזוי, אַז ער האָט נאָר־וואָס געהאַט צוגעגרייט אײַנגעמאַכטס פון עפּעל, ווי דעמאָלט. אַז אַדזשיב האָט דערזעהן האַסאַנ׳ען מיט׳ן שניט אויפ׳ן שטערן, האָט איהם אָנגעהויבען זעהר קלאַפּען דאָס האַרץ און ער האָט געזאָגט:

„פרידען אין דיין הויז. זאָלסט וויסען, אַז מיין האַרץ איז מיט דיר."

אָבער בעדר־עד־דין האָט זיך אַזוי פערלאָרען פון וועהטאָג און פרייד, אַז ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט גאָר־נישט געקאָנט זאָגען. צולעצט האָט ער זיך אָנגעשטרענגט, אויפ־געהויבען דעם קאָפּ, אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן זוהן און קוים אַרויס־געזאָגט דאָסדאָזיגע ליד:

מיט מיין געליבטען גאָר איך מיך צו זעהן,
נאָר ווען אַלאַה האָט מיר איהם צוגעשיקט,
איז דאַן אַוועק דער לשון פון מיין צונג,
אַ נעבעל האָט די אויגען מיר פערשטעלט,
און איך האָב מיט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט.

עס האָט דאָס האַרץ אַ סך געוואָלט דיר זאָגען,
געבליבען איז עס אָבער שטיל אוי שטום,
דאָס האַרץ האָט דיך דערזעהן און אַלץ פערגעסען—
די פריהערדיגע ליידען באַלד פערגעסען.

און נאָכדעם האָט ער זיי געזאָגט:

„טהוט מיר דאָס פערגעניגען און געניסט פון מיין כבוד. ביי גאָט, אַז איך האָב דיך דערזעהן צום ערשטען מאָל, האָט מיך דאָס האַרץ אַזוי געצויגען צו דיר, אַז איך האָב פערלאָרען מיין פערשטאַנד און בין דיר אַ צייט נאָכגעגאַנגען.

און אַדזשיב האָט געזאָגט:

ביי גאָט, דו מוזט מיך באמת ליב האָבען און מיר האָבען איך צוזאַמען געגעסען, נאָר אויב דו וועסט סונדעסטוועגען געהן נאָכאַמאָל נאָך אונז און מיר פערשאַפען חרפה און בושה, וועלען מיר מעהר ביי דיר נישט עסען. שווער מיר, אַז דו וועסט מיר מעהר

ניט נאָכגעהן. וואָרום אַנישט, וועלען מיר צו דיר קיין איין מאָל נישט אַריינקומען, כאָטש מיר וועלען דאָ פערבלייבען אַ גאַנצע וואָך און מיין זיידע וועט דאָ קויפען מתנות פאַר'ן סולטאַן."

„איך הער און געהאָרך,—האָט געענטפערט בעדר-עד-דין,— און איך וועל פּינקטליך דערפילען דיין פערלאַנג."

איז דער דינער מיט אַדזשיב'ן אַריין אין קראָם און בעדר-עד-דין האָט זיי מכבד-געווען מיט עפּעל-איינגעמאַכטס.

אַדזשיב האָט געזאָגט דעם קאָנדיטאָר:

„זעץ דיך און עס מיט אונז און זאָל אַלאַה צוזייהען אונזער צער."

און בעדר-עד-דין איז געווען ענטציקט און האָט געגעסען מיט זיי צוזאַמען, אָבער ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגען פון יונגעל, ווייל זיין האַרץ און שׂכל זענען נאָר בעשעפטיגט געווען מיט איהם. אַדזשיב האָט עס בעמערקט און זיך אָנגערופען:

„דו ביזט ווירקליך פערליבט אין מיר. אָבער גענוג. הערצ אויף צו קוקען אויף מיר."

און בעדר-עד-דין האָט זיך ענטשולדיגט און זיי נאָכאַנאַנד צוגעטראָגען די בעסטע נאַשערייען. דערנאָך האָט ער זיי בעגאָסען מיט וואַסער די הענד, אַראָבגענומען פון אַקסעל דאָס זיידענע האַנדטוך און אויסגעווישט זיי די הענד דערמיט און נאָכדעם האָט ער זיי בעשפּריצט מיט רויזענוואַסער און איז אַרויסגעגאַנגען און באַלד צוריק אַריינגעקומען מיט צוויי טעצעלעך שערבעט און ער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיי דידאָזיגע צוויי טעצעלעך און געזאָגט:

„פערענדיגט אייער גוטסקייט, וואָס איהר האָט מיר אַרויסגעוויזען."

האָט אַדזשיב אויסגעטרונקען אַ טעצעל און דער דינער אַ טעצעל און ביידע האָבען דערפיהלט, אַז זיי זענען אַזוי זאַט ווי נאָך קיינמאָל נישט. נאָכדעם זענען זיי אַוועק צו זייערע געצעלטען, און אַדזשיב איז אַריין צו זיין באָבען, צו האַסאַן בעדר-עד-דינס מוטער. האָט זי איהם אַ קוש געטהאָן און געפרעגט:

„וואו ביזטו געווען?"

„אין שטאָדט,"—האָט ער געענטפערט.

האָט זי זיך אויפגעהויבען און איהם מכבד-געווען מיט עפעל-אײַנגעמאַכטס, וואָס איז צופעליג נישט גוט זיס געווען, און זי האָט געזאָגט צו זיין דינער

„זעץ דיך מיט דיין האַר."

און דער דינער האָט בעת-מעשה אַ טראַכט געטהאָן:

„ביי גאָט, מיר קאָנען מעהר נישט עסען."

אָבער ביידע האָבען זיך דאָך געזעצט צום טיש און אַד-זשיב האָט געווייקט שטיקעלעך ברויט אין אײַנגעמאַכטס און איבערגעוואָלט געגעסען. אָבער דאָס אײַנגעמאַכטס האָט איהם אויסגעוויזען זעהר נישט בע'טעמ'ט און ער האָט זיך אָנגערופען:

„דאָס אײַנגעמאַכטס האָט קיין שום טעם נישט."

האָט די באָבע אַ קוק געטהאָן אויף איהם און געזאָגט:

„וואָס רעדסטו, קינד מיינס? איז דען דאָס אײַנגעמאַכטס נישט גוט? דאָס האָב איך דאָך אַליין געפּרעגעלט, און אויסער דיין פאָטער האַסאַן בעדר-עד-דין, קאָן עס קיינער אַזוי נישט מאַכען, ווי איך."

„ביי גאָט,—האָט אַדזשיב געענטפערט,—דאָסדאָזיגע אײַנ-געמאַכט איז גאָרנישט גוט געמאַכט געוואָרען. מיר האָבען נאָר-וואָס געזעהן אין שטאָדט אַ קאָנדיטאָר, וואָס זיין אײַנגעמאַכטס איז אַזוי געפּרעגעלט, אַז פון ריח אַליין ווערט אויפגערייצט דער אַפּעטיט. אָבער דיין אײַנגעמאַכטס אין פערגלייך מיט יענעם איז גאָרנישט ווערט.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, איז די באָבע זעהר בייז גע-וואָרען און זי האָט זיך אָנגערופען צום דינער:

„וועה צו דיר! דו האָסט מיר קאַליע געמאַכט דאָס יונגעל. דו האָסט איהם אַרייַנגעפיהרט אין אַ קאָנדיטעריי."

האָט זיך דער דינער דערשראָקען און גענומען לייקענען:

„מיר זענען בלויז פאַרבייגעגאַנגען אַ קאָנדיטעריי, אָבער מיר זענען אַהין נישט אַריין."

אָבער אַדזשיב האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, מיר זענען אַריינגעגאַנגען אַהין און האָבען גע-געסען, און דאָס, וואָס מיר האָבען געגעסען, איז געווען אַ סך

בע׳טעמ׳טער פון דיין איינגעמאַכטס.

איז די באָבע אויפגעשטאַנען און אַוועק זיך בעקלאָגען אויפ׳ן דינער פאַר׳ן ברודער פון איהר מאַן. האָט דער וויזיר אַריינגערופען דעם דינער און איהם געפרעגט:

„צו וואָס האָסטו אַריינגעפיהרט דאָס קינד אין דער קאָנ־דיטעריי?"

האָט דער דערשראָקענער דינער פון דאָסניי געלייקענט:

„מיר זענען נישט אַריין אין דער קאָנדיטעריי."

אָבער אַדזשיב האָט זיך ווידער אָנגערופען:

„ניין, מיר זענען אַריין און האָבען דאָרט אַזוי לאַנג גע־געסען עפעל־איינגעמאַכטס, ביז מיר זענען זאַט געוואָרען, און דער קאָנדיטאָר האָט אונז געגעבען צו טרינקען שערבעט מיט אייז און צוקער."

איז דער וויזיר נאָך בייזער געוואָרען אויפ׳ן דינער און האָט איהם נאָכאַמאָל געפרעגט, אָבער יענער האָט אַלץ געליי־קענט און דעמאָלט האָט דער וויזיר געזאָגט.

„אויב דו רעדסט אמת, טאָ זעץ דיך נעבען מיר און עס."

האָט זיך דער דינער אַנידערגעזעצט און געפרובט עסען, אָבער ער האָט נישט געקאָנט, האָט ער אָבגערוקט פון זיך דאָס איינגעמאַכטס און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, איך בין נאָך זאַט פון נעכטען."

דעמאָלט האָט דער וויזיר פערשטאַנען, אַז דער דינער איז געווען אין דער קאָנדיטעריי, האָט ער געהייסען די שקלאַפינס, זיי זאָלען איהם כאַפּען און אַנידערלעגען אויף דער פּאָדלאָגע, און אַז זיי האָבען אַזוי געטהאָן, האָט ער אַליין איהם גענומען שלאָגען. און דער דינער האָט געשריען און געבעטען רחמים, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט ער געלייקענט און געזאָגט, אַז ער איז נאָך זאַט פון נעכטען. דער וויזיר האָט איהם אַלץ געשלאָגען און צולעצט האָט ער איהם געזאָגט:

„ווען דו ביסט זאַט, זאָג מיר דעם אמת?"

דעמאָלט האָט זיך דער דינער מודה־געווען:

„מיר זענען באמת אַריין אין דער קאָנדיטעריי. אָבער דע־

מאָלט האָט דער קאָנדיטער נאָר-וואָס אַריינגעטראָגען פריש עפעל-איינגעמאַכטס און איך שווער אייך ביי גאָט, אַז איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען נישט געגעסען עפּיס אַזוינס און איך האָב, ווידער, אויך קיינמאָל אין מיין לעבען נישט געזעהן קיין מעהר עקעלהאַפטעס איינגעמאַכטס, ווי דאָס, וואָס איז דאָ דערלאַנגט געוואָרען."

איז בעדר-עד-דינס מוטער שרעקליך בייז געוואָרען און געזאָגט:

„אַנו, געה צום קאָנדיטאָר און ברענג אַ קרוג איינגעמאַכטס און זאָל דיין האַר פּרובען און בעשליסען וועמעס איינגעמאַכטס איז בעסער."

האָט דער דינער גענומען אַ קרוג און אַ האַלבען דוקאַט, איז אַוועק צום קאָנדיטאָר און געזאָגט:

„אין מיין האַרס געצעלט האָט מען זיך געשפּאַרט צוליב דיין איינגעמאַכטס: צי דיינס איז בעסער פאַר אונזערס, צי אונזערס איז בעסער פאַר דיינס. איך מוז דיר זאָגען, אַז איך בין איצט אַ געליטענער, מען האָט מיך שוין געשלאָגען פאַר דיין איינגעמאַכטס, און דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר געבען פאַר אַ האַלבען דוקאַט פון דעם סאַמע בעסטען איינגעמאַכטס, וואָס דו האָסט.

האָט זיך בעדר-עד-דין צולאַכט און געזאָגט:

„ביי גאָט, קיינער אין דער וועלט ווייס בעסער נישט קאָכען דאָס דאָזיגע איינגעמאַכטס, ווי איך און מיין מוטער, אָבער מיין מוטער וואוינט ווייט פון דאַנען."

און ער האָט איהם דערלאַנגט אַ פולען קרוג מיט איינגעמאַכטס, וואָס איז געווען צוגעריכט מיט רויזענוואַסער און מאַשוס. און דער דינער האָט איילינג געכאַפּט דעם קרוג און אַוועקגעטראָגען אין געצעלט אַריין, און אַז האַסאַנס מוטער האָט גענומען אין מויל אַריין און געפּרובט דאָס דאָזיגע איינגעמאַכטס, [illegible] זי באַלד פערשטאַנען, ווער עס האָט דאָס געקאָכט, [illegible] זי אַ געשריי געטהאָן און געפאַלען אין חלשות. [illegible] ויגער צופאַל האָט שטאַרק איבערראַשט דעם וויזיר, הא-

סאַנס מוטער האָט מען בעגאָסען מיט רויזענוואַסער, און אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי געזאָגט:

„אויב מיין זוהן געפינט זיך נאָך אויף דער וועלט, האָט ער עס געקאָכט דאָס איינגעמאַכטס. דאָס איז געוויס מיין זוהן האַסאַן בעדר-עד-דין. אַזוי קאָן קיינער קיין איינגעמאַכטס נישט קאָכען, אויסער איך און ער, און איך האָב איהם אויסגעלערנט.”

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך דער וויזיר זעהר דערפרעהט און ער האָט אויסגעשריען:

„אָ, ווי איך וויל געפינען דעם זוהן פון מיין ברודער. איך פערהאָף צו גאָט, וועמענס נאָמען עס בעדאַרף געבענשט און געלויבט זיין, אַז מיין ברודערס זוהן וועט זיך אָבגעפינען.”

ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבען, אַריינגערופען די מענליכע דינערשאַפט און געזאָגט:

„צוואַנציג מענשען פון אייך זאָלען די מינוט אַוועק אין דער קאָנדיטעריי און מאַכען פון איהר אַ תל און דעם קאָנדיטאָר אַליין זאָלט איהר פערבינדען די הענד אויף הינטען און איהם ברענגען אַהער, אָבער איהר זאָלט איהם קיין שום שלעכטס נישט טהאָן.”

„גוט,”—האָבען זיי געענטפערט.

און דער וויזיר איז באַלד אַוועקגעפאָהרען צום שעף פון דמשק און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, האָט ער איהם געוויזען דעם סולטאַנס בריף. האָט דער שעף אַ קוש געטהאָן די בריף און צוגעלעגט זיי צום שטערען און געפרעגט:

„ווער האָט דיך בעליידיגט?”

און דער וויזיר האָט געענטפערט:

„דערדאָזיגער מאַן איז אַ קאָנדיטאָר לויט זיין פאַך.”

האָט דער שעף באַלד בעפוילען זיינע לייט, זיי זאָלען אַוועק צום קאָנדיטאָר. אָבער אַז זיי זענען געקומען אַהין, האָבען זיי געפונען די קראָם רואינירט, ווייל די דינער האָבען שוין דערפילט דעם וויזירס פעראָרדנונג און איצט האָבען זיי בלויז געוואַרט דערויף, ער זאָל זיך צוריקקעהרען פון פאַלאַץ. בעדר-עד-דין האָט זיך אָבער זעהר שטאַרק געפייניגט און גע

טראַכט: „וואָס האָבען זיי געקאָנט געפינען אין מיין איינגעמאַכטס, אַז מען זאָל מיך דערפאַר אַזוי בעשטראָפען?"

אַז דער וויזיר איז געקומען פון שעף, וואָס האָט איהם דערלויבט מיטצונעהמען דעם בעליידיגער, האָט ער געהייסען אריינרופען דעם קאָנדיטאָר. האָט מען איהם אריינגעפיהרט מיט פערבונדענע הענד אויף הינטען און האַסאַן, אַז ער האָט דער זעהן זיין פעטער, האָט ער זיך ביטער צעוויינט און געזאָגט:

„אָ, מיין הער! וואָס פאַר אַ פערברעך בין איך בעגאַנגען?"

האָט איהם דער וויזיר געפרעגט:

„דאָס האָסטו אַליין געקאָכט דאָס עפּעל-איינגעמאַכטס?"

„אַליין, — האָט ער געענטפערט. — האָט איהר אָבער געפונען אַז דאָס איז אַזוי שלעכט, אַז מען מעג צוליב דעם אָבהאַקען אַ מענשען דעם קאָפּ?"

און דער וויזיר האָט געענטפערט:

„דאָס איז נאָך וועניג."

אָבער האַסאַן האָט געפרעגט:

„טאָר איך דען נישט וויסען, אין וואָס איך ווער בעשולדיגט?"

„ועסט באַלד וויסען, — האָט געענטפערט דער וויזיר און אַ געשריי געטהאָן צו די דינער: — ברענגט די קעמלען!"

האָט מען באַלד גענומען און אריינגעלעגט האַסאַנ'ען אין אַ קאַסטען און איהם פערשלאָסען און דערנאָך זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אריין און געפאָהרען אָהן אַנ'אָבשטעל ביז בייגאַכט. דעמאָלט האָט מען בעדר-עד-דינ'ען אַרויסגענומען פון קאַסטען, געגעבען איהם צום עסען און אַלע האָבען אָבגערוהט. דערנאָך האָט מען איהם ווידער אריינגעלעגט אין קאַסטען און ווייטער געפאָהרען. אָבער באַלד האָט מען איהם ווידעראַמאָל אַרויסגענומען פון קאַסטען און דער וויזיר האָט געפרעגט:

„דאָס האָסטו געקאָכט דאָס איינגעמאַכטס?"

„איך אַליין, מיין הער!"

און דער וויזיר האָט פעראָרדענט:

„טהוט איהם אָן קייטען אויף די פיס"

האָט מען איהם אָנגעטהאָן קייטען אויף די פיס און אַריינגעלעגט אין קאַסטען און ווייטער געפאָהרען. אַז זיי זענען געקומען אין דער אייגענער שטאָדט פון וויזיר, האָט דער וויזיר בעפוילען, מען זאָל האַסאַנ׳ען אַרויסנעהמען פון קאַסטען, און ער האָט גערופען אַ טישלער און האָט איהם געזאָגט:

„גרייט-צו אַ שאַנדסלופ פאַר דעמדאָזיגען מאַן.“

האָט בעדר-עד-דין געפרעגט:

„וואָס ווילסטו טהאָן מיט דעם סלופ?“

„איך וויל דיך צונעגלען צו איהם,—האָט דער וויזיר געזאָגט—און וועל דיך אַזוי אַרומטראָגען איבער דער שטאָדט.“

האָט איהם האַסאַן אָנגעקוקט אַ דערשראָקענער און געפרעגט:

„פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ גרויזאַמע שטראָף?“

און דער וויזיר האָט געענטפערט:

„דערפאַר ווייל דיין איינגעמאַכטס איז זעהר שלעכט געמאַכט. פאַרוואָס איז נישטאָ קיין פעפער אין דיין איינגעמאַכטס?“

האָט האַסאַן בעדר-עד-דין אויסגעשריען:

„ווילסטו מיך, אַלזאָ, טויטען דערפאַר, ווייל אין מיין איינגעמאַכטס איז וועניג פעפער פאַרהאַן? איז דיר נאָך וועניג דאָס, וואָס דו האַלטסט מיך אין אַ קאַסטען און גיסט מיר שלעכט צו עסען?“

אָבער דער וויזיר האָט געזאָגט:

„דו מוזט זיך מיר בעצאָהלען מיט׳ן לעבען און טאַקי דערפאַר, וואָס אין דיין איינגעמאַכטס פעלט פעפער.“

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, איז בעדר-עד-דין צומישט געוואָרען און ער האָט פערשאָלטען זיין מזל און איז אַריינגעפאַלען אין טריבע מחשבות. דער וויזיר האָט איהם געפרעגט:

„וואָס ביזטו פערטראַכט?“

און בעדר-עד-דין האָט געענטפערט:

„נאַרישער מענש, שוין-זשע וואָלסטו זיך בעגאַנגען מיט מיר אַזוי, ווען דו וואָלסט געווען קליגער? שוין-זשע וואָלסטו דער׳הרג׳עט אַ מענשען בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט נישט אַריינגעטהאָן קיין פעפער אין זיין איינגעמאַכטס?“

„אָבער וואָס איז דאָ צו ריידען,—האָט דער וויזיר געענ־טפערט,—דיין טויט איז אומפערמיידליך."

און דאָ האָט האַסאַן דערזעהן, ווי דער טישלער האָט פאַר־טיג געמאַכט דעם סלופ און האַסאַן האָט לאַנג געקוקט אויף איהם. דערווייל איז צוגעפאַלען די נאַכט און דער וויזיר האָט אריינגעלעגט האַסאַנ׳ען אין קאַסטען אריין און געזאָגט:

„מאָרגען ווערסטו צוגענעגעלט צום סלופ."

אַז האַסאַן איז איינגעשלאָפען געוואָרען אין קאַסטען, האָט דער וויזיר געהייסען אָבפיהרען דעם קאַסטען צו איהם אַהיים און אַז ער איז אריין אין שטוב, האָט ער געזאָגט צו זיין טאָכ־טער סיט-על-גאַזן:

„געבענשט און געלויבט זאָל זיין אַלאָה, וואָס האָט דיר צוריקגעגעבען דעם זוהן פון דיין פעטער. הייס אויספוצען די שטוב אַזוי, ווי זי איז געווען אויסגעפוצט אינ׳ם טאָג פון דיין חתונה."

האָט סיט-על-גאַזן באַלד אַרויסגעגעבען אַזאַ בעפעהל און די שקלאַפינס האָבען אויסגעפוצט די שטוב און אָנגעצונדען ליכט און דער וויזיר האָט געבראַכט דאָס פאַפיר, וואו עס איז פער־שריבען געוואָרען יעדע זאַך, ווי אויך איהר אָרט, וואו זי איז געשטאַנען, און די שטוב האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אינ׳ם חתונה־טאָג. נאָכדעם האָט דער וויזיר געהייסען אַוועקלעגען בעדר-עד־דינס טשאַלמע אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו זי איז געלעגען אין דער נאַכט פון דער חתונה און דאָס אייגענע האָט מען גע־טהאָן מיט די הויזען און מיט׳ן בייטעלע, און סיט-על-גאַזן האָט זיך אָנגעטהאָן אַזוי ווי אין טאָג פון דער חתונה און זי איז אוועק אין שלאָפצימער. דעמאָלט האָט איהר דער וויזיר געזאָגט:

„אַז דער זוהן פון דיין פעטער וועט אריינקומען אין דיין שלאָפצימער, זאָלסטו איהם זאָגען: „ביזט אַוועקגעגאַנגען היינט ביינאַכט און האָסט זיך מיר עפּיס צופיעל געזוימט", און נאָכדעם ווי דו וועסט עס איהם זאָגען, זאָלסטו זעהן, ער זאָל פערבליי־בען מיט דיר ביז אינדערפריה."

נאָכדעם, ווי אַלץ איז בעזאָרגט און געשהאָן געוואָרען אַזוי

ווי עס האָט זיך געפאָדערט, האָט דער וויזיר אַרויסגענומען האַסאַנ׳ען פון קאַסטען, אַראָבגעצויגען פון איהם די קייטען און די קליידער און איבערגעלאָזט איהם אין א״ין העמד. בשעת מען האָט עס געטהאָן, האָט האַסאַן געשלאָפען און האָט גאָרנישט געהערט. אָבער ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ צימער, וואָס זיין געווען זעהר שטאַרק בעלויכטען, און ער האָט זיך זעהר פערוואונדערט און געזאָגט!

„זעה איך דאָס אין חלום אָדער אויפ׳ן וואָהר?"

און ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו אַנ׳אָפענער טהיר און אַ קוק געטהאָן, האָט ער דערזעהן, אַז דאָס איז דאָס אייגענע צימער, וואו ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל בעהעפט מיט דער כלה. איז ער באַלד אַריין אין דעמדאָזיגען צימער און דאָ האָט ער דערזעהן זיין טשאַלמע און דאָס געלעגער און די הויזען. האָט ער נאָכמעהר געשטוינט און, אַ צומישטער, איז ער געגאַנגען אויף-און-אָב און האָט פאַר זיך גערעדט:

„איז דאָס אַ חלום אָדער נישט?"

און ער האָט זיך געריבען דעם שטערען און ווײלעווייז זיך אַרומגעקוקט און אַלץ פאַר זיך אַרויסגעזאָגט:

„ביי גאָט, דאָס איז יענס צימער, וואו איך האָב מיך בעהעפט מיט מיין כלה. אָבער ווי קום איך אַהער? נישט לאַנג האָט מען מיך דאָך פערשלאָסען אין קאַסטען?"

אָבער אין דעם אייגענעם אויגענבליק, ווי ער האָט עס אַרויסגעזאָגט, האָט סיט-על-גאַזן אויפגעהויבען אַ ברעג פונ׳ם געלעגער-פאָרהאַנג און זיך אָנגערופען:

„אָ, מיין הער! וואָס געהסטו נישט צו מיר? דו ביזט היינט ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען און האָסט זיך אַזוי געזוימט."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער אַ קוק געטהאָן איהר אין פנים אַריין, זיך צולאַכט און געזאָגט:

„ביי גאָט, איך זעה דאָס צימער ווי אין אַ חלום."

און ער איז צוגעגאַנגען צום געלעגער און האָט אַלץ געטראַכט וועגען דעם, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, אָבער ווי-

פיל ער האָט נישט געטראַכט, האָט ער דאָך נישט געקאָנט פער־שטעהן, וואָס מיט איהם געשיהט. צולעצט, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף זיין טשאַלמע, אויף זיינע הויזען און בייטעלע מיט די מויזענד דוקאַטען און האָט אויסגעשריען:

„אַלמעכטיגער אַלאַה! דאָס איז דאָך אַ חלום.“

און ער איז איינגאַנצען צומישט און צוטומעלט געוואָרען.

אָבער דאָ האָט סיט־על־גאַזן געזאָגט:

„וואָס וואונדערסטו דיך אַזוי? אין אָוועגד ביזטו גאָרנישט געוועזען אַזאַ.“

האָט ער זיך צולאַכט און געפרעגט:

„וויפיל יאָהר בין איך שוין דאָ נישט געוועזען?“

און זי האָט געזאָגט:

„וואָס רעדסטו? דו ביזט דאָך נאָר אַרויס אינ'ם צווייטען צימער. וואָס רעדסטו?“

האָט ער זיך נאָכאַמאָל צולאַכט און געענטפערט:

„דו ביזט גערעכט, אָבער אַז איך בין אַוועק פון דיר, בין איך אַריינגעפאַלען אין אַ שטאַרקען שלאָף און אין שלאָף האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אַז איך בין אין דמשק און אַז איך האָב מיך דאָרט אָבגעפייניגט גאַנצע צוועלף יאָהר. און אַ יונגעל פון רייכע עלטערן איז געקומען צו מיר, אַ יונגעל מיט אַ דינער און איך האָב זיי מכבד־געוועזען מיט איינגעמאַכטס.“

און דאָ האָט ער איהר דערצעהלט אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און דערנאָך האָט ער נישט־ווילענדיג אויפגעהויבען די האַנד צום שטערען, אָבער דאָ האָט ער דערשפּירט די אַמאָליגע וואונד פון ער האָט אויסגעשריען:

„אָ, מיין גנעדיגע פרוי! איך שווער ביי גאָט, אַז דאָס איז נישט קיין חלום געוועזען, וואָרום דאָסדאָזיגע יונגעל האָט געוואָרפען אין מיר אַ שטיין און האָט מיר צושפּאָלטען דעם שטערען. נאָר אפשר איז עס פּאָרט בלויז אַ חלום, וואָס מיר האָט זיך גע'חלומ'ט, בשעת איך האָב געשלאָפען מיט דיר? ניין, איך וויים נישט, וואָס מיט מיר פּאַסירט אין דערדאָזיגער מינוט.“

און ער האָט איהר דערצעהלט די ווייטערדיגע פרטים פון זיין לעבען און האָט צוגעגעבען:

„ווען איך כאַפּ מיך נישט אויף פון שלאָף, וואָלט מען מיך צוגענעגעלט צו אַ שאַנדסלופּ.”

„פאַרוואָס?”— האָט זי געפרעגט.

און ער האָט געזאָגט:

„בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב אין איינגעמאַכטס נישט אַריינגעטהאָן קיין פעפער. און מיר דאַכט זיך אויך, אַז מען האָט צו-וויסט געמאַכט מיין קראָם, אַז מען האָט געמאַכט אַ תל פון מיינע כלים און אַז מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַ קאַסטען און געװאָלט אַ טישלער צוצונעגלען מיך צום שאַנדסלופּ. אָבער געבענשט זאָל זיין אַלֹה, וואָס דאָס אַלץ איז געשעהן מיט מיר אין חלום און נישט אויפ'ן וואָהר.”

האָט זיך סיט-על-גאַזן פרעהליך צולאַכט און האָט איהם צוגעדריקט צו איהר האַרץ און ער האָט זי געקושט. דערנאָך האָט ער זיך הידעראַטאָל פעטראַכט און געזאָגט:

„ביי גאָט, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט מיט מיר פּאַסירט אויפ'ן וואָהר. אָבער איך ווייס סתם נישט, וואָס מיט מיר געשיהט איבט.”

און אַזוי האָט בעדר-עד-דין נאָכאַנאַנד גע'טענה'ט, אַז דאָס האָט מיט איהם פּאַסירט אין חלום און אויפ'ן וואָהר, אויפ'ן וואָהר און אין חלום ביז ער איז איינגעשלאָפען. אויף מאָרגען איז דער פעטער צו איהם אַריין און זיך פערנויגט פאַר איהם און בעדר-עד-דין האָט אויסגעשריען:

„ביי גאָט, צי ביזטו נישט אַמאָל דער אייגענער, וואָס האָט מיך געהייסען בינדען און צונעגלען מיך צו אַ שאַנדסלופּ בלויז דערפאַר, ווייל אין מיין עפּעל-איינגעמאַכטס איז נישט געווען קיין פעפער?”

און דעמאָלט האָט דער וויזיר געזאָגט:

זאָלסט וויסען, מיין זוהן, אַז איצט איז דערגאַנגען געוואָרען דער אמת און עס איז קלאָר געוואָרען דאָס אַלץ, וואָס איז פריהער געווען אונפערשטענדליך. דו ביזט דער זוהן פון מיין

ברודער, און איך האָב מיך בלויז געוואָלט איבערצייגען, צי דו ביזט דאָס טאַקי געווען מיט מיין טאָכטער אין דער נאַכט פון איהר חתונה. אָבער אַז איך האָב דערזעהן, אַז דיר איז בעקאַנט דער פּלאַן פון אונזער שטוב און אַז דו האָסט דערקאַנט דיין טשאַלמע, דיין בייטעלע און דיינע הויזען, איז שוין ביי מיר מעהר קיין ספק נישטאָ, אַז דאָס ביזטו טאַקי. דו ווייסט אויך פון די צוויי פּאַפּירען: איינס האָסטו אָנגעשריבען און דאָס צווייטע דיין פאָטער, וואָס איז מיין ברודער. איך האָב דאָך פריהער דיך נישט געזעהן און דעריבער האָב איך דיך נישט געקאַנט. וואָס אָנבעלאַנגט דיין מוטער, מוז איך דיר זאָגען, אַז איך האָב זי אַהער מיטגעבראַכט פון על-באַשראַך."

אַז דער וויזיר האָט אַרויסגעזאָגט די לעצטע ווערטער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו האַסאַנ'ען אויפ'ן האַלז און זיך צעוויינט. און דאָס אייגענע האָט אויך געטהאָן האַסאַן, וואָס איז גאָר צומישט געוואָרען פון וויזירס ווערטער.

און דער וויזיר האָט ווייטער געזאָגט:

„אָ, מיין זוהן, די סבה פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען מיר און דיין פאָטער."

און ער האָט איהם אויספיהרליך דערצעהלט פון זייער קריג און ווי אַזוי זיין פאָטער איז אַוועקגעפאָהרען קיין על-באַשראַך. נאָכדעם, ווי ער האָט עס איהם אַלץ געזאָגט, האָט ער געשיקט רופען אַדושיב'ן, און אַז האַסאַן האָט דערזעהן דאָס יונגעל, האָט ער אויסגעשריען:

„דאָס איז דאָך דאָס יונגעל, וואָס האָט געוואָרפען אין מיר אַ שטיין!"

אָבער דער וויזיר האָט איהם בעמערקט:

„דאָס איז דיין זוהן."

דעמאָלט האָט זיך בעדר-עד-דין געוואָרפען צום יונגעל און דערנאָך האָט ער פאָרגעלייענט דאָסדאָזיגע ליד:

פון מיינע אויגען האָבען לאַנג געגאָסען טרעהרען,
איך האָב געוויינט דערויף, וואָס מיר זענען צושיידט.
נאָר איצט האָט גאָט צוריק מיר גליק געגעבען

און האָט מיין טיפע וואונד אין האַרץ פערהיילט.

נאָר באַלד דערויף האָט זיך די מוטער געוואָרפען צו איהם אין די אָרעמס און האָט פאָרגעלייענט דאָס פאָלגענדיגע געדיכט:

עס האָט דאָס מזל שטענדיג מיך פערפאָלגט,
געוואוסט האָט בלויז מיין האַרץ פון צער און פיין.
צולעצט האָט גאָט מיין מזל האַרב בעשטראָפט,
און ווידער זעה איך מיין געליבטען דאָ
און ווידער קאָן איך פרעהען זיך מיט דיר.

נאָכדעם האָט זי דערצעהלט דעם זוהן אַלץ, וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט און דער זוהן, ווידער, האָט איהר אויך דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט געליטען און געגאַרט זי צו זעהן, און אַלע האָבען דערנאָך געדאַנקט און געלויבט דעם אַלמעכטיגען אַלֹאַה, וואָס האָט זיי פעראייניגט צוזאַמען. נאָכדעם איז דער וויזיר אַוועק צום סולטאַן און האָט איהם דערצעהלט פון די אַלע פּאַסירונגען און געשעהענישען און דער סולטאַן האָט אַזוי געשטוינט פון דעם וויזירס ווערטער, אַז ער האָט געהייסען פערשרייבען די אַלע פּאַסירונגען, כדי די שפּעטערדיגע דורות זאָלען זיי קאָנען לייענען. און דער וויזיר האָט געלעבט צוזאַמען מיט זיין ברודערס זוהן און מיט זיין טאָכטער און מיט'ן אייניקעל און מיט דער אלמנה פון זיין ברודער. און געלעבט האָבען זיי זעהר גליקליך און צופרידען אַזוי לאַנג ביז עס איז נישט געקומען דער אייביגער סוף צו זייער גליק.

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביגע,—האָט דזשאַפאַר פערענדיגט,—אַזוי האָט פּאַסירט מיט'ן וויזיר שעמס-עד-דין און מיט זיין ברודער נור-עד-דין.“

און דער קאַליף האַרון-ער-ראַשיד האָט אויסגעשריען:

„ביי גאָט, דאָס איז אַן'אויסטערלישע געשיכטע.“

און ער האָט דעם יונגענמאַן, וואָס האָט דער'הרג'עט זיין ווייב, אָבגעגעבען איינע פון זיינע שקלאַפינס פאַר אַ ווייב און האָט איהם אויך בעשטימט אַ פּענסיע און דערדאָזיגער יונגערמאַן איז פון דעמאָלט-אָן שטענדיג געזעסען מיט איהם צוזאַמען ביים טיש.

דער מאַן מיט׳ן האָרב.

הויבט זיך אָן אין דער פיראונ־צוואַנציגסטער נאַכט און ענדיגט זיך אין דער צוויי און דרייסיגסטער.

גאָר אַמאָל אין די אַלטע צייטען האָט אין דער שטאָדט על-באַשראַך געוואוינט אַ שניידער, אַ גאַנץ פערמעגליכער מענש, וואָס האָט ליב געהאַט צו פיהרען אַ פרעהליך לעבען. עפטער פלעגט ער געהן מיט זיין ווייב זיך וויילען אין פערשידענע ערטער, און איינמאָל איז ער אַרויס מיט איהר פון שטוב נאָך האַלבען טאָג און זיך אומגעקעהרט אין אָווענד און אויפ׳ן וועג האָבען זיי אָנבעגעגענט אַ מאַן מיט אַ האָרב, וואָס האָט אויסגעזעהן אַזוי קאָמיש, אַז אַ בייזער האָט זיך געקאָנט פונאַנדערלאַכען און אַן׳אומגליקליכער האָט זיך געקאָנט וויילען. האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און לאַנג געקוקט אויף איהם און דערנאָך האָבען זיי איהם איינגעלאַדען צו זיך אַהיים, צו וויילען זיך מיט איהם אַ ביסעל.

האָט ער אָנגענומען זייער איינלאַדונג און איז אַוועק מיט זיי, און דער שניידער איז אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק אַריין, ווייל עס איז שוין געוואָרען פינסטערליך. אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געבראַכט טרוקענע פיש, ברויט, לימאָנען און נאַשערייען און האָט עס אַלץ אַוועקגעשטעלט פאַר׳ן האָרבאַטען. דערנאָך האָבען זיך אַלע אַוועקגעזעצט עסען און דעם שניידערס ווייב האָט גענומען אַ גרויס שטיק פיש, אַריינגעשפאַרט עס דעם האָרבאַטען אין מויל אַריין, פערדעקט איהם מיט דער האַנד דאָס מויל און געזאָגט:

„ביי גאָט, דו מוזט עס אַראָבשלינגען מיט אַמאָל, וואָרום איך וועל נישט דערלאָזען, דו זאָלסט עס צוקייען.“

האָט עס דער האָרבאַטער אַראָבגעשלונגען, אָבער אינ׳ם

פיש איז געלעגען אַ שאַרפער ביין, וואָס האָט זיך איהם איינגע-שניטען אין האַלז אַריין און אַלאַה האָט גראָד געוואָלט, ער זאָל אַוועקשטאַרבען. האָט דער שניידער אויסגעשריען:

„אָ, אַלאַה, דערדאָזיגער אונגליקליכער האָט בעדאַרפט אַוועקשטאַרבען נישט אַנדערש ווי דאָ אין הויז און נישט אַנ-דערש ווי ביי אונז אויף די הענד!"

אָבער דאָס ווייב האָט זיך אָנגערופען:

„צו וואָס זאָלסטו ריידען אומזיסט?"

„וואָס זאָל איך, אַלזאָ, טהאָן?"—האָט געפרעגט דער מאַן.

און דאָס ווייב האָט געזאָגט:

„דו נעהם איהם אויף די הענד און בעדעק איהם מיט'ן זיידען סערוועטל. איך וועל געהן פאָראויס און דו הינטער מיר און דו זאָלסט זאָגען: „דאָס איז אונזער קינד און אָט געהט זיין מוטער; מיר געהען דערמיט צו אַ דאָקטאָר, ער זאָל איהם גע-בען עפּיס אַ רפואה."

דערהערט דידאָזיגע עצה פון'ם ווייב, האָט זיך דער שניי-דער אויפגעהויבען און גענומען דעם האָרבאַטען אויף די הענד, און דאָס ווייב, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס, האָט ביטער געזאָגט:

„אָ, קינד מיינס! אַלאַה זאָל דיך בעשירמען און פערהי-טען. זאָג וואָס טהוט דיר וועה און ווי אַזוי ביזטו עס קראַנק געוואָרען אויף פּאָקען?"

האָבען די אַלע מענשען אין גאַס, וואָס האָבען זיי אָנבעגעגענט, גערעדט צווישען איינאַנדער:

„דאָס טראָגט מען אַ קינד, וואָס איז קראַנק געוואָרען אויף פּאָקען."

און דער שניידער מיט זיין ווייב זענען אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען און זיך אַלץ נאָכגעפרעגט ביי מענשען, וואו עס וואוינט אַ דאָקטאָר, און די מענשען האָבען זיי אָנגעוויזען אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט אַ דאָקטאָר אַ יוד. האָבען זיי אָנגעקלאַפּט אין טהיר, איז אַרויסגעקומען צו זיי אַ קליינע שוואַרצע שקלאַפין און געפרעגט:

„וואָס בעדאַרפט איהר?"

און אַזוי האָט דער יוד מיט זיין ווייב איבערגעטראָגען דעם האָרבאַטען צו זייער שכן אין הויף אַריין. קוים ווי זיי האָבען עס בעוויזען צו טהאָן, איז געקומען פון גאַס דער קיכאויפזעהער און אַז ער איז אַרויף אויפ'ן הויף, האָט ער דערזעהן אַ מענשען, אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנד סאַמע נעבען קיך, און ער האָט אויסגעשריען:

„וואָס איז דאָס אַזוינס? ביי גאָס, מיך בע'גנב'עט שטענדיג אדמ'ס זוהן, כאָטש דאָס עסענוואַרג בעהאַלט איך אויס בלויז פון די קעץ און הינד. און ווען איך וואָלט אפילו אויסגע'הרג'עט אַלע קעץ און הינד, וואָלט עס אויך ווייניג געהאָלפען, ווארום זיי שפרינגען-איבער פון די טעראַסען."

און אַזוי ווי ער האָט עס געזאָגט, האָט ער גענומען אַ גרויסען האַמער און איהם דערלאַנגט איבער'ן האַלז איין קלאַפּ און אַ צווייטען און אַ דריטען, און דעמאָלט איז דער האָרבאַטער אַנידערגעפאַלען און ער האָט דערזעהן, אַז ער איז טויט. דאָס האָט איהם אָבער שטאַרק מצער-געווען און ער האָט אויסגעשריען:

„גאָט אַליין איז נאָר גרויס און מעכטיג! און פערשאָלטען זאָל זיין דאָס פלייש און שמאַלץ, וואָס צוליב זיי איז אַ מענש אומגעקומען דורך מיינע הענד."

דערנאָך האָט ער בעקוקט דעם דער'הרג'עטען, און אַז ער האָט דערזעהן, אַז דאָס איז אַ האָרבאַטער, האָט ער צוגעגעבען:

„דיר איז נאָך ווייניג געווען, וואָס דו האָסט געהאַט אַ האָרב, ביזטו נאָך געקראָכען גנב'ענען פלייש און שמאַלץ. אָ, אַלאַה, נעהם מיך אַרונטער אונטער דיינע פליגלען!"

דערנאָך האָט ער אויפגעהויבען דעם טויטען און איז אַוועק מיט איהם אובער דער שטאָדט, און אַז די נאַכט האָט אָנגעהויבען צורינען, האָט ער איהם אַוועקגעשטעלט אין מאַרק נעבען אַ קראָם און איז אַוועק אַהיים.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך דעם סולטאַנס מעקלער, וואָס איז געווען אַ קריסט און האָט זיך שטאַרק אָנגע'שכור'ט, גראָד פערגלוסט צו געהן אין באָד אַריין. איז ער געגאַנגען און געפאַלען פון די פיס און האָט פלוצלונג דערזעהן, ווי עמיץ שטעהט אָנגע-

„מיר האָבען געבראַכט אַ קינד און מיר ווילען, אַז דער דאָקטאָר זאָל עס בעטראַכטען. נאַ דיר אַ פירטעל דוקאַט און גיב עס אָב דיין האַר און בעט איהם, ער זאָל אַרויסגעהן בעטראַכטען מיין זוהן, וואָרום ער איז קראַנק.

איז דאָס מיידעלע אַוועקגעלאָפּען אין שטוב און דעם שניידערס ווייב איז אַריין אין פּאָרצימער און געזאָגט צום מאַן:

„לאָמיר דאָ איבערלאָזען דעם הארבאַטען און מאַכען וואָס גיכער פּליטה.”

אין דערדאָזיגער צייט איז די קליינע שקלאַפין אַריין צום דאָקטאָר און געזאָגט:

„דאָרט אין דרויסען וואַרט אַ חולה, וואָס אַ מאַן און אַ פרוי האָבען געבראַכט אַהער און זיי האָבען געגעבען אַ פירטעל דוקאַט, דו זאָלסט זיי געבען עפּיס אַ היילונג.”

דערזעהן די גאָלדענע מטבע, האָט זיך דער יוד זעהר דערפרעהט. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבען פון אָרט און גענומען איילינג אַראָבלויפען פון די טרעפּ, אָבער אין דערפינסטער האָט ער מיט'ן פוס אָנגעטראָטען אויפ'ן הארבאַטען און אויסגעשריען:

„אָ, הימעל! אָ, הייליגע צעהן געבאָט: אָ, אהרן און יהושע בן נון! מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַרויפגעטראָטען אויפ'ן חולה און ער איז געשטאָרבען! וואָס זאָל איך איצט טהאָן מיט'ן טויטען מענשען?”

ער האָט אויפגעהויבען דעם הארבאַטען און אַריינגעטראָגען איהם צו דעם ווייב און האָט איהר דערצעהלט אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. האָט דאָס ווייב געזאָגט:

„למאי זאָלסטו פטר'ן צייט אומזיסט? אויב דו וועסט מיט איהם אַזוי זיצען ביז אינדערפריה, וועלען מיר האָבען אַ וויסטען סוף. לאָמיר איהם נעהמען און אונטערוואַרפען אינ'ם הויז פון אונזער שכן, וואָרום ער איז ביים סולטאַן אַ קיכאויפזעהער און גיט עפּטער צו עסען קעץ און הינד. אויב ער וועט ביי איהם ליגען די נאַכט, וועלען איהם זיכער אויפעסען די הינד, וואָס דרעהען זיך אַרום זיין הויז.”

שפּאָרט ביי דער וואַנד. ביים שכור'ן מעקלער האָט מען נאָך פריהער אַראָבגעריסען די טשאַלמע פון קאָפּ און איצט, אַז ער האָט דערזעהן דעם האָרבאַטען, האָט ער געמיינט, אַז עמיץ וויל איהם שוין ווידער עפּיס שלעכטס טהאָן, האָט ער אויפגעהויבען די האַנד און האָט מיט דער גאַנצער קראַפט אַ קלאַפּ געטהאָן דעם האָרבאַטען איבער'ן קאָפּ. דער האָרבאַטער איז באַלד אום־געפאַלען און דער מעקלער האָט אַ רוף געטהאָן דעם נאַכט-שומר און בשעת מעשה אָהן אַנ'אויפהער געשלאָגען דעם טויטען קערפּער. אַז דער נאַכט-שומר איז צוגעגאַנגען און האָט דערזעהן, אַז אַ קריסט שלאָגט אַ מאַכמעדאַנער, האָט ער געזאָגט:

„שלאָג איהם נישט. געה דיר דיין וועג!"

אָבער אַז ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט צום האָרבאַטען און דערזעהן, אַז ער איז טויט, האָט ער אויסגעשריען:

„ווי אַזוי האָט געמעגט אַ קריסט דער'הרג'ענען אַ מאַכמע־דאַנער?"

און ער האָט געכאַפּט דעם קריסט, פערבונדען איהם אַהינ־טער די הענד און אַוועקגעפיהרט איהם צום וואַלי*), און דער מעקלער האָט פאַר זיך גערעדט:

„אָ, גאָט! אָ, הייליגע מוטער! ווי אַזוי האָב איך דער־הרג'עט דעמדאָזיגען מאַן? און ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט אַזוי שנעל אַוועקשטאַרבען פון איין קלאַפּ מיט'ן פויסט?"

ער איז שוין גאָר ניכטער געוואָרען און האָט זיך שטאַרק געשראָקען.

דער האָרבאַטער מיט'ן קריסט האָבען צוזאַמען פערבראַכט די לעצטע פּאָר שעה פון דער נאַכט ביים וואַלי אין ישטוב, און דער וואַלי האָט געהייסען דעם תלין, ער זאָל געהן און אויסרו־

---

*) אַזוי ווערט גערופען דער שעף פון דער אָרטיגער פּאָליציי. אמאָליגע צייטען פלעגט דער וואַלי צוזאַמען מיט פּאָליציאַנטען און תלין אַרומגעהן ביינאַכט איבער דער שטאָדט, און אַז ער פלעגט כאַפּען עפּיס אַ פערברעכער, פלעגט ער איהם טיילמאָל אויפ'ן אָרט מקים־פּסק־זיין.

פען הויך איבער די גאַסען, אז אַ קריסט איז בעגאַנגען אַ גרויס פערברעכען, און מען זאָל צוגרייטען די תליה. אַז אַלץ איז געטהאָן געוואָרען, ווי אַזוי ער האָט געהייסען, איז געקומען דער תלין און אָנגעטהאָן דעם מעקלער אַ שטריק אויפ׳ן האַלז, אָבער אַז ער האָט שוין גענומען פערציהען דעם שטריק, איז פּלוצלונג אַרויס פון המון דער קיכאויפזועהער און געזאָגט צום תלין:

„הענג איהם נישט, דעם האָרבאַטען האָב איך דער׳הרג׳עט.‟

„ווי אַזוי האָסטו איהם דער׳הרג׳עט?‟ האָט געפרעגט דער וואַלי.

און דער קיכאויפזועהער האָט געזאָגט:

„היינט ביינאַכט בין איך געקומען אַהיים און דערזעהן, ווי אַ מענש קריכט-אַראָב פון דער טעראַסע, צו בע׳גנב׳ענען מיך. האָב איך איהם אַ קלאַפּ געטהאָן מיט אַ האַמער איבער׳ן קאָפּ און ער איז אומגעפאַלען אַ טויטער. דעמאָלט האָב איך איהם אַוועקגעטראָגען אין מאַרק אַריין און אַוועקגעשטעלט נעבען אַ קראָם. איז נאָך ווייניג, וואָס איך האָב דער׳הרג׳עט אַ מאַכמעדאַנער, בעדאַרף מען נאָך צוליב מיר אויפהענגען אַ קריסט אויך? הענג-זשע איהם נישט. האַלט. הענג בעסער מיך.‟

אַז דער וואַלי האָט דערהערט די־דאָזיגע ווערטער, האָט ער בעפרייט דעם קריסטליכען מעקלער און געזאָגט צום תלין:

„הענג-אויף דעמדאָזיגען מענשען אויפ׳ן סמך פון זיינע אייגענע ווערטער.‟

האָט דער תלין אַראָבגענומען דעם שטריק פונ׳ם קריסט און אַרויפגעוואָרפען איהם אויף דעם קיכאויפזועהערס האַלז און אין דער אייגענער רגע, ווי ער האָט איהם שוין געוואָלט אויפהענגען, האָט זיך דורכגעשטויסען דורכ׳ן המון דער יודישער דאָקטאָר און האָט אַ געשריי געטהאָן:

„הענג איהם נישט, וואָרום נישט ער האָט איהם דער׳הרג׳עט, נאָר איך, און אָט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט: דער אומגליקליכער איז געקומען צו מיר, איך זאָל איהם אויסהיילען פון עפּיס אַ קראַנקהייט, אָבער בשעת איך בין אַרויסגעגאַנגען צו איהם, איז געווען פינסטערליך, האָב איך אַרויפגעטראָטען אויף

איהם און ער איז געשטאָרבען, און דעריבער קומט מיר הענגען און נישט איהם."

אויסגעהערט דעם דאָקטאָר, האָט דער וואַלי בעפוילען, מען זאָל אויפהענגען דעם יוד'שען דאָקטאָר, און דער תּלין האָט אַראָבגענומען דעם שטריק פון דעם אויפזעהערס האַלז און אַרויפגעוואָרפען איהם דעם יודען אויפ'ן האַלז. אָבער דאָ האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען דער שניידער, וואָס האָט געזאָגט צום תּלין:

„הענג איהם נישט, וואָרום דאָס פערברעך בין איך בעגאַנגען און נישט קיין אַנדערער און אָט ווי אַזוי דאָס איז געשעהן: ביי טאָג האָב איך מיך געוויילט מיט מיין פרוי און פאַרנאַכט, אַז מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק אַהיים, האָבען מיר אָנבעגעגענט דעמדאָזיגען הארבאַטען. ער איז געוועזען עטוואָס שכּור, האָט געהאַלטען גלעקעלעך אין די הענד און זיך צוגעזונגען. מיר האָבען זיך געוואָלט ווייַלען מיט איהם און מיר האָבען איהם איינגעלאַדען צו זונג. איך האָב געקויפט פיש און מיין ווייב האָט גענומען אַ שטיקעל פיש מיט אַ שטיקעל ברויט און פאַריינגעשפאַרט איהם אין מויל אַריין, האָט ער עס פאַראָבגעשלונגען און זיך דערוואָרגען. דערזעהן, אַז ער איז טויט, האָב איך מיט דעם ווייב איהם גענומען און אַוועקגעטראָגען צו דעם יודען אין שטוב אַריין. דאָרט האָבען מיר געזאָגט דער שקלאַפין, אַז מיר האָבען געבראַכט אַ חולה, און אַז זי איז אַוועק רופען דעם דאָקטאָר, האָבען מיר געמאַכט פליטה. דער דאָקטאָר איז אַרויס אין דערפינסטער צום חולה און האָט אַרויפגעטראָטען אויף איהם, האָט ער זיך דערשראָקען און געמיינט, אַז ער האָט איהם דערהרג'עט. דאָס איז אַזוי?" האָט ער געפרעגט דעם יודען.

„אַזוי,"—האָט דער יוד געענטפערט.

דעמאָלט האָט דער שניידער געזאָגט דעם וואַלי:

„בעפריי־זשע דעם יודען און הענג מיך אויף."

אַז דער וואַלי האָט עס אַלץ אויסגעהערט, האָט ער זעהר געגאַפט און אַרויסגעזאָגט:

„ביי גאָט, דאָס איז אַזאַ זעלטענע געשעהעניש, אַז מען בעדאַרף זי פערשרייבען אין אַ בוך. בעפריי דעם יודען און

העגג-אויף דער שניידער אויפ׳ן גרונד פון זיינע אייגענע ווערטער.״
האָט דער תלין בעפרייט דעם יודען און געוואָרטשעט:
„דאָ העגג, דאָ בעפריי... שוין-זשע וועלען מיר קיינעם נישט אויפהענגען?״
און ער האָט דעם שניידער פערוואָרפען דעם שטריק אויפ׳ן האַלז.
דער האָרבאַטער האָט געהערט צו יענע לייט, וואָס פלעגען פרעהליך מאַכען דעם סולטאַן און דער סולטאַן האָט אָהן איהם נישט געקאָנט אויסקומען. אַז דער האָרבאַטער האָט זיך דעם לעצטען טאָג צוהוליעט און איז פערפאַלען געוואָרען, האָט דער סולטאַן נאָכגעפרעגט אויף איהם און דעמאָלט האָט מען איהם אַזוי געענטפערט:
„אָ, גנעדיגער מלך! דער וואַלי האָט איהם געפונען אַ דער׳הרג׳עטען, האָט ער בעפוילען, מען זאָל אויפהענגען זיין מערדער, אָבער דאָ איז געקומען אַ צווייטער מענש און געזאָגט, אַז איהם קומט גאָר הענגען, ווייל ער האָט דער׳הרג׳עט דעם האָרבאַטען. האָט מען גענומען הענגען דעם צווייטען, איז געקומען אַ דריטער מיט דער טענה, אַז ער האָט גע׳הרג׳עט און איהם קומט גאָר הענגען, האָט מען זיך גענומען צום דריטען, איז געקומען אַ פירטער, און יעדער פון זיי דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט דער׳הרג׳עט דעם האָרבאַטען.״
דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער סולטאַן אַ געשריי געטהאָן צו זיינע הויפלייט:
„ברענגט זיי מיר אַלע אַהער!״
זענען די הויפלייט אַוועק צום וואַלי און זענען געקומען אַקוראַט צו דער מינוט, בשעת דער תלין האָט שוין געוואָלט פערציהען דעם שטריק איבער דעם שניידערס האַלז, האָבען זיי אויסגעשריען אין איין קול:
„האַלט, הענג נישט!״
און זיי האָבען איבערגעגעבען דעם וואַלי דעם סולטאַנס פערלאַנג. דער וואַלי האָט באַלד בעפרייט דעם שניידער און די הויפלייט האָבען מיטגענומען מיט זיך דעם וואַלי און דעם האָר-

באַטען און דעם שניידער און דעם יודען און דעם קיכאויפזעהער און דעם קריסט און זענען אַוועק צום סולטאַן. געקומען צום סולטאַן, האָט דער וואַלי פריהער אַ קוש געטהאָן דעם שטויב פון דעם סולטאַנס פיס און דערנאָך האָט ער איהם מיטגעטיילט פון אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט. אויסגעהערט דאָס אַלץ, וואָס דער וואַלי האָט דערצעהלט, האָט זיך דער סולטאַן זעהר גע׳חדוש׳ט און אפילו געלאַכט און דערנאָך האָט ער בעפוילען, אַז דידאָזיגע פּאַסירונג זאָל פערשריבען ווערען מיט גאָלדענע אותיות.

און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַלעמען און געפרעגט:

„האָט איהר ווען געהערט עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל זיין עהנליך צו דערדאָזיגער געשיכטע?"

איז צוגעגאַנגען דער קריסט צום סולטאַן און זיך אָנגערופען:

„אָ, גרויסער מלך! אויב דיר איז בעוויליגט, וועל איך דיר דערצעהלען אַ זאַך, וואָס איז פּערלאָפען מיט מיר און וואָס איז אַ סך אויסטערלישער און מעהר טשיקאַווע, איידער די געשיכטע מיט׳ן האָרבאַטען."

„נו, פערצעהל דיין געשיכטע,"—האָט דער סולטאַן געהייסען. און דער קריסט האָט אָנגעהויבען דערצעהלען פאָלגענדיגעס:

די געשיכטע פון קריסטליכען מעקלער.

זאָלסט וויסען, אָ, גרויסער מלך, אַז אין דעמדאָזיגען לאַנד בין איך געקומען מיט סחורה, אָבער דאָס מזל האָט מיך אויפ־געהאַלטען צווישען דיין פאָלק. געבוירען בין איך געוואָרען אין קאַאירא און אויך דאָרט האָב איך מיך אויפגעהאָדעוועט. מיין פאָטער איז געווען אַ מעקלער, וואָס איז געשטאָרבען, ווען איך בין שוין געווען עטוואָס זעלבשטענדיג, און דעמאָלט האָב איך איבערגענומען זיין מעקלעריי. איינמאָל איז געקומען צו מיר זעהר אַ שענער און זעהר אַרייך־געקליידעטער יונגערמאַן. געקומען איז ער אויף אַ מוילאייזעל, און אַז ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך פערנויגט. האָב איך מיך אויך אויפגעהויבען און אויפ־גענומען איהם מיט'ן געהעריגען כבוד, און דער יונגערמאַן האָט אַרויסגענומען אַ טיכעל מיט קונדזשוט און געזאָגט:

„וואָס קאָסט דידאָזיגע סחורה אַנ'אַרדעב?"

„הונדערט זילבערנע מטבעות," האָב איך איהם געענטפערט.

דעמאָלט האָט דער יונגערמאַן געזאָגט:

„נעהם טרעגער און מעסטער און קום אין כאַן על־דזשאַ־וואַלי, וואָס ליגט אינ'ם קרייז באַב־ען־נאַזר. דאָרט וועסטו מיך שוין געפינען.

ער איז אַוועק און האָט מיר איבערגעלאָזט דאָס טיכעל מיט'ן קונדזשוט. האָב איך לאַנג נישט געקלערט און בין אַוועק זיך נאָכפרעגען ביי די סוחרים וועגען דערדאָזיגער סחורה, האָ־בען זיי מיר געזאָגט, אַז אַנ'אַרדעב קאָסט הונדערט צוואַנציג זילבערנע מטבעות. דעמאָלט האָב איך גענומען פיר טרעגער און אַוועק צו איהם. ער האָט שוין געוואַרט אויף מיר, האָט ער זיך אויפגעהויבען און אָבגעשלאָסען דעם שפייכלער און דאָ האָבען מיר אויסגעמאָסטען פופציג אַרדעבען. דער יונגערמאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר און געזאָגט:

„פאַר יעדען צרדעב וועסטו בעקומען מצקלערגעלר צעהן זילבערנע מטבעות. בעקום דאָס געלד פאַר מיר און איך וועל שוין ביי דיר זיין. די גאַנצע סומע וועט אָנטרעפען פינף טויזענד זילבערשטיק, וועסטו בעקומען פינף הונדערט, און אויף אַזאַ אופן וועט מיר פערבלייבען פירן טויזענד מיט פינף הונדערט. אַז איך וועל אויספערקויפען די גאַנצע סחורה, וואָס איך האָב אין שפייכלער, וועל איך קומען צו דיר נאָכ'ן געלד."

איך האָב איהם אַ קוש געטהאָן די האַנד און געזאָגט:

„אַלץ וועט געטהאָן ווערען אַזוי, ווי דו פערלאַנגסט."

אין דעם אייגענעם טאָג האָב איך בעקומען טויזענד זילבערנע מטבעות און מיין מעקלערייגעלד. אַ גאַנצען חודש האָב איך נישט געזעהן דעם יונגענמאַן, אָבער דערנאָך האָט ער זיך פלוצלונג בעוויזען און געזאָגט:

„וואו איז מיין געלד?"

„איך האָב עס און גיב עס דיר באַלד,"—האָב איך געזאָגט.

נאָר ער האָט בעמערקט:

„האַלט עס אַזוי לאַנג, ביז איך וועל נישט קומען נאָך דעם."

איז ביי מיר ווידער פערבליבען דאָס געלד און ווידער האָט ער זיך נישט געוויזען אַ גאַנצען חודש. דערנאָך איז ער געקומען און געפרעגט:

„וואו איז מיין געלד?"

האָב איך מיך אויפגעהויבען, זיך פערנויגט און געזאָגט:

„אפשר וועסטו געהן מיט מיר צום טיש עפּיס עסען?"

האָט ער זיך אָבגעזאָגט און בעמערקט:

„האַלט מיר דאָס געלד ביז איך וועל נישט קומען צו דיר, און אַז איך וועל קומען, וועל איך עס צונעהמען ביי דיר."

ער איז אַוועק און איך האָב בעהאַלטען דאָס געלד און גענומען וואַרטען אויף איהם. אָבער ער האָט זיך אַ גאַנצען חודש נישט געוויזען, דערנאָך איז ער געקומען און געזאָגט:

„נו, מאָרגען נעהם איך ביי דיר דאָס געלד."

איז ער ווידער אַוועק, אָבער אַ גאַנצען חודש האָט ער

זיך ווידעראַמאָל נישט געוויזען, און איך האָב זיך געזאָגט:

„ביי גאָט, דערדאָזיגער יונגערמאַן האָט מיר אַ צו-ברייטע האַנד.“

אין אַ חודש אַרום איז ער געקומען אין זעהר רייכע קליידער, שען ווי די העלע לבנה, פונקט ווי ער וואָלט זיך נאָרוואָס צעהויפטפּאָדען, מיט ראָזע באַקען, מיט אַ קלאָרען קערפּער און מיט אַ געבוירען פּינטעלע, וואָס איז געווען עהנליך צו אַ גרויער אַמבּרע. איך האָב איהם אַ קוש געטהאָן די האַנד און דערמאָהנט דעם נאָמען אַלאַה.

„אָ, מיין העד,—האָב איך געזאָגט,—שוין-זשע ווען אויך דאָסמאָל נישט נעהמען דאָס געלד?“

און ער האָט געענטפערט:

„האָב עטוואָס געדולד, איך וועל נאָר פערענדיגען מיינע אַלע געשעפטען, וועל איך צונעהמען ביי דיר דאָס געלד.“

ער האָט זיך צוזעגענט מיט מיר און איז אַוועק און איך האָב אַ טראַכט געטהאָן:

„ביי גאָט, אַז ער וועט קומען, וועל איך איהם גוט מכבדזיין, ווייל איך האָב געהאַט גרויס נוצען פון זיין געלד: איך פלעג עס אַריינלעגען אין געשעפטען.“

ערשט צום סוף יאָהר האָט ער זיך בעוויזען נאָך אין שענערע קליידער, ווי פריהער, און איך האָב איהם נישט אָבגעלאָזט, ער זאָל געניסען פון מיין כבוד, אָבער ער האָט געזאָגט:

„איך וועל געניסען פון דיין כבוד נאָר מיט דעם תנאי, אַז דו זאָלסט נישט אויסגעבען דערויף מיין געלד, וואָס ליגט ביי דיר.“

גוט,“—האָב איך געזאָגט און אויסגעשטעלט אַ טיש מיט די בעסטע משקאות און נאַשעריי, און ער האָט אַ קוק געטהאָן דערויף און געזאָגט:

„אין נאָמען פון אַלאַה.“

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט צום טיש און גענומען עסען

מיט דער לינקער האַנד, וואָס האָט מיך זעהר גע׳חדוש׳ט*). געענדיגט עסען, האָט ער אויסגעוואַשען די האַנד און איך האָב איהם דערלאַנגט אַ האַנדטוך. דערנאָך האָבען מיר געשמועסט צווי־שען זיך און איך האָב געזאָגט:

„אָ, מיין הער, מאַך מיר קלאָר איין זאַך: פאַרוואָס האָסטו געגעסען מיט דער לינקער האַנד? איז דיר קראַנק די רעכטע?"

האָט ער מיך אויסגעהערט און בעפרייט די הענד פון די לאַנגע אַרבעל, און איך האָב דערזעהן, אַז עס פעלט איהם פשוט די רעכטע האַנד. האָב איך מיך זעהר פערוואונדערט און אויסגעשטעלט די אויגען אויף איהם, אָבער ער האָט געזאָגט:

„וואונדער דיך נישט און מיין נישט, אַז איך האָב געגע־סען מיט דער לינקער האַנד, ווייל איך האָב געוואָלט בעווייזען, אַז איך עס מיט אַ קלענערן פון זיך. דו האָרך בעסער אויס די סבה, צוליב וועלכער איך האָב פערלאָרען די האַנד."

האָב איך איהם תיכף אַ פרעג געטהאָן:

„וואָס איז, אַלזאָ, די סבה?"

„טאָ הער,—האָט ער געזאָגט און גענומען דערצעהלען,— זאָלסט וויסען, אַז איך בין פון באַגדאַד. מיין פאָטער איז געוועזן איינער פון די וויכטיגסטע מענשען אין שטאָדט. אַז איך בין על־טער געוואָרען, האָב איך געהערט, ווי רייזענדער און סוחרים ריידען פון עגיפטען און זייערע ווערטער זענען מיר טיף אַריין אין דער נשמה. אַז מיין פאָטער איז געשטאָרבען, האָב איך גע־נומען אַ גרויסע סומע געלד און צוגעגרייט פערשידענע סחורות, וואָס זענען בעשטאַנען פון באַגדאַדער און על־מאַזעלער געווע־בען און נאָך טייערע סחורות. איך האָב עס אַלץ גוט פערפאַקט און אַרויסגעפאָהרען פון באַגדאַד און גאָט האָט מיך פערהיט אַווי־לאַנג, ביז איך בין נישט געקומען אין דערדאָזיגער שטאָדט."

---

*) ביי די אַראַבער ווערט געהאַלטען פאַר נישט־אָנשטענדיג, ווען מען בעווייזט די הענד אין אַ געזעלשאַפט פון חשוב׳ע לייט; זיי נייהען אומישנע לאַנגע בריטע אַרבעל צו פערשטעלען די הענד. עסען מיט דער לינקער האַנד איז בעזונדערס מאוס.

אין דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג צעוויינט און פֿאַרגעלייענט דאָסדאָזיגע ליד:

א בלינדער האָט דעם ברוגים אויסגעמידען,
אַ זעהענדיגער איז אין איהם אַריינגעפאַלען,
עס קאָן אַמאָל אַ חכם גאָרנישט וויסען,
ווי ענטפערט מען אַ מענשען פון המון.

און גרויס איז נאָר אַלאַה אין גרויסען הימעל,
נאָר ער האָט מאַכט און קאָן דעם מענשענס וועג
און גרויס איז אויך דער מענש, וואָס האָט אַלאַה אין זינען
און טראָגט ביי זיך אין האַרץ זיין אייביג ליבט.

דערנאָך האָט ער ווייטער דערצעהלט:

„איך בין אַריינגעפאָהרען אין קאַאיראָ און האָב אַראָבגעלעגט מיינע סחורות אינ׳ם מעסעווערישען כאַן. דאָרט האָב איך זיי פונאַנדערגעפאַקט אין די שפייכלערס און געגעבען געלד דעם דינער, ער זאָל מיר געבען עפּיס צום עסען. נאָכ׳ן עסען האָב איך מיך געלעגט שלאָפען און אויף מאָרגען האָב איך גענומען אַ מוסטער פון מיינע געוועבען און בעשלאָסען אַראָבצוגעהן אין מאַרק אַריין און זיך בעקאַנען מיט׳ן היגען האַנדעל. און אַזוי האָב איך געטהאָן. איך האָב געגעבען מיינע דינער די מוסטערן און מיר זענען גייענדיג אין מאַרק. דאָרט זענען שוין צוגעגאַנגען צו אונז מעקלערס, וואָס האָבען געהערט פון מיין קומען, האָבען זיי גענומען די געוועבען צום פערקויפען, אָבער מען האָט זיי געבאָטען אַ קלענערן פּרייז, ווי זיי האָבען מיר געקאָסט. דעמאָלט האָט מיר דער עלטסטער מעקלער געזאָגט:

„נאָ, מיין הער, איך ווייס ווי אַזוי דו קאָנסט מאַכען אַ גוט געשעפט. דו טהו ווי אַלע אַנדערע סוחרים: גיב-אַוועק דיין סחורה אויף קרעדיט ביז אַ געוויסען טערמין און שליס אַ קאָנטראַקט מיט אַ מעקלער, וועסטו בעקומען טיילוויז דיין געלד אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. אויף אַזאַ שטייגער וועט דיר איין מטבע אַריינברענגען אַ צווייטע און, אויסערדעם, וועסטו זיך קאָנען קוויקען מיט די פּראַכטען פון עגיפּטען און פון ניל.“

„דיין עצה איז מיר געפעלען,“—האָב איך געזאָגט און איר

האָב גלייך גענומען מעקלערס אין כאַן. מיט דידאָזיגע מעקלערס האָב איך אַוועקגעשיקט די שטאָפען אויפ׳ן מאַרק, וואו איך האָב זיי פערקויפט די קרעמער, וואָס האָבען מיר אַרויסגעגעבען קוויטאַנציעס. די קוויטאַנציעס האָב איך אַוועקגעגעבען די געלד-טוישער, וואָס האָבען מיר אַרויסגעגעבען אַ שיין מיט זייער נאָמען. נאָכדעם האָב איך מיך אומגעקעהרט זין כאַן, וואו איך האָב אַלע טאָג אויסגעטרונקען ביים פריהשטיק אַ גלעזעל וויין אין געגעסען שעפּסענפלייש און דערנאָך פערביסען מיט עפּיס אַ נאַשערייַ. און אַזוי איז אַוועק אַ חודש און, לויט׳ן אָבמאַך, האָב איך נאָך קיין געלד נישט געקאָנט בעקומען פאַר מיינע סחורות. איינמאָל בין איך אַוועק אין באָד, און אַז איך האָב מיך אומגעקעהרט צוריק אין כאַן, בין איך אַריין צו זיך אין צימער, וואו איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלעזעל וויין און אַנטשלאָפען געוואָרען. אַז איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך אויפגעגעסען אַ געבראָטענע הוהן און דערנאָך האָב איך מיך אויסגעוואַשען מיט בשמים-וואַסער און בין אַוועק צו דעם קרעמער, וואָס האָט געהייסען בעדר-עד-דין דער גערטנער. אַז ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך פערגוינט און געבעטען זיצען און מיר האָבען זיך פונאַנדערגעשמועסט. אין דער אייגענער צייט איז געקומען עפּיס אַ פרוי און זיך אַנידערגעזעצט נעבען מיר. זי האָט געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ אַ טוך, אָנגעטהאָן עטוואָס אָן דער זייט און אַרום איהר האָט זיך צושפּרייט זעהר אַ פיינער בשמים-ריח. אַז זי האָט אויפגעהויבען איהר שלייער, האָב איך דערזעהן פעך-שוואַרצע אויגען, און איך בין באַלד משוגע-געוואָרען פון איהר שענקייט און רייץ. זי האָט זיך בעגריסט מיט בעדר-עד-דינ׳ען און ער האָט גענומען ריידען מיט איהר. נאָר אַז איך האָב דערהערט איהר קול, האָב איך שוין אינגאַנצען געברענט פון ליבע צו איהר.

„צי האָסטו נישט אַזאַ שטאָף,—האָט זי געפרעגט בעדר-עד-דינ׳ען,—וואָס זאָל זיין געוועבט מיט ריינע גאָלדפעדעם?“

האָט ער איהר געוויזען אַזאַ שטאָף, און זי האָט געזאָגט:

„צי קאָן איך עס נעהמען און צושיקען דיר דאָס געלד דערנאָך?“

דערויף האָט ער רוהיג געענטפערט:

„ניין, דו קענסט עס אָהן געלד נישט נעהמען. דאָ זיצט דער אייגענטימער פונ'ם שטאָף און איך מוז איהם דאָס געלד אַוועקגעבען.“

האָט די פרוי אויסגעשריען:

„אַך, דו אונגליקליכער! וועניג סחורה האָב איך ביי דיר גענומען אָהן געלד און האָסטו דען פּינקטליך נישט בעקומען דאָס געצאָהלט פאַר דיין סחורה?“

„דאָס איז אמת,—האָט ער געענטפערט,—אָבער היינט מוז איך האָבען דאָס געלד.“

האָט זי געכאַפּט דאָס שטאָף, אַ וואָרף געטהאָן איהם גלייך אין פּנים אַריין און געזאָגט:

„ביי גאָט, אַזוינע לייט ווייסען נישט, ווי זיך צו בעגעהן מיט אָנשטענדיגע מענשען.“

און זי האָט זיך אויפגעהויבען און אַרויס פון געשעפט, און איך האָב געפיהלט, ווי צוזאַמען מיט איהר איז אויך אַוועק מיין נשמה. האָב איך מיך אויך שנעל אויפגעהויבען און געזאָגט:

„אָ, מיין השוב'ע פרוי! וואַרף מיר דיין גנעדיגען בליק און שטעל-אָב דיינע איידעלע טריט.“

האָט זי זיך אומגעקוקט, אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

„איך קעהר מיך אום צוליב דיר.“

און זי איז אַריין צוריק אין קראָם און זיך אַוועקגעזעצט קעגען מיר, און איך האָב געפרעגט בעדר-עד-דינ'ען:

„וואָס פאַר אַ פּרייז פערלאַנגסטו פאַר דאָס שטאָף?“

און ער האָט געענטפערט:

„טויזענד און הונדערט זילבערשטיק.“

האָב איך איהם דערויף געזאָגט:

„הייסט עס, אַז אויף דיין חלק קומט-אויס הונדערט זילבערשטיק. נו, גיב מיר פּאַפּיר, און איך וועל דיר אָנשרייבען אַ קוויט אויף דערדאָזיגער סומע.“

און איך האָב גענומען דאָס פּאַפּיר און אייגענהענדיג אָנגעשריבען אַ קוויט, דערנאָך האָב איך גענומען דאָס שטאָף און

איבערגעגעבען דער אונבעקאַנטער פרוי און דערביי האָב איך איהר בעמערקט:

„נעהם עס און געה. דאָס געלד פאַר דעם שטאָף קאָנסטו מיר אָבגעבען דאָ אין קראָם אַדער אויב דו ווילסט, קאָן איך עס דיר שענקען.“

און זי האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט און געזאָגט:

„בענשען זאָל דיך גאָט און גליקליך זאָלסטו זיין פאַר דיין גוטס, וואָס דו ווייזט מיר דאָ אַרויס, און אויב גאָט הערט איצט מיינע ווערטער, בעט איך איהם, ער זאָל מיר געבען דיך פאַר אַ מאַן.“

„אָ, מיין גנעדיגע פרוי,—האָב איך אויסגערופען,—נעהם דיר דאָסדאָזיגע שטאָף און נעהם דיר נאָך שטאָף, אָבער דערלויב מיר אַ קוק צו טהאָן אויף דיין געזיכט.“

האָט זי אויפגעהויבען איהר שלייער, און אַז איך האָב דערזעהן איהר געזיכט, האָט מיר גענומען שווינדלען דער קאָפּ, און די ליבע האָט אַזוי בעהערשט מיין האַרץ, אַז איך האָב פערלאָרען דעם פערשטאַנד. דערנאָך האָט זי ווידעראַמאָל אויפגעהויבען דעם שלייער, גענומען דאָס שטאָף און געזאָגט:

„אָ, מיין הער, ברענג מיך נישט אַריין אין פערצווייפלונג.“

און זי איז אַוועקגעגאַנגען, און איך בין געבליבען זיצען אין דער קראָם ביז דער נאָך האַלבטאָגיגער תפילה און איך בין געווען אַ צומישטער פון ליבע. איך האָב געברענט אין ליידענשאַפט, ווי אין פייער און איך האָב געפרעגט דעם סוחר, ווער איז די-דאָזיגע פרוי. און דער סוחר האָט געזאָגט:

„אָ, זי איז זעהר רייך. זי איז אַ טאָכטער פון אַ געשטאָר-בענעם עמיר, וואָס האָט איהר איבערגעלאָזט אַ גרויס פערמעגען.“

אַז איך בין אַוועק פון סוחר און געקומען אין כאַן, האָט מען געגרייט דעם טיש צו אָווענדברויט, אָבער איך האָב גע-טראַכט פון דער אונבעקאַנטער פרוי און האָב נישט געקאָנט עסען. און אַז איך האָב מיך געלעגט שלאָפען, האָב איך נישט געקאָנט צומאַכען מיט אַן אויג און ביז איינדערפריה בין איך גע-לעגען אַן אויפגערעגטער און אַ צומישטער. דערנאָך האָב איך מיך

אויפגעהויבען פון געלעגער און זיך אָנגעטהאָן, אָבער נישט אין יענע קליידער, אין וועלכע איך בין געגאַנגען פריהער. אויסגעטרונקען אַ גלאָז וויין און עטוואָס צוגעביסען, בין איך באַלד אַוועק צו דעם סוחר אין קראָם אַריין. דאָרט האָב איך מיך בעגריסט מיט'ן סוחר און זיך אַנידערגעזעצט. אָבער איינגיכען הָאט זיך בעוויזען די אונבעקאַנטע פרוי, אָנגעטהאָן נאָך שענער ווי פריהער, אין דער בעגלייטונג פון אַ קליינער שקלאַפין. זי האָט זיך צוועקגעזעצט און זיך בעגריסט מיט מיר, אָבער מיט בעדר-עד-דינ'ען האָט זי זיך נישט בעגריסט. און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען ריידען מיט אַזאַ קול, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען נישט געהערט.

„שיק מיר צו, -האָט זי געזאָגט,—עפיס אַ מענשען, וועל איך איהם געבען טויזענד מיט צוויי הונדערט זילבערשטיק פאַר דאָס, וואָס דו האָסט מיר געגעבען.”

אָבער איך האָב איהר בעמערקט דערויף:

„צו וואָז איילסטו זיך אַזוי?”

האָט זי געענטפערט:

„ווייל איך וויל דיך נישט פערלירען.”

אָבער זי האָט מיר באַלד אויפ'ן אָרט בעצאָהלט דאָס געלד און דערנאָך זענען מיר ביידע געזעסען און געשמועסט צווישען איינאַנדער. דורך אַ צייכען האָב איך איהר געגעבען צו שפירען, אַז איך וואָלט וועלען זי בעזוכען. האָט זי מיך פערשטאַנען, אָבער זי הָאט זיך איילִיג אויפגעהויבען און דערמיט ארויסגעוויזען, אַז זי איז נישט צופרידען מיט מיין צייכען. אָבער מיר האָט וועה געטהאָן דאָס האַרץ פון ליבע און איך בין אַוועק נאָך איהר מיט דער מאַרק-גאַס. פלוצלונג איז צוגעגאַנגען צו מיר עפיס אַ קליינע שקלאַפין און געזאָגט:

„צי וועסטו נישט אָננעהמען די איינלאַדונג פון מיין האַרין און קומען צו איהר?”

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָב איך מיך זעהר פערוואונדערט און געענטפערט:

„וואוהין קומען? איך קאָן דאָ קיינעם נישט.”

אָבער די קליינע שקלאַפין האָט געזאָגט:

„ווי שנעל דו האָסט זי פערגעסען. מיין האַרין איז יענע פרוי, וואָס איז נישט לאַנג געוועזען אין בעדר-עד-דינס קראַם.״

האָב איך מיך זעהר דערפרעהט און אַוועק מיט דער שקלאַפין, ביז מיר זענען געקומען צו עפּיס אַ געשעפט, וואו זי האָט געוואַרט אויף אונז. און אַז זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי געזאָגט:

„אָ, מיין געליבטער, דו האָסט מיר פערוואַנדעלט דאָס האַרץ אין אַ פייער פון ליבע. פון דער מינוט אָן, וואָס איך האָב דיך דערזעהן, קאָן איך שוין מעהר נישט עסען און נישט טרינקען און נישט שלאָפען.״

און איך האָב איהר געענטפערט:

„מיין זעל ליידט אויך אַזוי, ווי דיינע, און אַז דו וועסט מיר נאָר אַריינקוקען אין די אויגען אַריין, וועסטו זעהן, אַז איך רייד די וואָהרהייט.״

האָט זי אַ ווײלע געשוויגען און דערנאָך געזאָגט:

„אָ, מיין געליבטער, צי ווערסטו מיר דערלויבען, איך זאָל דיך בעזוכען, אָדער דו ווערסט קומען צו מיר, מחמת אונזער ליבע בעדאַרף זיין געהיים?״

האָב איך געזאָגט:

„איך בין נישט קיין היגער און האָב דאָ נישט קיין בעזונדערע וואוינונג. אויב דו ווערסט מיר דערלויבען קומען צו דיר, וועל איך זיין זעהר גליקליך.

„זעהר גוט,—האָט זי געענטפערט,--אָבער פרייטאָג איז נישט היינט, נאָר מאָרגען, און דעריבער קאָנען מיר דערווייל גאָרנישט פאָרנעהמען. מאָרגען נאָך דער תפילה זאָלסטו זיך זעצען אויפ'ן מוילאייזעל און פרעגען, ווי אַזוי פאָהרט מען קיין האַבּאַנאַיעך, און אַז דו ווערסט קומען אַהין, זאָלסטו זיך נאָכפרעגען אויפ'ן הויז, וואָס הייסט קאַך*) און געהערט צו אַבּו-שאַמעך. אין דעמ-

*) קאָד—אַ הייך נאַכטצימער, טיילמאָל ווערט אַזוי אייך גערופען אַ שיין הויז.

דאָזיגען הויז וואוין איך. זאָלסט זיך אָבער צואײַלען, ווייל איך וועל וואַרטען אויף דיר מיט דער גרעסטער אונגעדולד.״

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָב איך מיך זעהר דער־פרעהט, אָבער דערווייל האָבען מיר זיך צושיידט, און איך האָב מיך אומגעקעהרט אין כאַן, וואו איך האָב געוואוינט. די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט שלאָפען און באַלד, ווי עס האָט נאָר גענומען שאַרען אויף טאָג, האָב איך מיך אויפגעהויבען, אויסגעבערשט די קליידער, זיך בעגאָסען מיט בשמים־וואַסער און פיינע פּאַרפומען און דערנאָך האָב איך איינגעוויקעלט אין אַ טיכעל פופציג דוקאַטען, אַרויס פון כאַן, אָנגעדונגען אַ מויל־אייזעל און געזאָגט צום אָנטרייבער:

„פאָהר מיט מיר אין הבּאַנאַיעך.״

און דאָ האָבען מיר זיך תיכף געלאָזט אין וועג אַריין און געפאָהרען אַזוי לאַנג ביז מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן געסעלע דאַרב־על־מונאַקערי.

„געה־אַריין אין דעםדאָזיגען געסעל,—האָב איך געזאָגט צום אָנטרייבער,—און פרעג זיך נאָך, וואו שטעהט דער קאַן פון אַבו־שאַמעך.״

איז ער אַוועק, זיך באַלד צוריקגעקעהרט און געזאָגט:

„עס איז דאָ.״

און ער האָט מיך אַוועקגעפיהרט צו יענעם הויז, וואו איך האָב איהם געזאָגט:

„מאָרגען זאָלסטו קומען אַהער און אָבפיהרען מיך צוריק.״

„אַלאַה הערט עס אויך,״—האָט ער געענטפערט. איך האָב איהם בעצאָהלט און ער איז אַוועקגעפאָהרען.

דערנאָך האָב איך אָנגעקלאַפּט אין טהיר און צו מיר זיינען אַרויס צוויי מיידלעך מיט שוואַך־ענטוויקעלטע פאָרמען.

„קום־אַריין,—האָבען זיי געזאָגט,—וואָרום אונזער האַר'ן, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען פון ליבע צו דיר, וואַרט אויף דיר מיט גרויס אונגעדולד.״

בין איך אַריין אין אַ גאַסטצימער מיט זיבען טהירען. די פענסטער מיט לאָדענס זענען אַרויסגעקומען אין אַ גאָרטען, וואו

עס האָבען געוואַקסען פערשידענע פרוכטען, און פויגעל האָבען געזונגען און זילבערנע קוואַלכעלעך האָבען געשעפטשעט. די װאַלעען אין גאָרטען זענען בעדעקט געווען מיט קייזערליכען גיפּס, וואָס איז געווען גלאַט, ווי אַ שפּיגעל. דער באַלקען אין גאַסטצימער איז געווען בעמאָלט מיט גאָלד און אונטער'ן באַלקען האָבען זיך געצויגען קרענצעלעך פון גאָלדענע אויפשריפטען. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי שען, אַז מען האָט געמוזט לאַנג קוקען דערויף. אין מיטען צימער איז געשטאַנען אַ פאָנטאַן פון פערשידענפאַרביגען מאַרמאָר, און פיר שלאַנגען פון רויטען גאָלד האָבען אַרויסגעשפּייט קלאָרע פעדימלעך וואַסער. אַ טייל פון'ם גאַסטצימער איז געווען בעדעקט מיט זיידענע טעפּיכער און מאַטראַצען. באַלד ווי איך האָב מיך אַנידערגעזעצט, איז אַריין די ווירטין פון הויז, זי האָט געהאַט אויפ'ן קאָפּ אַ קרוין פון בריליאַנטען און פעריל*) און די העמד און די פיס זענען איהר געווען געפאַרבט. אויף דער ברוסט האָבען איהר געלויכטען שטיקער געשניצט גאָלד. זי האָט געשמייכעלט און האָט מיך אַרומגענומען און געזאָגט:

„איז עס וואָהר, ביזטו טאַקי געקומען צו מיר?"

„איך בין דיין קנעכט,"—האָב איך געענטפערט.

און זי האָט ווייטער געזאָגט:

„ביי גאָט, פון דער מינוט, וואָס איך האָב דיך דערזעהן, האָב איך פערלאָרען דעם אַפּעטיט."

„און איך אויך,"—האָב איך געענטפערט.

מיר האָבען ביידע גערעדט, אָבער איך האָב מיך געשעמט און איך בין געזעסען מיט אַנ'איינגעבויגענעם קאָפּ ביז צו דער ערד. נאָר באַלד האָט מען געגרייט פאַר אונז אַ טיש און מען האָט געבראַכט די שענסטע און בעסטע מאכלים, וואָס זענען בעשטאַנען פון פערשידענע פליישען און זופּען, און איך האָב געגעסען אַזוי לאַנג ביז איך בין זאַט געוואָרען. נאָכדעם האָט מען

*) רייכע אַריסטאָקראַטישע אַראַבערינס פלעגען אַמאָל טראָגען אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ, ווי אַ געוועהנליכע קאָפּצירונג.

געבראַכט אַ טאַז און אַ קרוג צו וואַשען די הענד און מיר האָבען זיך געוואַשען און דערנאָך זיך בעשפריצט מיט רויזענוואַסער און מאַשוס און דערנאָך האָבען מיר פון דאָסניי גענומען ריידען, און מיר האָבען גערעדט פון ליבע און אין דער אייגענער צייט האָט מיך אַזוי אַרומגעכאַפּט די ליבע, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין גאַנצע עשירות און מיין גאַנץ פערמעגען איז גאָרנישט ווערט אין פערגלייך מיט איהר. און אַזוי האָבען מיר פערבראַכט די צייט ביז עס איז פינסטערליך געוואָרען און דעמאָלט האָבען די שקלאַפינס ווידעראַמאָל געגרייט צום טיש און געבראַכט פערשידענע ויינען און מיר האָבען געגעסען און געטרונקען ביז האַלבער נאַכט. נאָך קיינמאָל אין לעבען האָב איך נישט פערבראַכט אַזאַ נאַכט. אינדערפריה האָב איך מיך אויפגעהויבען, זיך וואָרף געטהאָן איהר דאָס טיכעל מיט די פופציג דוקאַטען*), זיך צוזעגענט מיט איהר און גענומען אַוועקגעהן, אָבער זי האָט זיך צעוויינט און געזאָגט:

„אָ, מיין הער, ווען וועל איך ווידער דערזעהן דיין ליב געזיכט?"

„באַלד ווי עס וועט ווערען נאַכט, וועל איך זיין מיט דיר,"—האָב איך געענטפערט.

אַרויס פון שטוב, האָב איך דערזעהן דעם אָנטרייבער, וואָס האָט מיך נעכטען געבראַכט אַהער. ער איז געשטאַנען בעבען טהיר און געוואַרט אויף מיר. האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן מוילאייזעל און אַוועקגעפאָהרען אין כאַן. דאָרט האָב איך געגעבען דעם אָנטרייבער אַ האַלבען דוקאַט און געזאָגט:

„אַז די זון וועט אונטערגעהן, זאָלסטו שוין זיין דאָ."

און ער האָט געענטפערט:

„אַזוי וועט געטהאָן ווערען."

איך בין אַריין אין כאַן, וואו איך האָב געפרישטיקט, און דערנאָך בין איך אַוועק איבער די קראָמען, צונויפצוזאַמלען דאָס

---

*) אַז די אַראַבער גיבען עמיצען געלד אַלס מתנה, פערבינדען זיי עס אין אַן'אויסגעהאַפטען טיכעל.

געלד פאַר מיינע סחורות. דערנאָך בין איך אַוועק און געקויפט נאַשעריייען און אַז איך בין געקומען אין כאַן, האָב איך צוגע־גרייט פאַר מיין געליבטער, וואָס איז געוואָרען מיין ווייב, אַ געבראָטענעם שעפּס. איך האָב אַ רוף געטהאָן אַ טרעגער, פונאַנ־דערגעזאָגט איהם, ווי אַזוי ער זאָל געפינען דאָס הויז, געהייסען, ער זאָל דאָס אַוועקטראָגען און בעצאָהלט איהם פאַר זיין טרחה. דערנאָך האָב איך מיך שוין פערנומען מיט מיינע פּערזענליכע גע־שעפטען ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען, און אַז עס איז געקומען דער אָנטרייבער מיט׳ן מוילאייזעל, האָב איך גענומען פופציג דוקאַ־טען און האָב עס פעררייקעלט אין אַ טיכעל און אַוועקגעפאָהרען. אַריין אין הויז צו מיין פרוי, האָב איך דערזעהן, אַז דער מאַרמאָר איז אויסגעוואַשען, דאָס געפעס אויסגעפוצט, די לאָמפּען אויסגעשייערט און די ליכט ברענען און דער טיש איז געגרייט און וויין איז אָנ־געגאָסען. און אַז דאָס ווייב האָט מיך דערזעהן, האָט זי געזאָגט:

„אָהן דיר בין איך פערצווייפעלט.“

און מען האָט געשטעלט פאַר אונז טישען און מיר האָבען געגעסען ביז מיר זענען זאַט געוואָרען. האָבען די קליינע שקלאַ־פינס אַוועקגעטראָגען דעם ערשטען טיש און אַוועקגעשטעלט פאַר אונז דעם צווייטען טיש מיט וויין, און מיר האָבען געטרונקען וויין און געגעסען טרוקענע פרוכטען און פרעהליך פערבראַכט ביז האַלבער נאַכט. דעמאָלט האָבען מיר זיך געלעגט אין בעט און געשלאָפען ביז אינדערפריה. און אַז איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך, ווי פריהער, איהר געגעבען די פופציג דוקאַטען און בין אַוועקגעגאַנגען.

אַזוי האָב איך געלעבט אַ לאַנגע צייט, ביז איך האָב מיך איינמאָל געכאַפּט, אַז איך בין געבליבען אָהן איין גאָלדשטיק— איך האָב אפילו קיין איין זילבערנע מטבע נישט געהאַט, און דעמאָלט האָב איך ביי זיך אַ טראַכט געטהאָן:

„עס טויג נישט.“

„און איך האָב מיר פאָרגעלייענט דאָסדאָזיגע ליד:

די אָרימקייט נעהמט־צו פון מענש דעם גלאַנץ,
און נעל זעהט־אויס די זון ביים אונטערגאַנג.

עס פעלט דער מענש, עס קומט דער מענש, אַלצאיינס
קיין איינער זעהט נישט און בעמערקט איהם קיינמאָל נישט.

און געהט ער איבער גאַס צו איבער מאַרק,
דאַן גיסט ער הייסע טרעהרען אונבעמערקט
און פרעמד איז ער פאַר זיינע קרובים, פריינ',
און פרעמד אפילו אויך פאַר זיך אַליין.

און טראַכטענדיג אַזוי, בין איך פריהער דורכגעגאַנגען ביין-על-קאַזערין און דערנאָך דעם מאַרק, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער המון און מען האָט נישט געקאָנט אַדורכגעהן. אָבער עס איז שוין אַזוי בעשערט געווען, איך זאָל בעמערקען אַ קאַוואַלעריסט, אין וועלכען איך האָב מיר אונגערן אָנגעשטויסען און אָנגעטאַפּט זיין טאַש, און פון דערדאָזיגער טאַש האָב איך אַרויסגעצויגען אַ בייטעלע. אָבער דער קאַוואַלעריסט האָט באַלד דערפיהלט, אַז ער האָט נישט דאָס בייטעלע, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף מיר און אַ קלאַפּ געטהאָן מיר איבער'ן קאָפּ מיט אַ שטעקען. בין איך אַנידערגעפאַלען נעבען איהם און דער המון האָט אונז אַרומגערינגעלט און אָנגעכאַפּט זיין פערד פאַר'ן צוים.

„פאַרוואָס האָסטו געשלאָגען דעמדאָזיגען יונגענמאַן?" — האָבען זיי איהם געפרעגט.

אָבער ער האָט אויסגעשריען:

„ער איז אַ גנב!"

נאָר זיי האָבען נישט געגלויבט און געזאָגט:

„דאָס איז זעהר אַנשטענדיגער יונגערמאַן. אַזאַ מענש קען נישט זיין קיין גנב.

מאַנכע האָבען איהם געגלויבט, מאַנכע נישט און מען האָט זיך לאַנג געאַמפּערט. צולעצט האָט מען מיך אויפגעהויבען און געוואָלט פריילאָזען, אָבער עס איז שוין בעשערט געווען, אַז אין דער אייגענער צייט זאָל פאַרבייגעהן דער וואַלי מיט זיינע לייט און, דערזעהן, אַז אַ מענש איז אַרומגערינגעלט פון אַ המון, האָט ער געפרעגט:

„וואָס איז דאָ געשעהן אַזוינס?"

האָט געענטפערט דער קאַוואַלעריסט.

—דערדאָזיגער מאַן איז אַ גנב. איך האָב געהאַט אין טאַש אַ בײַטעלע מיט צוואַנציג דוקאַטען, האָט ער עס אין דער איינגשטופּ אַרויסגעצויגען בײַ מיר.״

האָט דער וואַלי געפרעגט:

„ביזטו מיט עמיצען געגאַנגען?״

„מיט קיינעם,״—האָט געענטפערט דער קאַוואַלעריסט.

האָט דער וואַלי געזאָגט צו איינעם פון זיינע דינער:

„נעהמט איהם און בעזוכט איהם.״

איז מען מיך בעפאַלען און נישט געלאָזט ריידען, און דער וואַלי האָט געזאָגט:

„נעהמט-אַרויס אַלץ, וואָס ער האָט אין די טאַשען.״

דאָס בײַטעלע האָט מען, נאַטירליך, באַלד געפונען בײַ מיר אין דער וואַלי האָט עס גענומען אין דער האַנד, איבערגעצעהלט דאָס געלד און זיך איבערגעצייגט, אַז אין איהם געפינען זיך טאַקע צוואַנציג דוקאַטען, ווי דער קאַוואַלעריסט האָט פריהער געזאָגט. דעמאָלט איז דער וואַלי אַרײַנגעפאַלען אין אַ שרעקליכען גרימצאָרן און האָט אויסגעשריען צו זיינע לייט:

„ברענגט מיר איהם אַהער!״

האָט מען מיך צוגעפיהרט צו איהם און ער האָט געזאָגט:

„אָ, יונגערמאַן! זאָג נאָר דעם אמת, האָסטו עס גע׳גנב׳עט דאָס בײַטעלע?״

האָב איך אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד און איך דער אייגענער צייט געטראַכט: „וועל איך זאָגען, אַז איך האָב נישט גע׳גנב׳עט, וועט מען מיר נישט גלויבען, ווייל מען האָט געפונען דאָס בײַטעלע בײַ מיר אין קעשענע, וועל איך, ווידער זאָגען דעם אמת, וועל איך מיך ביטער בעצאָהלען דערפאַר.״ אָבער איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט:

„יאָ, איך האָב גע׳גנב׳עט.״

דער וואַלי האָט זיך אפילו גע׳חדוש׳ט, וואָס איך האָב מיך מודה-געווען, אָבער ער האָט באַלד צוזאַמענגערופען עדות און זיי האָבען בעשטעטיגט, אַז איך האָב מיך מודה-געווען אין דער

גנבה. דאָס אַלץ איז געשעהן מיט מיר אין מאַרק. באַלד דערויף האָט דער וואַלי געהייסען דעם תלין, ער זאָל מיר אָבהאַקען די רעכטע האַנד*) און דער תלין האָט די מיר אָבגעהאַקט. מען האָט מיך אפילו געוואָלט בעשטראָפען מיט טויט, אָבער דער קאַוואַלעריסט האָט רחמנות-געהאַט אויף מיר און לויט זיין בקשה האָט מען מיר פערביטען די טויט-שטראָף אויף אָבהאַקען די רעכטע האַנד. נאָכדעם איז דער וואַלי אַוועק זיין וועג, אָבער דער המון האָט זיך נאָך אַלץ געשפּאַרט אַרום מיר. עמיצער האָט מיר צוגעטראָגען וויין צו די ליפּען און דער קאַוואַלעריסט האָט מיר אָבגעגעבען זיין בייטעלע מיט דידאָזיגע ווערטער:

„פאַר אַזאַ אָנשטענדיגען יונגענמאַן, ווי דו, פּאַסט נישט צו זיין אַ גנב.“

האָב איך גענומען דאָס בייטעלע און בעת-מעשה פאָרגעלייענט דאָסדאָזיגע ליד:

איך שווער ביי גאָט, מיין גוטער ליבער מענש,
אז איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין גנב.
עס האָט געפאַנגען מיך די שוואַרצע שווערע נויט
און האָט די קרוין מיר פון מיין עהרליכקייט צובראָכען.

דער קאַוואַלעריסט איז אַוועקגעפאָהרען און איך האָב אַרומגעוויקעלט מיט אַ שמאַטקעלע די אָבגעהאַקטע האַנד און אַריינגעלעגט זי אין בוזים. דאָס פּנים איז מיר איינגעפאַלען און די באַקען זענען מיר בלאַס געוואָרען פון די גרויסע יסורים, וואָס איך האָב איבערגעטראָגען. פינסטער אין די אויגען איז מיר געווען, בשעת איך בין געקומען צו מיין ווייב אין קאַך, און איך האָב מיך באַלד אַ וואָרף געטהאָן אין בעט אַריין, און אַז דאָס ווייב האָט בעמערקט, ווי איך האָב מיך פערענדערט אין געזיכט, האָט זי געזאָגט:

---

*) דעם, וואָס גנב'עט עפּיס אַ זאַך, וועלכע איז ווערט מעהר פון אַ פירטעל דוקאַט, ווערט, לויט די מאַהמעדאַנישע געזעצע, אבגעזאַקט די רעכטע האַנד.

„וואָס איז מיט דיר געשעהן? פאַרוואָס זעהסטו אויס אַזוי שלעכט?"

און איך האָב געזאָגט:

„דער קאָפּ טהוט מיר וועה און איך בין נישט געזונד."

אָבער זי האָט זיך זעהר דערשראָקען און, אַ דערשראָקענע, זיך אָנגערופען:

„אָ, מיין הער! שרעק נישט מיין האַרץ. זעץ דיך נעבען מיר, הויב-אויף דעם קאָפּ און דערצעהל מיר, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט."

אָבער איך האָב איהר בלויז בעמערקט:

„בעסער רייד נישט מיט מיר."

האָט זי זיך צעוויינט:

„איך ווייס,—האָט זי געזאָגט,— איך בין דיר נמאס-געוואָרען, און איך זעה, אַז דו ביזט היינט גאָר אַן'אַנדערער געוואָרען."

און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט און דורך טרעהרען האָט זי מיך אויסגעפרעגט, אָבער איך האָב נישט געענטפערט. ביז עס איז שוין פינסטערליך געוואָרען. דעמאָלט האָט זי געגרייט דעם טיש צו אָווענדברויט, אָבער איך האָב נישט געגעסען, ווייל איך האָב נישט געוואָלט, זי זאָל זעהן, אַז איך עס מיט דער לינקער האַנד, און איך האָב איהר בלויז געזאָגט, אַז איך וויל נישט עסען. אָבער זי האָט מיך ווידער אָנגעהויבען צו בעטען:

„זאָג מיר, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט היינט און פאַרוואָס ביזטו אַזוי בלאַס און אויפגערעגט?"

„איך וועל עס דיר שפּעטער דערצעהלען."—האָב איך שטיל געזאָגט.

האָט זי מיר צוגעטראָגען ווייך מיט דידאָזיגע ווערטער:

„טרינק-אויס, וויין קרעפטיגט דעם מענשען און דערצעהל מיר, וואָס האָט פּאַסירט מיט דיר."

„אויב איך זאָל שוין יאָ טרינקען וויין,—האָב איך געזאָגט,— טאָ טראָג מיר איהם צו מיט דיינע אייגענע הענד צו די ליפּען."

האָט זי אָנגעגאָסען אַ גלעזעל וויין און אויסגעטרונקען און

דערנאָך האָט זי אָנגעגאָסען אַ צווייט גלעזעל וויין און מיר עס דערלאַנגט, האָב איך עס גענומען מיט דער לינקער האַנד, און בעת מעשה האָב איך מיט טרעהרען אויף די אויגען געזאָגט ראָסדאָזיגע ליד:

וועו גאָט וויל אויספּרובען דעם מענשען אין זיין וועג,
דאַן וואַרפט ער איהם אַריין אין צער און פּלאָג,
און ס'נעהמט דער מענש אַ מוסר זיך אַראָב
און ווערט אַ בעסערער, אַ ריינערער, ווי פריהער.

און איך האָב מיך צעוויינט און זי האָט זיך אויך צעוויינט, און נאָכדעם האָט זי געפרעגט:

„זאָג מיר, פאַרוואָס האָסטו געוויינט? און זאָג מיר אויך, פאַרוואָס האָסטו גענומען דעם וויין מיט דער לינקער האַנד?"

„אויף דער רעכטער האַנד האָב איך אַ וואונד,"—האָב איך געזאָגט.

„נו, טאָ בעוויז,—האָט זי געבעטען,—איך וועל צולעגען אַ קאָמפּרעס."

אָבער איך האָב געזאָגט:

„מען בעדאַרף נאָך נישט און בעט מיך נישט, ווארום איך וועל דיר נישט ווייזען."

און איך האָב אויסגעטרונקען דעם וויין און זי האָט מיר פון דאָסניי אָנגעפילט דאָס גלאָז און איך האָב געטרונקען אַזוי לאַנג, ביז איך בין שכור-געוואָרען און איינגעשלאָפען אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו איך בין געזעסען, און דעמאָלט האָט זי געזעהן, אַז מיר פעלט די רעכטע האַנד. האָט זי מיך בעטאַפּט און געפונען דאָס בייטעלע מיט די צוואַנציג דוקאַטען. עס איז שווער צו זאָגען, ווי אַזוי זי האָט זיך מצער-געווען, ווען זי האָט דערזעהן דאָס אַלץ, און די גאַנצע נאַכט האָט זי נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. איינדערפריה, אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָב איך דערזעהן, אַז זי האָט מיר אַוועקגעשטעלט אַ געריכט פון פיר היגער און האָט געבראַכט וויין. האָב איך לאַנג געגעסען און געטרונקען, אָבער אַז איך האָב געוואָלט אַוועקגעהן און דערביי אַוועקגעלעגט איהר דאָס בייטעלע, האָט זי געזאָגט:

„וואוהין ווילסטו געהן?"

„אַהין, וואו איך וואָלט געקאָנט בערוהיגען מיין אויסגע-פייניגט און צובראָכען האַרץ,"—האָב איך געענטפערט.

אָבער זי האָט ווידער געזאָגט:

„געה נישט אַוועק, זיץ בעסער דאָ."

האָב איך מיך אַנידערגעזעצט און מיר האָבען געשוויגען אָבער דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופען:

„שוין-ושע איז דיין ליבע צו מיר געווען אַזוי שטאַרק, אַז דו האָסט אויסגעבראַכט אויף מיר דיין גאַנץ פערמעגען און אפילו פערלאָרען אַ האַנד? אָבער, מיין הער, איך שווער דיר ביי גאָט, אַז איך וועל דיך קיינמאָל נישט פערלאָזען, און דו וועסט זעהן, אַז איך קאָן האַלטען וואָרט."

באַלד נאָכדעם האָט זי געשיקט נאָך עדות, און אַז זיי זע-נען געקומען, האָט זי געזאָגט:

„איהר זאָלט זיין עדות, אַז מיין גאַנץ פערמעגען, וואָס געפינט זיך אין דעמדאָזיגען קאַסטען, און אויך אַלע מיינע דינער און שקלאַפינס געהערן דעמדאָזיגען יונגענמאַן."

האָבען די עדות בעשטעטיגט איהרע ווערטער, און איך האָב צוגענומען איהר פערמעגען, און דערנאָך האָט זי בעצאָהלט די עדות און זיי זענען אַוועק. דעמאָלט האָט זי מיך גענומען ביי דער לינקער האַנד, אַוועקגעפיהרט מיך אין אַלקירל אַריין, וואו עס איז געשטאַנען נאָך אַ קאַסטען. האָט זי איהם גע-עפענט און געזאָגט:

„זעה, וואָס דאָ ליגט."

איך האָב אַ קוק געטהאָן אין קאַסטען און געזעהן, אַז ער איז פול מיט טיכלעך, אָבער זי האָט געזאָגט:

„דאָס איז דיין אייגענטום, וואָרום דאָס אַלץ האָב איך בע-קומען פון דיר. יעדעס מאָל, ווען דו פלעגסט אַוועקגעהן און מיר איבערלאָזען אַ טיכעל מיט פופציג דוקאַטען, פלעג איך עס אַריינוואַרפען אין קאַסטען אַריין. נעהם זיך צו דיין אייגענטום, וואָרום גאָט האָט עס דיר אומגעקעהרט, און איצט, ווי דו זעהסט, ביזטו אַ רייכער מאַן. עס איז וואָהר, גאָט האָט דיך בעשטראָפט

און דיר צוגענומען דיין רעכטע האַנד, אָבער אויך דערין קאָן איך דיר העלפען. ווארום אויב איך האָב געאָפּפערט פאַר דיר מיט'ן לעבען, האָט אָבער דיין גוטסקייט נאָך אַלץ איבערגע־שטייגט מיין אָפּפער.״

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען און איך האָב צוגענומען דעם קאַסטען מיט מיין געלד, צו וועלכען זי האָט נאָך צוגעגעבען פון איהרען. דאָס האַרץ איז מיר פול געוואָרען מיט שמחה, איך האָב זי אַ קוש געטהאָן און געטרונקען מיט איהר ווין. און זי האָט ווידעראַמאָל געזאָגט:

„דו האָסט מיך אַזוי ליב געהאַט, אַז דו האָסט פערלאָרען דיין רייכקייט און דיין רעכטע האַנד. ביי גאָט, וואָס איך זאָל נישט טהאָן פאַר דיר, וועט עס אַלץ זיין ווייניג.״

נאָכדעם האָט זי אָנגעשריבען אַ פּאַפּיר, אין וועלכען זי האָט בעשטעטיגט, אַז זי גיט מיר איבער איהר גאַנץ פערמעגען: איהרע בריליאַנטען, הייזער, ערד, דינער און שקלאַפינס, און אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געוויינט דערויף, וואָס איך האָב פערלאָרען די רעכטע האַנד. דערנאָך האָבען מיר געלעבט צוזאַמען ביי אַ מאָנאַט צייט, אָבער זי האָט ביסלעכווייז געקרענקט ביז זי איז איינגאַנצען קראַנק געוואָרען. צעהן טאָג איז זי ערנסט קראַנק געווען און דערנאָך האָט זי צוגעמאַכט אויף אייביג די אויגען. איך האָב זי מקבר־געווען און האָב אָנגעדונגען זאָגערינס צו זאָ־גען דעם קאָראַן און איך האָב געטיילט נדבות, און אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז מיין ווייב איז געווען זעהר רייך. זי האָט געהאַט הייזער, ערד און צו דעם אויך שפייכלער'ס מיט קונדזשוט, וואָס אַ טייל דערפון האָב איך דיר פערקויפט און האָב נאָך ביז איצט קיין געלד נישט גענומען ביי דיר. דאָס איז פשוט דערפאַר, ווייל איך בין פערגומען מיט'ן פערקויפען דעם איבריגען קונדזשוט, פאַר וועלכען איך האָב נאָך אויך נישט בעקומען דאָס געלד. און דערפאַר, ווי דו זעהסט, עס איך מיט דער לינקער האַנד. איין זאַך וועל איך דיר גאָך זאָגען, אָבער איך בעט דיך פאָראויס, דו זאָלסט זיך נישט דינ־גען און מספים־זיין מיט מיר: איך האָב ביי דיר געגעבען און

געטרונקען און איך וויל דיר דערפאַר איבערלאָזען דאָס געלד וואָס קומט מיר פון דיר פאַר׳ן קונדזשוט.

דערויף האָב איך איהם בלויז געזאָגט:

„דו בעגעהסט זיך מיט מיר אַזוי האַרציג און ברייט.“

און דעמאָלט האָט ער מיר בעמערקט:

„פאָהרען מיר צוזאַמען קיין באַגדאַד, וואָס איז מיין היי־מאַט. איך האָב געקויפט אַ סך סחורה אין קאַיראָ און אַלע־קסאַנדריען. ווילסט, וועלען מיר עס דאָרטען פערקויפען?“

„איך וויל,“—האָב איך געענטפערט און איך האָב איהם געגעבען מיין וואָרט, אַז צו דעם ערשטען טאָג פון קינפטיגען מאָנאַט וועל איך זיין גרייט צו דער נסיעה.

דעמאָלט האָב איך פערקויפט אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט און פאַר׳ן געלד האָב איך געקויפט סחורות און זיך אַוועקגעלאָזט מיט דעמדאָזיגען יונגענמאַן אַהער. דאָ האָט ער פערקויפט זיינע סחורות און געקויפט אַנדערע און איז דערנאָך אַוועקגעפאָהרען קיין עגיפטען. מיר אָבער איז בעשערט געווען צו פערבלייבען דאָ און, ווייט פון מיין פאָטערלאַנד, איבערצולעבען דאָס, וואָס האָט מיט מיר פאַסירט היינט ביינאַכט. נו, זאָג, אָ, גנעדיגער מלך, איז דידאָזיגע געשיכטע נישט אויסטערלישער, איידער די געשיכטע מיט׳ן הוֹרבאַטען?

„מען בעדאַרף אייך אַלעמען אויפהענגען,“—האָט געענטפערט דער סילטאַן.

נאָכדעם איז אַרויסגעטראָטען דער קיכאויפזעהער און געזאָגט:

„זַ, גרויסער הערשער! אויב דו וועסט דערלויבען, וועל איך דיר דערצעהלען אַ געשיכטע, וואָס איך האָב גראָד געהערט פריהער, איידער איך האָב געפונען דעם הוֹרבאַטען, און אויב די־דאָזיגע געשיכטע וועט דיר אויסווייזען אינטערעסאַנטער, ווי די פריהערדיגע, זאָלסטו אונז שענקען דאָס לעבען.“

„דערצעהל דיין געשיכטע,“—האָט געזאָגט דער סולטאַן.

און דער קיכאויפזעהער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

די געשיכטע פונ'ם קילאַויפזועהער.

דעם נעכטיגען אָװענד האָב איך פערבראַכט אין אַ געזעל־שאַפט, װאו עס איז געלייענט געװאָרען דער קאָראַן*). צװישען די געסט האָבען זיך געפונען פּראָפעסאָרען פון טעאָלאָגיע און יוריספּרודענץ און אַזוי גרױסע לייט, און אַז מען האָט געענדיגט לייענען, האָבען די דינער געדעקט די טישען און צװישען די אַנדערע געריכטען האָט מען אױך דערלאַנגט זירבאַיעך**). מיר האָבען, נאַטירליך, פערזוכט איך דעם זירבאַיעך, אָבער געװען איינער צװישען אונז, װאָס האָט זיך אָבגערוקט פון טיש און בשום אופן נישט געװאָלט געניסען פון דעמדאָזיגען מאכל. און אַז מיר האָבען איהם שטאַרק צוגערעדט, האָט ער געזאָגט:

„לאָזט מיך, איך בעט אייך, װאָרום איך האָב מיך שוין גענוג בעצאָהלט פאַר איהם."

דעמאָלט האָבען מיר זיך געװענדט צו איהם מיט דידאָזיגע װערטער:

„ביי גאָט, דו מוזט אונז דערצעהלען, פאַרװאָס דו עסט נישט קיין זירבאַיעך."

האָט ער געזאָגט:

„װען איך זאָל איהם עסען, בעדאַרף איך פריהער פערציג מאָל אויסװאַשען די הענד מיט לויג, פערציג מאָל מיט געזאָדען

---

*) ביי די אַראַבער איז אַ מנהג צו לייענען דעם קאָראַן פאַר די געסט, װאָס קומען זיך צוזאַמען אין אַ הויז. דער בעל־הבית פון הויז דינגט־אָן על־פּי־רוב אַ פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע אָדער אַ לעהרער, אַ סטודענט פון מעטשעט. זיי לייענען דעם קאָראַן מיט זעהר אַן אָנגע־נעהמ קול און מיט אַ ניגון, װאָס מאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף אַ צוהערער.

**) זירבאַיעך — אַ מין קרופּניק.

וואַסער און פערציג מאָל מיט זייף. צוזאַמען איז דאָס הונדערט צוואַנציג מאָל.״

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער בעל-הבית בעפוי-לען זיינע דינער, זיי זאָלען ברענגען אַלץ, וואָס דאָ איז אויס-גערעכענט געוואָרען, און דערדאָזיגער מאַן האָט געוואַשען זיינע הענד הונדערט צוואַנציג מאָל און דערנאָך זיך געזעצט צום טיש, אָבער מיט קענטיגען עקעל. אַ דערשראָקענער האָט ער אויסגע-צויגען זיין האַנד צום דערמאָהנטען זירבאַיעך און בשעת מעשה האָט ער אויסגעזעהן, ווי איהם וואָלט נישט גוט געוואָרען. זיין האַנד האָט געציטערט און דעמאָלט האָבען מיר דערזעהן, אַז עס פעלט איהם דער גרויסער פינגער און אַז ער האָט נישט מעהר ווי פיר. האָבען איהם אַלע געגומען בעטען, ער זאָל זאָגען, ווי אַזוי ער האָט פערלאָרען זיין פינגער און צי האָט מיט איהם נישט פּאַסירט עפּיס אַן׳אומגליק.

האָט ער זיך עטוואָס בעדאַכט און דערנאָך זיך אָנגערופען:

„אָ, מיינע ברידער! נישט בלויז דעם גרויסען פינגער פון דער רעכטער האַנד האָב איך פערלאָרען: עס פעלט מיר אויך דער גרויסער פינגער פון דער לינקער האַנד. אָט זעהט.״—האָט ער צוגעגעבען און האָט אונז בעוויזעןביידע הענד און ביידע הענד האָבען נישט געהאַט דעם גרויסען פינגער. אָבער דאָס איי-גענע איז אויך געווען מיט זיינע פיס: זיי האָט אויך געפעלט דער גרויסער פינגער.

האָבען מיר אַלע געגאַפט, און איינער פון אונז האָט גע-זאָגט:

„ביי גאָט, דערצעהל אונז דיין געשיכטע, וואָרום מיר זע-נען אונגעדולדיג. וואָס אַזוינס איז מיט דיר געשעהן?״

און דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבען אַזוי:

„וויסען זאָלט איהר, אַז מיין פאָטער איז געווען אַ גרוי-סער סוחר אין באַגדאַד, אין דער צייט פון קאַליף האַרון-ער-ראַשיד, אָבער מיין פאָטער האָט זעהר ליב געהאַט ווין און פוילקייט, און אַז ער איז געשטאָרבען, האָט ער די קינדער גאָר-נישט איבערגעלאָזט. איך האָב איהם מקבר-געווען, אָנגעדונגען

ענשען צו לייענען דעם קאָראַן, דריי טעג און דריי נעכט האָב איך געוויינט, אָבער דערנאָך האָב איך געעפענט דעם פאָטערס קראָם, וואו איך האָב געפונען ווענינ סחורה און אַ סך חובות. איך האָב ווי-עס-איז איבערגערעדט מיט די קרעדיטאָרען, זיי זאָלען צו-וואַרטען, און אַליין האָב איך מיך גענומען שטאַרק צו דער אַרבייט. איך האָב געקויפט און פערקויפט און ביסלעכווייז, אַ וואָך פאַר אַ וואָך, האָב איך אויסגעצאָהלט די קרעדיטאָרען. אַזוי האָב איך געדעקט מיין פאָטערס אַלע חובות און מיר איז נאָך געבליבען געלד. און אָט זיץ איך מיר איינמאָל אין קראָם, זעה איך, עס קומט צו מיר אַריין אַ יונגפרוי, וואָס נאָך אַזאַ שענהייט האָב איך אין מיין לעבען נישט געזעהן. זי איז געפאָהרען אויף אַ מוילאייזעל און איז געווען זעהר רייך אָנגעטהאָן. איין שקלאַף איז איהר געגאַנגען פאָראויס, אַ צווייטער פון הינטען. אויפ'ן מאַרק האָט זי אָבגעשטעלט דעם מוילאייזעל און גענומען בעטראַכטען די קראָמען. אָבער דער דינער האָט איהר געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, געה-אַריין אין אַ קראָם, אָבער זאָג קיינעם נישט, ווער דו ביזט, דער המון פון מאַרק זאָל נישט אויפגערייצט ווערען.“

זי האָט אָבער אַלץ בעקוקט די קראָמען און געשוויגען. מיין קראָם איז איהר מסתמא צום בעסטען געפעלען געוואָרען, ווייל זי איז אַריינגעגאַנגען צו מיר, זיך אַנידערגעזעצט און לייכט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. זי האָט עפּיס געזאָגט צו מיר, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געהערט קיין זיסערע שטים, קיין זיסערן קלאַנג, ווי דער, וואָס איז איהר אַראָבגעפאַלען פון די ליפּען. אַז זי האָט אייפגעדעקט דעם שלייער פון איהר געזיכט, האָב איך נישט-ווילענדיג אָבגעזיפצט, און מיין האַרץ איז אָנגעצונדען געוואָרען מיט ליבע. און איך האָב נישט געקאָנט אַראָבנעהמען דאָס אויג פון איהר און מיט וועה האָב איך פאָרגעלייענט דאָסדאָזיגע ליד:

אָ, שענע יונגפרוי מיט'ן בלויען שלייער
איך רוף דעם טויט, ער זאָל מיך צותּרעטען,

און מעהר זאָל איך נישט וויסען פון קיין ליידען.
איך וויים פאָראויס, אז געבען וועסטו ליידען
און צונעהמען דעם שלאָף מיר פון די אויגען.
דערויף האָט זי מיר געענטפערט מיט פאָלגענדיגען ליד:
עס מעג מיין הארץ אין יענער שעה צובלוטען,
אויב עס וועט ווען דיך אויפהערען צו ליבע.
און אויב מיין אויג וועט קוקען אויף אַ צווייטען,
דאַן זאָל איך מעהר קיין תענוג שוין נישט שפירען
און שטאַרבען זאָל איך ווי אַ בוים אין ווינטער
און נאָכדעם האָט זי אויסגערופען:

„אָ, מיין ליבער, צי האָסטו נישט שענע געוועבען אין דיין געשעפט?"

דערויף האָב איך געענטפערט:

„אָ, מיין הערין! דיין קנעכט איז אַ מענש אַן אָרימער, אָבער אייל נישט, וואַרט נאָר צו ביז די אַנדערע סוחרים וועלען עפענען זייערע קראָמען, וועל איך דיר ברענגען, וואָס דו בעדאַרפסט."

און דערוויל האָבען מיר גערעדט צווישען איינאַנדער און איך האָב מיך געטרונקען אין ליבע ווי אין אַ ים און מיין מח האָט געברענט, ווי אין אַ שרפה. אַז די גרויסע סוחרים האָבען געעפענט זייערע געשעפטען, האָב איך מיך אויפגעהויבען און איהר געבראַכט פערשידענע געוועבען אויף פינף טויזענד זילבערשטיק. האָט זי גענומען די אַלע טייערע געוועבען און איבערגעגעבען איהר דינער און זיי זענען ביידע אַרויס פון קראָם. אויפ'ן מאַרק האָבען איהרע שקלאַפין צוגעפיהרט איהר דעם מויל־אייזעל און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף איהם אָהן אַ וואָרט צו ריידען. זי האָט מיר נישט געזאָגט, ווער און וואָס זי איז, און איך האָב מיך געשעמט זי צו פרעגען. אָבער איך האָב דערוויל ערוב־געווען פאַר די אַלע געוועבען, וואָס האָבען אָנגעטראָפען אַ סומע פון פינף טויזענד זילבערשטיק.

אַהיים בין איך געקומען אינגאַנצען בערוישט פון ליבע, און אַז מען האָט מיר געשטעלט עסען, האָב איך נישט געגעסען

איך האָב אַלץ מיט וועה געטראַכט פון דער שענער אונבעקאַנ-טער, און אַז איך האָב מיך געלעגט שלאָפען, האָב איך נישט געקאָנט שלאָפען, און אַזאַ צושטאַנד האָט זיך געצויגען אַ גאַנצע וואָך. דערנאָך איז די אונבעקאַנטע יונגפרוי פון דאָסניי געקומען מיט'ן דינער און מיט צוויי שקלאַפען. זי האָט זיך פערנויגט און געזאָגט:

„אָ, מיין הער! מיר האָבען עטוואָס פערשפעטיגט מיט'ן צאָהלען פאַר דיינע שטאָפען. נאַ, נעהם דיר דאָס געלד.“

האָב איך צוגענומען דאָס געלד און ווידעראַמאָל געשמו-עסט מיט איהר אַזוי לאַנג, ביז אַלע סוחרים האָבען געעפענט זייערע געשעפטען. דעמאָלט האָט זי געזאָגט:

„ברענג מיר די און די געוועבען.“

האָב איך איהר געבראַכט, וואָס זי האָט געפאָדערט, און זי האָט צוגענומען די סחורה און איז אַוועק אָהן אַ וואָרט צו ריי-דען. אַז זי איז אַוועקגעפאָהרען, האָב איך מיך זעהר געפייניגט און אפילו חרטה-געהאַט דערויף, וואָס איך האָב געטהאָן, מחמת זי האָט גענומען ביי מיר געוועבען אויף גאַנצע טויזענד גאָלד-שטיק.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ ליבע,—האָב איך געטראַכט,—זי האָט מיר געבראַכט פינף הונדערט זילבערשטיק און האָט גענו-מען סחורה אויף טויזענד גאָלדשטיק.“

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל מוזען באַנקראָטירען און איך האָב מיך שטאַרק געשראָקען. אַ גאַנצען חודש צייט האָט זי זיך נישט געוויזען און די סוחרים האָבען געפאָדערט פון מיר דאָס געלד און האָבען מיך אַזוי בעאונרוהיגט, אַז איך האָב זיי געמוזט פאָרלעגען, זיי זאָלען פערקויפען מיין פערמעגען, וואָס זיי האָבען באַלד געטהאָן, און איך בין אינגאַנצען רואינירט גע-וואָרען. און אָט זיץ איך אַזוי איינמאָל אין מיין לעדיגער קראָם, אַ טריבער און אַ מרה-שחורה'דיגער, דערזעה איך פלוצלונג, ווי עס פאָהרט אויפ'ן מוילאייזעל די יונגפרוי און שטעלט זיך אַב פאַר מיין קראָם. איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען

און איך האָב באַלד פֿערגעסען אָן צרה מיינע פּלאָגען. צריין אין קראָם, האָט זי געזאָגט:

„ברענג אַ וואָג און וועג-אויס דאָס געלד.״

און אַזוי האָב איך באַלד בעקומען דאָס געלד נאָך מיט אַ הוספה, און דעמאָלט האָבען מיר פון דאָסניי גענומען ליבליך שמועסען צווישען זיך און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אָװעקשטאַרבען פון שמחה און גליק. דערנאָך האָט זי געפרעגט:

„אַ ווייב האָסטו?״

„ניין,—האָב איך געענטפערט,—איך בין נאָך גאָרנישט בע-קאַנט מיט פרויען.״

און איך האָב מיך צעווײנט. האָט זי געפרעגט:

„וואָס ווײנסטו?״

און איך האָב געזאָגט

„איך וויין צוליב אַ געדאַנק, וואָס טרעט פון מיר נישט אָב.״

איך האָב גענומען עטליכע גאָלדשטיק און געגעבען דעם דינער, ער זאָל מיר פערהעלפען אין דעמדאָזיגען ענין, האָט ער זיך אָבער צולאַכט און געזאָגט:

„וואָס ווילסטו? זי איז דאָך אין דיר פערליבט נאָכמעהר, איידער דו אין איהר. זאָלסט וויסען, אַז זי בעדאַרף קיין שום געוועבען נישט האָבען און זי קומט דאָ אַהער בלויז צוליב איהר שטאַרקער ליבע צו דיר. מאַך איהר אַ פאָרשלאָג און דו וועסט זעהן, אַז זי וועט איהם אָננעהמען.״

די יונגפרוי אָבער האָט געזעהן, ווי איך האָב געגעבען געלד איהר דינער, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט, און איך האָב געזאָגט

„זיי גנעדיג צו דיין קנעכט און פערצייה איהם דאָס, וואָס ער וועט דיר זאָגען.״

און דעמאָלט האָב איך איהר געזאָגט, אַז איך האָב זי ליב און מיינע ווערטער זענען איהר געפעלען געוואָרען און זי האָט געזאָגט:

„דערדאָזיגער דינער וועט קומען צו דיר מיט אַ בריף, אָבער דו זאָלסט טהאָן אַלץ, וואָס ער וועט דיר הייסען.״

אין נאכדעם האט זי זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאנגען. איך האב מיך אויך באלד אויפגעהויבען און אוועק צו די סוחרים, וועלכע איך האב בעצאהלט דאס געלד פאר די פריהערדיגע סחורות און זיי אלע, אויסער מיר, האבען גוט פערדינט. אבער איך האב מיך ווייטער נישט געקאנט בערוהיגען פון ליבעוועהען און ביינאכט האב איך נישט געשלאפען און בייטאג האב איך נישט געגעסען. אין עטליכע טעג ארום איז געקומען צו מיר איהר דינער. האב איך איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און געפרעגט, וואס מאכט זיין הארין. האט ער געזאגט:

„זי איז נישט געזונד.”

„אבער ווער איז זי?”—האב איך איהם געפרעגט.

„די סולטאנין זובײדעך,—האט ער געענטפערט,—די פרוי פון הארון-ער-ראמיד האט זי דערצויגען. זי איז איינע פון איהרע שקלאפינס. אבער זי מעג ארויסגעהן פון הויף פראנק און פריי. זי האט דערצעהלט איהר הארין פון איהר ליבע צו דיר און געבעטען, זי זאל איהר דערלויבען חתונה-צו-האבען, אבער די הארין האט איהר געזאגט, אז זי וועט עס איהר בשום אופן נישט דערלויבען, אויב זי וועט פריהער נישט זעהן דעם חתן און אויב ער וועט איהר נישט געפעלען. האבען מיר בעשלאסען, מיר זאלען דיך ברענגען אין פאלאץ אריין. אבער חתונה-האבען מיט איהר קאנסטו נאר אין דעם פאל, אויב דו וועסט קאנען אריין אין פאלאץ אונבעמערקטערהייד. ווערט מען דיך אבער בעמערקען, זאלסטו וויסען, אז דו ביזט א פערפאלענער. וואס קאנסטו מיר זאגען דערויף?”

„גוט,—האב איך געזאגט,—און דארט וועלען מיר שוין זעהן, ווי עס וועט בעשערט זיין.”

דעמאלט האט דער דינער בעמערקט:

„באלד ווי עס וועט ווערען פינסטערליך, זאלסטו אריינגעהן אין מעטשעט, וואס זובײדעך האט אויסגעבויט אויפ'ן ברעג פונ'ם טייך טיגער און דארט זאלסטו פערברענגען די נאכט אין תפילות*).

*) מאנכע מעטשעטען זענען אפען א גאנצע נאכט, און היימלאזע

„מיט פערגעניגען,"—האָב איך געענטפערט.

אַז עס איז געוואָרען פינסטערליך, בין איך אַוועק אין מע-טשעט און דאָרט האָב איך פערבראַכט די צייט אין תּפילות, ווי דער דינער האָט געהייסען. באַלד ווי עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָב איך דערזעהן צוויי דינער, וואָס האָבען זיך דערנעהנט צום מעטשעט אין אַ שיפעל, אָנגעפילט מיט פוסטע קאַסטענס. איינער פון זיי איז אַוועק און דער צווייטער איז פערבליבען און אַז איך דעמדאָזיגען האָב איך דערקאָנט יענעם דינער, מיט וועלכען איך האָב פריהער אָבגערעדט. אינגיכען איז אויך געקומען די יונג-פרוי. איך האָב מיך איפגעהויבען און אַרומגענומען זי, אָבער זי האָט מיך אַ קוש געטהאָן און זיך צעוויינט. נאָכדעם ווי מיר האָבען עטוואָס פערבראַכט, האָט זי מיך אַריינגעזעצט אין אַ קאַסטען און פערשלאָסען. באַלד האָבען די דינער אָנגעפילט מיט שטאָפען די איבריגע קאַסטענס און זיי פערשלאָסען און די יונג-פרוי האָט זיך אַריינגעזעצט אין שיפעל און מיר זענען אַוועק-געפאָהרען. די ליבע איז מיר אַרויסגעלאָפען פון האַרצען און איך האָב מיך אָנגעהויבען בעדאַכטען און חרטה-האָבען דערין, וואָס איך האָב געטהאָן, און איך האָב געבעטען גאָט, ער זאָל מיך בעפרייען פון דערדאָזיגער געפאַהר. אָבער דאָס שיפעל איז דער-ווייל צוגעשוואומען צו די טויערן פון פּאַלאַץ און מען האָט גענו-מען אויסלאָדען די קאַסטענס און אַריינגעטראָגען זיי אין פּאַלאַץ אַריין. אָבער דער שעף פון דער וואַך, וואָס איז בעת-מעשה געשלאָפען, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די טרעגער-קולות און ער האָט זיך אָנגערופען צו מיין געליבטער:

„מען בעדאַרף עפענען די קאַסטענס, איך זאָל זיי קאָנען אַרומקוקען."

ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן

אַראַבער שלאָפען דאָרט אויף דער פּאָדלאָגע. די אַראַבער עסען און אַרבייטען אפילו אין מעטשעט, נאַטירליך, אין די שעה'ן, ווען מען דאַווענט דאָרט נישט, און דאָס ווערט נישט געהאַלטען פאַר אַ זאַך, וואָס בעפלעקט דעם הייליגען אָרט.

וויסט איבער יענעם קאַסטען, וואו איך בין געזעסען. איך בין אַ צוציטערטער געוואָרען, די נשמה האָט זיך מיר אַראָבגעלאָזט פון שרעק, אָבער מיין געליבטע האָט געזאָגט:

„דידאָזיגע קאַסטענס געהערען צו דער סולטאַנין זובײדען, און אויב דו וועסט זיי עפענען און וועסט זיך צוריהרען צו די זאַכען, וואָס ליגען אין זיי, וועט זי בייז ווערען און מיר אַלע וועלען אומקומען. אין די קאַסטענס איז גאָרנישט פאַרהאַן, אויסער פערשידענאַרטיגע געוועבען, און אין יענעם קאַסטען, אויף וועל־כען עס ליגט דיין האַנד, געפינען זיך אויך עטליכע פלעשער מיט זעמזעמוואַסער*), און אויב דאָס וואַסער וועט זיך פערגיסען, וועלען קאַליע ווערען די שטאָפען. איך זאָג עס דיר אַלץ פאָר־אויס, און דו טהו, ווי דו ווילסט.“

אָבער ער האָט בלויז געזאָגט:

„נעהמט די קאַסטענס און געהט אייך אייער וועג.“

האָט מען זיי באַלד גענומען און אַוועקגעטראָגען אין פאַ־לאַץ אַריין, אָבער אין דער אייגענער רגע האָב איך דערהערט אַ געשריי:

„קאַליף! קאַליף!“

איך האָב גאָר פערלאָרען די חושים פון שרעק און מיינע פיס האָבען אַזוי געציטערט, אַז איך בין שיער נישט געשטאָרבען. דער קאַליף האָט אַ רוף געטהאָן מיין געליבטע יונגפרוי און גע־פרעגט:

„וואָס זענען דאָס פאַר אַ קאַסטענס?“

און זי האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גנעדיגער מלך! זאָל גאָט בעשיצען דיין מאַכט! אין דידאָזיגע קאַסטענס ליגען מיין האַרינס געוועבען און זי האָט מיר פערזאָגט, איך זאָל זיי נישט עפענען.“

---

*) דאָס וואַסער פונ'ם קוואַל זעמזעם אינ'ם טעמפעל פון מעקאַ; בעזיצט, לויט דער מיינונג פון די מאַכמעדאַנער, וואונדערבאַרע אייגענ־שאַפטען, און עס ווערט געבראַכט פון מעקאַ אין פלעשער און אין גלעז־זער, צו היילען פערשידענע קראַנקהייטען און צו בעשפריצען קברים.

נאָר דער קאַליף האָט זעהר קאַלט געזאָגט:

„עפֿען זיי מיר, איך וויל זעהן די געוועבען."

אַז איך האָב דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָב איך מיך גענומען זעגענען מיט'ן לעבען. מיין געליבטע האָט איהם געמוזט געהאָרכען און זי האָט בלויז געזאָגט:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביגע! אין דידאָזיגע קאַסטענס איז גאָרנישט פֿאַרהאַן צו זעהן, אויסער די קליידער פון מיין האַרין, וואָס האָט מיר פערזאָגט, איך זאָל זיי נישט עפֿענען."

אָבער דער קאַליף האָט קורץ געזאָגט:

„די קאַסטענס מוזען געעפֿענט ווערען."

און ער האָט געהייסען די דינער, זיי זאָלען אַריינטראָגען צו איהם אין צימער די קאַסטענס. האָבען די דינער אָנגעהויבען טראָגען די קאַסטענס און ער האָט זיי געעפֿענט און בעקוקט. אָבער אַז מען האָט איהם צוגעטראָגען דעם קאַסטען, וואו איך בין געזעסען, האָב איך מיך נאָכאַמאָל צוזעגענט מיט'ן לעבען, און די שקלאַפֿינס האָבען איהם בעמערקט:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביגע! אין דעמדאָזיגען קאַסטען געפֿינען זיך בלויז אַזוינע זאַכען, וואָס געהערען זיך אָן צום טואַלעט פון אַ פֿרוי און עס וואָלט געווען אָנשטענדיגער נישט צו עפֿענען איהם אָהן דער האַרין זוביידעך."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער קאַליף געהייסען די שקלאַפֿינס, זיי זאָלען אַוועקטראָגען די קאַסטענס אין פּאַלאַץ אַריין. האָט די יונגפֿרוי געהייסען צוויי דינער, זיי זאָלען אַוועקטראָגען מיין קאַסטען אין אַ בעזונדער צימער. זיי האָבען אַזוי געטהאָן און זענען באַלד אַרויסגעגאַנגען פון צימער און דעמאָלט האָט מיין געליבטע געעפֿענט דעם קאַסטען און געגעבען מיר אַ צייכען, איך זאָל אַרויסגעהן. איך בין תיכף אַרויס פון קאַסטען און אַריין אין אַנ'אַלקירל, און זי האָט פערשלאָסען הינטער מיר די טהיר און פערשלאָסען דעם קאַסטען. אַז עס האָט זיך געענדיגט דער טומעל מיט די קאַסטענס, האָט זי געעפֿענט די טהיר פון אַלקירל און געזאָגט:

„זאָלסט זיך נישט שרעקען! און גאָט זאָל דיר ליבטיג מאַ-

כּען פֿאַר די אויגען. איצט געה נאָך מיר, כּדי דו זאָלסט קאָ-נען אַ קוש טהאָן דעם שטויב פֿון זובּיידעכס פיס.״

און איך בּין אַוועק נאָך איהר און איך האָב געזעהן צוואַנ-ציג הויך-בּוזימדיגע אונשולדיגע שקלאַפינס און הינטער זיי האָט זיך בּעוועגט די סולטאַנין זובּיידעך אין שווערע קליידער צוליב די פילע פוצונגען, וואָס זענען געהאַנגען אויף זיי. די שקלאַ-פינס האָבּען זיך פונאַנדערגעריקט פאַר איהר און איך בּין אַרויס-געטראָטען פאָראויס און אַ קוש געטהאָן דעם שטויב פון איהרע פיס. זי האָט מיר געוויזען דורך אַ צייכען, איך זאָל מיר זעצען. האָב איך מיר אַנידערגעזעצט און זי האָט מיר געשטעלט פער-שידענע פראַגען וועגען מיין בּעשעפטיגונג און מיין יחוס, און איך האָב זי גאַנץ צופרידענגעשטעלט מיט מיין ענטפער.

„בּיי גאָט,—האָט זי געזאָגט,—נישט אומזיסט האָב איך מיך געזאָרגט וועגען דער דערציהונג פון דערדאָזיגער מיידעל. זאָלסט וויסען, אַז מיר האָבּען זי ליב נישט ווייניגער ווי אַנ׳אייגענע טאָכטער און גאָט אַליין האָט זי מיר אָבגעגעבּען אונטער מיין השגחה.״

איך האָב ווידעראַמאָל אַ קוש געטהאָן דעם שטויב פון איהרע פיס און איך בּין געווען זעהר צופרידען דערמיט, וואָס איך קאָן חתונה-האָבּען מיט איהר שקלאַפין. נאָכדעם האָט זי מיר געזאָגט, אַז איך בּעדאַרף פערבּלייבּען מיט זיי צעהן טעג צייט. איך האָב געמוזט פאָלגען און בּין פערבּליבּען, אָבּער איך האָב נישט געזעהן מיין כּלה. פריהשטיק און מיטאָג פלעגט מיר ברענ-גען אַ שקלאַפין. די סולטאַנין האָט געבּעטען איהר מאַן, דעם מלך פון די רעכטגלויבּיגע, ער זאָל דערלויבּען זיין שקלאַפין חתונה-צו-האָבּען. האָט דער סולטאַן דערלויבּט און האָט אויך בּעפוילען אַרויסצוגעבּען איהר נדן צעהן טויזענד דוקאַטען.

האָט די סולטאַנין געשיקט נאָך אַ קאַדי און נאָך עדות און זיי האָבּען אָנגעשריבּען דעם חתונה-קאָנטראַקט און די שקלאַפינס האָבּען צוגעגרייט נאַשעריי און טייערע מאכלים, וואָס זיי האָ-בּען פונאַנדערגעטראָגען איבּער אַלע צימערן. גאַנצע צעהן טעג האָט מען געהוליעט, געגעסען און געטרונקען און דערנאָך האָט

מען די כלה געפיהרט אין באָד אַריין און מען האָט געמאַכט די אַלע הכנות, זי זאָל מיך קאָנען אויפנעהמען, ווי אַ מאַן. דע־מאָלט האָט מען מיר אונטערגעטראָגען דעם זירבאַיעך, צוגעריכט מיט צוקער, רויזענוואַסער און מאָשוס און געמישט מיט הוהן און אַנדערע פליישען. ביי גאָט, אַז איך האָב דערזעהן דאָסדאָזיגע געריכט, האָב איך עס תיכף גענומען עסען, און געגעסען האָב איך עס אַזוי לאַנג, ביז איך בין זאַט געוואָרען. געענדיגט עסען, האָב איך אויסגעווישט די הענד, אָבער איך האָב מיך פערגעסען זיי אויסצוואַשען. איך בין געזעסען אויבענאָן און נעבען מיר האָבען זינגערינס געקלאַפט אין האַנדפייקעלעך און מיידלעך מיט ליכט אין די הענד האָבען אויסגעטהאָן די כלה און געגעבען איהר גאָלדענע מתנות און אַרומגעפיהרט זי איבער'ן גאַנצען פּאַ־לאַץ. אַז מען האָט זי פון דאָסניי צוגעפיהרט צו מיר, האָט מען איהר אַראָבגעצויגען די קליידער און איבערגעלאָזט אונז אַליין. און דאָ האָב איך זי הייס אַרומגענומען און כמעט נישט גע־גלויבט אין מיין גליק. אָבער בשעת מיינע הענד האָבען זי גע־האַלטען פעסט, ווי אַ רונג, האָט זי מיט אַמאָל דערשפירט דעם ריח פון זירבאַיעך, און זי האָט הויך אויסגעשריען און פון אַלע זייטען האָבען זיך גענומען שיטען שקלאַפינס אין צימער. דאָס האַרץ האָט מיר גענומען קלאַפּען פון שרעק, צוליעב וואָס איך האָב נישט פערשטאַנען די סבה פון איהר געשריי, און די שקלאַפינס האָבען איין קול געפרעגט:

„אָ, שוועסטער, וואָס איז מיט דיר געשעהן!

און מיין כלה האָט געזאָגט:

„פיהרט מיך אַוועק פון דעמדאָזיגען מטורף, ווערכען איך האָב געהאַלטען פאַר אַ קלוגען מאַן.

„פאַרוואָס מיינסטו, אַז איך בין נישט ביים זינען?"—האָב איך געפרעגט מיט אַ דערשראָקענעם קול.

אָבער זי האָט אויסגעשריען:

„דו ביזט משוגע! אַנישט, וואָלסטו אויסגעוואַשען די הענד נאָכדעם, ווי דו האָסט געגעסען זירבאַיעך. ביי גאָט, איך וויל נישט לעבען מיט אַזאַ מאַן, וואָס קאָן זיך נישט אויפפיהרען גוט."

און זי האָט אַראָבגענומען דאָס רימענדעל*), וואָס זי האָט געטראָגען אויפ'ן גאַרטעל, און האָט מיך געשמיסען אַזוי לאַנג, ביז איך בין געפאַלען אין חלשות, און דעמאָלט האָט זי געזאָגט צו די מיידלעך:

„פיהרט איהם אַוועק צום וואַלי, ער זאָל איהם אָבהאַקען די האַנד דערפאַר, וואָס ער האָט געגעסען זירבאַיעך און דערנאָך זי נישט אויסגעוואַשען."

אַז איך האָב עס דערהערט, בין איך באַלד געקומען צו זיך, און איך האָב געזאָגט:

„כח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנד! שוין-זשע וויל-סטו מיר אָבהאַקען די האַנד דערפאַר, וואָס איך האָב פערגעסען זי אויסצעוואַשען?"

און די שקלאַפינס האָבען זי געבעטען:

„אָ, שוועסטער, זיי גוט צו איהם, זיי עס איהם מוחל."

אָבער זי איז געווען איינגעשפאַרט און געזאָגט:

„ביי גאָט, איך מוז איהם פאָרט עפּיס אָבהאַקען."

ביי דידאָזיגע ווערטער איז זי אַוועק און גאַנצע ניין טעג האָב איך זי נישט געזעהן. דערנאָך איז זי געקומען, האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט:

„אַך, דו געמיינער יונג! ווי אַזוי האָסטו עס געקאָנט עסען זירבאַיעך און דערנאָך נישט אויסוואַשען די הענד?"

און זי האָט אַ רוף געטהאָן די שקלאַפינס, וואָס האָבען מיר געבונדען די הענד אַהינטער, און זי האָט גענומען אַ ראַזיר-מעסער און מיר אָבגעשניטען די גרויסע פינגער אויף די הענד און אויף די פיס, און איך בין געפאַלען אין חלשות. נאָכדעם האָט זי מיט אַ פּראָשעק בעשאָטען די וואונדען--דאָס בלוט זאָל איינגעהאַלטען ווערען, און איך האָב איהר געשוואָרען, אַז אויב איך וועל ווען-עס-איז יאָ עסען דעמדאָזיגען פערשאָלטענעם זיר-

*) רימענס און קאַנטשיקעס ווערען עפטער געבראַוכט אין די רייכע האַרעמס. און אויב אַ יונגפרוי טראָגט אַ רימען אויפ'ן גאַרטעל, בע-וויזט עס, אַז זי פערנעהמט אין האַרעם אַ העכערע שטעלונג.

בייעך, וועל איך מיר פריהער אויסוואַשען די הענד פערציג מאָל, און דעריבער, אַז מען האָט דערלאַנגט דעם פערהאַסטען זורבייעך, האָב איך מיך פערענדערט אין געזיכט און אַ טראַכט געטהאָן: צוליב איהם האָב איך פערלאָרען די פינגער אויף די הענד און אויף די פיס. אָבער אַז איהר האָט מיך פאָרט געצוואונגען צו עסען איהם, האָב איך געמוזט מקיים-זיין מיין שבועה.

„און דאָ האָב איך איהם געפרעגט,—האָט ווייטער דער-צעהלט דער קיכאויפזעהער,—וואָס איז מיט דיר דערנאָך גע-שעהן?"

דערויף האָט ער געענטפערט:

„אַז איך האָב איהר געגעבען אַ שבועה, האָט זי זיך בע-רוהיגט אין האָט מיך צערטליך צוגעלאָזט צו זיך און אַזוי האָ-בען מיר אַ געוויסע צייט זעהר גליקליך געלעבט. איינמאָל האָט זי זיך אָנגערופען צו מיר:

„קיינער פון די הויפּלייט ווייס נישט, אַז דו וואוינסט אין קאַליפס הויף און קיינער האָט אויך נישט געזעהן, ווי אַזוי דו ביזט געקומען אַהער. נאַ דיר, אַלזאָ, פינפטויזענד דוקאַטען און קויף אַ שען גרויס הויז."

האָב איך גענומען דאָס געלד און געקויפט אַ שען גרויס הויז, ווי זי האָט געוואָלט, און זי האָט באַלד איבערגעפיהרט אַהין איהר צירונג, קליידער און אַלטע אַנטיקען. אָט אַזוי, מיינע פריינד, האָב איך פערלאָרען די פינגער אויף די הענד און די פיס.

אויסגעהערט דיזאָזיגע געשיכטע, האָט דער סולטאַן גע-זאָגט:

„דאָס איז נישט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי די געשיכטע מיט'ן האָרבאַטען. נייך, יענע געשיכטע איז אַ סך פּיקאַנטער און אָנ-ציהענדיגער פון אַלע אייערע געשיכטעס, און דעריבער וועל איך אייך אַלעמען אויפהענגען."

אָבער דאָ איז אַרויסגעטראָטען דער יודישער דאָקטאָר, וואָס האָט פריהער אַ קוש געטהאָן דעם שטויב פון דעם סול-טאַנס פיס און דערנאָך זיך אָנגערופען:

„אָ, גרויסער מלך! איך וועל דיר דערצעהלען אַ געשיכטע,

וואָס איז פיל אינטערעסאַנטער און וואונדערליכער, איידער די מעשה מיט'ן האָרבאַטען."

און דער סולטאַן האָט געזאָגט:

„דערצעהל!"

און ער האָט אַזוי אָנגעהויבען דערצעהלען:

די געשיכטע פון דעם יודישען דאָקטאָר.

בשעת איך בין געוועזען יונג, האָט מיט מיר פּאַסירט זעהר אַ וואונדערליכע געשיכטע. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אין דמשק, אין דער אייגענער שטאָדט האָב איך מיך פריהער געלערנט און דערנאָך פּראַקטיקירט. איינמאָל איז מען מיך געקומען רופען צום גובערנאַטאָר אין הויז. איך בין, נאַטירליך, באלד אַוועק, און אַז איך בין אַריין אין גאַסטצימער, האָב איך אין ווינקעל דערזעהן אַ געלעגער פון אַלבאַסטער, בעפּוצט מיט גאָלד, און דערויף איז געלעגען אַ קראַנקער מאַן. דערדאָזיגער מאַן איז נאָך גאַר יונג געוועזען און אַזאַ חנ'עוודיג און ליב געזיכט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. איידער איך האָב מיך אַנידערגעזעצט פאַר זיין געלעגער, האָב איך אָפּגעזאָגט אַ תפילה צו גאָט, ער זאָל איהם שיקען אַ רפואה שלימה, און דערנאָך האָב איך איהם געוואָלט בעטראַכטען. אָבער ער האָט מיר געגעבען אַ צייכען מיט די אויגען, און איך האָב איהם געפרעגט:

„ווייזט מיר פריהער אייער האַנד, מיין העהר."

האָט ער מיר אויסגעצויגען די לינקע האַנד, וואָס האָט מיך זעהר געוואונדערט און איך האָב אַ טראַכט געטהאָן: אָט אַ בעל-גאוה. דאָך האָב איך איהם צוגעשריבען אַ רפואה און האָב איהם בעזוכט גאַנצע צעהן טעג, ביז זיין צושטאַנד האָט זיך עטוואָס פערבעסערט. דערפאַר האָט מיר דער גובערנאַטאָר געשענקט שענע עהרנקליידער און האָט מיך בעשטימט פאַר'ן הויפּט-אויפזעהער פון'ם שטאָדטישען שפּיטאָל. אָבער בשעת איך בין

מיט איהם געגאַנגען דאָס ערשטע מאָל אין באָד, וואו קיינער, אויסער אונז, איז נישט אַריינגעלאָזט געוואָרען און די דינער האָבען געבראַכט ליילעכער זיך איינצעוויקלען, האָב איך דערזעהן, אַז איהם פעלט די רעכטע האַנד. האָב איך איהם נישט בלויז בעוואונדערט, נאָר אויך בעדויערט. אַז איך האָב מיך בעסער צוגעקוקט צו איהם, האָב איך געזעהן, אַז אויף זיין לייב זענען פערבליבען סימנים פון שמיץ, און דאָס האָט מיך אויך זעהר געוואונדערט. אָבער דער יונגערמאַן האָט זיך אומגעדרעהט צו מיר מיט'ן פנים און געזאָגט:

„אָ, דאָקטאָר, זאָלסט זיך גאָרנישט חדוש'ן דערויף, וואָס דו זעהסט! אַז מיר וועלען אַרויס פון באָד, וועל איך דיר דערצעהלען מיין לעבענסגעשיכטע.“

געקומען אַהיים, האָט ער עטוואָס צוגעביסען, זיך אָבגערוהט און געזאָגט:

„ווילסטו זיך אפשר ווייַלען צו אָוועקדברויט?“

„איך וויל,“—האָב איך געענטפערט.

האָט ער באַלד געהייסען די שקלאַפען, זיי זאָלען איבערטראָגען דאָס מעבעל אין עס־צימער און מען זאָל אָבבראָטען אַ שעפּס און ברענגען פרוכטען. די שקלאַפען האָבען עס, נאַטירליך, תיכף דערפילט, און אַז מיר האָבען אָבגעגעסען און אָבגעטרונקען, האָב איך געזאָגט:

„נו, דערצעהל מיר איצט דיין לעבענס־געשיכטע.“

„טאָ האָרך-זשע אויס,—האָט ער געזאָגט.—איך בין געבוירען געוואָרען אין על-מאַזיל. מיין פאָטערס פאָטער האָט איבערגעלאָזט צעהן זיהן און מיין פאָטער איז געווען דער עלטסטער. אַלע זיהן האָבען חתונה-געהאַט, אָבער ניין פון זיי זענען נישט בעשאָנקען געוואָרען מיט קינדער, בלויז מיין פאָטער האָט געהאַט איין זוהן—מיך. איך האָב מיך, אַלזאָ, דערצויגען צווישען מיינע פעטערס, וואָס האָבען מיך זעהר ליב געהאַט. איינמאָל, שוין אַ דערוואַקסענער יונג, בין איך אַוועק מיט מיין פאָטער אין מעטשעט על-מאַזיל. דאָס איז געווען פרייטאָג און מיר האָבען געזאָגט די פרייטאָגדיגע תפילות. דערנאָך איז דער עולם אַוועק פון מעטשעט,

אָבער מיין פאָטער מיט די פעטערס זענען פערבליבען און האָבען געווישען זיך געשמועסט פון וואונדערליכע לענדער און זעלטען-טענע שטעדט, און עמיץ פון זיי האָט דערמאָהנט עגיפּטען."

„רייזענדער זאָגען, — האָט זיך אָנגערופען מיינער אַ פעטער, — אַז אויף דער וועלט איז נישט פאַרהאַן נאָך אַזאַ שען לאַנד, ווי עגיפּטען מיט'ן ניל."

דערויף האָט מיין פאָטער געענטפערט:

„ווער עס האָט נישט געזעהן קאַאיראָ, דער האָט די וועלט נישט געזעהן. די ערד איז דאָרט ריין גאָלד און דער ניל איז דאָרט בלויער הימעל, און די פרויען זענען דאָרט עהנליך צו די שוואַרצאויגיגע יונגפרויען פון גן-עדן. די הייזער זענען פּאַלאַצען, די לופט איז זיס און פילט-אָן דאָס האַרץ ווי מיט האָניג, און ווי קאָן עס אַנדערש זיין מיט אַזאַ שטאָדט, ווי קאַאיראָ, וואָס איז די מוטער פון דער גאַנצער וועלט. ווען איהר וואָלט געזעהן דאָרט די גערטנער ביינאַכט און די קרומע שאָטענס, וואָס פאַלען פון זיי, וואָלט איהר אַליין אויך געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין שענערס פון דעם, וואָס אייער אויג זעהט און צו אייער התפעלות וואָלט גאָר קיין ברעג נישט געווען."

אַז איך האָב דערהערט, ווי מען רעדט אַזוי וועגען עגיפּטען, איז מיר אַלץ אַנטרונען געוואָרען פון די מחשבות, און איך האָב געטראַכט נאָר פון דעמדאָזיגען וואונדערלאַנד, און ביינאַכט האָב איך נישט געשלאָפען און מיין האַרץ האָט גענומען פיינליך בענקען און איך האָב אויפגעהערט צו עסען און צו טרינקען. אין עטליכע טעג אַרום האָבען זיך מיינע פעטערס מכין-געווען צו פאָהרען קיין עגיפּטען און איך האָב מיט טרעהרען אויף די אויגען געבעטען מיין פאָטער, ער זאָל מיך לאָזען מיטפאָהרען מיט זיי צוזאַמען. האָט מיין פאָטער צוגעשטימט און האָט מיר איינגעקויפט פערשידענע סחורות, מיטצונעהמען אַהין, אָבער פאַר'ן אַרויספאָהרען האָט ער געזאָגט מיינע פעטערס:

„איהר זאָלט איהם נישט דערלויבען אַריינצופאָהרען קיין עגיפּטען. לאָזט איהם איבער אין דמשק און זאָל ער דאָרט פערקויפען זיינע סחורות."

אָבער איך האָב גאָרנישט געהערט, וואָס מיין פאָטער האָט גערעדט. איך האָב מיך שנעל צוזעגענט מיט איהם און מיר זענען אַרויסגעפאָהרען פון על־מאַזיל און אַזוי געפאָהרען אָהן אַנאָבשטעל סאַמע ביז אַל'עפאָ, וואו מיר האָבען זיך אויסגערוהט און פערבראַכט עטליכע טעג. דערנאָך האָבען מיר זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין, ביז מיר זענען געקומען קיין דמשק, אַ וואונדערליכע שטאָדט מיט בוימער, טייכען און פויגעל, פונקט ווי אין גן־עדן. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אין אַ כאַן און מיינע פעטערס האָבען דאָ פערבראַכט אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבען פערקויפט זייערע סחורות און געקויפט אַנדערע. זיי האָבען אויך פערקויפט מיינע סחורות און גענומען פאַר איין זילבערשטיק פינף, און איך האָב מיך זעהר געפרעהט מיט אַזאַ גרויסען פערדינסט. מיינע פעטערס זענען באַלד אַוועקגעפאָהרען קיין עגיפטען און איך בין געבליבען אין דמשק. האָב איך מיך אַריינגעצויגען אין אַזאַ שענעם קאַך, וואָס איז גאָר אונמעגליך איהם צו בעשרייבען. דאָ האָב איך שוין גוט געגעסען און גוט געשלאָפען און איך האָב געוואָרפען געלד אויף רעכטס און אויף לינקס.

איינמאָל בין איך מיר אַזוי געזעסען פאַר די טהירען פון מיין קאַך, איז צוגעגאַנגען צו מיר אַ מיידעל אין זעהר רייכע קליידער, וואָס האָבען מיך ממש בעצויבערט, און איך האָב זי געבעטען אַריינגעהן צו מיר. איז זי באַלד אַריינגעגאַנגען און מיר איז זעהר געפעלען געוואָרען איהר נאָכגיביגקייט. האָב איך פערשלאָסען די טהיר און מיר זענען געבליבען אַליין. דעמאָלט האָט זי אַראָבגענומען דעם שלייער און איך האָב דערזעהן אַזאַ שען מיידעל, אַז דאָס הארץ האָט זיך מיר אָנגעצונדען מיט ליבע. בין איך באַלד אַוועק און געבראַכט פערשידענע נאַ[illegible] און פרוכטען און מיר האָבען לאַנג געגעסען און זיך געוויילט, און דערנאָך האָבען מיר אַזוי לאַנג געטרונקען, ביז מיר זענען שכור געוואָרען און האָבען זיך געלעגט אין בעט אַריין. אינדערפריה האָב איך איהר געגעבען צעהן דוקאַטען, אָבער זי האָט זיי נישט געוואָלט נעהמען און האָט געזאָגט:

„אָ, מיין געליבטער, וואַרט אויף מיר. אין דריי טעג אַרום

בין איך װידער דאָ. באַלד װי די זון װעט אונטערגעהן, װעל איך עפענען דײן טהיר, און פאַר דאָס גאָלד, װאָס דו װילסט מיר געבען, קויף בעסער גוטע זאַכען און נאַשערײען."

זי האָט זיך צוזעגענט מיט מיר און איז אַװעק און מיט איהר צוזאַמען איז אויך אַװעק מײן נשמה און מײן שכל. אַז די דרײ טעג זענען דורכגעלאָפען, האָב איך אָנגעקויפט אַ סך נאַשערײען און גוטע װײנען, און אַז זי איז געקומען, האָבען מיר געגעסען און געטרונקען און זיך געװײלט און דערנאָך זיך געלעגט צוזאַמען אין בעט אַרײן. אינדערפריה האָט זי װידער גישט געװאָלט נעהמען קײן געלד און װידער האָט זי פערשפראָ־כען צו קומען אין דרײ טעג אַרום. אַז די דרײ טעג זענען דורכגעלאָפען, איז זי װידער געקומען, אָבער אין רײכערע און שענערע קלײדער, װי פריהער, און האָט געזאָגט:

„אָ, מײן הער, שוין־זשע בין איך מאוס?"

„אָ, דו ביזט זעהר שען,"—האָב איך אױפריכטיג געענטפערט.

דעמאָלט האָט זי געזאָגט:

„אָ, מײן הער, װעסטו מיר אפשר דערלויבען צו ברענגען אַהער אַ מײדעל נאָך שענער, װי איך, און נאָך יונגער, װי איך, כדי זי זאָל זיך דאָ װײלען מיט אונז צוזאַמען? זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל זי מיטנעהמען, װאָרום זי װיל אַ ביסעל שפּי־לען מיט אונז."

נאָכדעם האָט זי געהײסען צוגרײטען נאָך אַ שענערן טיש, װי אַלעמאָל, װײל דאָס מײדעל בעדאַרף קומען אין פיר טאָג אַרום, און זי האָט זיך צוזעגענט מיט מיר און אװעקגעגאַנגען.

אין פיר טעג אַרום האָב איך אײנגעקויפט אַלץ, װאָס מען האָט בעדאַרפט האָבען, און אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז זי געקומען מיט אַ פערשלײערט מײדעל און בײדע האָבען זיך אַנידערגעזעצט. איך האָב אָנגעצונדען ליכט און מיט שמחה און ענטציקונג זײ בעגריסט. האָבען זײ אַראָפּגענומען פון זיך די מאַנטלען, און אַז דאָס נײע מײדעל האָט אויפגעדעקט איהר גע־זיכט, האָב איך דערזעהן, אַז זי איז שען, װי די פולע לבנה.

האָב איך מיך באַלד אויפגעהויבען און אַוועקגעשטעלט עסען און טרינקען און מיר האָבען זיך זעהר ליב געווײלט. איך האָב אָבער נאָכאַנאַנד געצערטעלט און געקושט דאָס נייע מיידעל און ווײלעוויז האָב איך איהר צוגעגאָסען וויין, און דאָס ערשטע מיידעל איז געווען בלאַס און האָט, אפנים, געליטען דערפון.

„ביי גאָט,—האָט זי געזאָגט,—דאָס מיידעל איז שענער פון מיר.“

„יאָ, שענער,—האָב איך געענטפערט.

דערנאָך זענען מיר אַלע איינגעשלאָפען, און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אינדערפריה, האָב איך דערזעהן, אַז איך האָב אַ פערבלוטיגטע האַנד און די זון איז שוין אויפגעגאַנגען. האָב איך גענומען וועקען מיין נייע געליבטע, אָבער דאָ האָב איך דערזעהן, אַז איהר קאָפּ האָט זיך אָבגעטיילט פון׳ם גוף. דאָס ערשטע מיידעל איז אין צימער נישט געווען און דערפון האָב איך פערשטאַנען, אַז זי האָט עס געמוזט טהאָן פון אויפעריגקייט. נאָכדעם ווי איך האָב מיך אַ ביסעל בעדאַכט, האָב איך אויסגעגראָבען אין דער פאָדלאָגע אַ גרוב, אַריינגעלעגט אַהין דאָס מיידעל, פערשאָטען צוריק מיט דער אויסגעגראָבענער ערד און אויבען בעלעגט מיט די שטיקלעך מאַרמאָר פון דער פאָדלאָגע אַזוי, אַז עס זאָל נישט זיין קענטיג. אַז איך האָב געענדיגט דידאָזיגע שווערע אַרבייט, האָב איך מיך אָנגעטהאָן, גענומען דאָס געלד, וואָס איז מיר געבליבען, און אַוועק צום בעל-הבית פונ׳ם קאַך. איך האָב איהם אָבגעצאָהלט פאָראויס פאַר אַ גאַנץ יאָהר, אָבער איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך פאָהר דערווייל אַוועק קיין עגיפּטען צו מיינע פעטערס. און אַזוי בין איך טאַקי אַוועקגעפאָהרען צו מיינע פעטערס, וואָס האָבען מיך זעהר וואַרים אויסגענומען, און דאָ האָב איך מיך דערוואוסט, אַז זיי האָבען פערקויפט די גאַנצע סחורה.

„אָבער וואָס ביזטו געקומען ?“—האָבען געפרעגט.

און איך האָב געזאָגט:

„איך האָב מיך געוואָלט זעהן מיט אייך אויסערדעם, איך מיך געשראָקען, אַז מיר וועט אויספעלען געלד

אַ גאַנץ יאָהר בין איך געווען מיט מיינע פעטערס אין עגיפּטען און האָב מיך געקוויקט מיט דעמדאָזיגען וואונדערלאַנד און זיין ניל. איך האָב נישט געקארגט קיין געלד און האָב וואָס מעהר און וואָס בעסער געגעסען, און אַז מיינע פעטערס האָבען בעדאַרפט אַוועקפאָהרען מיט מיר צוזאַמען, בין איך אַנטלאָפען פון זיי, און זיי האָבען גערעדט צווישען איינאַנדער:

„מסתמא איז ער אַוועקגעפאָהרען פאַראויס און איז אַראָפּ אין דמשק."

זיי זענען אַוועקגעפאָהרען, אָבער איך האָב מיר אַרומגע-שפּאַצירט אין קאַהירא, וואו איך האָב פערבראַכט גאַנצע דריי יאָהר צייט און פערלעבט דאָס גאַנצע געלד, וואָס איך האָב גע-האַט. יעדעס יאָהר פלעג איך קיין דמשק שיקען דירה-געלד דעם בעל-הבית פון קאַן, אָבער איצט בין איך אַרומגעגאַנגען מיט לע-דיגע טאַשען און מיר איז געווען אומעטיג. דעמאָלט בין איך אַוועקגעפאָהרען קיין דמשק און פון דאָסניי זיך בעזעצט אין קאַן. אַז דער בעל-הבית האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך זעהר דער-פרעהט, און אַז איך האָב מיך בעזעצט אין מיין אַלטער וואוינונג, האָב איך אָבגעוואַשען די אַלע שפּורען פון בלוט, וואָס זענען געווען אין בעט און אין צימער. אַז איך האָב אויפגעהויבען דעם קישען, האָב איך געפונען אַ האַלזבאַנד, וואָס דאָס דער'הרג'עטע מיידעל האָט געטראָגען אין יענער נאַכט, און אַז איך האָב איהם גענומען בעסער בעטראַכטען, האָב איך מיך צעוויינט. צוויי וואָ-כען צייט בין איך נישט אַרויס פון שטוב און נאָכדעם בין איך אַוועק אין באָד און זיך איבערגעטוישט די קליידער. קיין געלד האָב איך נישט געהאַט, בין איך אַוועק אויפ'ן מאַרק, וואוהין דאָס בייזע מזל האָט מיך געפיהרט, און דאָ האָב איך בעוויזען אַ מעקלער דעם האַלזבאַנד. האָט דער מעקלער גענומען דעם האַלזבאַנד, און אַז עס זענען זיך צונויפגעקומען די סוחרים, האָט ער איהם געפּרובט פערקויפען. פאַר'ן האַלזבאַנד האָט מען גע-געבען צוויי-טויזענד גאָלדשטיק, אָבער ער האָט מיר געזאָגט:

„דיין האַלזבאַנד איז פון קופּער און מען גיט פאַר איהם בלויז טויזענד זילבערשטיק."

האָב איך מיך פערשעמט און געזאָגט:

„דעמדאָזיגען האַלזבאַנד האָב איך געמאַכט פאַר אַ פרוי, צו שפּאַסען פון איהר, געה און ברענג מיר טויזענד זילבער-שטיק.‟

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער מעקלער פערשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין גלאַטע זאַך, האָט ער דעם האַלזבאַנד אָבגעגעבען דעם עלטסטען סוחר און יענער האָט איהם אַוועקגע-טראָגען צום וואַלי און געזאָגט:

„דעמדאָזיגען האַלזבאַנד האָט מען מיר אַוועקגע׳גנב׳עט. אָבער איצט האָבען מיר געפונען דעם גנב, וואָס האָט זיך פער-קליידט פאַר אַ זוהן פון אַ סוחר.‟

האָבען מיך די פּאָליציילייט אַרומגערינגעלט און אַוועקגע-פיהרט צום וואַלי, וואָס האָט מיך געפרעגט, וואו האָב איך גענומען דעם האַלזבאַנד. האָב איך איהם געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס איך האָב געזאָגט דעם מעקלער. אָבער דער וואַלי האָט זיך צולאַכט און געזאָגט:

„דאָס איז אַ ליגען!‟

און באַלד האָט מען מיך פון דאָסניי אַרומגערינגעלט און אַראָבגעצויגען פון מיר די אויבערשטע קליידער און גענומען שלאָגען מיט דינע שטעקעלעך איבער׳ן נאַקעטען לייב, און וויל דער ווייטאָג איז געווען זעהר גרויס, האָב איך אַ געשריי גע-טהאָן, אַז איך האָב גע׳גנב׳עט דעם האַלזבאַנד. איך האָב גע-טראַכט, אַז עס איז אַ סך גלייכער צו זאָגען, אַז איך האָב איהם גע׳גנב׳עט, איידער זיי אָנצעווייזען, אַז איך האָב ביי מיר אין הויז אַ דער׳הרג׳עטע פרוי. פאַר אַ דער׳הרג׳עטע פרוי וואָלט מען מיך זיכער בעשטראָפט מיט טויטשטראָף. באַלד ווי איך האָב זיך מודה-געווען איז דער גנבה, האָט מען מיר אָבגעהאַקט די האַנד און איינגעטונקט די וואונד אין קאָכיגען אייל*), און איך בין

*) נאָכדעם, ווי דעם גנב ווערט אָבגעהאַקט די האַנד, טונקט מען איין די וואונד אין קאָכינען אייל אדער סמאלע—איפּצוהאלטען דערמיט דאָס בלוט.

געפאַלען אין חלשות. דעמאָלט האָט מען מיר צוגעטראָגען וויין צו די ליפּען, און מיר איז לייכטער געוואָרען. איך האָב צוגעגומען די אָבגעהאַקטע האַנד און זיך צוריקגעקעהרט אין קאַף, אָבער דער בעל-הבית האָט מיר געזאָגט:

„נאָכדעם, וואָס איז מיט דיר געשעהן, קאָנסטו שוין מעהר נישט וואוינען אין קאַף. זוך דיר אַנ׳אַנדער וואוינונג, וואָרום דו ווערסט בעשולדיגט אין מאוס׳ע מעשים.“

און איך האָב געזאָגט:

„אָ, מיין הער! גיב מיר כאָטש אַ צוויי-דריי טעג צייט, איך זאָל מיר קאָנען אויסזוכען אַנ׳אַנדער הויז.“

האָט ער איינגעוויליגט און איז אַוועק און איך בין געבליבען אַליין און זיך ביטער צעוויינט. איך האָב געוויינט ווגען דעם, ווי אַזוי איך וועל קומען אַהיים מיט אַנ׳אָבגעהאַקטער האַנד. דער, וואָס האָט זי מיר אָבגעהאַקט, האָט דאָך נישט געוואוסט, אַז איך בין נישט שולדיג, ווער זיך אפשר גאָט דערבאַרימען און אַרויסהעלפען מיר פון דערדאָזיגער שווערער לאַגע? איך האָב זעהר ביטער געוויינט און בין קראַנק געווען גאַנצע צוויי טעג.

אויפ׳ן דריטען טאָג איז פּלוצלונג אַריין צו מיר דער בעל-הבית מיט פּאָליציילייט און מיט׳ן עלטסטען סוחר פון מאַרק און האָבען מיך פון דאָסניי בעשולדיגט אין דער גנבה פון האַלזבאַנד. בין איך אַרויס צו זיי און זיך אָנגערופען:

„וואָס ווילט איהר ווידער פון מיר?“

אָבער זיי האָבען אַ וואָרט נישט גערעדט, האָבען מיך תיכף געבונדען, אָנגעטהאָן אַ קייט אויפ׳ן האַלז און דערנאָך געזאָגט:

„דער האַלזבאַנד, וואָס דו האָסט גע׳גנב׳עט, געהערט דעם גובערנאַטאָר פון דמשק. מיט דריי יאָהר צוריק האָט מען עס איהם אַוועקגע׳גנב׳עט פון זיין הויז צוזאַמען מיט זיין טאָכטער.“

אַז איך האָב עס דערהערט, האָבען מיר אָנגעהויבען ציטערן די קניה, און איך האָב געטראַכט, אַז זיי וועלען מיך זיכער טויטען און אַז עס איז געקומען אַ סוף צו מיין לעבען. איז שוין נישט גלייכער אַמאָל צו דערצעהלען דעם ווזיר מיין גאַנצע לעבענסגעשיכטע, וועט ער מיך אפשר בעגנעדיגען און לאָזען לעבי

אַז מען האָט מיך געבראַכט צום גובערנאַטאָר אין הויז אין אַוועקגעשטעלט מיך פאַר זיינע אויגען, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף מיר און געזאָגט:

„דאָס האָסטו גע׳גנב׳עט דעם האַלזבאַנד און געוואָלט איהם פערקויפען? אָבער אומזיסט האָסטו זיך בעצאָהלט מיט דיין האַנד.״

און ער האָט בעפוילען צו אַרעסטירען דעם עלטסטען סוחר פון מאַרק און האָט זיך אָנגערופען צו איהם:

„בעצאָהל דעמדאָזיגען יונגענמאַן דערפאַר, וואָס ער האָט פערלאָרען אַ האַנד, אַנישט, וועל איך דיך אויפהענגען און וועל צונעהמען דיין גאַנץ האָב און גוטס.״

און באַלד זענען איהם בעפאַלען די דינער און אַוועקגע-פיהרט איהם. און אויג אויף אויג בין איך פערבליבען מיט׳ן גו-בערנאַטאָר און ער האָט מיר פריי געמאַכט די האַנד און אַראָב-גענומען די קייט פונ׳ם האַלז און אָנגעקוקט מיך מיט לייטזע-ליגע אויגען און געזאָגט:

„אָ, מיין זוהן, דערצעהל מיר די גאַנצע געשיכטע, אָבער עס זאָל זיין בלויז די וואָהרהייט. וואו האָסטו גענומען דעם האַלזבאַנד?״

האָב איך איהם דערצעהלט פון אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פאַסירט, ווי אַזוי דאָס ערשטע מיידעל האָט געבראַכט אַ צווייט מיידעל און ווי אַזוי דאָס ערשטע מיידעל האָט פון אויפעריגקייט דער׳הרג׳עט דאָס צווייטע. דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער פערדעקט דאָס פנים מיט אַ טיכעל און זיך ביטער צעוויינט. דערנאָך האָט ער מיך ווידעראַמאָל אָנגעקוקט און געזאָגט:

„אָ, מיין זוהן, זאָלסט וויסען, אַז דאָס ערשטע מיידעל איז מיין טאָכטער. ביז די יאָהרען, ווען זי איז שוין רייף געוואָ-רען חתונה-צו-האָבען, האָב איך זי געהאַלטען פערשלאָסען, און דערנאָך האָב איך זי חתונה-געמאַכט מיט׳ן זוהן פון איהר פעטער, וואָס האָט געוואוינט אין קאַאירא. אָבער איהר מאַן איז גע-שטאָרבען, און אַז זי האָט זיך אומגעקעהרט צו מיר, האָב איך געזעהן, אַז זי האָט איבערגענומען די אויסגעלאַסענע זיטען פון יענער שטאָדט. דאָס האָט זי פערבראַכט מיט דיר דריי נעכט

און אין דער פערטער נאַכט האָט זי געבראַכט צו דיר איהר יונגערע לייבליכע שוועסטער, וועלכע זי האָט זעהר ליב געהאַט. איך געדענק, ווי זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהר פערלויבען מיטצונעהמען די יונגערע שוועסטער, און אַז איך האָב עס איהר דערלויבט, האָט זי זיך צוריקגעקעהרט אַליין, אָהן דער שוועסטער. אַז איך האָב זי געפרעגט, וואו איז די יונגערע שוועסטער, האָט זי זיך צעוויינט און געזאָגט, אַז זי ווייס נישט, וואו זי איז, אָבער דערנאָך האָט זי זיך מודה-געווען פאַר דער מוטער און האָט איהר געזאָגט, אַז זי האָט איהר דער'הרג'עט, און די מוטער האָט מיר צו וויסען געטהאָן דערפון. די עלטערע האָט אַלץ געוויינט און געזאָגט: „ביי גאָט, איך וועל קיינמאָל נישט אויפהערען צו וויינען ביזן טויט אַריין.“ אָ, מיין זוהן, איך זעה, אַז אַלץ, וואָס דו האָסט דערצעהלט, איז ריכטיג און איך האָב עס אַלץ אַזוי גענוי געוואוסט, ווי דו האָסט עס מיר דערצעהלט. די זאַך, ווי דו זעהסט, מיין זוהן, איז שוין אַ פערפאַלענע, אָבער איך האָב דיר וואָס פאָרצולעגען און איך בעט דיך פאָראויס, דו זאָלסט מרוצה-זיין דערויף. איך וויל דיך חתונה-מאַכען מיט מיין יונגסטער טאָכטער, וואָס איז נישט פון דער אייגענער מוטער, וואָס האָט געבוירען יענע צוויי. מיין יונגסטע טאָכטער איז נאָך אַ מיידעל, אָבער איך פערלאַנג נישט פון דיר קיין שום נדן. פערקעהרט, איך וועל דיר בעשטימען אַ פענסיע און וועל דיך בעהאַנדלען, ווי אַנ'אייגען קינד.“

דערויף האָב איך געענטפערט:

„איך הער און געהאָרך.“

האָט דער גובערנאַטאָר באַלד געשיקט אַ שליח צו מיין פאָטער, צו ברענגען מיר מיין פערמעגען, און איך בין פערבליבען ביים גובערנאַטאָר אין הויז און לעב דאָ זעהר גליקליך. מיין פאָטער איז געשטאָרבען באַלד נאָכדעם, ווי איך בין צוועקגעפאָהרען, און ער האָט מיר איבערגעלאָזט זיין גאַנץ פערמעגען.

„אַז איך האָב אויסגעהערט דידאָזיגע געשיכטע,—האָט דערצעהלט דער יודישער דאָקטאָר,—האָב איך מיך שטאַרק גע'חדוש'ט און די האָט מיר לאַנג געקלונגען אין די אויערן. דריי טעג האָב

איך פערבראַכט מיט דעמדאָזיגען יונגענמאַן, דערנאָך חאָט ער מיר געגעבען אַ גרויסע סומע געלד און איך האָב מיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן. דידאָזיגע שטאָדט, אין וועלכער איך בין צולעצט געקומען, איז מיר אַממעהרסטען געפעלען געוואָרען, און איך בין דאָ פערבליבען וואוינען. איך האָב דאָ זעהר גוט געלעבט, ביז מיט מיר האָט נישט פאַסירט די געשיכטע מיט'ן האָרבאַטען."

אָבער אַז דער קאַליף האָט אויסגעהערט דידאָזיגע געשיכטע, האָט ער געזאָגט:

„ניין, דיין געשיכטע איז נישט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי די מעשה מיט'ן האָרבאַטען, און איהר אלע וועט אויפגעהאָנגען ווערען. אָבער גרויס איז מיין גרימצאָרן אויפ'ן שניידער, וואָס איז דאָ די סבה פון אַלע אומגליקען. אָ, שניידער,—האָט דער קאַליף צוגעגעבען,—אויב דו וועסט מיר דערצעהלען אַ געשיכטע, וואָס וועט זיין אָנציהענדיגער און אינטערעסאַנטער, איידער די מעשה מיט'ן האָרבאַטען, וועל איך אַלעמען מוחל־זיין און פריילאָזען."

דעמאָלט איז אַרויסגעטראָטען דער שניידער און האָט אָנגעהויבען אַזוי צו דערצעהלען:

די געשיכטע פונ'ם שניידער.

„וויסען זאָלסטו, אָ, גרויסער מלך, אַז די זאַך, וואָס האָט מיט מיר פאַסירט, איז אַ סך חדוש'ליכער און אינטערעסאַנטער, איידער דאָס אַלץ, וואָס איז דיר דאָ דערצעהלט געוואָרען. איין יענעם טאָג, איידער איך האָב מיך צוזאַמענגעטראָפען מיט'ן האָרבאַטען, בין איך געווען אויף אַ פרעהליכען מאָלצייט, וואָס מיינע בעקאַנטע סוחרים האָבען געמאַכט. אויף דעמדאָזיגען מאָלצייט זענען זיך צוזאַמענגעקומען שניידער, סוחרים פון לייווענד, טישלער און אַנדערע. אַז דער מאָלצייט האָט זיך אָנגעהויבען, איז אַריין דער בעל־הבית מיט זעהר אַ שענעם יונגענמאַן, וואָס האָט

געשטאַמט פון באַגדאַד. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין זעלטען-שענע קליידער, אָבער ער איז אַליין געווען וואונדערליך חנ״עוודיג, און מען האָט נישט געקאָנט אַראָבנעהמען פון איהם דאָס אויג. געהאַט האָט ער אָבער אַ פעלער: ער האָט געהונקען אויף אַ פוס. בשעת ער איז אַריין און האָט זיך פערנויגט פאַר אונז, זענען מיר אַלע אויפגעשטאַנען, נאָר אַז ער האָט זיך געוואָלט אַנידערזעצען, האָט ער פלוצלונג דערזעהן צווישען אונז אַ פריזירער, האָט ער זיך תיכף אומגעדרעהט און געוואָלט אַוועקגעהן. אָבער מיר און אויך דער בעל-הבית פון הויז האָבען איהם אָבגעהאַלטען און געבעטען, ער זאָל זיך זעצען. דער בעל-הבית פון הויז האָט זיך געווענדט צו איהם מיט דידאָזיגע ווערטער:

„פאַרוואָס ביזטו אַזוי אונגעדולדיג און ווילסט אונז פערלאָזען?“

און דער יונגערמאַן האָט געזאָגט:

„אָ, מיין הער, פערהאַלט מיך נישט, וואָרום איך וויל אַוועקגעהן פון דעמדאָזיגען הויז, ווייל מיט אייך זיצט דער פריזירער.

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך דער בעל-הבית זעהר פערוואונדערט און געזאָגט:

„ווי-זשע שיקט זיך עס, אַז אַ יונגערמאַן, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין באַגדאַד, זאָל זיך שפּירען געשטערט דורך אַ היגען פריזירער?“

און מיר האָבען צוגעגעבען:

„אָ, יונגער הער, דערצעהל אונז, פאַרוואָס ווילסטו נישט זיצען מיט דעמדאָזיגען פריזירער?“

דעמאָלט האָט דער יונגערמאַן געזאָגט:

„אָ, מיינע הערן, אין באַגדאַד איז צווישען מיר און דעמדאָזיגען פריזירער פאָרגעקומען אַנ׳אויסערגעוועהנליכע געשיכטע און וויסען זאָלט איהר, אַז ער איז די סבה פון מיין הינקען און פון דעם, וואָס דער פוס איז מיר צובראָכען, און איך האָב מיר געשוואָרען, אַז איך וועל קיינמאָל נישט זיצען דאָרט, וואו ער וועט זיצען און וועל נישט וואוינען מיט איהם אין איין שטאָדט. איך האָב פערלאָזט באַגדאַד און זיך דאָ בעזעצט, אָבער נאָך ז״ינט

איידער עס וועט ווערען נאַכט, וועל איך אַוועקפאָהרען.״

אָבער מיר אַלע האָבען געזאָגט:

„ביי גאָט, מיר וועלען דיך נישט אָבלאָזען, דו מוזט אונז דערצעהלען, וואָס איז געשעהן צווישען דיר מיט איהם.״

דער פריזירער איז געזעסען אַ בלאַסער, און דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

„איהר זאָלט וויסען, גוטע מענשען, אַז מיין פאָטער איז געווען דער ערשטער סוחר אין באַגדאַד און גאָט (געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין) האָט איהם קיין אַנדערע קינדער נישט געשענקט, אויסער מיר. אַז איך בין עלטער געוואָרען, איז מיין פאָטער אַוועק אין דער בעסערער וועלט, און מיר איז פערבליבען זיין עשירות, זיינע שקלאַפען און דינער. אָבער גאָט (געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין) האָט געוואָלט, איך זאָל פיינט האָבען פרויען. אַ לענגערע צייט האָב איך מיר אַזוי געלעבט, נאָר איינמאָל, שפּאַצירענדיג איבער די באַגדאַדער גאַסען, האָט מיך אָבגעשטעלט אַ מחנה פרויען. איך בין באַלד אַנטלאָפען פון זיי אין אַ זייטיגען געסעל און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל אויף אַ מאַסטאַבאַך. אָבער ווי איך בין אַזוי געזעסען, האָט זיך געעפענט אַ פענסטער פון אַ קעגענאיבערדיגען הויז און עס האָט זיך בעוויזען אַ מיידעל, וואָס איז געווען שען ווי די לבנה, און נאָך אַזאַ שענהייט האָב איך אין מיין לעבען נישט געזעהן. הינטער'ן פענסטער זענען געשטאַנען בלומענטעפ און זי האָט אַרויסגעשטעקט די האַנד צו בעגיסען זיי. אַז זי האָט זיי בעגאָסען, האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף רעכטס און אויף לינקס און דערנאָך האָט זי פערמאַכט דאָס פענסטער און איז אַוועק. מיר האָט זיך אָנגעצונדען דאָס האַרץ פון ליבע און טראַכטען האָב איך געקאָנט בלויז פון איהר. ווי איהר זעהט, גוטע מענשען, איז מיין פיינטשאַפט צו פרויען פערוואַנדעלט געוואָרען אין ליבע און ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען בין איך אַלץ געזעסען, אויף דעם אייגענעם אָרט און האָב גאָרנישט געזעהן אַרום זיך און האָב גאָרנישט געפיהלט אויסער דעם פייער פון ליידענשאַפט. אָבער פּלוצלונג האָט זיך אין געסעל בעוויזען אַ קאַדי, וואָס זיינע שקלאַפען און דינער

זענען געגאנגען פאראויס און הינטער איהם. דערדאזיגער קאדי איז אריין אקוראט אין יענעם הויז, פון וואנען דאס מיידעל האט ארויסגעקוקט פון פענסטער, און אזוי-ארום האב איך פערשטאנען, אז דאס איז איהר פאטער.

אנ'אומעטיגער האב איך מיך אומגעקעהרט אהיים און זיך א ווארף געטהאן אין בעט אריין. זענען געקומען מיינע שקלא-פינס און זיך ארומגעזעצט ארום מיר, אבער איך האב געשוויגען, נישט געזאגט זיי א ווארט און מיין בענקשאפט איז נאך גרעסער געווארען. דערנאך האבען מיך אנגעהויבען בעזוכען מיינע שכנים, וואס האבען געוואלט פערטרייבען מיין מרה-שחורה. צווישען זיי איז געווען אנ'אלטע פרוי, וואס אז זי האט נאר איין קוק גע-טהאן אויף מיר, האט זי באלד פערשטאנען, וואס אין מיר קומט-פאר. האט זי זיך מיר אוועקגעזעצט צוקאפענס און זעהר ווייך געזאגט:

„א, מיין קינד, זאג מיר, וואס איז דיר?“

האב איך איהר דערצעהלט אלץ, וואס מיט מיר האט פאס-סירט, און זי האט געזאגט:

„א, מיין זוהן, דאס איז די טאכטער פון דעם היגען קאדי און מען האלט זי פערשלאסען אין א צימער. דו האסט זי געזעהן אין פענסטער פון איהר צימער און איהר פאטער וואוינט אונטען. איך קום צו איהר גאנץ אפט און זעה זי ביי איהר אין צימער. אויב דו ווילסט זיך מיט איהר זעהן, וועל איך עס דיר איינ-ארדנען, אבער פריהער מוזסטו זיך בערוהיגען.“

דערהערט דיזאזינע ווערטער, האב איך מיך עטוואס בע-רוהיגט און מיינע הויזלייט האבען זיך זעהר דערפרעהט. אויף מארגען בין איך אויפגעשטאנען א מונטערער און די אלטע איז אוועק צו דעם מיידעל, אבער באלד איז זי געקומען צוריק מיט א פערענדערטען פנים און האט געזאגט:

„א, מיין זוהן, פרעג מיך גארנישט, וואס זי האט געטהאן, בשעת איך האב איהר דערצעהלט פון דיין ליבע. זי האט מיר געזאגט: „נארישע זקנה, אויב דו וועסט נישט אויפהערען צו ריידען דיינע נארישקייטען, וועל איך מיך בעגעהן מיט דיר אזוי

ווי דו פערדינסט עס." דאָך וועל איך אַריין צו איהר נאָכאַמאָל."

בין איך ווידער געפאַלען פון צוט, אָבער אין עטליכע טעג אַרום איז די אַלטע געקומען פון דאָסניי און געזאָגט:

„אָ, מיין זוהן, דאָסמאָל וויל איך, דו זאָלסט מיר גוט בעלוינען פאַר דאָס, וואָס איך קאָן דיר זאָגען."

איז מיר באַלד לייכטער געוואָרען אויף דער נשמה און איך האָב געזאָגט:

„איך וועל דיר געבען אַלץ, וואָס דו ווילסט."

דעמאָלט האָט זי געזאָגט:

„נעכטען בין איך ביי איהר געוועזן, און אַז זי האָט געזעהן, אַז איך האָב טרעהרען אויף די אויגען, האָט זי געזאָגט: „מוהמע, פאַרוואָס ביזטו אַזוי צורודערט?" האָב איך מיך נאָך שטאַרקער צעוויינט און געזאָגט: „אָ, מיין טאָכטער און האַרין, איידער איך בין נעכטען געקומען צו דיר, האָב איך פריהער בעזוכט אַ יונגלינג, וואָס האָט דיך אַזוי ליב, אַז ער שטאַרבט אַוועק פון דער ליבע. איז זי גערירהרט געוואָרען און געפרעגט: „ווער איז דער יונגלינג?" האָב איך געזאָגט: אָ, טייער קינד פון מיין האַרצען, דאָס איז מיין זוהן. מיט עטליכע טעג צוריק האָט ער דיך געזעהן אין פענסטער, ווי האָסט דעמאָלט בעגאָסען די בלומען. אָבער דו זאָלסט עס וויסען—דאָס קינד שטאַרבט פון ליבע צו דיר. איז זי בלאַס געוואָרען און געזאָגט: „שוין-זשע שטאַרבט ער צוליב מיר?" ביי גאָט,—האָב איך געזאָגט,—דאָס איז אַזוי, און וואָס זאָל איך איצט טהאָן? „געה צו איהם,—האָט זי געענטפערט,—און גריס איהם פון מיינטוועגען און זאָג איהם, אַז מיין ליבע איז שטאַרקער פון זיינער. דעם קינפטיגען פרייטאָג זאָל ער קומען צו מיר, בשעת אַלע וועלען זיין אין מעטשעט. איך וועל איהם עפענען די טהיר און וועל מיט איהם עטוואָס פערברענגען ביז דער פאָטער וועט קומען פון מעטשעט."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער פון דער אַלטער פרוי, האָט זיך בערוהיגט מיין נשמה און איך האָב איהר אָבגעגעבען מיינע קליידער, וואָס איך האָב דעמאָלט געטראָגען אויף זיך און זי איז אַוועק מיט דידאָזיגע ווערטער:

„בערוהיג דיין נשמה, קינד מיינס.“

„יאָ, איך בין שוין רוהיג“,—האָב איך געענטפערט.

מיינע קרובים און בעקאַנטע האָט זעהר געפרעהט דער מונטערער פאַרב פון מיין געזיכט און איך בין ווירקליך געזונד געוואָרען. איך האָב מיך גוים דערוואַרט אויפ'ן פרייטאָג, און דעמאָלט איז געקומען די אַלטע און האָט מיך געפרעגט, וואָס איך מאַך. דערויף האָב איך איהר געענטפערט, אַז איך בין געזונד און גליקליך. איך האָב מיך באַלד איבערגעטהאָן, זיך בעגאָסען מיט בשמים-וואַסער און גענומען וואַרטען, דער עולם זאָל אַוועק אין מעטשעט און איך זאָל קאָנען געהן צו דער מיידעל. אָבער די אַלטע האָט געזאָגט:

„האָסט נאָך געגוג צייט. עס וואָלט גלייכער געווען, דו זאָלסט פריהער אַוועקגעהן אין באָד און זיך גוט אָבראַזירען, כדי עס זאָלען פערשווינדען די שפורען פון דיין קראַנקהייט.“

„דאָס איז אפילו אַ גוטע עצה,—האָב איך געזאָגט,—אָבער זייך וועל מיך פריהער אָבראַזירען און דערנאָך געהן אין באָד.“

און איך האָב געזאָגט דעם דינער:

„געה אין מאַרק און ברענג מיר אַ פריזירער, אָבער ער זאָל זיין אַנ'עהרליכער מענש און זאָל נישט ריידען קיין סך.“

איז דער דינער אַוועק און האָט מיר געבראַכט דעמדאָזיגען שייך, וואָס איז אַריין אין צימער און האָט זיך בערנויגט, און אַז איך האָב איהם אויך אַ שטָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

„זאָל גאָט צוזייהען דיין צער און דיין שמערץ און דיין זאָרג און לייד.“

און איך האָב געענטפערט:

„זאָל גאָט דערהערן דיינע ווערטער.“

און ער האָט ווידער געזאָגט:

„זיי פרעהליך, מיין האַר, וואָרום דו ביזט געזונד געוואָרען. ווילסטו איך זאָל דיר אָבראַזירען דעם קאָפּ אָדער איך זאָל דיר לאָזען בלוט. וואָרום איבן-אַבּאַס פערזיכערט, אַז דער נביא זאָגט: „ווער עס שערט זיך אום פרייטאָג, דעם בעפרייט גאָט

פון זיבעציג קראַנקהייטען.״ און דער אייגענער איבן-אַבאַס פער־זיכערט ווייטער, אַז דער נביא זאָגט: „ווער עס לאָזט זיך בלוט אום פרייטאָג, דער איז בעשירמט פון בלינדקייט און פון עפּסע מחלות.״

אָבער איך האָב איהם בעמערקט:

„האַלט זיך אָב פון גוצלאָזע ווערטער און ראַזיר מיר בע־סער אָב דעם קאָפּ, ווייל איך בין נאָך שוואַך.״

האָט ער אַרויסגענומען א טיכעל, אָבגעוויקעלט עס און דערין איז געלעגען אַן׳אַסטראָלאָביע מיט זיבען פּלאַטען. ער איז אַרויס דערמיט אויפ׳ן מיטען הויף, האָט אויפגעהויבען צום הי־מעל דעם קאָפּ, האָט לאַנג געקוקט אַרויף און דערנאָך געזאָגט:

„וויסען זאָלסטו, אַז היינט, פרייטאָג, אינ׳ם צעהנטען טאָג פון סאַפאַר*), אין דעם יאָהר 263 נאָך מאַכמעדס אַנטלויפען (גאָטס ברכה זאָל רוהען אויף איהם), זענען אַוועק זיבען גראַדען אין זעקס מינוט און עס איז געשעהן אַזוי, אַז מערקור האָט זיך בעגעגענט מיט מאַרס׳ן און דאָס בעווייזט, אַז איצט איז די סאַ־מע בעסטע צייט צו ראַזירען דעם קאָפּ. אויסערדעם, איז מיר אָנגעוויזען געוואָרען, אַז דו ווילסט טהאָן גוטס מיט עמיצען. אָ, אַ גליקליכער מענש איז יענער. מיר איז אויך אָנגעוויזען גע־וואָרען, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ ענין, וואָס איך וואָלט בעסער נישט געוואָלט ריידען מיט דיר וועגען דעם.״

„ביי גאָט!—האָב איך אויסגעשריען—דו האָסט מיך מיד געמאַכט מיט דיינע רייד און דער קאָפּ טהוט מיר וועה. דו ווייסט דאָך, דאַכט זיך, אַז איך האָב דיך גערופען בלויז דערצו, דו זאָלסט מיר אָבראַזירען דעם קאָפּ. טאָ רייד שוין מעהר נישט און טהו דיין אַרבייט.״

אָבער ער האָט רוהיג געענטפערט:

„ביי גאָט, ווען דו וואָלסט נישט געווען אַזוי איילינ, וואָלסטו מיך געבעטען, איך זאָל דיר דערקלערן דעם ענין, און איך עצה דיר דעריבער, דו זאָלסט מיך היינט געהאָרכען, ווייל

*) אַזוי הייסט דער צווייטער חודש פון מאַכמעדאַנישען יאָהר.

איך האָב היינט בעקומען זעהר גוטע אַסטראָנאָמישע אָנווייזונגען
־י בעדאַרפסט דאַנקען גאָט, וואָס איך קאָן דיר געבען די גוטע
נצה און וואָס איך קאָן דיר בעהילפיג זיין אין דיין זאָרג. זעהסטו,
איך וואָלט געוואָלט זיין דיין דינער אַ וואָסער יאָהר צייט,
זאָלסטו אַליין איינגעזעהן, אַז מיין וואָרט האָט אַ וואָג. איך
וואָלט אפילו קיין לוין נישט געוואָלט נעהמען פאַר מיין דינסט.″

„אָבער האָב רחמנות,—האָב איך מיך גענומען בעטען,—
הער-אויף צוריידען און געה-אַוועק פון מיר.″

נאָר ער האָט גע׳טענה׳ט דאָס זייניגע:

„אָ, מיין האַר, דאָס פאָלק רופט מיך על-סעמיט*), ווייל
איך רייד זעהר וועניג און דערמיט צייכען איך מיך אויס צווי-
שען מיינע ברידער. מיין עלטערער ברודער הייסט על-באַקבוק,
דער צווייטער הייסט על-געדאַר, דער דריטער באַקבאַק, דער
פערטער על-קוז על-אַסוואַני, דער פינפטער על-אַשוואַוו, דער
זעקסטער שאַקאַליק און דער זיבעטער, דאָס הייסט, איך—על-
סעמיט″.

זעהענדיג, אַז דער פריזירער פערשיט מיך מיט ווערטער,
האָב איך געפיהלט, אַז אין מיר פלאַצט די גאַל, און איך האָב
מיך אָנגערופען צו מיין דינער:

„גיב איהם אַ פערטעל דוקאַט און איך בעט דיך אין נאָ-
מען פון גאָט, דו זאָלסט איהם משלח-זיין פון דאַנען, וואָרום איך
וועל מיר היינט נישט ראַזירען דעם קאָפּ.″

אַז דער פריזירער האָט עס דערהערט, האָט ער זיך אָנגע-
רופען:

„וואָס האָסטו געזאָגט, אָ, מיין האַר! ביי גאָט, איך וועל
ביי דיר קיין שום געצאָהלט נישט נעהמען. איך וויל דיך בלויז
בעדינען און דערפילען דיין בעגעהר. דו קאָנסט מיך נישט,
אָבער איך קאָן דיך. און פערלאָזען דיך טאָר איך נישט, ווייל
דיין פאָטער, אַ ליכטיגען גן-עדן זאָל ער האָבען, איז זיך מיט
מיר אויך בעגאַנגען זעהר גוט. ער איז געווען זעהר אַ הארציגער

*) על-סעמיט—אַ שווייגענדיגער.

מאַן. ביי גאָט, איינמאָל האָט דיין פאָטער געשיקט נאָך מיר, אַזוי ווי דו, אין אַזאַ געבענשטען טאָג, ווי היינט, און אַז איך בין געקומען, האָט ער געזאָגט פאַר די געסט, וואָס זענען ביי איהם געזעסען: „לאָז מיר בלוט." האָב איך גענומען די אַסטראָ-לאַביע און אָבסערווירט דעם הימעל און דעמאָלט האָב איך גע-זעהן, אַז די צייט איז נישט קיין גינסטיגע צו לאָזען בלוט. אַז איך האָב עס איהם מיטגעטיילט, האָט ער איינגעשטימט מיט מיר און בלוט האָב איך איהם געלאָזען אין אַ גינסטיגערער צייט. דער-נאָך האָט ער מיך בעדאַנקט און אויך די געסט האָבען מיך פי׳ן בעדאַנקט. פאַר דערדאָזיגער אַרבייט האָט מיר דיין פאָטער גע-געבען הונדערט גאָלדשטיק."

„גאָט,—האָב איך געזאָגט,—טהו-אָב פון מיין פאָטער דיין חסד, ווייל ער האָט זיך געקאָנט מיט אַזאַ מענשען."

„נישטאָ קיין גאָט, אויסער גאָט,—האָט זיך דער פריזירער צולאַכט,—און מאַכמער איז זיין נביא! און געבענשט זאָל זיין דעריעניגער, וואָס קאָן ענדערן אַנדערע און אַליין פערבלייבען אונפערענדערט. איך האָב דיך געהאַלטען פאַר אַ קלוגען מאַן, אָבער דיין קראַנקהייט האָט דיך נאַריש געמאַכט. אין דער היי-ליגער שריפט ווערט דערמאָנט וועגען יענע מענשען, וואָס קאָ-נען איינהאַלטען זייער צאָרן און מוחל-זיין דעם מענשען, אָבער דו געהערסט נישט צו דידאָזיגע. איך ווייס גראָד נישט, וואָס דו איילסט אַזוי, אָבער דיין פאָטער האָט קיינמאָל גאָרנישט גע-טהאָן, וואו ער האָט זיך פריהער נישט בעראָטען מיט מיר: נאָך אַזאַ פראַקטישען מאַן, ווי איך, וועסטו נישט געפינען אין דער גאַנצער שטאָדט און איך שטעה דאָ גרייט דיר צו דינען. איך בין מיט דיר נישט צופרידען, ווי אַזוי זשע קאָנסטו זיין צופרי-דען מיט מיר? אָבער איך בין גרייט אויף אַלץ, איך בין דיר גרייט צו דינען ביז׳ן טויט, ווייל דיין פאָטער האָט מיך גוט בעהאַנדעלט."

איך האָב מיך שוין נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און האָב אויסגעשריען:

„ביי גאָט, דו האָסט מיר פערנעבעלט דעם מח מיט דיין

בלוידעריי. געה-אַוועק פון מיר, האָב אויף מיר רחמנות.״

ער האָט מיר שוין אפילו בענעצט דעם קאָפּ מיט וואַסער, אָבער איך בין אויפגעשפרונגען אַ צורייצטער און נאָכאַמאָל געזאָגט:

„אַוועק פון דאַנען!״

אָבער ער האָט רוהיג געענטפערט:

„ביי גאָט, דו בייזערסט זיך אויף מיר, אָבער איך בין גאָרנישט בייז, ווייל איך האַלט, אַז דו ביזט יונג און נאַריש. ווי לאַנג איז דאָס געווען, אַז איך האָב דיך געטראָגען אויפ׳ן אַקסעל און געפיהרט אין חדר?״

„געוואַלד,—האָב איך אויסגעשריען מיט טרעהרען אויף די אויגען,—אויב דו וועסט נישט אַוועקגעהן, וועל איך שטאַרבען.״

און איך האָב צוריסען די קליידער אויף זיך. אַז ער האָט דערזעהן, וואָס איך האָב געטהאָן, האָט ער גענומען דאָס ראַזיר-מעסער און האָט עס גענומען שלייפען, אָבער אַזוי לאַנג, אַז מיר זענען אויסגעגאַנגען די כחות און איך בין שיער נישט אומגעפאַלען. דעמאָלט האָט ער גענומען ראַזירען, אָבער באַלד האָט ער זיך צוגעשטעלט און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, די מידה פון איילען און טהאָן גיך איז אַן אַרבייט שטאַמט פון טייוועל. עס וואָלט איצט אויך נישט געשאַדט, איך זאָל דיר דערמאָהנען, אַז איך ווער זעהר געשעצט אין דער געזעלשאַפט, וואָרום מיין האַנד געהט איבער די קעפּ פון מלכים און עמירען, וויזירען און חכמים, געלעהרטע און סתם גרויסע לייט. דו נעהם דיר עס אַריין אין זינען, איך בעט דיך.״

„אָבער רייד שוין מעהר נישט!—האָב איך נאָכאַמאָל אויסגעשריען,—דו האָסט מיך קראַנק געמאַכט.״

נאָר ער האָט רוהיג בעמערקט:

„מיר דאַכט זיך, אַז דו איילסט זיך.״

„יאָ! יאָ! איך איל זיך!״—האָב איך געשריען.

אָבער ער האָט ווייטער געשמועסט מיט ווערטער:

„טהו אַלץ לאַנגזאַם, נישט געאיילט, ווייל די מידה פון איילען שטאַמט פון טייוועל און איז די סיבה פון חרטה און אונצו-

פרידענקייט, און מאַכמעד (גאָטס ברכה זאָל אויף איהם רוהען) האָט געזאָגט: „דאָס בעסטע געשעפט איז יענס, וואָס ווערט אָנגעהויבען בעדאַכטערהייד.‟ און איך שווער ביי גאָט, אַז דו האָסט אַזוי נישט אָנגעהויבען, און דעריבער וואָלט איך געוואָלט, דו זאָלסט מיר זאָגען, פאַרוואָס דו איילסט.‟

דריי שעה איז נאָך פערבליבען ביז דער בעשטימטער צייט, אָבער ער האָט פלוצלונג אַ וואָרף געטהאָן דאָס ראַזירמעסער, געכאַפּט די אַסטראָלאַביע און איז פון דאָסניי אַרויס אין דרויסען. דאָרט האָט ער לאַנג געמאַכט זיינע אָבסערוואַציעס, און אַז ער האָט זיך אומגעקעהרט, האָט ער געזאָגט:

„ביז צו די תפילות האָבען מיר נאָך דריי שעה צייט, נישט מעהר און נישט וועניגער.‟

„אַך, דו האָסט מיך קראַנק געמאַכט! — האָב איך ביטער אָבגעזיפצט, — האָב רחמנות, שווייג און אַרבייט.‟

האָט ער פון דאָסניי גענומען שלייפען דאָס ראַזירמעסער און אויך אַזוי לאַנג ווי פריהער, און דערנאָך האָט ער מיר אויסגעראַזירט אַ שטיקעל קאָפּ. נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבען די הענד און געזאָגט:

„ביי גאָט, דיין איילעניש בעאונרוהיגט מיך. ווען דו וואָלסט מיר געזאָגט די סבה דערפון, וואָלט עס געווען בעסער פאַר דיר, וואָרום דו ווייסט דאָך, אַז דיין פאָטער האָט קיינמאָל גאָרנישט געטהאָן, וואו ער האָט זיך פריהער נישט מישב-געווען מיט מיר.‟

איך האָב געזעהן, אַז איך וועל מיך שוין נישט בעפרייען פון איהם און איך האָב ביטער געטראַכט: אויב איך געה צו דער מיידעל, מוז איך אַרויס פון שטוב עטוואָס פריהער, איידער דער עולם געהט אין מעטשעט אַריין. וועל איך אָבער אַרויס שפּעטער, וועל איך זי שוין נישט זעהן. און דעריבער האָב איך איהם נאָכאַמאָל געזאָגט:

„זעה, מאַך עס שנעלער אַ ביסעל. צו וואָס טויג דיר אַזוי־פיעל צו ריידען? איך מוז באַלד מאַכען אַ וויזיט אין אַ הויז.‟

דערהערט דיזאָזיגע ווערטער, האָט ער אויסגעשריגען:

„היינט איז אַ גליקליכער טאָג! היינט האָט מיר אָבגע-גליקט! דו ווייסט, נעכטען האָב איך איינגעלאַדען בעקאַנטע צו מיר אין הויז, אָבער איך האָב זיי פערגעסען מכבד-צו-זיין. האָב איך מורא, זיי זאָלען נישט זיין בייז אויף מיר.”

דערויף האָב איך איהם געזאָגט:

„בעאונרוהיג דיך נישט. איך געה היינט אין געסט, און אויב דו וועסט מיר שנעל אָבראַזירען דעם קאָפּ, וועל איך דיר געבען אַ סך צו עסען און צו טרינקען אַזוי, אַז דו וועסט קאָ-נען מכבד-זיין דיינע בעקאַנטע.”

האָט ער אַ שפּרונג געטהאָן און אויסגעשריען:

„זאָל דיר גאָט בענשען דערפאַר. זאָג מיר נאָר, וואָס קאָנסטו מיר געבען פאַר מיינע געסט? איך וויל עס גענוי ווי-סען פאָראויס.”

„איך האָב,—האָב איך געזאָגט,—פינף געריכטען פון אָקסען-פלייש, צעהן געריכטען פון היהנערפלייש און אַ געבראָטען שעפּ-סעלע.”

האָט ער ווידעראַמאָל אַ שפּרונג געטהאָן און געזאָגט:

„אָבער איך וויל עס אָנקוקען. הייס, מען זאָל עס ברענ-גען אַהער.”

האָט מען עס געבראַכט און געוויזען איהם, און ער האָט אויסגעשריען פול התפּעלות און בעוועגליכקייט:

„אָ, דו בעזיצט געטליכע אייגענשאַפטען! און איך זאָג דיר—דו ביזט גרויסמוטיג, אָבער אַ שאָד, וואָס עס איז נישטאָ קיין רויכפּראָשעק און קיין פאַרפומען.”

האָב איך געהייסען ברענגען פאַרפומען, וואָס האָבען גע-קאָסט פופציג גאָלדשטיק. עס איז געוועזען שפּעט און דאָס האַרץ האָט אין מיר געוויינט. איך האָב איהם געזאָגט:

„נעהם דיר דאָס אַלץ, אָבער געדענק, טהו שנעלער דיין אַרבייט.”

„ביי גאָט,—האָט ער געענטפערט,—איך וועל עס נישט נעהמען, וואו איך וועל פריהער נישט זעהן די פאַרפומען.”

האָב איך געמוזט הייסען דעם דינער, ער זאָל עס איהם

ווייזען, אָבער דער פּריזירער האָט אַ וואָרף געטהאָן דאָס ראַזיר-מעסער, זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און גענומען איבערטאַפּען די פּאַרפומען און דעם רויכפּראָשעק אַזוי לאַנג, ביז איך האָב דערפיהלט, אַז די נשמה לויפט מיר אַרויס פון גוף.

נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבען, אָבגעראַזירט מיר נאָך אַ שטיקעל קאָפּ און זיך צוגעשטעלט און געזאָגט:

„ביי גאָט, איך ווייס נישט וועמען איך האָב דאָ צו דאַנקען—צי דיר, צי דיין פאָטער. האָסט מיך היינט בעטיילט מיט אַזויפיל גוטע זאַכען, אָבער איך האָב גאָרנישט אַזוינע בעקאַנטע, וואָס זאָלען ווערט זיין אַזאַ כבוד. איך האָב איינגעלאַדען זייטאַנ׳ען, דעם בעל-הבית פון די היגע בעדער און סאַליי׳ען, וואָס האַנדעלט מיט ווייץ, און אַרקעשעכ׳ן, וואָס האַלט אַ קליין קרעמעלע, און העמייד׳ן, וואָס ריינינגט דאָס מיסט און אַקאַרישע׳ן, וואָס האַנדעלט מיט מילך. יעדער פון דידאָזיגע קאָן טאַנצען אַ בעזונדער טענצעל און לייענען לידער, אָבער זייער גרעסטע מעלה איז דאָס, וואָס זיי זענען עהנליך צו דיין דינער, וועלכער שטעהט דאָ נעבען דיר. זעהסטו, איך בין אַ מענש אַ שטילער און אַ געהאָרזאַמער. אויב דו ווילסט זיין גאָר אַ גוטער, טאָ קום היינט צו מיר, וועל איך דיך בעקאָנען מיט מיינע געסט. וואָס אַרט דיך, וועסט הנאה האָבען. און אויב, ווידער, דו ווילסט נישט געהן צו מיר, טאָ נעהם מיך מיט אַהין, וואוהין דו ביזט זיך מכין צו געהן.״

„כח און קראַפט איז נאָר אין גאָטס האַנד און נאָר גאָט אַליין איז גרויס און מעכטיג!—האָב איך אויסגעשריען.—געה צו דיינע פריינד און רייד מיט זיי וויפיל דיין האַרץ גלוסט, אָבער מיך לאָז וואָס גיכער געהן אַהין, וואוהין איך בעדאַרף געהן, בפרט נאָך, אַז מען וואַרט אויף מיר.״

„ניין,—האָט ער געענטפערט,—איך וועל דיך נישט לאָזען געהן אָהן מיר.״

האָב איך איהם בעמערקט:

„אַהין, וואוהין איך געה, וועט קיינער נישט אויפנעמען, אויסער מיר.״

האָט ער זיך צולאַכט און געזאָגט:

„נו, געהסטו געווים צו אַ מיידעל. אַנישט, וואָלסטו מיך אויך מיטגענומען. ווארום איך בין דער סאַמע פאַסענדסטער מענש פאַר דיר און איך קאָן דיר נאָך בעהילפיג זיין, דו זאָלסט צופריד ענשטעלען דיינע בעגעהרן.“

אָבער דאָ האָט זיך צוקאָכט אין מיר די גאַל און איך האָב אויסגעשריען:

„צו אַלדי שוואַרציאָהר געה, דו געמיינער אַלטער! איך קאָן נישט קוקען אויף דיר!“

האָט ער שוין געשוויגען, אַ וואָרט נישט גערעדט. אָבער מיין קאָפּ איז ביי איהם פאַרטיג געוואָרען ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט שוין בעדאַרפט געהן אין מעטשעט אריין.

„נו,—האָב איך צו איהם געזאָגט,—נעהם דאָס עסען און דאָס טרינקען און געה צו דיינע פריינד און איך וועל דאָ וואַרטען אויף דיר ביז דו וועסט קומען צוריק, מיר זאָלען געהן צוזאַמען צו מיינע בעקאַנטע.“

איך האָב איהם געוואָלט אָבנאַרען, כדי ער זאָל וואָס גיכער אַוועק. אָבער ער האָט זיך אָנגערופען:

„איך זעה, אַז דו נאַרסט מיך און ווילסט מיינער פּטור־ווערען, אָבער איך האָב מורא, אַז דו וועסט אַריינפאַלען אין אַזאַ צרה, פון וועלכער דו וועסט נישט קאָנען צוריסקריכען. איך בעט דיך אין נאָמען פון אַ צה, דו זאָלסט נישט אַוועקגעהן פון שטוב, ביז איך וועל מיך נישט צוריקקעהרען, כדי איך זאָל דיך קאָנען בעגלייטען, ווארום איך מוז וויסען, וואוהין און נאָך וואָס דו געהסט.“

„גוט,—האָב איך געענטפערט,—אָבער געה וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען.“

האָט ער גענומען דאָס עסען און דאָס טרינקען און די פאַרפומען און דעם רויכפּראַשעק און אַוועקגעגעבען דאָס אַלץ אַ טרעגער, אַז יענער זאָל עס איהם אַוועקטראָגען אַהיים. און אַליין האָט ער זיך פערשטעקט אין אַ געסעל. אין די מעטשעטען האָט מען שוין אויסגערופען דעם פּופצעהנטען סעלאַם און ערשט דע־

מאָלט האָב איך מיך אויפגעהויבען, זיך אָנגעטהאָן און צוועק צהין אין געסעל. דאָרט בין איך געבליבען שטעהן פאַר'ן הויז, וואו איך האָב צום ערשטען מאָל געזעהן דאָס שענע מיידעל. אין דער אייגענער צייט איז דער פערפלוכטער פריזירער געשטאַנען הינטער מיר און איך האָב עס נישט בעמערקט. די טהיר פונ'ם הויז איז געווען אָפען, און איך בין אַריין. אָבער עס איז שוין געווען רעכט שפעט, ווייל באַלד איז געקומען דער בעל-הבית פון מעטשעט און האָט פערשלאָסען די טהיר הינטער זיך, דעם אויבערשטען איז געווען בעוויליגט צוצורייסען איבער מיר דעם שלייער פון זיין שוץ, און איינע פון די שקלאַפינס, וואָס האָט געהערט צום בעל-הבית פון הויז, איז גראָד בעגאַנגען עפּיס אַ חטא. האָט דער בעל-הבית גענומען זי שלאָגען און שרייען אויף איהר. איז אָנגעלאָפען אַנ'אַנדער שקלאַף, וואָס האָט געוואָלט בעפרייען די שקלאַפין און האָט גענומען שרייען אויפ'ן בעל-הבית. דער פריזירער, ווידער, האָט געמיינט, אַז דאָס שלאָגט מען מיך, האָט ער גענומען רייסען די קליידער אויף זיך, שיטען זיך ערד אויפ'ן קאָפּ און רופען מענשען צו הילף. עס איז געוואָרען אַ בהלה, אַ צומישעניש און באַלד האָט איהם אַרומגערינגעלט אַ גרויסער המון, פאַר וועלכען דער פריזירער האָט געקלאָגט:

„אינ'ם הויז פון קאַדי האָט מען דער'הרג'עט מיין האַר!"

דערנאָך איז ער צוזאַמען מיט'ן המון אַוועקגעלאָפען צו מיר אַהיים און איבערגעגעבען מיין פאַמיליע די שרעקליכע ידיעה, אַז מען האָט מיך דער'הרג'עט. אַ געיאָמער האָט זיך אויפגעהויבען אין מיין הויז און אַלע זענען אַרויסגעלאָפען אין דרויסען און מיט זיי דער המון און דער פריזירער פאָראויס, און ער האָט געשריען מיט די שרעקליכסטע קולות:

„אָ, אַ גרויס אומגליק איז געשעהן! מיין האַר האָט מען דער'הרג'עט!"

מיט געשרייען און געוואַלדען איז דער המון געקומען צום קאַדיס הויז, און דער קאַדי, אַז ער האָט דערהערט דידאָזיגע געוואַלדען, איז ער גאַר צומישט געוואָרען. איך האָב מיך דער-

ווייל ערגעץ בעהאַלטען. דער קאַדי האָט זיך דאָך אויפגעהויבען און געעפענט די טהיר, און אַז ער האָט דערזעהן אַזאַ שרייענדיגען המון, האָט ער אַ צומישטער געפרעגט:

„מיינע הערן, וואָס בעדייט עס?"

האָבען איהם מיינע דינער געענטפערט:

„דו האָסט דער׳הרג׳עט אונזער האַר."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער קאַדי געזאָגט:

„וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט מיר געטהאָן אייער האַר, וואָס איך זאָל נעהמען און דער׳הרג׳ענען איהם. און זאָגט מיר אויך, וואָס זרעהט זיך דאָ אַרום דערדאָזיגער פריזירער צווישען אייך?"

„דו האָסט איהם נאָר-וואָס געשלאָגען מיט אַ שטעקען,— האָט זיך דער פריזירער צושריען,— און איך האָב אַליין געהערט זיין געוויין."

האָט זיך דער קאַדי זעהר גע׳חדוש׳ט און האָט נאָכאַמאָל געזאָגט:

„וואָס האָט ער מיר געטהאָן פאַר אַ שלעכטס, אַז איך זאָל איהם דער׳הרג׳ענען און ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אַריין צו מיר אין שטוב?"

אָבער דער פריזירער האָט אויסגעשריען:

„דו ביזט מיר אַ צו-כיטרע מענשעל! אָבער איך וויים גענוי די גאַנצע געשיכטע. דיין טאָכטער איז פערליבט אין איהם און ער איז פערליבט אין איהר. אָבער דו האָסט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַריין צו דיר אין הויז, האָסטו געהייסען דיינע דינער, זיי זאָלען איהם שלאָגען. איך שווער ביי גאָט, אַז בלויז דער קאַליף קאָן זיין אַ ריכטער צווישען אונז און דיר און קודם-כל מוזטו אונז אַרויסגעבען אונזער האַר, ער זאָל קאָנען אַוועקגעהן אַהיים. דו מאַך עס אָבער שנעלער, מיר זאָלען נישט זיין געצוואונגען צו נעהמען איהם מיט געוואַלט."

האָט דער קאַדי געגאַפט פון דידאָזיגע ווערטער און ער האָט זיך אינגאַנצען פערלאָרען און נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. אָבער צולעצט האט ער זיך דאָך געשטאַרקט און געזאָגט צום פריזירער:

„אויב דו זאָגסט די וואָהרהייט, טאָ געה אַליין אַריין צו מיר אין שטוב און פיהר איהם אַרויס פון דאַנען."

איז דער פריזירער באַלד אַריין אין שטוב, און אַז איך האָב איהם דערזעהן, האָב איך געוואָלט אַנטלויפען, וואוהין די אויגען טראָגען. אָבער איך האָב נישט געהאַט וואו צו אַנטלויפען און בין דערווייל אַריינגעקראָכען אין אַ גרויסען קאַסטען, וואָס איז גראָד געשטאַנען אין צימער. באַלד דערויף איז אין דעם אייגענעם צימער אַריינגעלאָפען דער פריזירער, שנעל זיך אומגעקוקט און צוגעגאַנגען צום קאַסטען. זעהענדיג, אַז קיינער איז נישטאָ אין צימער, האָט ער באַלד אַ כאַפּ געטהאָן דעם קאַסטען, אַרויפגעשטעלט איהם צו זיך אויפ'ן קאָפּ, און מיר איז אינגאַנצען צומישט געוואָרען דער מח. דער פריזירער איז מיט'ן קאַסטען געשווינד אַרויסגעלאָפען פון צימער, און דאָ האָב איך מיך אייבערצייגט, אַז איך בין אַ פערפאַלענער מענש, אַז ער וועט שוין פון מיר נישט אָבטרעטען אויף אייביג. איך האָב געהאַט איין ברירה: עפענען דעם קאַסטען און אַרויסשפּרינגען, און אַזוי האָב איך געטהאָן, אָבער פונ'ם שפּרונג האָב איך צובראָכען אַ פוס. ביי דער טהיר האָב איך געטראָפען אַזויפיעל מענשען, אַז מיר האָט געפינסטעלט אין די אויגען. איך האָב געוואָלט אָבציהען זייער אויפמערקזאַמקייט, און האָב זיי אַ וואָרף געטהאָן אַ הויפען גאָלד. נאַטירליך, האָט מען זיך באַלד אַ וואָרף געטהאָן דערויף און איך בין דערווייל פערשוואונדען געוואָרען אין אַ זייטיגען געסעל. אָבער מיך האָט אַלץ פערפאָלגט דער פערפלוכטער פריזירער און וואוהין איך בין געגאַנגען, איז ער אויך געגאַנגען און אַלץ גע'טענה'ט: „אָ, ווי עס טהוט מיר באַנג מיין האַר! אָבער געבענשט און געלויבט איז אַלאַה, וואָס האָט מיר געהאָלפען בעפרייען מיין האַר פון גזלנ'ישע הענד! אָ, מיין האַר, פאַרוואָס ווילסטו געהן אין דיינע וועגען און מיר ווילסטו גאָר נישט פאָלגען? ווען נישט איך, וועלסטו דאָך היינט זיין אַ געשטאָרב'ענער."

האָב איך מיך אומגעדרעהט און אַ זאָג געטהאָן איהם:

„שוין-זשע איז דיר גאָך וועניג, וואָס דו האַסט ביז איצט

מיט מיר געטהאָן? איצט ווילסטו זיך נאָך אויך נישט אָבטשע-
פען פון מיר?"

און ביז'ן טויט צַריין האָט זיך מיר געוואָלט בעפרייען
פון איהם, אָבער איך האָב נישט געוואוסט, ווי אַזוי מען טהוט
עס. אין גרויס גריכצאָרן האָב איך מיך געלאָזט לויפען און,
לויפענדיג אַזוי, בין איך געקומען אין מאַרק, וואו איך בין אַריינ-
געלאָפען אין אַ קראָם און געבעטען דעם אייגענטימער פון דער
קראָם, ער זאָל מיך בעשיצען פון דעמדאָזיגען פערפלוכטען פרי-
זירער. האָט יענער רחמנות-געהאַט אויף מיר און האָט פערטרי-
בען דעם פריזירער. און טאַקי אין דער אייגענער קראָם, וואו
איך האָב מיך אַריינגעכאַפט אויף דערווייל, זענען מיך בעפאַלען
זעהר טרויעריגע מחשבות. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל
שוין פון דעמדאָזיגען פריזירער קיינמאָל נישט פטור-ווערען, אַז
ער וועט מיר דערעסען סיי טאָג און סיי נאַכט און אַז איך וועל
אייביג זיין אומגליקליך צוליב איהם. און דעריבער האָב איך
באַלד צונויפגערופען עדות און אָנגעשריבען אַ פאַפיר, אַז איך צו-
טייל מיין פערמעגען צווישען מיינע הויזלייט, און איך האָב באַלד
בעשטימט אַ מענשען, וואָס זאָל פערקויפען מיין הויז און מיין גאַנץ
האָב און גוטס און זאָל נעהמען אונטער זיין השגחה מיינע
הויזלייט—סיי די אַלטע און סיי די יונגע. נאָכדעם בין איך
אַוועקגעפאָהרען,—איך זאָל מעהר נישט זעהן אין מיינע אויגען
דעמדאָזיגען קלעק—דעם פריזירער. אַז איך בין געקומען אין
אייער לאַנד, האָב איך מיר גענומען אַ שענע וואוינונג און האָב
מיר דאָ אַ לענגערע צייט גאַנץ גוט געלעבט. היינט בין איך
איינגעלאַדען געוואָרען צו אייער מאָלצייט, אָבער אַז איך בין
געקומען, האָב איך דערזעהן דעמדאָזיגען אויסוואורף. דאָס האַרץ
איז מיר באַלד אָנגעפילט געוואָרען מיט וועהטאָג און איך פרעג
אייך, ווי קאָן איך פרעהליך פערברענגען מיט אייך, ווען דאָ
זיצט יענער, געמיינער מאַן, וואָס איז געווען די סבה פון מיין
אומגליק און מיין צובראָכענעם פוס?"

אַז דער יונגער מענש האָט געענדיגט דידאָזיגע ווערטער,
האָט ער געוואָלט צוועקגעהן, נאָר מיר האָבען איהם פון דאָס-

ניי פערהאַלטען און זיך אָנגערופען צום פריזירער:

„איז עס וואָהר, וואָס דער יונגער מענש האָט דערצעהלט וועגען דיר?"

דערויף האָט דער פריזירער געענטפערט:

„ביי גאָט, איך האָב מיך געמוזט אַזוי בעגעהן, אַנישט וואָלט ער אומגעקומען. פערקעהרט, ער בעדאַרף מיר נאָך דאַנקבאַר זיין. דער גוטער גאָט האָט איהם געוואָלט בעשטראָפען דורך מיר, און דעריבער האָט ער ביי'ז צובראָכען אַ פוס, אָנשטאָט דעם, וואָס ער וואָלט איינגאַנצען אָוועקגעשטאָרבען. ווען איך וואָלט געווען אַ מענש, וואָס האָט ליב אַ סך צו ריידען, וואָלט זיך די זאַך אַזוי גליקליך נישט געענדיגט. און איצט וועל איך אייך דערצעהלען אַ געשיכטע, וואָס האָט פאַסירט מיט מיר, און דורך איהר וועט איהר זיך קענען איבערצייגען, אַז איך בין אַ מענש אַ שוויגער און בין אויך נישט קיין עזות-פנים, ווי מיינע ברידער, איהר האָרכט נאָר מיך אויס.

די געשיכטע פונ'ם פריזירער.

אין די גוטע צייטען, ווען על-מונטאַ-זיר-בי-אַלאַה*), דער מלך פון די רעכטגלויביגע, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט אָרימע, עלענדע און אומגליקליכע, איז געזעסען אויפ'ן טראָן, האָב איך געוואוינט אין באַגדאַד. און געשעהן איז אַזוי, אַז דער מלך איז בייז געוואָרען אויף צעהן מענשען און האָט בעפוילען דעם הויפטשעף פון דער שטאָדט באַגדאַד, ער זאָל דיזאָזיגע צעהן מענשען ברענגען צו איהם אין אַ שיפעל. מסתמא האָט מען זיי באַלד צונויפגעזאַמעלט ביים ברעג טייך פאַר'ן שיפעל. איך האָב מיך דעמאָלט אויך געפונען ביים ברעג טייך, און אַז איך האָב זיי

*) על-מונטאַ-זיר—איז געווען אַן'אוראייניקעל פון האַרון-אַל-ראַשיד

דערזעהן, האָב איך אַ טראַכט געטהאָן: דידאָזיגע לייט ווילען, וואַהרשיינליך, פערברענגען פרעהליך די צייט אויף אַ שיפעל און דעריבער וואָלט גאָרנישט שלעכט געווען, איך זאָל מיך אויך אַריינרוקען צווישען זיי. און איך האָב אַזוי געטהאָן. אָבער צו דאָס שיפעל איז צוגעשוואומען צום פּאַלאַץ, איז געקומען דער וואַלי מיט זיינע לייט און האָט אַלעמען אָנגעטהאָן קייטען אויפ'ן האַלז, און מיר אויך. פון דעמדאָזיגען פּאַקט אַליין קאָנט איהר זעהן, אַז איך בין פון נאַטור אַ שווייגער און אַ גרויסמוטיגער מענש. וואָרום בשעת מען האָט מיר אָנגעטהאָן די קייט אויפ'ן האַלז, האָב איך אַ וואָרט נישט געזאָגט און געשוויגען. געשמידעטע אין קייטען, האָט מען אונז אָבגעפיהרט און אַוועקגעשטעלט פאַר על-מונטאַ-זיר-בי-אַלאַה, דעם מלך פון די רעכטגלויביגע, האָט ער אויף אונז בלויז איין קוק געטהאָן און גלייך בעפוילען, אַז די-דאָזיגע צעהן מענשען זאָלען באַלד געקעפּט ווערען. האָט דער תלין אַזוי געטהאָן — ער האָט אַראָבגעהאַקט צעהן מענשען די קעפּ, און איך בין געבליבען. אַז דער מלך האָט מיך דערזעהן, האָט ער געפרעגט דעם תלין:

„פאַרוואָס האָסטו נישט געקעפּט אַלע צעהן מענשען?"

אָבער דער תלין האָט געענטפערט:

„ריכטיג צעהן מענשען האָב איך געקעפּט."

האָט דער מלך בעמערקט:

„איך מיין, אַז דו האָסט געקעפּט בלויז ניין און דער צעהנטער שטעהט דאָ פאַר מיר. אָט איז ער. דו זעהסט איהם?"

„ביי גאָט, זיי זענען געוועזן צעהן," — האָט דער תלין געזאָגט.

„טאָ צעהל זיי איבער," — האָט דער קאַליף בעפוילען.

איז געגאַנגען דער תלין און האָט איבערגעצעהלט: פונקט צעהן מענשען. האָט דער קאַליף אַ קוק געטהאָן אויף מיר און געזאָגט:

„איך פערשטעה נישט, וואָס בעדייט דיין שווייגען? און ווי אַזוי קומסטו אַהער צווישען די געקעפּטע?"

דערהערט דידאָזיגע פראַגע פונ'ם מלך פון די רעכטגלויביגע, האָב איך געזאָגט:

„וויסען זאָלסטו, אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביגע, אַז איך בין דער שייך על-סעמיט, איך בין אַ מאַן אַ געלערנטער און אונבעגרענצט איז דער כח פון מיין פאַנטאַזיע, פון מיין פערשטאַנד און מיין שווייגען. לויט'ן פאַך אָבער בין איך אַ פריזירער. נעכטען אינדערפריה האָב איך גראָד בעמערקט, ווי די היינט-געקעפטע צעהן מענשען האָבען זיך אַריינגעזעצט אין שיפעל, האָב איך מיך בעהעפט מיט זיי, ווייל איך האָב גערעכענט, אַז דאָס וויל זיך ווילען אַ פרעהליכע געזעלשאַפט. אָבער אינגיכען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז גאָר אַ קאָמפּאַניע פערברעכער. אַז מען האָט זיי אָנגעטהאָן די קייטען אויפ'ן האַלז, האָט מען מיר אויך געטהאָן דאָס אייגענע, אָבער איך האָב געשוויגען און אַ וואָרט נישט געזאָגט בלויז פון גרויסמוטיגקייט, וואָס איז מיין נאַטור. איך האָב אויך געשוויגען דערנאָך, ווען דער תלין האָט אויף דיין בעפעהל אַראָבגעהאַקט די צעהן מענשען די קעפּ און איך, אַנ'איינזאַמער, בין געבליבען שטעהן פאַר'ן תלין גרייט צו לאָזען זיך האַקען דעם קאָפּ. איז עס נישט גרויסמוטיג פון מיין זייט צו געהן שטאַרבען מיט דידאָזיגע לייט און דערביי אַ וואָרט נישט צו זאָגען? און אַ שווייגער, זאָלסטו וויסען, בין איך דאָס גאַנצע לעבען.‟

אַז דער קאַליף האָט מיך אויסגעהערט און זיך איבערצייגט, אַז איך בין באמת אַ גרויסמוטיגער מאַן, אַז איך האָב פיינט פיל צו ריידען און בין זעהר אַ בעשיידענער, נישט ווי עס פערזיכערט דערדאָזיגער יונגערמאַן, וועלכען איך האָב מציל געווען פון טויט, האָט ער געפרעגט:

„און ברידער האָסטו?‟

„זעקס ברידער האָב איך,‟—איז געווען מיין ענטפער.

האָט דער קאַליף ווייטער געפרעגט:

„און אַלע זעקס זענען אַזוי ווי דו, געלעהרטע מענער און גרויסע שווייגער?‟

האָב איך געזאָגט:

„אָ, גנעדיגער מלך פון די רעכטגלויביגע! דו האָסט מיך ממש בעליידיגט דערמיט, וואָס דו רעכענסט, אַז מיינע ברידער

זענען גלייך צו מיר. זאָלסט וויסען, אַז זיי האָבען ליב אַ סך צו ריידען און זענען נישט אַזוי גרויסמוטיג, ווי איך, און טאַקי דעריבער האָט יעדער פון זיי בעקומען עפּיס אַ פעהלער, צום ביישפּיל, דער ערשטער איז אַ הינקענדיגער, דער צווייטער האָט פערלאָרען עטליכע צייהן, דער דריטער איז בלינד געוואָרען, דער פערטער האָט פערלאָרען אַנ'אויג, דער פינפטער האָט אָבגעשניטענע אויערן און דער זעקסטער האָט אָבגעשניטענע ליפּען. אָבער מיין נישט, גנעדיגער מלך, אַז איך בין אַ מענש פון אַ סך רייד. ניין, איך קום נישט צו מיינע ברידער, און אויב דיר איז בעוויליגט, וועל איך דיר דערצעהלען זייער געשיכטע.

דעם פריזירערס געשיכטע וועגען זיין ערשטען ברודער.

„וויסען זאָלסטו, גנעדיגער מלך פון די רעכטגלויביגע, אַז מיין ערשטער ברודער מיט'ן נאָמען על-באַקבוק, איז געווען אַ הינקענדיגער. געוואוינט האָט ער אין באַגדאַד און איז געווען אַ שניידער. זיין אַרבייטסצימער האָט ער אָנגעדונגען ביי אַ גאַנץ רייכען מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ מיהל אין עק שטאָדט. איינמאָל, בשעת מיין הינקענדיגער ברודער איז געזעסען ביי זיין אַרבייט, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן אַ פרוי, וואָס איז געווען אַזוי שען, ווי די פולע לבנה. זי איז געזעסען ביים פענסטער און האָט געקוקט אויף די פאַרבייגעהענדיגע מענשען. אָבער פון דער מינוט אָן האָט זיך מיין ברודערס האַרץ אָנגעצונדען מיט ליבע. און אַ גאַנצען טאָג האָט ער שוין מעהר נישט געטהאָן און האָט בלויז געקוקט אויף דערדאָזיגער פרוי. אויף מאָרגען, אַז ער איז געקומען צו דער אַרבייט, האָט ער זיך אפילו אַנידערגעזעצט נייהען, אָבער וואָס האָט געטויגט זיין

נייהען, אַז ער האָט ווילעוויז אויפגעהויבען די אויגען, און אַזוי האָט ער גאָרנישט פערדינט.

אויף׳ן דריטען טאָג האָט ער זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבייט, אָבער ער האָט ווידער געקוקט אויף דער פרוי. דאָס־מאָל האָט זי דערזעהן זיין ליבע צו איהר, האָט זי זיך צולאַכט און ער האָט זיך אויך צולאַכט. איז זי אַוועק פונ׳ם פענסטער און האָט איהם צוגעשיקט אַ קליין שקלאַפען־מיידעלע מיט אַ קאָ־לירטען שטיקעל זיידענס, און דאָס מיידעלע האָט געזאָגט:

„מיין האַרין גריסט דיך און בעט, דו זאָלסט מיט דיין געניטער האַנד אויסשניידען אַ העמד פון דעמדאָזיגען שטאָף און זאָלסט עס שען אויפנייהען.“

און ער האָט געענטפערט:

„איך הער און געהאָרך.“

און ער האָט אויסגעשניטען אַ העמד און אין דעם אייגע־נעם טאָג עס אויפגענייהט, אָבער אויף מאָרגען איז פון דאָסניי געקומען דאָס שקלאַפען־מיידעלע און געזאָגט:

„מיין האַרין גריסט דיך און פרעגט, ווי האָסטו פערבראַכט די לעצטע נאַכט? זאָלסט וויסען, אַז זי האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפען ווערען פון ליבע צו דיר.“

געזאָגט דידאָזיגע ווערטער, האָט זי אַוועקגעלעגט אויף׳ן טיש אַ שטיקעל געלען אַטלאַס און זיך אָנגערופען:

„מיין האַרין פערלאַנגט, דו זאָלסט איהר אויסשניידען פון דעמדאָזיגען אַטלאַס צוויי פּאָר הויזען און טאַקי היינט אויפ־נייהען.“

און ער האָט געענטפערט:

„איך הער און געהאָרך. גריס דיין האַרין און זאָג איהר, אַז איהר קנעכט איז שטענדיג גרייט צו געהאָרכען איהרע בע־פעהלען און זי קאָן מיט איהם מאַכען, וואָס זי וויל.“

און ער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט און האָט באַלד אויסגעשניטען צוויי פּאָר הויזען און זיי גענומען אויפ־נייהען. די פרוי איז דערוויל געזעסען ביים פענסטער און גע־שיקט איהם גרוסען דורך צייכענס און געשמייכעלט צו איהם מיט

די ליבליכסטע שמייכלען און ער האָט שוין געמיינט, אַז זי איז זיינע. נאָכדעם איז זי אַוועק פון פענסטער, און אַז עס איז געוואָרן דאָס שקלאַפען-מיידעלע, האָט ער שוין פאַרטיג געמאַכט די צוויי פאָר הויזען, און זי איז אַוועקגעגאַנגען. ביינאַכט האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף זיין געלעגער, אָבער אַ שווייס האָט איהם בעגאָסען און ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפען.

אויף מאָרגען איז געקומען צו מיין ברודער דער מאַן פון דער פרוי, וואָס איז אויך געוועזען דער בעל-הבית פון הויז. ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד אַ גרויס שטיק לייווענד און האָט געזאָגט:

„גייה מיר אויף העמדער דערפון.“

„איך הער און געהאָרך,“—האָט דער ברודער געענטפערט, און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. ביז סאַמע נאַכט האָט ער געאַרבייט, נישט געגעסען און נישט געטרונקען, ביז ער האָט פאַרטיג געמאַכט צוואַנציג העמדער.

„וויפיל ווילסטו פאַר דיין אַרבייט?“—האָט געפרעגט דער ווירט, אָבער מיין ברודער האָט נישט געענטפערט. די שענע פרוי האָט איהם געגעבען צייכענס דורכ'ן פענסטער, אַז ער זאָל נישט נעהמען קיין געצאָהלט פאַר זיין אַרבייט. האָט מיין ברודער געשוויגען, כאָטש ער האָט זיך זעהר גענויטיגט אין געלד. גאַנצע דריי טעג האָט ער אָהן אָברוה געאַרבייט און פאַר דער צייט האָט ער אין זיין מויל גאָרנישט געהאַט. אַז ער האָט געענדיגט די העמדער, האָט ער זיי אַליין אַוועקגעטראָגען צו דעם מאַן פון דער פרוי. אָבער די יונגע פרוי האָט דערצעהלט דעם מאַן פון מיין ברודערס ליבע צו איהר און מיין ברודער האָט דערפון נישט געוואוסט. און די יונגע פרוי האָט אויך אָבגערעדט מיט'ן מאַן צו צווינגען מיין ברודער וואָס מעהר צו אַרבייטען אויף זיי און דערביי האָבען זיי אויך חוזק-געמאַכט איבער איהם. און אַז ער איז געקומען מיט דער אַרבייט, האָבען זיי איהם בלוצלונג התונה-געמאַכט מיט דער שקלאַפען-מיידעלע, און אַז עס איז געוואָרען נאַכט און מיין ברודער האָט געוואָלט געהן צו זיין ווייב, האָבען זיי איהם געזאָגט·

„פערברענג די הייגטיגע נאַכט אין דער מיהל, וועסטו באַרגעמען זיין גליקליך.‟

מיין ברודער, וואָס האָט נישט פערשטאַנען זייער בייזע כונה, האָט איינער און אַליין פערבראַכט די נאַכט אין מיהל. אין דער אייגענער צייט איז געקומען צום מיהלנער דער מאַן פון דער יונגער פרוי און האָט איהם געהייסען לאָזען די מיהל. זאָ איז דער מיהלנער אַוועק צו דער מיהל און האָט בעת-מעשה געוואָרטשעט:

„אַט אַ פוילער אָקס! בשעת איך בעדאַרף האָבען מעהל, שטעהט ער לעדיג. ער מוז מיר שוין צומאָהלען די זאַנגען.‟

און ער האָט באַלד איינגעשפּאַנט מיין ברודער און גע-צוואונגען איהם צו אַרבייטען סאַמע ביז אינדערפריה. אינדער-פריה איז געקומען דער בעל-הבית און דערזעהן, אַז ער דרעהט דאָס מיהל-ראָד און דער מיהלנער שלאָגט איהם מיט אַ ריהמען, האָט ער זיך צולאַכט און איז אוועק. דערנאָך איז געקומען צו איהם דאָס שקלאַפען-מיידעלע, מיט וועלכער ער האָט חתונה-געהאַט. האָט זי איהם בעפרייט פון דער שווערער אַרבייט און געזאָגט:

„מיין האַרין און איך האָבען זיך זעהר מצער-געווען פון דיין ביטער-צוגעבראַכטער נאַכט, און מיר זענען זיך מודה, אַז מיר זענען שולדיג אין דיין פּלאָג.‟

אָבער מיין ברודער איז געווען אַזוי צוכאַסעוועט פון ריה-מען און אַזוי אויסגעמאַטערט פון זיין פּראַצע, אַז ער האָט נישט געקאָנט ענטפערן. און באַלד ווי ער איז געקומען אַהיים, איז אַריין דער שייך, וואָס האָט געפּראַוועט זיין חתונה, און האָט זיך פערנויגט.

„זאָל גאָט,—האָט ער געזאָגט,—פערלענגערן דיין לעבען און געבענשט זאָלסטו זיין מיט דיין ווייב.‟

אָבער מיין ברודער האָט געענטפערט:

„זאָל גאָט בעשטראָפען דעם ליגנער און דעם טויזענדפאַ-ליגען אויסוואורף! ביי גאָט, איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געמוזט דרעהען דאָס מיהל-ראָד!‟

האָט דער שייך געזאָגט

„דערצעהל מיר, וואָס איז מיט דיר געשעהן.״

האָט איהם דער ברודער דערצעהלט אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און דער שייך האָט געזאָגט:

„דיין שטערען פאַלט נישט אויס צוזאַמען מיט איהרען, אָבער אויב דו ווילסט, קאָן איך ענדערן דעם חתונה־אָבמאַך, כדי איהר שטערען זאָל אויספאַלען מיט דיין שטערען*).

„זעה נאָר,—האָט מיין ברודער געזאָגט,—דו זאָלסט מיך נאָכאַמאָל נישט אָבנאַרען.״

נאָכדעם איז מיין ברודער אַוועק אין זיין שניידערצימער. ער איז געווען זעהר הונגעריג און האָט געוואָלט עטוואָס פער־דינען, צו שטילען זיין הונגער. אָבער באַלד איז אַריין דאָס שקלאַפען־מיידעלע און האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, מיין האַרין בענקט נאָך דיר, און אויב דו גלויבסט נישט, טאָ גיב אַ קוק אין פענסטער.״

האָט מיין ברודער אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן, ווי די יונגע פרוי קוקט־אַרויס פון פענסטער מיט טרעהרען אויף די אויגען.

„פאַרוואָס,—האָט זי געפרעגט,—האָסטו אַזוי שנעל איבער־געריסען דיין בעקאַנטשאַפט מיט אונז?״

מיין ברודער האָט איהר גאָרנישט געענטפערט, אָבער זי האָט איהם געשוואָרען, אַז אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין דער מיהל, איז געשעהן אָהן איהר וויסען. האָט מיין ברו־דער לאַנג געקוקט אויף איהר און ווידער האָט איהם פער׳כשוף׳ט איהר שענקייט און רייץ און מיט גרויס תענוג האָט ער אויסגע־הערט איהר פערענטפערונג און פערגעסען האָט ער אָן די אַלע פּלאָגען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. לאַנג האָט מיין ברודער מיט איהר גערעדט און אויפ׳ן האַרץ איז איהם לייכטער געוואָ־

*) אַמאָל פלעגן די אַראַבער פאַר אַ חתונה מאַכען אַסטראָנאָ־מישע אויסרעכענונגען און פלעגן אויף אַזאַ אופן באַשליסען, צי דער שידוך וועט זיין אַ גליקליכער, צי נישט. זיי פלעגן אויך זוכען גליק אָדער אומגליק אין דער צאָהל אותיות פון די חתן־כלה־נעמען.

רען פון איהרע רייד. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט, אָבער עס איז אַריין דאָס שקלאַפען-מיידעלע און געזאָגט:

„מיין האַרין גריסט דיך און טיילט דיר מיט, אַז דיזאָזיגע נאַכט וועט איהר מאַן נעכטיגען ביי זיינע בעקאַנטע, און דעריבער זאָלסטו קומען צו איהר."

מיין ברודער האָט נישט געוואוסט דעם סוד, אַז פרויען זענען פאַלש. אין אָווענד איז פון דאָסניי געקומען דאָס שקלאַפען-מיידעלע, האָט איהם גענומען ביי דער האַנד און אַוועקגעפיהרט צו איהר האַרין, און אַז די האַרין האָט איהם דערזעהן, האָט זי געזאָגט:

„ביי גאָט, איך האָב דיך אַזוי געוואָלט זעהן."

דערויף האָט איהר מיין ברודער געזאָגט:

„נו, טאָ גיב מיר פריהער אַ קוש."

אָבער איידער ער האָט געענדיגט דאָס לעצטע וואָרט, איז געקומען דער מאַן, האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דעם ברודער און אויסגעשריען:

„ביי גאָט, איך וועל דיך אַנדערש נישט אַרויסלאָזען פון דאַנען, וואו עס וועט נישט קומען דער וואַלי אַהער."

האָט איהם מיין ברודער גענומען בעטען מיט תחנונים, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען. יענער האָט איהם אַוועקגעפיהרט צום וואַלי, און אַז דער וואַלי האָט אויסגעהערט וואָס דאָ איז געשעהן, האָט ער איהם גענומען שמייסען און דערנאָך איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ קעמעל און געהייסען אַדורכפיהרען איהם איבער דער גאַנצער שטאָדט און דער המון זאָל בעת-מעשה שרייען: „אַזוי ווערט געטהאָן מיט אַ מענשען, וואָס רייסט זיך אַריין אין אַ פרעמדען האַרעם!"

דעמאָלט איז דער ברודער צראָבגעפאַלען פון קעמעל און זיך צובראָכען אַ פוס, און דער וואַלי האָט איהם פערטריבען פון דער שטאָדט. איז מיין ברודער אַוועק און נישט געוואוסט, וואוהין ער געהט און פינסטער איז איהם אין די אויגען געווען. אָבער איך האָב מיך דערבאַרימט אויף מיין ברודער, כאָטש איך בין זעהר בייז געווען אויף איהם, און האָב איהם אומגעקעהרט

צוריק אין שטאָדט אַריין און ביז צו היינטיגען טאָג זיצט ער אויף מיין קעסט.

האָט זיך דער קאַליף צולאַכט פון דערדאָזיגער געשיכטע און געזאָגט:

„דו דערצעהלסט דאָך זעהר גוט.“

אָבער איך האָב איהם בעמערקט:

„איך וויל מיך נישט בענוצען מיט דער עהרע פון דיינע שבחים ביז דו וועסט נישט אויסהערען די אַלע זאַכען, וואָס זענען געשעהן מיט מיינע איבעריגע ברידער. מיין נישט, אַז איך האָב ליב צו ריידען.“

„נו,—האָט דער קאַליף געזאָגט,—דערצעהל וואָס איז געשעהן מיט דיינע ברידער און פערגיס מיין געהער מיט די ליבע פרטים. איך בעט דיך, קאַרג נישט קיין ווערטער און דערצעהל באריכות דיינע אינטערעסאַנטע געשיכטעס.“

דעם פריזירערס געשיכטע וועגען זיין צווייטען ברודער.

„וויסען זאָלסטו, אָ, גנעדיגער מלך פון די רעכטגלויביגע, אַז מיין צווייטער ברודער מיט׳ן נאָמען על-געדאַר איז איינמאָל אַוועק צו זיינע געשעפטען און האָט געטראָפען אַן אַלטע פרוי, וואָס האָט איהם געזאָגט:

„שטעל זיך עטוואָס צו, כדי איך זאָל דיר קאָנען פאָרשלאָגען אַזאַ זאַך, וואָס אַז דו וועסט עס אָננעהמען, וועט זיין גוט פאַר מיר און פאַר דיר.“

האָט זיך דער ברודער אָבגעשטעלט און די אַלטע האָט ווייטער געזאָגט:

„איך וועל דיך צופיהרען צו עפּיס אַ זאַך און וועל דיך

אויסלערנען ווי אַזוי צו בעקומען ז׳, אָבער מיט דעם תנאי, אַז דו זאָלסט שווייגען.״

האָט דער ברודער געזאָגט:

„נו, רייד, וואָס פערלאַנגסטו?״

דעמאָלט האָט די אַלטע זיך אָנגערופען:

„ווי געפעלט דיר, צום ביישפּיל, אַ שען הייזעלע מיט אַ פרעהליכען קוועלכעל דערביי, גוטע פּירות און וויינען, אַ זיס פּנימ׳ל, אויף וועלכען מען קאָן קוקען, אַ גלאַט בעקעלע, וואָס מען קאָן קושען, אַ פיינע טאַליע, וואָס בעט זיך אַרומצונעהמען און בכלל די אַלע זיסע זאַכען, וואָס זענען אַזוי אָנגענעהם פאַר׳ן הארצען? אויב דו וועסט קאָנען דערפילען דעם תנאי, וואָס איך שטעל דיר, דאָס הייסט אויב דו נעהמסט זיך אונטער צו שוויי-
מעגסטו זיין זיכער אין גליק.״

ערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט מיין ברודער געזאָגט:

אָ, גנעדיגע פרוי! פאַרוואָס האָסטו נאָר מיך אויסגעקליבען דערצו? מיט וואָס בין איך דיר מעהר געפעלען, איידער אַנ׳אַנדערער?״

אָבער דאָ האָט די אַלטע שטרענג אַ זאָג געטהאָן:

„שוין-זשע האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז דו זאָלסט שווייגען? און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: שווייג און געה נאָך מיר.״

און די אַלטע איז אַוועק פאָראויס און מיין ברודער איז געגאַנגען הינטער איהר און האָט זעהר געוואָלט וואָס גיכער געניסען פון די אַלע פערגעניגענס, וואָס די אַלטע האָט איהם פערשפּראָכען. זענען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זענען געקומען צו אַ גרויס הויז, וואוהין זיי זענען אַריינגעגאַנגען, און דאָ האָט ער דערזעהן, אַז דאָס איז נישט קיין געוועהנליך הויז, נאָר אַ פּרעכטיגער פּאַלאַץ, וואָס פערבלענדט די אויגען מיט זיין רייכקייט. באַלד האָט מיין ברודער בעמערקט פיר מיידלעך, וואָס שענערע פון זיי האָט ער קיינמאָל אין זיין לעבען נישט געזעהן, און דידאָזיגע מיידלעך האָבען געזונגען אַזוי, אַז זיי האָבען געקאָנט פער׳כשופ׳ען אַ פערשטיינערט האַרץ. איינס פון זיי האָט

דערנאָך אויסגעטרונקען אַ בעכערל ווייַן, און מיין ברודער האָט זיך אָנגערופען צו איהר:

„צי מעג איך אייך ווינשען געזונד און גליק?‟

נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו איהר, אָבער זי האָט זיך נישט געלאָזט אָנריהרען. זי האָט איהם בלויז געגעבען אַ בעכערל וויין, און באַלד ווי ער האָט אויסגעטרונקען, האָט זי איהם אַ קלאַפּ געטהאָן איבער׳ן רוקען. דערזעהן אַזאַ בענעהמונג, איז מיין ברודער בייז געוואָרען, זי אָנגעזידעלט און איז אַרויס אין אַ צווייטען צימער. אָבער באַלד איז אויך אַרויס אַלטע און האָט איהם אַ וואונק געטהאָן, ער זאָל אַריין צוריק אין צימער. האָט ער זיך אומגעקעהרט און זיך שווייגענדיג אַנידערגעזעצט. דעמאָלט איז צוגעגאַנגען דאָס מיידעל און האָט איהם פון דאָס-ניי גענומען שלאָגען איבער׳ן רוקען אַזוי, אַז ער איז אַנידער-געפאַלען אין חלשות. שפּעטער, אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַרויסגעגאַנגען, אָבער די אַלטע איז גלייך נאָך איהם אַרויס און געזאָגט:

„אייל נישט אַזוי, וואַרט נאָר צו עטוואָס, וועסטו בעקומען דאָס, וואָס דו בעגעהרסט.‟

אָבער דער ברודער האָט ערנסט געפרעגט:

„צי וועל איך מיך נאָך לאַנג בעדאַרפען פּייניגען, איידער איך וועל עפּיס דערגרייכען?‟

דעמאָלט האָט די אַלטע זיכער אַ זאָג געטהאָן:

„אַז זי וועט שכּור-ווערען, וועט זי דיר געבען איהרע פראַכטען.‟

האָט זיך מיין ברודער צוריק אומגעקעהרט און זיך אַני-דערגעזעצט אויף זיין פריהערדיגען אָרט. דעמאָלט האָבען זיך אויפגעהויבען אַלע פיר מיידלעך און די אַלטע האָט זיי געהייסען, זיי זאָלען איהם אַראָפּציהען די אויבערשטע קליידער און בעשפּריצען איהם דאָס געזיכט מיט רויזענוואַסער. און אַז זיי האָבען אַזוי געטהאָן, האָט די שענסטע פון זיי געזאָגט:

„אַלאַה זאָל דיך בענשען! דו ביזט צו אַריין אין מיין הויז, אָבער דו וועסט קאָנען געניסען דאָס, וואָס דו בעגעהרסט, נאָר

דעמאָלט, ווען דו וועסט דערפילען מיינע קאַפּריזען.״

„אָ, מיין האַרץ! — האָט זיך מיין ברודער אָנגערופען — איך בין דיין קנעכט און געפין מיך אין דיין מאַכט.״

„נו, טאָ זאָלסטו וויסען, — האָט זי געזאָגט, — אַז איך האָב זעהר ליב שטיפערייען, און דער מאַן, וואָס קאָן צופרידענשטעלען מיינע קאַפּריזען, קאָן שטענדיג געניסען פון מיינע פּראַכטען.״

און זי האָט בעפוילען די מיידלעך, זיי זאָלען זינגען. האָבען זיך אויפגעהויבען אַלע פיר מיידלעך און האָבען געזונגען אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט טאַנצען פון תענוג. נאָכדעם האָט די שענסטע פון זיי זיך אָנגערופען צו איינער פון די מיידלעך:

„נעהם דיין הער און טהו דאָס, וואָס מען בעדאַרף, און נאָכדעם זאָלסטו איהם ברענגען צוריק אַהער.״

האָט דאָס מיידעל גענומען און אַוועקגעפיהרט מיין ברודער, וואָס האָט דאָ גאָרנישט געוואוסט, וואָס מען וויל מיט איהם טהאָן, און די אַלטע האָט איהם געזאָגט:

„האָב נאָר עטוואָס געדולד, ווארום דו האָסט שוין כמעט דערגרייכט דאָס, וואָס דו בעגעהרסט. איצט וועט מען דיר נאָר איין זאַך טהאָן: מען וועט דיר אָבראַזירען די באָרד.״

„וואָס? — האָט מיין ברודער אַ געשריי געטהאָן — איך זאָל מיך לאָזען אָבראַזירען די באָרד און אַלע מענשען זאָלען פון מיר לאַכען?״

אָבער די אַלטע האָט רוהיג געזאָגט:

„אַזוי פערלאַנגט דאָס מיידעל, דו זאָלסט עהנליך ווערען צו אַ יונגלינג און דו זאָלסט איהר נישט צושטעכען די באַקען, בשעת דו וועסט זי קושען און זי וועט גליהען פון ליידענשאַפט אונטער דיינע הענד. דעריבער זאָג איך דיר נאָכאַמאָל, דו זיי נאָר געדולדיג און עס וועט שוין אַלץ זיין גוט.״

און אַזוי האָט מיין ברודער נאָכגעגעבען די קאַפּריזען פון דער מיידעל; מען האָט איהם אָבגעראַזירט די באָרד און די וואָנסען און די ברעמען און אָבגעפאַרבט איהם דאָס געזיכט מיט רויטען פאַרב און געבראַכט צוריק צו דער שענער מיידעל, וואָס אַז זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי זיך פריהער דערשראָ-

קען און דערנאך זיך צולאכט אזוי, אז זי איז אנידערגעפאלען. שפעטער האט זי אויסגעשריען:

„אָ, מיין הער! דו האסט מיך געריהרט מיט דיין נאַכגי-ביגקייט.“

און דעמאלט האט זי איהם געבעטען, ער זאל א ביסעל טאנצען פאר איהר. האט מיין ברודער געפאלגט און גענומען טאנצען, אבער אין צימער איז נישט געבליבען קיין איין קישען, וואס איז איהם נישט געפלויגען אין קאפ אריין. א מאנכע מיידעל האט געווארפען אין איהם אלץ, וואס איז איהר געקומען אונטער דער האנד: אפעלסינען, ניס, לימאנען און מען האט איהם אזוי בעווארפען, אז ער איז, צולעצט, אנידערגעפאלען אין חלשות. דעמאלט האט מען איהם גענומען האקען איבער'ן רוקען און איבער'ן פנים, און די קלעפ זענען געווען אזוינע שטארקע, אז ער האט געמוזט קומען צו זיך, און די אלטע האט געזאגט:

„ני, איצט האסטו דערגרייכט דאס, וואס דו בעגעהרסט. איצט וועט מען דיך שוין מעהר נישט שלאגען, און דיר בלייבט איבער גאר א קלייניגקייט: נאכצויאגען זי. דו פערשטעהסט, בשעת זי איז שכור, האט זי די געוועהנהייט נישט צוצולאזען קיין מאן צו זיך, וואו זי טהוט נישט אויס די אויבערשטע קליידער. דו, נאטירליך, בעדארפסט אויך אויסטהאן די אויבערשטע קליידער און נאכיאגען זי. זי וועט אנטלויפען און דו וועסט איהר נאכלויפען צימער-איין, צימער-אויס, ביז דו וועסט זי כאפען, און דעמאלט, נאטירליך, איז זי דיינע אינגאנצען.“

האט זיך מיין ברודער אויפגעהויבען און געטהאן אזוי ווי די אלטע האט געזאגט. דאס מיידעל איז אנטלאפען פון איהם און ער איז איהר נאכגעלאפען צימער-איין, צימער-אויס און דאס האט זעהר לאנג געדויערט. דערנאך האט ער דערהערט, ווי זי האט עפיס משונה אויסגעשריען און איז ווייטער געלאפען און ער איז איהר אלץ נאכגעלאפען. אבער געענדיגט האט זיך עס דערמיט, וואס מיין ברודער האט פלוצלונג דערשפירט, אז ער לויפט גאר אויף דער גאס און דאס מיידעל איז גאר נישט צו זעהן פאר די אויגען. דאס איז געווען א גאס ביים מארק און

אויף איהר איז פערקויפט געוואָרען לעדער. מחנות לעדער-סוחרים זענען געשטאַנען און זיך בעשעפטיגט מיט'ן פערקויפען זייער סחורה. אָבער דאָ האָט זיך פלוצלונג בעוויזען מיין ברודער, איינגעצאַנצען אַ נאַקעטער, מיט אַנ'אָבגעראַזירטער באָרד, וואָנסען און ברעמען און מיט אַנ'אָבגעפּאַרבטען פּנים. האָט דער מאַרק-עולם גענומען שרייען און לאַכען, אָבער די לעדער-סוחרים האָבען איהם גענומען פּאַסעווען די הויט מיט גראָבע ריהמענס אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַנידערגעפאַלען אין חלשות. נאָכדעם האָבען זיי איהם אַוועקגעזעצט אויף אַנ'אייזעל און אַוועקגעפיהרט צום וואַלי.

„וואָס איז דאָ געשעהן?“—האָט געפרעגט דער וואַלי.

און זיי האָבען געזאָגט:

„דערדאָזיגער מענש איז אַזוי אַרויס פון וויזירס הויז.“

האָט איהם דער וואַלי געגעבען הונדערט שמיץ און אַרויסגעטריבען פון שטאָדט. אָבער איך בין באַלד אַוועק נאָך איהם און האָב איהם שטילערהייד אַריינגעפיהרט צוריק אין שטאָדט אַריין און אויסגעהאַלטען איהם מיט מיין קעסט. ווען איך וואָלט נישט געווען אַזוי גרויסמוטיג, וואָלט איך, נאַטירליך, קיין שום געשעפטען נישט געהאַט מיט אַזאַ מענשען.

דעם פריזירעס געשיכטע וועגען זיין דריטען ברודער.

דאָס מזל האָט איינמאָל צוגעפיהרט מיין דריטען ברודער, דעם בלינדען באַקבאַק, וואָס הייסט קכעף*), צו אַ גרויסען הויז, וואו ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר, האָפענדיג, אַז דער בעל-

*) אַזוי האָט אַמאָל געהייסען אַ קאָרב, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון פּאַלמענבלעטער.

הבית וועט זיך אָברופען און וועט איהם עפּיס שענקען.

„ווער איז דאָרט?“—האָט געפרעגט דער בעל-הבית.

אָבער מיין ברודער האָט נישט געענטפערט, האָט דער בעל-הבית שוין אַ פרעג געטהאָן מיט אַ טאָן העכער:

„ווער איז דאָרט?“

אָבער מיין ברודער האָט אַלץ נישט געענטפערט, און דע־מאָלט האָבען זיך דערהערט טריט, און דער מענש, וואָס איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, האָט געפרעגט·

„וואָס בעדאַרפסטו?“

„שענק מיר עפּיס,—האָט געזאָגט דער ברודער,—און גאָט וועט דיר העלפען.“

„דו ביזט אַ בלינדער?“—האָט איהם דער בעל-הבית גע־פרעגט.

„יאָ,“—האָט מיין ברודער געענטפערט.

„נו, טאָ גיב מיר דיין האַנד,“—האָט דער בעל-הבית געזאָגט.

האָט איהם דער ברודער אויסגעשטרעקט די האַנד און דער בעל-הבית האָט איהם אַריינגעפיהרט אין זיין הויז און דער־נאָך זיך אויפגעהויבען מיט איהם אויף די טרעפּ און געגאַנגען אַלץ העכער און העכער סאַמע ביז'ן פלאַכען דאַך. מיין ברודער, וואָס איז געגאַנגען בלינדערהייד, האָט געטראַכט, אַז ער וועט איהם געבען עסען אָדער געלד. אָבער אַז זיי זענען אַרויף אויפ'ן דאַך, האָט איהם דער בעל-הבית ווידער אַ פרעג געטהאָן:

„וואָס בעדאַרפסטו, בלינדער?“

האָט דער ברודער געזאָגט:

„שענק מיר עפּיס אין נאָמען פון גאָט, וואָרום איך בין הונגעריג.“

אָבער דער בעל-הבית האָט איהם רוהיג בעטראַכט און געזאָגט:

„טראָג זיך אָב פון דאַנען.“

האָט מיין ברודער אַ פרעג געטהאָן:

„וואָס בעדייט עס? האָסטו מיר דאָס נישט געקאָנט זאָגען אונטען ביי דיין טהיר?“

„אָ, דו אויסוואורף!—האָט אַ געשריי געטהאָן דער בעל-הבית—האָסטו נישט געקאָנט בעטען אַ נדבה, בשעת דו האָסט צום ערשטען מאָל אָנגעקלאַפּט אין טהיר און איך האָב צום ערשטען מאָל געפרעגט: ווער איז דאָרט? גערה, איך האָב נישט וואָס צו געבען דיר.“

„נו, טאָ פיהר מיך אַרויס פון דיין הויז,“—האָט געבעטען מיין ברודער.

אָבער דער בעל-הבית האָט קאַלט געזאָגט: „געה דיר, איך האַלט דיך נישט.“

האָט זיך מיין ברודער גענומען אַראָבלאָזען, טאַפּענדיג, פון די טרעפּ, אָבער אַז ער איז שוין געווען ביי אַ צוואַנציג טריט פון דער טהיר, האָט ער זיך פּלוצלונג אויסגעגליטשט און צוהאַקט זיך דעם קאָפּ. נאָכדעם איז ער ווי-עס-איז אַרויס אין דרויסען און דאָרט האָט ער זיך געטראָפען מיט צוויי באַקאַנטע בלינדע, וואָס האָבען איהם געפרעגט:

„וואָס איז מיט דיר היינט געשעהן?“

האָט זיי דער ברודער דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און דערנאָך האָט ער צוגעגעבען:

„אָ, מיינע ברידער, איך מוז ביי אייך נעהמען אַ טייל פון אייער געלד און זיך קויפען עפּיס צום עסען.“

דער בעל-הבית פון הויז, וואו דער ברודער איז נאָר-וואָס געווען, האָט אָבער געוואָלט וויסען וואָס וועט דער בלינדער טהאָן, ווען ער וועט אַרויס פון זיין הויז, איז ער איהם שטיל-ערהייד נאָכגעגאַנגען ביז דער בלינדער מיט זיינע חברים איז אַריין צו זיך אין שטוב. דעמאָלט איז דער בעל-הבית אויך אַריין אומבעמערקטערהייד. מיין ברודער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט צו זיינע בלינדע חברים:

„ברידער, פערשליסט די טהיר און בעזוכט דאָס צימער—אפשר איז עמיץ אַ פרעמדער אַריין מיט אונז צוזאַמען.“

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך דער בעל-הבית פון יענעם הויז אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן שטריק, וואָס איז אַראָבגעהאַנגען פון באַלקען, און די בלינדע האָבען בעזוכט און בעטאַפּט

דאָס צימער און קיינעם נישט געפונען. דעמאָלט האָבען זיי זיך אַנידערגעזעצט נעבען מיין ברודער, אַרויסגעשלעפט פון די בוזימער דאָס געלד און צוגעצעהלט. זיי האָבען געהאַט איבער צעהנטויזענד זילבערשטיק. איבערגעצעהלט לאַנגזאַם דאָס געלד, האָבען זיי עס פערגראָבען אין דער ערד און פאַר זיך האָבען זיי איבערגעלאָזט אַנדער געלד. דערנאָך האָבען זיי זיך אַנידערגעזעצט עסען, אָבער מיין ברודער, וואָס האָט דערהערט עפּיס אַ מאָדנעם קלאַנג און וואָס האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט בערוהיגען, האָט געזאָגט:

„צי איז דאָ נישטאָ עמיץ אַ פרעמדער צווישען אונז?״

דערנאָך האָט ער זיך פאָרזיכטיג אויפגעהויבען מיט אויסגעצויגענע הענד און האָט געכאַפּט דעם בעל-הבית אויפ׳ן שטריק. האָט ער איהם פעסט פערדריקט אין די הענד און האָט אַ געשריי געטהאָן צו זיינע בלינדע חברים:

„יאָ, מיר האָבען אַ פרעמדען צווישען אונז!״

דעמאָלט האָבען די בלינדע אַזוי לאַנג געשלאָגען דעם פרעמדען, ביז זיי זענען מיד געוואָרען און זיך אָנגערופען צו איינאַנדער:

„אָ, מאַכמעדאַנער! אַהער האָט זיך אַריינגעקראָגען אַ פרעמדער און וויל צונעהמען אונזער ביסעל גוטס.״

און זיי האָבען זיך אַזוי הויך צושריען, אַז עס זענען צוגעלאָפען מענשען פון דער גאַס; דערזעהן די פרעמדע מענשען, האָט דער געשלאָגענער אויך צוגעמאַכט די אויגען און זיך פערשטעלט פאַר אַ בלינדען און די מענשען פון גאַס האָבען געמיינט, אַז ער געהערט צו די בלינדע.

„אָ, מאַכמעדאַנער!—האָט ער אויסגעשריען—איך בעט שוץ ביי אַלאַה און ביים סולטאַן! איך בעט שוץ ביי אַלאַה און ביים וואַלי! איך בעט שוץ ביי אַלאַה און ביים עמיר, וואָרום איך האָב פאַר זיי זעהר וויכטיגע ידיעות!״

אָבער ער האָט גאָרנישט בעדאַרפט שרייען, ווייל עס איז גראָד פאַרביי געגאַנגען דער וואַלי מיט זיינע הילפסלייט און האָט זיי אַוועקגעפיהרט צו זיך.

„וואָס איז מיט אייך געשעהן?“—האָט זיי דער וואַלי גע-פרעגט נאָכדעם, ווי זיי זענען געבראַכט געוואָרען צו איהם אין הויז.

„הער מיך אויס, אָ, וואַלי,—האָט געזאָגט דער כּלומר׳-שטער בלינדער,—דו וועסט דאָ גאָרנישט דערגעהן, אויב דו וועסט נישט אָנהויבען פּאַטשען אויף רעכטס און אויף לינקס. און אויב דו ווילסט, טאָ מאַך דעם אָנהויב פון מיר.“

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער וואַלי געזאָגט:

„לעגט אָקאָרשט אַוועק דעמדאָזיגען מענשען און צימבעלט איהם אַריין ווי עס געהער צו זיין.

האָט מען איהם באַלד אַוועקגעלעגט און גענומען שמייסען, אָבער יעדער שמיץ האָט אַזוי געברענט, אַז דער כּלומר׳שטער בלינדער האָט נישט-ווילענדיג געמוזט עפענען אַנ׳אויג. האָט מען איהם אָבער ווייטער געקאַטעוועט, האָט ער אויך געעפענט דאָס צווייטע אויג. דעמאָלט האָט דער וואַלי אַ פרעג געטהאָן:

„אויסוואורף, וואָס בעדייט עס?“

„טאָ הער מיך אויף צו שמייסען, וועל איך דיר זאָגען,“—האָט ער געענטפערט.

האָט מען איהם אויפגעהערט צו שמייסען און ער האָט געזאָגט:

„וויסען זאָלסטו, אַז מיר אַלע פיר מאַכען זיך פאַר בלינדע, בעטלען און קריכען צו פרעמדע מענשען אין שטוב אַריין. מיר זעהען זייערע ווייבער און סטאַרען זיך אַראָבצופיהרען זיי פון גלייכען וועג און דערנאָך נעהמען מיר ביי זיי געלד. אויף אַזאַ שטייגער האָבען מיר ביסלעכווייז צונויפגעשלאָגען אַ סומע געלד פון צעהנ-טויזענד זילבערשטיק. דעמאָלט האָב איך מיך אָנגערופען צו מיי-נע חברים: „גיט מיר אָב מיין חלק געלד צווייטויזענד פינפהונ-דערט זילבערשטיק.“ אָבער זיי האָבען גאָרנישט געוואָלט הערען דערפון און האָבען מיר נאָך גוט אָנגעבראָכען די ביינער. איצט בעט איך שוץ ביי אַלאַה און ביי דיר. איך וויל בעסער דיר אַוועקגעבען מיין חלק, איידער זיי. נאָר אויב דו צווייפעלסט נאָך אין מיינע ווערטער, טאָ הייס גוט אָבשמייסען מיינע חברים,

אָבער שטאַרקער, ווי מען האָט מיך געשמיסען, און דעמאָלט ווע-לען זיי אויך עפענען די אויגען."

האָט דער וואַלי תיכף בעפוילען, מען זאָל נעהמען קאַטע-ווען די בלינדע, און דער ערשטער האָט זיך געלעגט מיין ברו-דער. מען האָט איהם אַזוי לאַנג געשמיסען, ביז ער האָט פער-לאָרען דעם אָטעם, און דער וואַלי האָט געזאָגט:

„האַ, איהר געמיינע לייט! האַ, איהר אויסוואורפען! אָט אַזוי ווילט איהר אָבנאַרען אַ וועלט?"

„אַלאַה! אַלאַה! אַלאַה! — האָט מיין ברודער געשריען — צווי-שען אונז איז נישטאָ קיין זעהענדיגער!"

האָט מען איהם פון דאָסניי געשמיסען, ביז ער איז גע-בליבען ליגען כמעט ווי אַ טויטער."

„לאָזט איהם אָב, — האָט געזאָגט דער וואַלי, — אַז ער וועט קומען צו זיך, וועט איהר איהם ווידער נעהמען אין דער אַרבייט."

האָט מען מיין ברודער געלאָזט צורוה און מען האָט זיך גענומען צו די איבעריגע. יעדער פון זיי האָט בעקומען צו דרייהונדערט שמיץ, און דער פערשטעלטער בלינדער האָט גע-לאַכט און געזאָגט צו די געשמיסענע:

„נאַראָנים, עפענט די אויגען, ווי איך, אַנישט וועט מען דאָך אייך פערשמייכען."

און דערנאָך האָט ער געזאָגט צום וואַלי:

„דיזאָזיגע לייט וועלען דיר אַזוי גיך נישט עפענען די אויגען, איך קאָן זיי. טאָ שיק דערווייל אַ מענשען, ער זאָל ברענ-גען אַהער דאָס געלד."

האָט דער וואַלי געשיקט אַ מענשען נאָכ'ן געלד, און אַז יענער איז געקומען מיט די צעהנטויזענד זילבערשטיק, האָט דער וואַלי צוויטויזענד פינפהונדערט אַוועקגעגעבען דעם מסור — דעם כלומר'שטען בלינדען און דאָס איבעריגע האָט ער זיך צוגענומען. דערנאָך האָט ער אָהן שום טענות און רייד אַרויסגעטריבען די בלינדע פון שטאָדט. אָבער איך, גנעדיגער מלך פון די רעכט-גלויביגע, האָב באַלד דעריאָגט מיין ברודער, האָב איהם שטיל און קלאָר אויסגעפרעגט, וואָס מיט איהם איז געשעהן, און צר

האָט מיר דערצעהלט דאָס, וואָס דו הערסט פון מיר איצט. דע־מאָלט האָב איך איהם שטילערהייד געבראַכט צוריק אין שטאָדט אַריין און אַוועקגעזעצט איהם אויף מיין קעסט סאַמע ביז זיין טויט.

אויסגעהערט דידאָזיגע געשיכטע, האָט דער קאַליף לאַנג געלאַכט און דערנאָך געזאָגט:

„זאָל ער מיט עפּיס בעלוינט ווערען און אַוועקגעהן.“

אָבער איך האָב מיך אָנגערופען:

„מיינע הענד זאָלען מיר נישט דינען, אויב איך וועל עפּיס נעהמען ביי דיר, מלך פון די רעכטגלויביגע, וואו דו וועסט פריהער נישט אויסהערען די אַלע פּאַסירונגען פון מיינע ברידער און וואו איך וועל דיר נישט דערווייזען, אַז איך בין בטבע אַ גרויסער שוויגער.“

„נו, טאָ פיינינג ווייטער מיין געהער מיט די קאָמישע מעשיות פון דיינע ברידער און בעווייז מיר ווידער די גרויסע פעהלערן און פאַלשקייט פון די מענשען.“

און איך האָב אָנגעהויבען פון דאָסניי צו דערצעהלען:

דעם פריזירערס געשיכטע וועגען זיין פערטען ברודער.

מיין פערטער ברודער, אַ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביגע, איז געווען בלינד אויף איין אויג, און גערופען האָט מען איהם על־קוז־על־אַסוואַני. ער איז געווען אַ פליישער אין באַגדאַד און האָט פערקויפט אַ סך פלייש און געהאָדעוועט שעפּסען, און רייכע לייט און מאַגנאַטען פלעגען ביי איהם קויפען פלייש און אַ סך געלד האָט ער פערדינט, און ער איז געווען אַ בעל־הבית פון אַ סך הייזער און פיה אין באַגדאַד. און איינמאָל, בשעת ער איז געזעסען אין זיין קראָם, איז אַריינגעקומען אַן אַלטער מאַן

מיט א לאנגער ווייסער בארד, און ער האט דעם ברודער אוועק-געלעגט געלד אויף דער האנד און געזאגט:

„גיב מיר פלייש פאר דאס געלד.“

האט דער ברודער גענומען דאס געלד און געגעבען פלייש, און אז דער אלטער איז אוועק, האט ער א קוק געטהאן אויף די זילבערשטיק און געזעהן, אז זיי זענען אונגעוועהנליך גלאנציג און ווייס. דעמאלט האט ער גענומען און אוועקגעלעגט זיי אין א בעזונדער קעסטעל. גאנצע פינף חדשים האט דערדאזיגער אל-טער געקויפט ביי איהם פלייש און מיין ברודער האט שטענדיג אריינגעווארפען זיין געלד אין א בעזונדער קאסטען. נאכדעם האט מיין ברודער געוואלט קויפען פאר דאסדאזיגע געלד א שעפס, אבער אז ער האט געעפענט דעם קאסטען, האט ער דערזעהן, אז דאס געלד איז פערוואנדעלט געווארען אין א פאפירענעם רעהרל. האט מיין ברודער פערדעקט דאס געזיכט און גענומען שרייען, זענען זיך באלד צונויפגעלאפען מענשען, וועלכע ער האט דערצעהלט, וואס מיט איהם האט פאסירט, און דידאזיגע מענשען האבען זיך שטארק גע'חדוש'ט.

דערנאך, אז ער האט זיך בערוהיגט, האט ער זיך גענומען צו זיין געוועהנליכער ארבייט און האט געשאכטען א שעפס. א טייל פון דעם געשאכטענעם שעפס האט ער, ווי אלעמאל, אויפ-געהאנגען אויף דער טהיר און געטראכט:

„דער אלטער וועט נאך אודאי קומען קויפען פלייש, וועל איך איהם פאקען.“

אין א קורצער צייט ארום איז דער אלטער באמת אריין אין קראם מיט זיין אויסטערלישען געלד. האט זיך מיין ברודער שנעל אויפגעהויבען, א כאפ געטהאן איהם ביי די הענד און גע-נומען שרייען:

„מאכמעדאנער! קומט גיכער אהער, איך האב געפאקט דעם אלטען רמאי!“

אבער דער אלטער האט זיך רוהיג אנגערופען

„הער נאר, איך וועל דיך עפיס פרעגען: וואס איז בע-קוועמער פאר דיר—שווייגען און נישט בעשמוצען מיך אדער דו

זאָלסט בעשמוצט ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט?"

„ווי אַזוי קאָנסטו מיך בעשמוצען?"—האָט מיין ברודער געפרעגט.

„גאָר אַ פשוט'ע זאַך,—האָט דער אַלטער געענטפערט,—דו פערקויפסט מענשענפלייש אָנשטאָט שעפסענפלייש."

„דו לייגסט, פערשאָלטען זאָלסטו ווערען!"—האָט אויסגע-שריען מיין ברודער.

אָבער דער אַלטער האָט רוהיג געענטפערט:

„פערשאָלטען בעדאַרף זיין נאָר יענער, וואָס ביי איהם אין קראָם הענגט אַ דער'הרג'עטער מענש."

הענד און פיס האָבען גענומען ציטערן מיין ברודער פון גרימצאָרן, און ער האָט געזאָגט:

„אויב דאָס איז אמת, קאָנסטו צונעהמען מיין פערמעגען און מיין לעבען."

אָבער דער אַלטער האָט גענומען שרייען:

„עי, מאַכמעדאַנער, קומט אַהער! דערדאָזיגער פליישער איז אַ רוצח: ער פערקויפט מענשענפלייש, אָנשטאָט שעפסענ-פלייש, און אויב איהר גלויבט מיר נישט, טאָ קומט-אַריין אין קראָם, וועט איהר זעהן!"

איז זיך צונויפגעקומען אַנ'עולם מענשען אין קראָם, און דאָ האָבען אַלע דערזעהן, אַז דער שעפס, וואָס איז נישט לאַנג גע-שאָכטען געוואָרען, איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ דער'הרג'ע-טען מענשען. האָט מען תיכף געכאַפּט מיין ברודער און גענו-מען איהם שלאָגען, און געשלאָגען האָבען איהם אפילו זיינע בעסטע פריינד. דער געדרודער און די געשרייען זענען געווען אַנגעהויער גרויס, און דער אַלטער מאַן האָט מיט איין קלאַפּ אויסגעהאַקט מיין ברודער אַנ'אויג. דערנאָך האָט דער עולם גע-נומען מיין ברודער צוזאַמען מיט'ן געשאָכטענעם שעפס, וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ דער'הרג'עטען מענשען, און אַוועקגעפיהרט זיי צום וואַלי.

„אָ, וואַלי,—האָבען זיי גענומען טענה'ן אויפגערעגטע,— דערדאָזיגער מאַן איז דער גרעסטער רוצח: ער דער'הרג'עט

מענשען און פערקויפט זייער פלייש אָנשטאָט שעפסענפלייש. איצט קאָנסטו איהם רעכט בעצאָהלען דערפאַר און זיך בעגעהן מיט איהם אַזוי, ווי גאָט (געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין!) האָט געבאָטען."

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער וואָלי אָבגעשטוי-סען מיין ברודער, וואָס האָט געוואָלט דערווייזען זיין אונשול-דיגקייט, און האָט בעפוילען, מען זאָל איהם אַריינשיטען פינפ-הונדערט שמיץ און צונעהמען ביי איהם זיין פערמעגען. ווען מיין ברודער וואָלט נישט געווען אַזוי רייך, וואָלט ער, וואַהר-שיינליך, פער'משפט געוואָרען צו טויטשטראָף. נאָך די ברענענ-דיגע שמיץ איז ער אַרויסגעטריבען געוואָרען פון שטאָדט.

מיין ברודער, אַ געשמיסענער, אַ געשלאָגענער און אַ צו-מישטער, איז אַוועק, וואוהין די אויגען האָבען איהם געטראָגען. און לאַנג איז ער געגאַנגען אויף רעכטס און אויף לינקס ביז ער איז געקומען אין אַ שטאָדט, וואו ער איז געוואָרען אַ שוסטער און האָט געעפענט אַ קראָם. איינמאָל, געהענדיג אין גאַס, האָט ער פלוצלונג דערהערט אַ טופּעריי פון פערד, און אַז ער האָט געפרעגט די סבה דערפון, האָט מען איהם געזאָגט, אַז דאָס געהט דער מלך אויף געיעג. האָט מיין ברודער געוואָלט זעהן, ווי אַזוי קומט עס פאָר אַ מלך-געיעג און האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך זיינע פערד. אָבער דער מלך האָט זיך גראָד בעת-מעשה אומגעקעהרט און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעטראָפען מיט'ן איינציגען אויג פון מיין ברודער. דעמאָלט האָט ער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט טרויעריג געזאָגט:

„אַלמעכטיגער אַלאַה, בעשיץ מיך היינט פון אַנ'אומגליק!"

און ער האָט אויסגעקירעוועט דאָס פערד און אַוועקגע-פאָהרען צוריק אין שטאָדט אַריין. דאָס אייגענע האָבען אויך געטהאָן זיינע הויפלייט, אָבער די פּאַזשען האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלען כאַפּען מיין ברודער און איהם גוט אָנברעכען די ביי-נער. האָבען די פּאַזשען אַזוי געטהאָן, און מיין ברודער איז שיער נישט אַוועקגעשטאָרבען פון די קלעפּ. ער האָט נישט גע-וואוסט פאַרוואָס מען האָט איהם אַזוי שטאַרק געשלאָגען, און אַז

ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך ווי-עס-איז אויפגעהויבען און איז אַוועק צו אַ דינער פון מלך, וועמען ער האָט דער-צעהלט דאָס אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. האָט זיך יע-נער אַזוי צולאַכט, אַז ער איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, אונזער מלך האָט פיינט אַ מענשען מיט איין אויג און נאָך בעזונדערס אַזאַ מענשען, וואָס איהם פעלט דאָס לינקע אויג*). אַזוינע מענשען הייסט אונזער מלך טויטען.״

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט מיין ברודער בעשלאָ-סען צו אַנטלויפען פון דערדאָזיגער שטאָדט, וואָס ער האָט ווירק-ליך באַלד געטהאָן: ער איז אַוועק אין אַזאַ שטאָדט, וואו קיין מלך איז נישט געווען, און דאָרט האָט ער אַ לענגערע צייט נישט שלעכט געלעבט. אָבער איינמאָל האָט ער זיך פערטראַכט וועגען זיין פיינליכער פערגאַנגענהייט און האָט בעשלאָסען צו געניסען כאָטש אַ פּאָר פרעהליכע מינוטען. איז ער באַלד אַרויס פון שטוב, אָבער אין גאַס האָט ער פון דאָסניי דערהערט אַ טופּעריי פון פערד, און ער האָט אויסגעשריען אַ דערשראָקענער:

„גאָט, איך בין ווידער אַ פערפאַלענער!״

און ער האָט זיך געלאָזט לויפען, זוכענדיג אַנ'אָרט, וואו ער וואָלט זיך געקאָנט בעהאַלטען, אָבער ער האָט אַזאַ אָרט נישט געפונען. איז ער געלאָפען ווייטער און ווייטער ביז ער איז אַריינגעלאָפען אין אַ פאָרהויז מיט אַ לאַנגען קאָרידאָר. דאָרט האָבען איהם באַלד אַ כאַפּ געטהאָן צוויי מענשען מיט דידאָזיגע ווערטער:

„גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר האָבען איהם געפּאַקט! אַך, דו אויסוואורף איינער, דריי נעכט האָבען מיר נישט צוגעמאַכט מיט אַנ'אויג צוליב דיר, דריי נעכט האָבען מיר געהאַט טויט-שרעק צוליב דיר!״

---

*) אַנבעגעגענען א מענשען, וואָס איז בלינד אויף איין אויג און נאָך בעזונדערס אויף דעם לינקען אויג, ווערט ביי די אַראַבער געהאַלטען פאר זעהר א שלעכטען סימן.

גוטע מענשען!"—האט מיין ברודער געגאפט,—וואס איז געשעהן מיט אייך?"

„וואס הייסט, וואס איז געשעהן מיט אונז?—האבען יענע זיך נאך העכער צושריען—דו האסט דאך אונז געוואלט אומ-ברענגען. נעהם אקארשט ארויס דעם מעסער, מיט וועלכען דו פלעגסט אונז שרעקען אלע נאכט!"

און זיי האבען איהם באלד בעזוכט און געפונען ביי איהם א מעסער, מיט וועלכען ער פלעגט שניידען לעדער צו די שיך. מיין ברודער האט זיך אנגערופען מיט שרעק:

„האט רחמנות, טהוט מיר נישט קיין שלעכטס. איהר בע-דארפט וויסען, אז מיין געשיכטע איז זעהר א וואונדערליכע."

„וואס איז דאס פאר א געשיכטע?"—האבען זיי איהם אנ-געקוקט מיט חשד.

דעמאלט האט ער זיי דערצעהלט אלץ, וואס מיט איהם האט פאסירט. אבער זיי האבען איהם נישט געגלויבט און האבען איהם גענומען שלאגען און צוריסען אויף איהם די קליידער. אז זיין קערפער איז אויפגעדעקט געווארען, האבען זיי בעמערקט אויף איהם סימנים פון שמיץ און האבען זיך ערשט רעכט צו-שריען:

„אָ, דו אויסוואורף! דאס זענען סימנים פון דיינע פער-ברעכענס."

און זיי האבען איהם אוועקגעפיהרט צום וואלי און, געהענ-דיג, האט ער דעם גאנצען וועג פאר זיך געשעפטשעט:

„פאר מיינע זינד קום איך אב, אבער ראטעווען קאן מיך נאר איין גאט, געבענשט און געלויבט זאל ער זיין!"

אז מען האט איהם געבראכט צום וואלי, האט ער איהם פריהער גוט בעטראכט און דערנאך געזאגט:

„אך, דו געמיינער מאן! דו האסט אויפ'ן לייב סימנים פון שמיץ, מסתמא האסטו געמוזט בעגעהן א גרויס פערברעכען."

און ער האט געהייסען, מען זאל איהם געבען הונדערט שמיץ. נאכדעם איז ער אוועקגעזעצט געווארען אויף א קעמעל און דער המון האט געשריען:

„אָט ווי עס ווערט געטהאָן מיט אַ מענשען, וואָס רייסט זיך אַריין אין אַ פרעמדען הויז!"

אָבער אַז איך האָב דערהערט פון זיין אומגליק, בין איך באַלד אַוועק צו איהם און האָב איהם שטילערהייד געבראַכט קיין באַגדאַד, וואו איך האַלט איהם אויס מיט מיין קעסט.

דעם פריזירערס געשיכטע וועגען זיין פינפטען ברודער.

„וויסען זאָלסטו, אָ, מלך פון די רעכטגלויביגע, אַז מיין פינפטער ברודער, וואָס האָט געהייסען על־פּשטאַר, האָט געהאַט זיבגעשניטענע אויערן. ער איז געוועזן זעהר אָרים און ביינאַכט פלעגט ער בעטען נדבות און לעבען דערפון. מיין פאָטער איז געווען זעהר אָרים, און אַז ער איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען, האָט ער אונז איבערגעלאָזט זיבענהונדערט זילבער־שטיק, פון וועלכע יעדער האָט בעקומען זיין בעשטימטען חלק—הונדערט שטיק. מיין פינפטער ברודער האָט אָבער נישט געוואוסט, וואָס מען טהוט מיט דעמדאָזיגען חלק. האָט ער זיך איינמאָל שטאַרק פערטראַכט וועגען דעם, און דעמאָלט איז איהם געקומען אויפ'ן רעיון, ער זאָל קויפען פערשידען גלאָזוואַרג פאַר'ן געלד און דערנאָך פערקויפען עס מיט ריוח. און ער האָט אַזוי געטהאָן: פאַר הונדערט זילבערשטיק האָט ער געקויפט גלאָזוואַרג, אַוועקגעשטעלט עס אויף אַ העכערן און קענטליכען אָרט און אַליין האָט ער זיך אַנידערגעזעצט דערביי מיט אויסגעצויגענע פיס און געוואַרט אויף קונים. מיין ברודער האָט זעהר ליב געהאַט צו טראַכטען, איז ער געזעסען און געטראַכט און גערעדט פאַר זיך:

„נו, האָב איך מיר איינגעקויפט גלאָזוואַרג, וואָס איך וועל מסתמא פערקויפען פאַר צווייהונדערט זילבערשטיק און אַזוי וועל

איך מיר קויפען און פערקויפען, ביז איך וועל מיר צונויפשלאָגען
אַ גרויסען קאַפּיטאַל. פאַר דעמדאָזיגען קאַפּיטאַל וועל איך מיר
קויפען פערשידענע סחורות און פּאַרפומען און טייערע איידעל-
שטיינער און וועל אַזוי פערדינען אוצרות געלד. דעמאָלט וועל
איך מיר קויפען אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ און דינער און פערד און
גאָלדענע זאָטלען און קיין איין זינגערין וועל איך נישט איבער-
לאָזען אין שטאָדט: איך וועל זיי נעהמען צו זיך אַהיים און
דאָרט וועלען מיר געניסען פון די העכסטע פערגעניגענס. דער-
נאָך וועל איך פונאַנדערשיקען שדכנים צו אַלע מלכים און וויזי-
רען און וועל בעטען זייערע טעכטער פאַר אַ ווייב. אָבער איך
וועל אויך בעטען די האַנד פון דעם גרויסוויזירס טאָכטער, ווײַ-
רום איך האָב געהערט, אַז זי איז וואונדערליך שען און לי..
נדן וועל איך איהר געבען טויזענד גאָלדשטיק. אויב דער פּ..-
טער וועט איינגעהן אויף'ן שדוך, איז, נאַטירליך, גוט, א..
אָבער ער וועט נישט וועלען, וועל איך זי נעהמען מיט געוואַ..
יעדען טאָג וועל איך מיר דורכרייטען דעם מאַרק און די
גאַסען פון דער שטאָדט אויף אַ שען הייס פערד, און מיינע דינע..
וועלען מיר נאָכפאָהרען פון הינטען און פאָראויס און אַלע מע..
שען וועלען זיך בעת מעשה נויגען צו מיר און בעטען גאָט פ..ר
מיר. נאָכדעם וועל איך מיר אַוועקרייטען צום וויזיר און מיינע
דינער וועל איך האָבען פון הינטען און פון פאָרענט און פון
דער רעכטער זייט און פון דער לינקער. און אַז דער וויזיר
וועט מיך דערזעהן, וועט ער זיך, נאַטירליך, אויפהויבען מיט
גרויס רעספּעקט און וועט מיך אַנידערזעצען אויף זיין אָרט, וואָ-
רום איך בין זיין איידעם. וועל איך תיכף-ומיד הייסען איינעם
פון מיינע דינער, ער זאָל מיר ברענגען מיין בייטעלע מיט'ן
געלד, וואָס איז בעשטימט פאַר'ן נדן, אָבער אַוועקלעגען פאַר'ן
וויזיר וועל איך נישט איין בייטעל'ע, נאָר צוויי, און זאָל ער
וויסען, אַז איך האָב אַ ברייטע האַנד, אַז איך בין זעהר גרויס-
מוטיג און אַז איך לאַך פון אַלץ און אַלעם. וועט ער זיך ווענ-
דען צו מיר מיט אַ ציהן ווערטער, וועל איך דערויף ענטפערן
מיט צוויי. דערנאָך, וועל איך, נאַטירליך, אַוועקפאָהרען אַהיים,

אָבער אויב עמיץ פון דעם וויזירס הויז וועט קומען צו מיר מיט אַ וויזיט, ווײַל איך איהם פערשיטען מיט מתנות. וועט מיר עמיץ פון זיי ברענגען אַ מתנה, וועל איך זי איהם אומקעהרען צוריק. קיין מתנות וועל איך קיינמאָל ביי קיינעם נישט נעהמען*). אין דער נאַכט פון דער חתונה וועל איך מיך אָנטהאָן אין די סאַמע רייכסטע קליידער מיט גאָלדענע האַפטונגען און זיצען וועל איך אויף אַ מאַטראַץ, בעצויגען מיט זיידענס, און אַז דאָס ווייב וועט קומען צו מיר שען, ווי די פולע לבנה, און בעהאָנגען מיט גאָלד און בריליאַנטען, וועל איך פון גאוה נישט קוקען אויף איהר. דעמאָלט וועלען זיך אָנרופען איהרע שקלאַפינס

„אָ האַר און הערשער אונזערער, מיר זענען גרייט דיר צו דינען! זעה, אָט איז דיין ווייב, אָדער בעסער געזאָגט—דיין שקלאַפין, זי שטעהט דאָ פאַר דיר מיט הכנעה און וואַרט אויף דיין גנעדיגען בליק. הויב-אויף די אויגען צו איהר, ווייל איהר איז שווער צו שטעהן אויף די פיס.‟

דעמאָלט וועל איך אויפהויבען דעם קאָפּ. אָבער נישט די אויגען, און וועל איהם באַלד צוריק אַראָבלאָזען, און אַזוי וועל איך זיצען די גאַנצע צייט, ביז די צערעמאָניע וועט זיך ענדי-גען און מען וועט זי אַוועקפיהרען אין שלאָפצימער. נאָכדעם וועל איך מיך אויפהויבען און וועל אַריין אין אַ צווייטען צימער, וואו איך וועל מיך איבערטהאָן אין נאַכטוועש און פון דאַנען וועל איך אַריבער אין שלאָפצימער, וואו מיין ווייב וועט זיצען אויף אַ דיוואַן און וואַרטען אויף מיר. וועל איך מיך אויך אַני-דערזעצען, אָבער קוקען אויף איהר וועל איך נישט. מסתמא וועלען מיך די שקלאַפינס נעהמען בעטען, איך זאָל צוגעהן צו איהר, וועל איך זיי, נאַטירליך, גאָרנישט ענטפערן דערויף. איך וועל נאָר הייסען איינער פון זיי, זי זאָל מיר ברענגען אַ ביי-טעלע מיט פינפהונדערט גאָלדשטיק, וועלכע איך וועל באַלד צו-טיילען צווישען זיי, אָבער נאָכדעם וועל איך זיי הייסען אַוועק-

*) נישט נעהמען, אָבזאָגען זיך פון אַ מתנה ווערט ביי די אַראַ-בער געהאַלטען פאַר דער גרעסטער בעליידיגונג.

געהן. און אַז זיי וועלען אַוועקגעהן, וועל איך אויפהויבען דעם קאָפּ און מיט פעראַכטונג אַ קוק טהאָן אויף מיין ווייב, כדי זי זאָל קאָנען זאָגען: „זעהט, דערדאָזיגער מאַן איז באמת אַ שטאָל-צער!" וועט אַריין איהר מוטער, וואָס וועט מיר אַ קוש טהאָן די האַנד און זיך אָנרופען:

„אָ, מיין האַר! מיין טאָכטער איז אַזוי יונג און האָט נאָך ביז דיר קיין מאַנסלייט נישט געזעהן. דו וועסט איהר זיכער צו-ברעכען דאָס האַרץ, אויב דו וועסט זיך בעציהען צו איהר מיט אַזאַ פעראַכטונג. איך בעט דיך, רייד מיט איהר, בערוהיג זי, זיי מיט איהר גוט."

דעמאָלט וועל איך אַ קוק טהאָן אויף איהר פון דער זייט און וועל איהר דוקא הייסען, זי זאָל זיך אויפשטעלען, כדי זי זאָל שפירען דעם תענוג פון הכנעה און זאָל וויסען איין מאָל פאַר אַלעמאָל, אַז איך בין איהר מושל. וועט זיך איהר מוטער ווידער אָנרופען:

„אָ, מיין האַר! זי איז דיין שקלאַפין, אָבער האָב מיטלייד מיט איהר און זיי צו איהר גוט."

און זי וועט הייסען איהר טאָכטער, זי זאָל אָנגיסען אַ בע-כער וויין און צוטראָגען מיר צו די ליפען. וועט די טאָכטער, נאַטירליך, אַזוי טהאָן, אָבער פריהער וועט זי זאָגען:

„אָ, מיין האַר! אין נאָמען פון גאָט בעט איך דיך, דו זאָלסט נישט אָבשטויסען דאָס בעכער פון דיין שקלאַפין, ווייל איך בין ווירקליך דיין שקלאַפין."

אָבער איך וועל אַלץ שווייגען און זי וועט אַלץ בעטען, און טרעהרען וועלען איהר שטעהן אין די אויגען און דאָס בע-כער וועט זי אויפהויבען און צו די ליפען וועט זי עס מיר וועלען צוטראָגען און די הענד וועלען איהר ציטערן, אָבער איך וועל איהר ווייזען מיין פויסט סאַמע אונטער דער נאָז און וועל זי אַ שטויס טהאָן אָט אַזוי!

און ווי ער האָט אַזוי אַרויסגעזאָגט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער אַ שטויס געטהאָן דעם טאַץ מיט'ן גלאָזוואַרג, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ העכערן אָרט, און אַלץ איז מיט אַמאָל אומ-

געפאַלען און צובראָכען געוואָרען אויף פיץ-פיצלעך.

„אָט האָסטו דיר פאַר דיין גאוה!"—האָט מיין ברודער אויסגעשריען און זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ. דערנאָך האָט ער פערדעקט דאָס פנים מיט די הענד און גענומען רייסען אויף זיך די קליידער און יאָמערליך וויינען. זענען זיך צונויפגעלאָפען מענשען פון אַלע גאַסען און געסלעך, און מיין ברודער האָט געשריען, ווי אַ פערוואונדעטע חיה:

„אָי, אַנ'אומגליק, אַנ'אומגליק איז געשעהן!"

דאָס איז געווען פרייטאָג, בשעת דער עולם איז געגאַנגען אין מעטשעט אַריין דאַווענען. אין דער אייגענער צייט איז פאַרבייגעפאָהרען עפּיס אַ פרוי אין מעטשעט אַריין, און זי האָט דערזעהן, ווי מיין ברודער זיצט נעבען דעם צובראָכענעם גלאָזוואַרג און רייסט זיך די האָהר פון קאָפּ און וויינט יאָמערליך. האָט זי זיך דערבאַרמט איבער איהם און געפרעגט, וואָס מיט איהם האָט פאַסירט. דאָס איז געווען אַ וואונדערשענע פרוי און אַ ריח פון מאָשוס האָט געפלאָסען פון איהר. געפאָהרען איז זי אויף אַ מוילאייזעל און דער זאָטעל איז געווען בעלעגט מיט פאַסען גאָלד און זיידענס. דערהערט איהר פראַגע, האָט מיין ברודער זיך אָנגערופען, אַז ער האָט געהאַט אַ טאַץ מיט גלאָזוואַרג צום פערקויפען און האָט גערעכענט צו פערדינען געלד דערפון, אָבער דאָס גלאָזוואַרג איז צובראָכען געוואָרען און ער איז אַנ'אומגליקליכער אויף אייביג. דעמאָלט האָט די פרוי צוגערופען איינעם פון איהרע דינער און געזאָגט:

„גיב-אַוועק דאָס, וואָס דו האָסט ביי דיר, דעמדאָזיגען אומגליקליכען מאַן!"

האָט דער דינער אַרויסגענומען זיין בייטעלע און איבערגעגעבען עס מיין ברודער, און אַז מיין ברודער האָט עס געעפענט, האָט ער געפונען דערין נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי פינפהונדערט גאָלדשטיק. איז ער אַזוי איבערראַשט געוואָרען, אַז אַ מינוט צייט האָט ער נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם געשיהט, אָבער דערנאָך האָט ער גענומען טאַנצען פון שמחה און איז אַוועקגעלאָפען אַהיים. געקומען אַהיים צו רייכער, מיט פינפ-

הונדערט גאָלדשטיק, האָט ער זיך אַ פּאַטש געטהאָן אין שטערען און גענומען טראַכטען, וואָס ער זאָל איצט ווייטער טהאָן, אָבער פּלוצלונג האָט עמיץ אָנגעקלאַפּט אין טהיר, און אין שטוב איז אַריין אַן'אַלטע אונבעקאַנקע פרוי מיט דידאָזיגע ווע־טער:

„אָ, מיין זוהן! די תּפילה-צייט איז שוין געמידען און איך האָב מיר נאָך די פיס נישט אַרומגעוואַשען. איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט עס מיר דערלויבען דאָ ביי דיר אין שטוב.“

„איך הער און געהאָרך,“—האָט דער ברודער געזאָגט און האָט איהר געגעבען וואַסער צום וואַשען זיך. אַז די פרוי האָט זיך אַרומגעוואַשען, איז זי צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו דער ברודער איז געזעסען, און האָט גענומען תּפילה-טהאָן צו גאָט. דערנאָך האָט זי תּפילה-געטהאָן אויך פאַר'ן ברודער, און אַ דער־פרעהטער, האָט ער איהר געשענקט צוויי גאָלדשטיק. דערזעהן דאָס גאָלד, האָט זי אויסגעשריען:

„געבענשט און געלויבט זאָל זיין גאָטס נאָמען! מיר איז נאָר קשה יענע פרוי, וואָס האָט זיך געקאָנט פערליבען אין אַזאַ בעטלער, ווי דו. נעהם-זשע צוריק דיין גאָלד, און אויב דו ברויכסט עס נישט, טאָ קעהר עס אום צוריק יענער פרוי, וואָס האָט עס דיר געשענקט, בשעת דו האָסט צובראָכען דיין גלאָז-וואַרג.“

אָבער דער ברודער האָט זיך אַ ווײלע פערטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

„אָ, מיין מוטער! צי מעג איך נאָך האָפען, אַז איך וועל אַמאָל קאָנען אַריינגעהן צו יענער פרוי?“

„אָ, מיין זוהן,—האָט די אַלטע געענטפערט,—זי איז פער-ליבט אין דיר. אָבער זי איז אַ פרוי פון זעהר אַן'אָנגעזעהענעם און וויכטיגען מאַן, און דעריבער, אַז דו וועסט זי דערזעהן, זאָלסטו נישט קאַרגען קיין געלד און זאָלסט איהר קויפען וואָס מעהר נאַשערייען. דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל צו בעקומען איהרע פראַכטען, און דערנאָך, ווידער, וועסטו קאָנען נעהמען פון איהר געלד, וויפיל דו וועסט אַליין וועלען.“

מיין ברודער איז כמעט צומישט געוואָרען פון שמחה,

אָבער ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבען און איז אַוועק מיט דער אַלטער. לאַנג זענען זיי געגאַנגען, ביז זיי זענען געקומען פאַר אַ גרויסער טהיר, אין וועלכער זיי האָבען אָנגעקלאַפּט, און דע־מאָלט האָט זיך בעוויזען אַ גריכיש מיידעל, וואָס האָט זיי אַריינ־געבעטען אין הויז. אַריין אין דעמדאָזיגען הויז, האָט מיין ברו־דער דערזעהן, אַז ער געפינט זיך אין אַ שען־מעבלירטען צימער מיט ווייכע פאָרהאַנגען, ווי וואָלקענדלעך. האָט ער זיך תיכף אָני־דערגעזעצט, אַוועקגעלעגט דאָס געלד נעבען זיך און די טשאַלמע אויף די קניה און גענומען וואַרטען. אָבער לאַנג האָט ער נישט בעדאַרפט וואַרטען, ווייל באַלד איז אַריין אין צימער אַזאַ שען מיידעל, וואָס קיין שענערס פון איהר האָט ער אויף זיין גאַנץ לעבען נישט געזעהן, און אָנגעטהאָן איז זי געווען זעהר רייך און איידעל. האָט זיך מיין ברודער אויפגעהויבען און זיך פער־נייגט פאַר איהר און זי האָט איהם געענטפערט מיט אַזאַ שמיי־כעל, ווי זי וואָלט זיין זעהר צופרידען מיט זיין קומען. דאָס מיידעל איז באַלד צוגעגאַנגען צו דער טהיר און זי פערשלאָסען און נאָכדעם האָט זי זיך אומגעדרעהט צו מיין ברודער, גענומען איהם ביי דער האַנד און אַוועק מיט איהם אין אַ זייטיג צימערל, וואָס איז געווען פערהאַנגען מיט זיידענע פאַרביגע געוועבען. דאָרט האָבען זיך ביידע אַנידערגעזעצט און זעהר האַרציג פער־בראַכט אַ געוויסע צייט, אָבער דערנאָך האָט זיך דאָס מיידעל אויפגעהויבען און געזאָגט צום ברודער.

„דו זאָלסט זיך נישט ריהרען פון אָרט, ביז איך וועל מיך נישט צוריקקעהרן."

געזאָגט דידאָזיגע ווערטער, איז זי אַרויס פון צימער, אָבער באַלד האָט זיך בעוויזען אין צימער אַ ריזיג־הויכער שוואַרצער שקלאַף מיט אַ בלאַנקען שווערד, וואָס האָט געגלאַנצט ווי פייער אין זיין האַנד, און ער האָט געזאָגט:

„נו, דיין וויסטער סוף איז געקומען! ווער האָט דיך גע־בראַכט אַהער? אַך, דו אויסוואורף! דו געמיינער יונג! דו שמו־ציגער הונד!"

מיין ברודער האָט אפילו נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

די צונג איז איהם צוגעקלעבט געוואָרען צום גומען און אַ צומי־שטער האָט ער געקוקט אויפ׳ן שרעקליכען שוואַרצען שקלאַף. אָבער יענער האָט איהם מיט אַמאָל געכאַפּט און אַ טרויסעל געטהאָן און באַלד דערויף איהם דערלאַנגט איבער אַכציג קלעפּ מיט׳ן שווערד, ביז מיין ברודער איז אַנידערגעפאַלען. דער שקלאַף האָט געמיינט, אַז מיין ברודער איז טויט, איז ער אָבגעטראָטען פון איהם און האָט אַזוי הויך אַ געשריי געטהאָן, אַז די ערד האָט זיך גענומען וויגען:

„וואו איז על־מעַליכאַך?“

איז באַלד אַריין אַ קליין מיידעלע מיט אַ שען טעצעל, אָנגעפילט מיט זאַלץ, און זי האָט תיכף בעשאָטען מיט׳ן זאַלץ דעם ברודערס בלוטיגע וואונדען. אָבער דער ברודער איז געלעגען שטיל, זיך נישט גערידט פון אָרט, מורא־האָבענדיג, ער זאָל ווייטער נישט קריגען קיין טויט־קלעפּ פונ׳ם שרעקליכען שקלאַף. נאָכדעם איז דאָס מיידעלע אַוועק און דער שרעקליכער שקלאַף האָט ווידעראַמאָל אויסגעשריען. דעמאָלט איז אין צימער אַריין די אַלטע פרוי, וואָס האָט אָנגענומען דעם ברודער פאַר די פיס, אַריינגעשלעפּט איהם אין אַ פינסטערן קעלער און אַרויסגעוואָרפען אויף אַ קופּע מיסט. גאַנצע צוויי טעג איז מיין ברודער געלעגען אין דעמדאָזיגען קעלער, אָבער דער גוטער גאָט, וואָס האָט זיינע געטליכע אונפערשטענדליכע וועגען, האָט פערוואַנדעלט דאָס זאַלץ אין אַ היילמיטעל. און אַזוי איז מיין ברודער ביסלעכווייז געקומען צו זיך, גענעזען געוואָרען, זיך אויפגעהויבען אויף די פיס און אָבגעזוכט אין דעם טונקעלען קעלער אַ לאָדען, וואָס ער האָט תיכף אויפגעעפענט און איז אַרויס פון דעמדאָזיגען קבר אין אַ לאַנגען קאָרידאָר, וואו ער איז איבערגעזעסען אַ גאַנצע נאַכט. אויף מאָרגען איז די אַלטע געגאַנגען דורך דעמדאָזיגען קאָרידאָר: זי איז מסתּמא געגאַנגען נאָך נייע קרבנות. האָט זיך מיין ברודער בער׳גנב׳עט הינטער איהר און איז בשלום אַרויס אויף גאָטס וועלט. אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער גענומען היילען זיינע וואונדען, ביז ער האָט זיי אינגאַנצען פערהיילט. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט ער אויך

נאָכגעשפּירט נאָך דער אַלטער און ער האָט געזעהן, ווי זי פּאַקט אַלע טאָג נייע קרבנות און פיהרט זיי אַהין, אין דעמיעניגען שלאַכטהויז. מיין ברודער האָט אָבער געשוויגען און קיינעם גאָרנישט דערצעהלט פון דעמדאָזיגען פערברעכען, און אַז ער איז אינגאַנצען געזונד געוואָרען און די פריהערדיגע קרעפטען האָבען זיך איהם צוריקגעקעהרט, האָט ער גענומען עפּיס אַ שטאָף, געמאַכט דערפון אַ זעקעל און אָנגעפילט עס מיט צובראָכענעם גלאָז. דערנאָך האָט ער זיך פערקליידט פאַר אַנ'אויסלענדער, אָבער ער האָט עס געמאַכט אַזוי קונציג, אַז קיינער האָט איהם נישט געקאָנט דערקענען. אונטער די קליידער האָט ער בעהאַלטען אַ מעסער, דאָס זעקעל האָט ער צוגעבונדען צום גאַרטעל, און אַז ער האָט דערזעהן די אַלטע, האָט ער זי אַ פרעג געטהאָן אויף אַ צוקאַלעטשעטען לשון:

„אַלטעטשקע! אפשר האָסטו אַ וואָג, איך זאָל קאָנען אָבוועגען צעהנטויזענד גאָלדשטיק?"

דערויף האָט זיך די אַלטע באַלד אָנגערופען:

„אָ, מיין האַר! איך האָב אַ זוהן, וואָס טוישט געלד, האָט ער אַ וואָג און וועט דיר קאָנען אָבוועגען דיין געלד, אָבער מיר מוזען געהן צו איהם וואָס שנעלער, ווייל ער קאָן ערגעץ אַוועקגעהן."

„נו, טאָ געה פאָראויס,"—האָט מיין ברודער געזאָגט.

זענען ביידע אַוועק און געקומען צו יענער בעקאַנטער טהיר, אין וועלכער די אַלטע האָט אָנגעקלאַפּט. באַלד איז אַרויס דאָס מיידעל מיט אַ שען שמייכעלע אויף די ליפּען און זיי פערבעטען אַריינגעהן אין הויז, און די אַלטע האָט איהר שנעל אַ זאָג געטהאָן:

„איך האָב דיר היינט געבראַכט אַ פעט ביינדעלע."

האָט דאָס מיידעל גענומען מיין ברודער און אַריינגעפיהרט איהם אין יענעם שרעקליכען צימער, וואו ער איז שוין פריהער געווען, און נאָכדעם ווי זי האָט מיט איהם עטוואָס פערבראַכט, האָט זי זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

„געה נישט אַוועק פון דאַנען, ביז איך וועל מיך נישט צוריקקעהרן.“

און זי איז אַרויסגעגאַנגען, אָבער מיין ברודער האָט לאַנג נישט בעדאַרפט וואַרטען, ווייל באַלד איז אַריין דער שוואַר־צער ריז מיט אַ בלאַנקען שווערד אין דער האַנד און האָט געזאָגט:

„שטעה־אויף, אומגליקליכער וואָס דו ביזט!“

האָט זיך מיין ברודער אויפגעהויבען, אָבער בשעת דער שוואַרצער ריז האָט זיך אויף אַ רגע אָבגעקעהרט, האָט מיין ברו־דער אַרויסגעכאַפּט דאָס בעהאַלטענע מעסער און האָט מיט איין שטאַרקען קלאַפּ פון הינטען אַראָבגעהאַקט איהם דעם קאָפּ. באַלד דערויף האָט ער הויך אויסגעשריען, נאָכמאַכענדיג דעם קול פון ריז:

„וואו איז על־מעליכאַך?“

איז אַריין דאָס מיידעלע מיט׳ן טעצעלע זאַלץ, אָבער אַז זי האָט דערזעהן מיין ברודער מיט׳ן בלוטיגען חלף אין דער האַנד, האָט זי געוואָלט אַנטלויפען און האָט שוין געמאַכט אַ שנעלע בעוועגונג דערצו. אָבער מיין ברודער האָט זי געכאַפּט און ווידער מיט איין קלאַפּ אַראָבגעהאַקט איהר דעם קאָפּ. דער־נאָך האָט ער אויסגעשריען:

„וואו איז די אַלטע?“

איז אַריין די אַלטע און ער האָט זי גיפטיג געפרעגט:

„מכשפה, דו דערקאָנסט מיך?“

האָט זי געמאַכט אַ פּרוב און שטיל פּנים און געזאָגט:

„ניין, מיין האַר, איך קאָן דיך נישט.“

אָבער מיין ברודער האָט זיך דערנעהנט צו איהר מיט בייזע אויגען און האָט איהר .ע אָגט מיט אַ האַרבען טאָן:

„איך בין דער אייגענער, וואָס האָט דיר געוואָלט שענקען גאָלד און וואָס ביי איהם אין הויז האָסטו אַרומגעוואַשען דיינע פיס. איצט געדענקסטו שוין?“

הענד און פיס האָבען גענומען ציטערן דער אַלטער און זי האָט מיט שרעק געפרעגט:

„וואָס ווילסטו טהאָן מיט מיר? ווייסטו דען נישט, אַז

עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט?״

האָט דער ברודער לאַנגזאַם און קאַלט אויפגעהויבן די האַנד און האָט זי צוהאַקט אויף דער העלפט. דערנאָך איז ער אַוועק זוכען דאָס שענע מיידעל, און אַז ער האָט זי געפונען, האָט זי געגומען ציטערן, ווי אַ בלאַט, און בעטען זיך ביי איהם, ער זאָל איהר שענקען דאָס לעבען. האָט מיין ברודער זי לאַנג בעטראַכט און דערנאָך געפרעגט:

„זאָג מיר נאַר, ווי אַזוי האָסטו זיך פערבונדען מיט׳ן שוואַרצען ריז?״

און זי האָט געזאָגט:

איך בין געווען אַ שקלאַפין ביי אַ רייכען סוחר, און דאָרט פלעגט מיך עפטער בעזוכען די אַלטע פרוי. אָבער איינמאָל האָט זי זיך אָנגערופען צו מיר: „מאָרגען מאַכען מיר אַ מאָלצייט, וואָס איז איבער דער מענשליכער פאַנטאַזיע. איך וואָלט וועלען, דו זאָלסט אויך זיין מיט אונז.״

האָב איך איהר געזאָגט: „איך הער און געהאָרך״, און האָב מיך באַלד איבערגעטהאָן אין די בעסטע קליידער. דערנאָך האָב איך מיטגענומען מיין ביישעלע מיט הונדערט גאָלדשטיק און אַוועק מיט דער אַלטער אַהער אין הויז, וואו איך בין תיכף אַריינגעפאַלען צו דעם שוואַרצען ריז אין די הענד, און אַזוי האָב איך געלעבט מיט איהם גאַנצע דריי יאָהר.״

„האָסטו עפּיס אַ פערמעגען דאָ?״—האָט זי דער ברודער געפרעגט.

און זי האָט געזאָגט:

„אָך, איך האָב אַ גרויס פערמעגען, און אויב דו קאָנסט, טאָ טראָג עס איבער צו דיר.״

„טאָ געה פאָראויס,״—האָט מיין ברודער געזאָגט.

זענען זיי ביידע אַריין אין אַ צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ קאַסטען, און אַז דאָס מיידעל האָט איהם אויפגעעפענט, האָט מיין ברודער דערזעהן אַזויפיל ביישעלעך מיט גאָלד, אַז ער איז געבליבען שטעהן אַ פערגאַפּטער. אָבער דאָס מיידעל האָט זיך אָנגערופען צו איהם:

„דו געה און ברענג אַ טרעגער, און איך וועל דאָ וואַרטען אויף דיר."

איז ער אַוועק און האָט אָנגעדונגען גאַנצע צעהן מענשען, אָבער אַז ער איז געקומען מיט זיי אין הויז אַריין, האָט ער דערזעהן, אַז עס איז נישטאָ—נישט דאָס מיידעל און נישט די בייטעלעך גאָלד. אָבער אין דעמדאָזיגען הויז איז געווען אַזויפיל גאָלד, אַז עס האָט נאָך פאַר איהם אויך געקלעקט, און אין אַ צווייטען אָרט האָט ער אויך געפונען גרויסע שטיקער געוועבען. האָט ער צוגענומען די געוועבען מיט'ן גאָלד און איז אַוועק אַהיים. אויף מאָרגען האָט ער זעהר פרעהליך פערבראַכט דעם טאָג, שפּילענדיג מיט די געוועבען און מיט'ן גאָלד, אָבער אַז ער האָט איבערגעשלאָפען די נאַכט און האָט אינדערפריה געוואָלט אַרויס פון שטוב, האָט ער דערזעהן ביי דער טהיר צוואַנציג סאָלדאַטען, וואָס האָבען איהם באַלד געכאַפּט און אַוועקגעפיהרט צום וואַלי.

„וואו האָסטו גענומען דידאָזיגע געוועבען?"—האָט איהם אַ פרעג געטהאָן דער וואלי.

„בעלוין מיך,"—האָט זיך מיין ברודער אָנגערופען און דער וואַלי האָט איהם געגעבען אַ טיכעל*) אַלס ערבות פון בעלוינונג. דעמאָלט האָט איהם דער ברודער דערצעהלט אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, אָנגעהויבען מיט דער אַלטער, וואָס ער האָט צוהאַקט אויף דער העלפט, און געענדיגט מיט דעם מיידעל, וואָס האָט איהם אָבגענאַרט און אַנטלאָפען, און, צולעצט, האָט ער צוגעגעבען:

---

*) אַלס ערבות פון בעלוינונג ווערט געגעבען אַ טיכעל אָדער אַ שטעטפעל, אָדער אַ פינגערל. פיל פּאָליציישעפען פלעגען שטיסען די פערברעכער אונטער די פענכטער פון האַרעם, כדי עמיץ פון די האַ־רעמפרויען, דערהערענדיג די קולות, זאָל אַראָבוואַרפען אַ טיכעל און דערמיט מאַכען אַ סוף צו די שמיץ. דאָס פלעגט געטהאָן ווערען אויס רעספּעקט צום האַרעם, פון וואַנען פערברעכער פלעגען עפטער בעקו־מען שוץ און הילף.

„דערפון, וואָס איך האָב אין יענעם שרעקליכען הויז צו־געקומען, קאָנסטו דיר אויסוועהלען, וואָס דו ווילסט, אָבער מיר לאָז עפּיס אויך איבער.״

דער וואַלי האָט אכילו געוואָלט צונעהמען דאָס גאַנצע גאָלד און אַלע געוועבען, אָבער ער האָט מורא־געהאַט, אַז דער מלך וועט זיין בייז אויף איהם, ווען ער וועט זיך דערוויסען דערפון, האָט ער נאָר גענומען אַ טייל, דאָס איבעריגע איבערגעלאָזט פאַר׳ן ברודער און געזאָגט:

„פאָהר־אַרויס פון דערדאָזיגער שטאָדט, אַנישט, וועל איך דיך אויפהענגען.״

„איך הער און געהאָרך,״—האָט מיין ברודער געענטפערט און איז תיכף אַריבערגעפאָהרען אין איינער פון די דערבייאיגע שטעדט.

אָבער דאָ האָט איהם געטראָפען אַ גרויס אומגליק: אויף׳ן וועג, איבערפאָהרענדיג אין דער צווייטער שטאָדט, זענען איהם בעפאַלען גזלנים, וואָס האָבען איהם בערויבט און געשלאָגען און אָבגעשניטען איהם די אויערן. אָבער אַז איך האָב דערהערט פון זיין אומגליק, האָב איך מיך באַלד אַוועקגעלאָזט צו איהם מיט קליידער און עסענוואַרג און נאָכדעם. ווי איך האָב איהם עטוואָס בערוהיגט, האָב איך איהם שטילערהייד געבראַכט אַהער אין שטאָדט אַריין, וואו איך האַלט איהם אויס מיט מיין קעסט.

דעם פריזירערס געשיכטע וועגען זיין זעקסטען ברודער.

שאַקאַליק, מיין זעקסטער ברודער, אַ, מלך פון די רעכט־גלויביגע, האָט געהאַט אָבגעשניטענע ליפּען. ער איז געוועזען שרעקליך אָרים און עלענד און האָט געליטען גרויס הונגער, און איינמאָל, אַ הונגעריגער, איז ער געגאַנגען און געזוכט עפּיס צו

עסען. האָט ער פלוצלונג דערזעהן אַ שען רייך הויז מיט אַ סך דינער ביי דער טהיר. איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם פון די דינער און האָט געפרעגט, צו וועמען געהערט דאָסדאָזיגע שענע הויז. האָט ער בעקומען אַנ'ענטפער, אַז דאָס הויז געהערט צו איינעם פון דער משפחה באַרמעקי*). דעמאָלט האָט מיין ברודער געבעטעןביים דינער, ער זאָל איהם געבען עפּיס צו עסען.

„געה-אַריין אין הויז,—האָט איהם דער דינער געזאָגט,— און בעט ביים בעל-הבית, וועט ער דיר געבען דאָס, וואָס דו בעטסט."

איז מיין ברודער פריהער אַריין אין אַ פאָרהויז, וואָס איז בעווען אונגעוועהנליך גרויס און פון דאַנען איז ער אַריין אין אַ זעהר שען הויז מיט אַ גאָרטען אין מיטען, וואָס האָט לויט זיין שענקייט איבערגעשטיגען די פאַנטאַזיע פון מענשען. די פּאָדלאָגע איז געווען פון מאַרמאָר און אויף די ווענד זענען געהאַנגען זיידענע געפּאַלבטע געוועבען. מיין ברודער האָט נישט געוואוסט אין וואָסער זייט ער זאָל געהן, איז ער געגאַנגען גלייך און האָט דערזעהן אַ מאַן מיט זעהר אַ שען געזיכט און באָרד, און אַז יענער האָט בעמערקט מיין ברודער, האָט ער זיך באַלד אויפגע-הויבען, זיך פערגריסט און געפרעגט, וואָס ער בעדאַרף. האָט מיין ברודער געזאָגט, אַז ער איז זעהר אָרים און עלענד און הונגעריג און אַז ער וויס נישט וואו זיין קאָפּ אַנידערצולעגען. ווי דער בעל-הבית פון הויז האָט עס דערהערט, איז ער באַלד בלאַס געוואָרען, גענומען רייסען די קליידער אויף זיך און האָט פיינליך אויסגעשריען:

„איך וואוין אין דער אייגענער שטאָדט, וואָס דו, און דו ליידסט נויט! ניין, איך קאָן עס נישט אויסהאַלטען."

און ער האָט לאַנג גערעדט און דערנאָך, אַ מידער, צו-געגעבען:

---

*) אַ בעריהמטע אַראַבישע משפּחה, וואָס פלעגט טיילען אַ סך נדבות און פלעגט ביים מיטאָג נישט פערמאַכען די טהירען, כדי עס זאָלען קאָנען אריינקומען אָרימעלייט.

„איך וועלן דיך נישט אָבלאָזען. דו מוזט דאָ פערבלייבען און עסען מיט מיר צוזאַמען.״

אָבער מיין ברודער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! ווארטען אויף דיין עסען קאָן איך נישט, וויל איך בין שרעקליך הונגעריג.״

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער בעל-הבית אַ געשריי געטהאָן:

„עי, דינער! ברענג-אַריין דעם טאַז און דעם האַנדפאַס.״— און דערביי האָט ער צוגעגעבען:—„גיכער, לאָמיר וואַשען די הענד.״

און ער האָט' געמאַכט אַנ׳אָנשטעל, ווי ער וואָלט באמת געוואַשען די הענד. דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו די דינער, זיי זאָלען גרייטען צום טיש. האָבען די דינער גענומען לויפען אַהין-און-צוריק, פונקט ווי זיי וואָלטען באמת געגרייט צום טיש. דעמאָלט האָט דער בעל-הבית גענומען מיין ברודער און זיך אַוועקגעזעצט מיט איהם ביים כלומר׳שטען טיש, און דער בעל-הבית האָט אָנגעהויבען בעוועגען מיט די הענד און ליפען, פונקט ווי ער וואָלט באמת געגעסען און דערביי האָט ער זיך ווילעווייז אָנגערופען צום ברודער:

„עס, עס, שעם דיך נישט. דו ביזט דאָך הונגעריג. אָ, איך ווייס, ווי דו ליידסט, נעבעך, גרויס הונגער.״

האָט דער ברודער געמאַכט די אייגענע בעוועגונגען, וואָס ער, דאָס הייסט, ווי ער וואָלט כלומר׳שט געגעסען, און דער בעל-הבית האָט איהם בעת-מעשה בעמערקט:

„עס און האָב הנאה פונ׳ם ווייסען ברויט. דו זעה נאָר, ווי דאָס ברויט איז ווייס.״

האָט מיין ברודער גאָרנישט געענטפערט דערויף און האָט בלויז ביטער אַ טראַכט געטהאָן:

„דערדאָזיגער מאַן האָט מסתמא ליב צו חוזק׳ן״—און דערנאָך האָט ער הויך געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! אין מיין ל׳עבען האָב איך נישט געזעהן קיין בעסער ברויט פון דעם און איך האָב אויך קיינמאָל נישט

פערזוכט עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל זיין בע'טעמ'טער פון דעמדאָזי־גען ברויט."

האָט זיך דער בעל-הבית צולאַכט און געזאָגט:

„דאָסדאָזיגע ברויט האָט געבאַקען אַ שקלאַפין, פאַר וועל־כער איך האָב בעצאָהלט פינפהונדערט גאָלדשטיק. עי, דינער!— האָט ער פלוצלונג אַ געשריי געטהאָן—ברענג אונז סקיבאַי*). איך זאָג דיר, דאָס איז אַזאַ סקיבאַי, וואָס דו וועסט איהם נישט זעהן אפילו ביים סולטאַן אויפ'ן טיש. עס!—האָט ער אַ זאָג געטהאָן צו מיין ברודער,—וואָרום דו ביזט דאָך הונגעריג, דו ביזט דאָך שרעקליך הונגעריג, דו שטאַרבסט דאָך פון הונגער!"

האָט מיין ברודער גענומען ציהען מיט די ליפּען און גע־מאַכט אַנ'אָנשטעל, ווי ער וואָלט געגעסען. דער בעל-הבית האָט אויך געטהאָן דאָס אייגענע און ווייל־עוויז האָט ער געבעטען ביי די דינער נייע געריכטען און עפטער האָט ער צוגעיאָגט מיין ברודער מיט דידאָזיגע ווערטער:

„עס, עס, וואָס מעהר, וואָרום איך בין ממש פערצווייפעלט פון דיין הונגער."

און די דינער האָבען זיך יעדעס מאָל שטאַרק בעוועגט, געלאָפען אַהין-און-צוריק און געמאַכט אַנ'אָנשטעל, ווי זיי וואָל־טען באמת געטראָגען געריכטען צום טיש. דערנאָך האָט דער בעל-הבית אַ געשריי געטהאָן:

„עי, דינער! ברענג אונז אַריין די געבראָטענע היהנדלעך, וואָס זענען אָנגעפילט מיט פיסטאַשקעס. נו, עס-זשע, עס-זשע, וואָס זיצטו אַזוי? אַזוינס האָסטו דאָך געוויס קיינמאָל נישט גע־געסען."

„ביי גאָט,—האָט מיין ברודער געענטפערט,—נישטאָ אַזאַ מאכל אויף דער וועלט, וואָס זאָל האָבען אַזאַ טעם, ווי דיינע געריכטען."

דעמאָלט האָט דער בעל-הבית גענומען טראָגען זיין האַנד

---

*) סקיבאַי—אַזאַ געריכט, וואָס ווערט געמאַכט פון מעהל, פלייש און עסיג.

צו מיין ברודערס ליפען און געמאַכט אַנ׳אָנשטעל, ווי ער וואָלט איהם אַריינגעלעגט אין מויל אַריין קליינע שטיקלעך שפּייז און וואָלט איהם געקאָרמעט, ווי מען קאָרמעט אַ קינד, און דערביי האָט ער אָנגערופען און דערצעהלט פון טויזענדער שפּייזען און האָט זיי נאָכאַנאַנד געלויבט און אויסגערעכענט זייערע מעלות און צוגלידערט זיי אויף שטיקלעך און געזאָגט, אַז אפילו ביים סולטאַן אין קיך קאָכט מען נישט אַזוי גוט, ווי ביי איהם. מיין ברודער, וואָס איז נאָך פריהער אויסגעגאַנגען פון הונגער, האָט איצט דערשפּירט אַ פייער אין מאָגען און ער וואָלט געקאָנט עסען אפילו האַרטע שטיינער, ווען מען וואָלט איהם געגעבען, און דעם בעל-הבית רייד האָבען נאָך טויזענדער מאָל פערגרעסערט זיין פיינליכע הונגער-שפּירונג.

„ צי האָסטו ווען געגעסען אַזוינע בע׳טעמ׳טע קאַטשקעס, ווי דידאָזיגע?״—האָט געפרעגט דער בעל-הבית.

„ניין, איך האָב נישט געגעסען,״—האָט מיין ברודער גע-ענטפערט אַ טויטהונגעריגער.

„נו, טאָ עס און שעם דיך נישט, איך בעט דיך״,—האָט געזאָגט דער בעל-הבית.

„ניין. איך קאָן שוין מעהר נישט עסען קיין פלייש,״—האָט זיך אָנגערופען מיין ברודער.

האָט דער בעל-הבית געהייסען זיינע דינער, זיי זאָלען אַריינטראָגען נאַשעריייען, האָבען זיי זיך ווידעראַמאָל גענומען שנעל בעוועגען און הויבען די הענד אין דער-הויך, פּונקט ווי זיי וואָלטען געטראָגען שווערע טאַצען מיט נאַשעריייען, און דער בעל-הבית האָט געזאָגט צו מיין ברודער:

„דו פרוב נאָר, איך בעט דיך, דאָסדאָזיגע טשאַסטקעלע. דו זעה נאָר, וואָס דאָס איז פאַר אַ קאַטאַאיף*). איך שווער דיר מיט מיין לעבען, אַז דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט פערזוכט אַזאַ מין קאַטאַאיף. עס, עס, איך בעט דיך.״

*) קאַטאַאיף—אַזאַ מין טשאַסטקעלע, וואָס ווערט געגעסען מיט האָניג.

האָט מיין ברודער געזאָגט:

„יאָג מיך נישט, איך בעט דיך. דו זעהסט דאָך, אַז איך עס אָהן אַ שיעור. דער קאַטאַאיף איז ווירקליך וואונדערליך געשמאַק."

„ביי מיר מאַכען קאַטאַאיף,—האָט זיך אָנגערופען דער בעל-הבית,—איז איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען. איך האָב ליב, אַז מען לעגט דערין אַריין אַ סך אַמברע און אַ סך מאַשוס. דעמאָלט האָט עס גאָר אַנ'אַנדער טעם."

און מיין ברודער האָט אַלץ געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און בעוועגט מיט די ליפּען און געקעהרט מיט דער צונג אונטער'ן גומען, ווי אַלע טהוען, בשעת מען עסט עפּיס זעהר אַ זיסע זאַך, און דער בעל-הבית האָט ווידער אַ געשריי געטהאָן צו די דינער:

„ברענגט-אַריין טרוקענע פרוכטען!"

האָבען די דינער פון דאָסניי גענומען זיך בעוועגען און הויבען די הענד אין דער-הויך, פּונקט ווי זיי וואָלטען עפּיס געטראָגען, און דער בעל-הבית האָט געזאָגט צום גאַסט:

„שעם דיך נישט, עס דידאָזיגע מאַנדלען, עס די ניס, די פייגען, ראָזינקעס, טייטלען...

און ער האָט נאָכאַנאַנד גענומען צעהלען און אָנרופען ביים נאָמען פערשידענע פרוכטען און האָט אַלץ צוגעזאָגט דעם ברודער:

„עס, עס, שעם דיך נישט, איך בעט דיך."

אָבער דאָ האָט זיך מיין ברודער אָנגערופען:

„ניין, איך קאָן שוין נישט מעהר, איך בין שוין זאַט אַזוי, ווי איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען זאַט נישט געוועזען."

און מיין ברודער האָט זיך ביטער פערטראַכט וועגען זיין שווערער לאַגע און וועגען דעם, וואָס דערדאָזיגער מענש האָט אַזוי מאוס גע'חוזק'ט איבער איהם, און ער האָט זיך געזאָגט:

„ביי גאָט, איך וועל מיט איהם אויך אָבשפּילען אַזאַ שפּאַס, און, דאַכט זיך, אַז ער וועט חרטה-האָבען."

„דער בעל-הבית האָט ווידערמאָל אַ געשריי געטהאָן:

„ברענגט-אַריין ווייבען!"

און נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופען צום ברודער:

„נו, איצט טרינק-אויס אַ בעכערל וויין, ניש'קשה, דו האָסט נאָך אַזאַ וויין קיינמאָל אין דיין לעבען נישט געטרונקען.“

האָט מיין ברודער געמאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד און האָט פערוואָרפען מיט דעם קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט אויס-געטרונקען אַ גרויסען בעכער וויין.

„נו, ווי שמעקט דיר דער וויין?“—האָט דער בעל-הבית געפרעגט.

„אַך, מיין האַר! איך זאָג דיר, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ וויין נישט געטרונקען,“—האָט געענטפערט מיין ברודער.

„נו, טרינק דיר געזונטערהייד וויפיל דו ווילסט.“

און באַלד דערויף האָט ער געמאַכט אַנ'אָנשטעל, ווי ער אַליין וואָלט אויך געטרונקען, און ער האָט כלומר'שט אָנגעגאָ-סען אַ צווייט בעכערל פאַר'ן גאַסט און אַ דריט בעכערל און אַ פערט בעכערל, און מיין ברודער האָט עס אַלץ אויסגעטרונקען און געמאַכט אַנ'אָנשטעל, ווי ער וואָלט שוין שכור-געוואָרען. אָבער פלוצלונג האָט זיך מיין ברודער אויפגעהויבען, כלומר'שט אַ שכור'ער, האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם בעל-הבית און האָט איהם דערלאַנגט מיט'ן פויסט אַזאַ קלאַפּ איבער'ן האַלז, אַז דאָס הויז האָט אַ ציטער געטהאָן. נאָך דעם ערשטען קלאַפּ איז געקומען אַ צווייטער—נאַטירליך, נאָך אַ שטאַרקערער.

איז דער בעל-הבית בלאַס געוואָרען און געפרעגט:

„אויסוואורף, וואָס בעדייט עס?“

דערויף האָט מיין ברודער געענטפערט:

„אָ, מיין האַר! איך בין דיין שקלאַף, וועלכען דו האָסט אַזוי האַרציג אויפגענומען אין דיין הויז און געגעבען צו עסען די בעסטע שפייזען און געגעבען צו טרינקען די בעסטע ווינען, אָבער איך מוז דיר זאָגען, אַז איך בין נישט געוועהנט צו אַזוינע גוטע עסענס און צו אַזוינע גוטע וויינען און האָב מיך באַלד צונגע'שכור'ט און, שכור'ערהייד, דיך בעליידיגט. אָבער דו ביזט דאָך זעהר אַנ'איידעלער מאַן און וועסט מיר מסתמא מוחל-זיין

דאָס, וואָס איך, אַ פויער און אַ גראָבער יונג, האָב נאָר-וואָס געטהאָן נישט ביים קלאָרען זינען.״

דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך דער בעל-הבית הויך צולאַכט און געזאָגט:

„איך האָב שוין לאַנג די געוועהנהייט צו הוזק׳ן איבער מענשען, אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געטראָפען אַ מענשען, וואָס זאָל זיין אַזוי רוהיג און געדולדיג צו חוזק און צו מיינע קאַפּריזען, ווי דו. און דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר באמת זיין אַ חבר און זאָלסט קיינמאָל נישט פערלאָזען מיין הויז.״

און ער האָט באַלד באמת געהייסען גרייטען צום טיש און די דינער האָבען באמת גענומען טראָגען די אַלע שפּייזען, וואָס ער האָט זיי פריהער אין חוזק בלויז אָנגערופען ביי די געמען, אוןביידע האָבען געגעסען וויפיל זיי האָבען געוואָלט. דערנאָך זענען זיי איבערגעגאַנגען אין אַ צווייטען צימער, וואו זיי האָבען געטרונקען וויין און שקלאַפינס, שען, ווי די לבנה, האָבען געזונגען, געשפּילט און געטאַנצט. אין דער אייגענער צייט האָבען זיי געטרונקען אַזוי לאַנג, ביז זיי זענען שכור-געוואָרען. פון דעמאָלט-אָן האָט זיך דער בעל-הבית בעצויגען צו מיין ברודער, ווי צו זיין בעסטען פריינד. ער האָט איהם בעשוכט און בעגייהט, ווי דעם רייכסטען מאַן, און יעדער טאָג איז ביי זיי אַוועק אין די בעסטע מאָלצייטען און די טייערסטע וויינען. אַזוי האָבען זיי געלעבט צוזאַמען גאַנצע צוואַנציג יאָהר, ביז דער בעל-הבית איז געשטאָרבען און דער סולטאַן האָט צוגענומען זיין גאַנץ פערמעגען.

דעמאָלט איז מיין ברודער, ווי אַ וואַנדערער, אַוועק פון דער שטאָדט, אָבער אויפ׳ן וועג איז איהם בעפאַלען אַ מחנה אַראַבער*), און דער מענש, וואָס האָט איהם דער ערשטער גענומען שלאָגען און פּאַטשען איבער די באַקען, האָט געזאָגט:

*) מיט דעם וואָרט „אַראַבער״ ווערען דאָ געמיינט בעדואינער אָדער מדבר-אַראַבער.

„אָדער גיב געלד, אָדער איך וועל דיך טויטען.״

„ביי גאָט,—האָט מיין ברודער דורך טרעהרען זיך אָנגערופען—איך האָב קיין געלד נישט און קאָן אפילו נישט פערדינען קיין געלד. איך בין, ווי דו זעהסט, דיין געפאַנגענער, און טהו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, ווייל איך בין ביי דיר אין די הענד.״

האָט דער אַראַבער אַרויסגענומען אַ שרעקליך גרויסען און ברייטען קינזשאַל, וואָס מען האָט געקאָנט מיט איהם דורכשטעכען דעם האַלז פון אַ קעמעל, און נאָכדעם ווי ער האָט איהם איבערגעלעגט פון דער לינקער האַנד אין דער רעכטער, איז ער צוגעגאַנגען צום ברודער און האָט איהם אָבגעשניטען די ליפּען.

„גיב געלד אָדער אַ טויט!״—האָט ער ווידער גע׳טענה׳ט דאָס זייניגע.

געהאַט האָט דער דאָזיגער אַראַבער זעהר אַ שעהן ווייב און מיין ברודער איז איהר שטאַרק געפעלען געוואָרען, אָבער ער האָט זיך אומישנע דערווייטערט פון איהר, מורא־האָבענדיג פאַר גאָט (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין!). נאָר איינמאָל איז איהר דאָך געלונגען אַוועקצוזעצען מיין ברודער נעבען זיך און פערברענגען מיט איהם שטיל און האַרציג, אָבער סאַמע אינמיטען פערברענגען האָט זיך פלוצלונג בעוויזען איהר מאַן און האָט אויסגעשריען ווי אַ ווילדע חיה:

„אויסוואורף, דיין וויסטער סוף איז געקומען! פערפיהרען מיין חייב ווילט זיך דיר.״

און ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין שרעקליכען קינזשאַל און האָט שווער פערוואונדעט מיין ברודער. נאָכדעם האָט ער איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ קעמעל און אַוועקגעפאָהרען מיט איהם אין די בערג, וואו ער האָט איהם אַוואָרף געטהאָן און איז אַוועקגעפאָהרען. אָבער נישט ווייט האָט זיך געצויגען אַ גרויסער שליאַך און אַ סך מענשען זענען פאַרבייגעפאָהרען, האָבען זיי דעם ברודער געגעבען צו עסען און צו טרינקען און האָבען מיר אויך אָנגעזאָגט. בין איך, נאַטירליך, באַלד אַרויסגעפאָהרען צו איהם און געבראַכט אַהער אין שטאָדט אַריין, וואו איך האַלט

איהם אויס מיט מיין קעסט.

„איצט, מלך פון די רעכטגלויביגע,—האָט פערענדיגט דער פריזירער,—האָב איך דערצעהלט אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיינע ברידער, און עס וואָלט זיכער געווען נישט קלוג און נישט יעשר'דיג פון מיין זייט, ווען איך וואָלט דיר נישט דערצעהלט דידאָזיגע פאַקטען. אָבער פון זיעם אַלעם קענסטו זעהן, אַז נישט-געקוקט דערויף, וואָס איך האָב אַזוינע ברידער, בין איך זעהר אַ פיינער מאַן און אַ גרויסער שווייגער.”

אויסגעהערט דידאָזיגע געשיכטע, האָט זיך דער מלך פון די רעכטגלויביגע שטאַרק צולאַכט און געזאָגט:

„דו ביזט, ווי איך זעה, טאַקי אַ גרויסער שווייגער און אַ פיינער מאַן און אַ גוט האַרץ האָסטו אויך און דיינע ווערטער זענען דורכגעוועבט מיט שכל, אָבער פונדעסטוועגען בעט איך דיך, דו זאָלסט אַזוי גוט זיין און פערלאָזען דידאָזיגע שטאָדט און זיך בעזעצען ערגעץ אַנדערש.”

און אַזוי האָט ער מיך אַרויסגעטריבען פון דער שטאָדט באַגדאַד און איך האָב מיך געמוזט לאָזען וואַנדערן איבער פערשידענע לענדער און פערשידענע שטעדט און איך האָב אַ סך געליטען נויט און פיין, ביז איך האָב דערהערט, אַז דער קאַליף פון באַגדאַד איז געשטאָרבען און זיין טראָן האָט פערנומען אַ צווייטער. דעמאָלט האָב איך מיך אומגעקעהרט צוריק אין מיין געבורטסשטאָדט און דאָ האָב איך מיך צוזאַמענגעטראָפען מיט דעמדאָזיגען יונגענמאַן, פאַר וועלכען איך האָב אַ סך אויפגעטהאָן און וואָס אָהן מיר וואָלט ער זיכער אומגעקומען. פונדעסטוועגען איז ער אַזוי דרייסט, אַז ער נעהמט זיך אונטער צו בעשולדיגען מיך אין אַזאַ זאַך, וואָס איז גאָרנישט פאַרהאַן אין מיין כאַראַקטער. אַלזאָ, זאָלט איהר וויסען, מיינע הערן, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אייך מיטגעטיילט וועגען מיר—נעמליך: אַז איך האָב ליב אַ סך צו פּלאַפּלען און אַז איך בין נישט איידעל און דעליקאַט—איז נישט ריכטיג.

די ווייטערדיגע געשיכטע פון'ם שניידער.

אַז מיר האָבען דערהערט די געשיכטע וועגען פריזירער און האָבען זיך איבערצייגט אין זיין חוצפה און נישט-איידעלקייט, און ווי אַזוי ער האָט זיך מאוס בעגאַנגען מיט דעם יונגענמאַן, האָבען מיר איהם באַלד געכאַפּט און פערשלאָסען אין אַ צימער און נאָכדעם האָבען מיר זיך אומגעקעהרט צום טיש און געגעסען און געטרונקען און זעהר גוט פערבראַכט די צייט. אָבער אַז איך האָב מיך אומגעקעהרט אַהיים נאָך דער האַלבטאָגיגער תפילה, איז דאָס ווייב מיינס געווען זעהר נישט צופרידען מיט מיר און האָט געזאָגט:

„אַ גאַנצען טאָג האָסטו געהוליעט, אָבער מיר איז געווען אומעטיג, זיצענדיג אין דערהיים. איצט זאָג איך דיר, אויב דו וועסט מיט מיר נישט געהן אַ הוליע טהאָן ערגעץ, וועלען מיר זיך מוזען צו'גט'ן.“

איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און האָב געמוזט מיט איהר געהן ערגעץ פערברענגען. אין אָווענד, נאָכדעם ווי איך מיט מיין ווייב האָבען ערגעץ פערבראַכט, זענען מיר געגאַנגען אַהיים, און דאָ האָבען מיר זיך געטראָפען מיט'ן הויקער, וואָס איז געווען שכור און האָט דעקלאַמירט לידער. איך האָב איהם איינגעלאַדען צו מיר אַהיים און ער איז געגאַנגען. אויפ'ן וועג האָב איך געקויפט געטריקענטע פיש און שפעטער האָבען מיר זיך געזעצט צום טיש. אין מיטען עסען האָט מיין ווייב גענומען אַ שטיקעל פיש און אַ שטיקעל ברויט און האָט דאָס אַריינגעשטאַרט דעם הויקער אין מויל אַריין און צוגעדריקט

איהם די ליפּען—און דערמיט האָט ער זיך דערוואָרגען. דעמאָלס
האָב איך איהם אונטערגעוואָרפען דעם דאָקטאָר, דער דאָקטאָר,
ווידער, האָט איהם אונטערגעוואָרפען דעם קילאָריפוזעהער און דער
קילאָריפוזעהער האָט איהם איבערגעלאָזט זיין אַ געסעל פאַר'ן
מעקלער. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט מיט מיר נעכטען אין אָוענד.

די ווייטערדיגע געשיכטע מיט'ן האַרבאַטען.

אַז דער מלך פון די רעכטגלויביגע האָט אויסגעהערט די-
דאָזיגע געשיכטע, האָט ער געהייסען איינעם פון זיינע דינער,
ער זאָל געהן מיט'ן שניידער און ברענגען אין פּאַלאַץ אַריין
דעם פּריזירער.
„איך מוז איהם אַליין אויסהערען,—האָט דער מלך געזאָגט,—
וועל איך אפשר קאָנען דערנאָך בעפרייען. דעם האַרבאַטען
וועלען מיר בכבוד מקבר-זיין און וועלען איהם אַוועקשטעלען אַ
שעגע מצבה אויפ'ן קבר, ווייל צוליב איהם בין איך בעקאַנט
געוואָרען מיט אַזעלכע וואונדערליכע פּאַסירונגען.”
דער דינער מיט'ן שניידער זענען אַוועק און געבראַכט אין
פּאַלאַץ אַריין דעם פּריזירער, וואָס איז באַלד אַוועקגעשטעלט
געוואָרען פאַר'ן מלך, און אַז דער מלך האָט אויף איהם אַ קוק
בעטהאָן, האָט ער דערזעהן, אַז אַנטקעגען איהם שטעהט שוין
גאָר אַ זקן פון אַ יאָהר ניינציג, מיט אַ טונקעלען פּנים, מיט אַ
גרויער באָרד און ברעמען, מיט קליינינשקע אויערן, מיט אַ
לאַנגער נאָז און מיט אַ שטאָלצען בליק. האָט זיך דער מלך צו-
לאַכט און געזאָגט:
„אַך, דו גרויסער שוויגער, איך בעגעהר, דו זאָלסט מיר
פערצעהלען איינע פון דיינע געשיכטעס.”
דערויף האָט געזאָגט דער פּריזירער
—אָ, אַלמעכטיגער מלך פון די רעכטגלויביגע! וואָס טהוט

דאָ דערדאָזיגער קריסט און דערדאָזיגער יוד און דערדאָזיגער מאַכמעדאַנער און אויך דער האָרבאַטער, וואָס ליגט דאָ צווישען אייך אַ טויטער? און וואָס איז דאָ פאַר אַ פערזאַמלונג ביי אייך?"

„צוליב וואָס פרעגסטו עס?"—האָט זיך אָנגערופען דער מלך.

און דער פריזירער האָט געזאָגט:

„איך פרעג עס צוליב דעם, כדי איך זאָל דיר קאָנען דערוויי־זען, אַז איך בין אַ מענש, וואָס האָט פיינט חוצפה, גראָב־קייט און פּלוידעריי. נישט אומזיסט רופט מען מיך דער שוויי־גער. דאָס איז מיין שטענדיגער נאָמען."

דעמאָלט האָט זיך דער מלך געווענדט צו די אַרומיגע און געזאָגט:

„דערצעהלט דעם פריזירער די געשיכטע מיט דעמדאָזיגען האָרבאַטען פון אָנהויב ביז'ן סוף. דערצעהלט איהם, וואָס האָט געזאָגט דער קריסט און וואָס האָט געזאָגט דער יוד און וואָס האָט געזאָגט דער קיכאויפזעהער און דער מעקלער."

האָט מען דערצעהלט דעם פריזירער די געשיכטע און ער האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט. דערנאָך האָט ער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און אויסגעשריען:

„ביי גאָט, דאָס איז אַ וואונדערליכע געשיכטע! אַ מער־קווירדיגע געשיכטע! אָבער איך בעט אייך, דעקט מיר אָב דעם האָרבאַטען און לאָמיר איהם בעסער אָנקוקען."

האָט מען אויפגעדעקט דעם דער'הרג'עטען, און דער פרי־זירער האָט זיך דערביי אַנידערגעזעצט און אַרויפגעלעגט זיין קאָפּ צו זיך אויפ'ן שויס. און אַז ער האָט אַ קוק געטהאָן דעם האָרבאַטען אין פנים אַריין, האָט ער זיך אַזוי צולאַכט, אַז ער איז אַנידערגעפאַלען, און דערנאָך האָט ער אויסגעשריען:

„דער טויט קומט קיינמאָל נישט אָהן אַ סבה, אָבער דאָ איז ער געקומען אַזוי משונה, אַזוי ווילד, אַז דער פאַקט האָט בעמעגט פערשריבען ווערען פאַר די וויטערדיגע דורות."

האָבען דידאָזיגע ווערטער שטאַרק פעראינטערעסירט דעם מלך און ער האָט געזאָגט:

„אָ, שוויגער, דערקלער אונז, וואָס מיינסטו דערמיט?"

האָט דער פריזירער געזאָגט:

„אָ, מלך, איך שווער ביי דיין לייטזעליגקייט, אַז דער האָרבאַטער לעבט נאָך.״

און ער האָט אַרויסגענומען פון בוזים עפּיס אַ קעסטעלע מיט שמירעכטס און האָט גענומען שמירען דעם האַלז פון האָר־באַטען און דערנאָך איהם בעדעקט—ער זאָל אויסשוויצען. אין אַ שעה אַרום האָט ער גענומען אייזערנע צוואַנגען, אַריינגערוקט זיי דעם האָרבאַטען טיף אין האַלז אַריין און אַרויסגעצויגען פון דאָרט דאָס שטיקעל פיש מיט׳ן ביין און מיט׳ן שטיקעל האַרטען ברויט, און אַלע ביינעזעצנע האָבען זיך שטאַרק צוגעקוקט דער־צו. און טאַקי אין דער אייגענער רגע איז דער האָרבאַטער אויפגעשפּרונגען אויף זיינע אייגענע פיס, פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט און אויסגעשריען מיט אַ יונגען קול:

„נישטאָ קיין גאָט, אויסער גאָט, און מחמד איז זיין נביא!״

זענען אַלע פערבליפט און איבערראַשט געוואָרען פון דער־דאָזיגער סצענע און דער מלך האָט אַזויפיל געלאַכט, אַז ער האָט פערלאָרען דעם אָטעם און איז געפאַלען אין חלשות. דערנאָך האָבען זיך אַלע אַזוי צולאַכט.

און שפּעטער, אַז דער מלך איז געקומען צו זיך, האָט ער אויסגעשריען:

„ביי גאָט, דאָס איז אַ נ׳אונגעוועהנליכער צופאַל! עפּיס אַזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען נישט געזעהן. אָ, מאַכמעדאַנער! אָ, כאַלדאַסען מיינע! זאָגט, האָט איהר שוין ווען געזעהן אין אייער לעבען, אַז אַ מענש, וואָס איז געשטאָרבען, זאָל צוריק לעבעדיג ווערען?! און ווען אַלאַה וואָלט איהם נישט צוגעשיקט דעמדאָזיגען פריזירער, וואָלט זיך דער האָרבאַטער נאָך היינט אַריבערגעפּעקעלט אויף יענער וועלט. דער פריזירער, וואָלט איהר וויסען, האָט איהם לעבעדיג געמאַכט.״

און אַלע האָבען צוגעשטימט צו די ווערטער פון מלך און האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ און [illegible] איינאַנדער:

„יאָ, דאָס איז אַנ׳אויסטערלישער, אַ וואונדערליכער צופאַל, יאָ, גרויסער מלך.״

און דער מלך האָט געהייסען פערשרייבען דעם דאָזיגען צופאַל, און אַז ער איז אָנגעשריבען געוואָרען, האָט דער מלך אַריינגעשטעלט דאָס בוך אין דער קייזערליכער ביבליאָטעק. דעם יודען, דעם קריסט און דעם קיכאויפזעהער האָט ער געשענקט עהרנקליידער; דעם שניידער האָט ער געמאַכט פאַר׳ן הויפשניי-דער און האָט איהם בעשטימט אַ שטענדיגע פענסיע; דעם האָר-באַטען האָט ער געשענקט שענע רייכע קליידער און אַ שטענדי-פענסיע און האָט איהם בעשטימט פאַר זיין טרינקקאַמעראַד; דעם פריזירער האָט ער אויך געשענקט דאָס אייגענע מיט אַ שטענדיגע-גער פענסיע און האָט איהם בעשטימט פאַר׳ן הויפפריזירער און אויך פאַר זיין טרינקקאַמעראַד.

און אַזוי האָבען זיי אַלע זעהר לאַנג און גליקליך געלעבט, ביז וואַנען עס האָט זיך אונטערגערוקט דער טויט, וואָס רייסט שטענדיג איבער דאָס גליק [illegible] און צושיידט מיט די פריינד.

פערלאג „יודיש", ווארשא.

33) טורמע-וואנדערונגען ...... וו. קאראלענקא.

(„דאס איז דאס שענסטע און דאס שטארקסטע, וואס דער גרויסער קינסטלער און קעמפער קאראלענקא האט געשאפען איבער זיינע טורמע-פיין און סיבירער וואנדערונגען").

34) סיבירער דערציילונגען ... וו. קאראלענקא.

(„קיינער פון די רוסישע קינסטלער האט אזוי טיף און ברייט ניט געשילדערט דאס לעבען און די [illegible] לאנדשאפטען פון דער ווייטער סיביר").

35,36) דאס 93-טע יאהר .... וויקטאר הוגא

(„וויקטאר הוגא געהערט צו די גרעסטע שאפער פון דער וועלט-ליטעראטור און דאס „93-טע יאהר"—צו די שענסטע ווערק, וואס זיינען איבערגעזעצט געווארען אין אלע שפראכען").

37) סטרונעס . . . . ז. סעגאלאוויטש.

(„ז. סעגאלאוויטש איז איינער פון די שענסטע ליריקער אין יודיש, און זיינע לידער, וואס קומען אריין אין דעמדאזיגען באנד, זיינען ווירקליך קלאנגען פון צארטע סטרונעס, אמאל מעלאנכאלישע און אמאל אבער שטורמישע, ווי דער ווינד אויפ'ן ים").

38) דאס טעאטער-בוך ....

(„א זאמלונג פון די בעסטע איינאקטערס, וואס זיינען געשאפען געווארען אין אלע איראפעאישע שפראכען און געשפילט געווארען אויף די גרעסטע ביהנעס אין איראפא און אמעריקא").

39) רעגינע (פאעמע) . . . . ז. סעגאלאוויטש.

(„אויף א דורכזיכטיגען לייוונט איז דא אויסגעמאלט די פויליש-יודישע פרוי, מיט צארטע פארבען איז געמאלט איהר סביבה און צוזאמען דערמיט אויך דעם דיכטערס איבערלעבונגען").

אינגיכן דערשיינען פון דרוק:

אָריגינעלע ווערק:

סעריע: „לענדער און פעלקער", II-טער באַנד.

אַפריקע, צוזאַמענגעשטעלט דורך ד. קאַסעל און מ. בירנבוים
(בעהאַנדעלט איבפיהרליך די געאָגראַפישע לאַגע, קלימאַט, בעפעל-
קערונג און מדינות פון אַפריקע. צוגעפאַסט אויך פאַר קינדער).

סאָציאָלאָגישע עטיודען . . . . . ב. מיכעלעוויטש

דאָס טעאַטער און זיין בעדייטונג . . ד"ר מ. ווייכערט

איבערזעצונגען:

שיר־השירים (גרויסער, דאָמאַן 3 בענד) . . ה. זודערמאַן

טויזענד און איין נאַכט (נייע דריי בענד) . . . . .

געקליבענע ווערק . . . . ל. בערנע

דאָס טעאַטער . . . . ה. באַר

די פרינצעסין פון קלאַריד . . . . א. פראַנס

אהין און צוריק (באַשרייבונג פון א נסיעה) . ל. טראָצקי

עס ווערען צוגעגרייט צום דרוק:

ל. בעטהאָווען (מאָנאָגראַפיע) . . . .

וו. מאָצאַרט (מאָנאָגראַפיע) . . . .

מיקעל אַנזשעלאָ (מאָנאָגראַפיע) . . . .

ע. קאַנט, זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה. . . .

געאָרג־ווילהעלם העגעל,
זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה

פ. ניצשע, זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה . . . .

בעמערקונג:

יעדער נומער פונ'ם פערלאַג „יודישע וועלט" פון 10 ביז 20 דרוק-
בויגען.